STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03599

A KAYT FUN DOYRES

Shemaryah Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמריהו גוטמאן

א קייט פון דורות

ראָמאַן

פאַרלאַג "גרוינעמקין" פּאַריז

דאס בוך
א קייט פון דורות
איז געווארן געזעצט און געדרוקט
אין דער דרוקעריי
יוסף שעכטער אין פאריז.
דאס בוך איז ארויס פון דרוק
ערב יום-כפור תשט"ז.

SHMARYAHOU GUTMAN : A KAIT FUN DOIRES
"UNE CHAINE DES GÉNERATIONS"
IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS X^e
COPYRIGHT BY ÉDITION "GROINEMKIN" - PARIS

שמריהו גוטמאַן

איך דריק אויס מיין גרעסטן דאַנק דער געזעלשאַפט
„פ ר ײ נ ד פ ו ן ר אַ ד אָ ם“ אין פּאַריז פאַר זייער
מיטהילף ביים דערשיינען פון מיין בוך.

שמריהו גוטמאַן

אַדרעס פון מחבר:
GUTMAN, 20, rue des Quatre-Fils, Paris-3e

איך וויל, אַז מיין בוך „אַ קיים פון דורות" זאָל זיין אַ מצבה־שטיין אויפן קבר פון מיין טאַטע־מאַמע, וואָס איז פאַר־שווענקט געוואָרן דורך די רוצחישע דייטשע הענט, וואָס האָבן מער־דערלעך פאַרשניטן די יונגע לעבנס פון מיינע ברידער: אברהם־יונה, לייביש, גרשון־דוד און מיינע שוועגערינס: שרהלע, לאה, חנה, מיט זייערע פילקעפּיקע הויזגעזינדן, יונגע דערכאָוועטע זינ־דעלעך און טעכטערלעך — און מיין איינציקע שוועסטער מאַליע מיט איר טעכטערל, בלומעלע.

אָט פאַר די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען מיט אַ גרויליקן טויט דורך דעם זעלבן גורל פון גרויסן פּוילישן יידנטום.

דער מחבר.

קאַפּיטל איינס

— זייג וויפיל דו ווילסט, שוועלבעלע מיינס, ווייל נאָר דאָס איז ס׳איינציקע, וואָס כ׳קען דיר געבן, מיין אָרעם מלאכל געבענטשט! —

אַזוי האָט צביה אַ צעשמייכלטע געשעפּטשעט און ווי אַ ווייסער זילבער אין אַ בלאָען הימל־טיול האָט פון איר ציכטיק געבלימלט קרעטן קליידל אַרויסגעפּאָכעט איר ווייבלעך יונג אָפּגעדעקטער גוף. זי איז געווען אין יענער רגע צופרידן, ווייל מיט אַ פּערטל שעה פריער האָט אין דרויסן אַ כמאַרע באַדעקט דעם הימל. אַ רעגן האָט געפּויקט אין פענצטער און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי די וועלט גייט אונטער. מיט אַ מאָל האָט אויפגעשיינט די זון אַזוי העל, אַז צביה האָט געמוזט די אויגן פאַרמאַכן און בשום אופן נישט געקענט אַריינקוקן אין דער פלוצעמדיקער ליכטיקייט. אײבערן קינדס וויגעלע האָבן גאָלדענע שטראַלן, ווי אין יאָנגעלער, שטיפעריש זיך געשפּילט, צעשיט העלע אימפּעריאַלעכלעך איבערן ווייסן געלענגערל.

לאהלע, דאָס צוויי־חדשימדיקע מיידעלע, האָט נישט אַרויסגעלאָזט צביהס ברוסטוואָרצלען פון מיילעכל און האָט געקוקט מיט צוויי גרויסע שפּיגל־אייגעלעך אַזוי פאַרטראַכט, ווי ס׳וואָלט פאַרשטאַנען די שיינקייט פון דער מאַמעס יונגן לייב, וועמענס ליפּן אַ מחשבה האָט באַוויגן וועגן איר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און אַ וואָלקן פון אומעט האָט פאַרהילט איר פּנים. כאָטש צביה איז געווען נאָך אַזוי יונג, האָט עס זיך פאַררונצלט אין צער. פון שטענדיק אָן האָט זי געוווּסט, אַז זי איז אַ שיינע. די שניידער־מייסטערין עליזאַ, ביי וועמען זי האָט געאַרבעט, האָט אויסגעקליבן אין וואַרשטאַט פון

אַלע צען מיידלעך דווקא צביהן אָנצופּאַסן קליידער פאַר אירע רייכע קליענטינס, סאַמע גבירישע טעכטערלעך, צו וועלכע זי האָט געמוזט רעדן נאָר אויף רוסיש אָדער פּויליש, און אָפט האָט זי פאַרקרימט איר פאַרשפּיצטע גאָמבע און נאָך מער פאַרשפּיצטע נאָז. דאָס האָט געהייסן, אַז כאָטש די רייכע פאַנפעראָנקעס רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן נישט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן, נאָר מיט אַ דאָקטער, האָבן זיי ס'רוב צעבראָכענע פיגורן, אַז ס'איז אוממעגלעך אויף זיי אָנצו־פּאַסן אַ קליידל.

טייל מאָל פלעגט עליזאַ זיך שפּיל איבערוויינקען מיט די איבע־ריקע שניידער־מיידלעך, אַז זיי זאָלן זיך אויך דאָס פאַרגעניגן אָנטאָן און כאַפּן אַ קוק אויף צביהס שיין פאַררונדיקטע גלידער, און אויסגע־רופן אויף איר מרשעת־קווייטשענדיק קולכל אַזוי דין ווי איר פלינק לויפנדיק נעדעלע:

— מענטשן קרוין, זעטס נאָר סאַראַ זגראַבנע טאַליעלע פון אַ מיידל! ממש אַ גאַנצע וועלט אויסצופּאָרן און נישט אויסצוגעפינען אירס גלייכן.

די אַלטע פריילין פלעגט צביהן חנפענען ספּעציעל פאַר ימים־נוראים, ווען וואָכן פאָרויס האָבן אַלע שניידערינס געאַרבעט אפילו אין די שבת־צו־נאַכטסן. די מיידלעך זענען געקומען אין וואַרשטאַט פאַרפּוצטע, בעת פון זאַטע שטובן האָבן געשמעקט פאַרריישנדיקע ריחות פון מלווה־מלכה, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ שליים אויפן גו־מען און אַ קינאה אין האַרץ, האָבן די אַרבעטאָרינס געיאָגט דעם שוים פון האַלדז, גענייט מיד און פאַרמאַטערט ביז אין די גרויע פרימאָרגנס און בשעת מעשה נאָכגעקרימט די רייכע באַלעבאָסטע־לעך, ווי זיי גייען ימים נוראים אין שול אין די נייע קליידער אָנגע־טאָן, גרויסן זיך פון גאווה און פאַררייסן די קעפּ.

די שניידערינס פלעגן אָפט ליב האָבן צו זינגען ביי צעעפנטע פענצטער, צומיינסטנס אין סליחות־צייט, ווען פון די ביימער האָבן זיך געשאָטן רויטלעכע בלעטער און געלע קאַשטאַנען האָבן זיך צע־לייגט איבערן שכנותדיקן טראָטואַר. דעמאָלט האָבן ביי עליזאַ אין וואַרשטאַט געקלאַפּט די מאַשינען און די מיידלשע ווייכע צעגאָסע־נע טענער האָבן זיך ווי געראַנגלט מיט דער דרויסנדיקער פינצטער־ניש, ווו ווינטן האָבן זיך געאַמפּערט מיט די פּלויטן, געטאָרעט די שינדלען אויף די דעכער. יעדע רגע האָט זיך געהערט אַ ריס פון אַ פענצטער־לאָדן, אַ געפייף ביים נאָענטן וואָקזאַל פון אַן אָפּפאָרנדיקן באַן. און פון אַלע מידע געזאַנגען האָט זיך אַלע מאָל ווי אַרויסגע־שניטן צביהס דין סאָפּראַן־שטימעלע

יונגעלייט נאָך אָנגעטאָן אין די שבתדיקע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך, אַ טייל אין צייגענע כאַלאַטלעך, גייענדיק צו סליחות אין שול, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן וואַרשטאַט־פענצטער און צוגעהערט זיך צו די פאַרבענקטע, צעצויגענע מיידלישע געזאַנגען.

טיילמאָל פלעגט צביה אַרויספאַלן פון גאַנצן כאָר און ווי אין אַ תפילה זיך צעגיסן ביחידות שווער אָפּזיפצנדיק יעדער רגע.

איינציקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קול צו זינגען, האָבן סתם אונטערגעברומט אָדער טיף אָפּגעזיפצט. וואָס פלייסיקער די שניידערינס האָבן געאַרבעט, געוואָרפן פלינק מיט די ווייסע פעדעם און די נעדלען, מער דרייסטער זענען אויפגעגאַנגען אין זייערע מיידלעך די געזאַנגען און רויטע פלעמלעך האָבן זיך צעצונדן אין זייערע בלייכע באַקן ווי די איינגעשלאָפענע פייערן אין די נאַפּטלעמפּלעך אויף די ווענט.

טייל מאָל, ווען עס פלעגט אָנקומען די שעה, ווען מען לייגט אַוועק די אַרבעט, האָט אַן אומעט גענומען דריקן צביהס געמיט. זי האָט זיך דערמאַנט, ווו זי דאַרף אַהיימגיין. ס'האָט זיך פאַר אירע אויגן אַוועקגעשטעלט דאָס פאַציאַט־שטיבל, ווו זי וווינט נאָענט צום בוידעם, ווו אַהין אַלע איינוווינער קומען אויפהענגען זייערע נאַסע וועש, און דאָס אָרעמע מעבל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אומהיימלעך, נישט באַהייצט קוילן־קיכל, פון וואַנען טרויעריקע קלאַנגען טראָגן זיך פון פייפנדיקע גרילן אין די קאַלטעווינטערנעכט, און אַ צעוויגטער טיש, שטענדיק אַ פאַרשעמטער, אָן אַ טישטעך, אַ חוץ פרייטיק פאַר ליכט־צינדן, און אַ קליין שויבן־פענצטערל אויפן סופיט. ווען אין דרויסן האָט גערעגנט אָדער געשנייט, האָבן שטראָמען וואַסער פון דאַך אַראָפּגעגאָסן אין שטוב און עס האָט זיך פאַר אירע אויגן אַוועקגעשטעלט דאָס אומעטיקע פנים פון איר מאַמע, בעת זי שטייט אויף איר שוועל אַ טיף איינגעבויגענע מיט צוויי קוישן אונטער די אָרעמס און די פרימאָרגנס און קושט די מזוזה, גלעט צאַרט ווי אַ קינדערקעפּל די געפרוירענע קליאַמקע ביי איר היים, ווו זי לאָזט איבער, צוזאַמען מיטן פאַרשלאָפענעם נאַפּטלעמפּל, די צעוואָרפענע געלעגערס אויף דער השגחה פון גרוי צעהוליעטע שאָטנס איבער ווילגאָטנע אומעטיקע ווענט. דעמאָלט גייט די מאַמע אַרויס אין גאַס צום מיסחר, צו צעטיילן פרישע מאָרגן־געבעקס אין גבירישע שטובן. זי זעט דערביי אויס ווי אַ פינצטערער וואַנדער־שאָטן ביי פרעמדע טירן.

די ערשטע איז איר מאַמע, וואָס צעטרעט מיט אירע שווערע שיך די צעבלאַנקטע סטעזשקעס שניי, אויף וועלכע זי לאָזט איבער אויף אַלע טראַקטן און גאַסן שוואַרצע פלעקן. עס איז איר אַ שאָד

טייל מאָל צו צעטרעטן די ווייסע שנייען, ווייל זיי דערמאָנען אין אי־רע ווייסע יונגע יאָרן, וואָס ס'האָט פאַרבלאָטיקט און פאַרשוואַרצט איר מאַן, ווען זי איז פאַרבליבן מיט אַ קליין, פּיצל קינד אַן עגונה.

יעדע קלייניקייט האָט מרים ליב צו דערציילן פאַר צביהן פון איר לעבן און שלאָפט דערביי איין אַ מידע נאָך אַ שווערן, פאַרהאָ־רעוועטן טאָג. דאָס מיידל דערשרעקט זיך אָפט, ווען זי דערזעט, ווי איר מאַמעס ליפּן קוקן אַראָפּ פון צעקנאָדערטן פּנים צעלייגט איבערן קישן און זיי באַוועגן זיך פרום אין אַ שטילן געבעט: — מיין קינד זאָל שוין האָבן מער מזל...

גראָד אין יענער צייט האָט משה פון פּאַ־אַנס־סקלאַד צום ערשטן מאָל דערזען צביהן.

קאַפּיטל צוויי

משה איז געווען אַ יידיש געקליידעטער בחור מיט אַ שוואַרץ טוכן היטל און אַ קורץ ריפּסן כאַלאַטל, אין וווקס אַ הויכער מיט אַ קנאָכיק פּנים, אַ דריייסטער, אַ פריילעכער. נאָכן ערשטן שמועס מיט צביהן האָט ער באַלד גענומען אַרויפקומען אין איר היים, אויסגעזוכט אַלערליי אופנים, כדי דעם מיידל צו געפעלן, און ער האָט טאַקע אויס־גענומען מער פון אַלע אַנדערע שכנישע יונגעלייט, וואָס האָבן אָנגע־הויבן אים צו גיין אין וועג. לרוב פון זיי זענען געווען שניידער־געזעלן אין קורצע מאַרינאַרקעלעך מיט ליצעפּעטן־היטלען און ברייט פאַר־קניפּטע קראַוואַטן אָנגעהאָנגען אויף גומעלעך ביי פּאַפּירענע קעלנער. יעדער פון זיי האָט זיך גענומען בריהן פאַר צביהן. אייגער האָט אַרויסגעלייענט פון ביכלעך טשיקאַווע זאַכן און בשעת מעשה גע־קנאַקט געטריקנטע באַניקערן, מיט וועמענס שאָלן ער האָט פאַר־שאָטן דעם דיל.

אַ צווייטער האָט געוואָלט געפעלן דעם מיידל מיט זיין זינגען די תפילות פון ימים־נוראים און זיין פּנים איז ביי די הויכע טענער גע־וואָרן רויט ווי אַ שטיק בלוט און אַלע אָדערן האָבן זיך ביי אים אָנ־געבלאָזן אויפן האַלדז, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט אויפצופּלאַצן.

אַ דריטער האָט זיך גערימט מיט זיין מיינסטער, אַז ער איז אומשטאַנד אויפצוניי ען אַ באַלפּראַק לחלוטין אָן נעט.

לעצטנס האָט משה זיך גענומען מיאש זיין, צי צביה מיינט אים ערנסט, אויב עס געפעלן איר נישט בעסער די אויסגעפּוצטע

גאָלדענע פאַרדינערס, די פּאַצעטישע שניידער־געזעלן אין די קורצע מאַרינאַרקעס, וואָס האָבן זיך שוין פאַרנומען צו גיין לערנען טאַנצן.

*

איין מאָל אין אַ שבת נאָך סעודה איז צביהס מאַמע אַוועקגע־גאַנגען צו משפּחה און זיי ביידע זענען געבליבן אין שטוב. משהס ערשטער דרייסטער קוש האָט צביהן שטאַרק צעטומלט און זי איז אַ באַזיגטע געפאַלן אין זיינע אָרעמס.

דאָס שטענדיק אונטערהינקענדיקע טישל אין פּאַציאַט האָט ווי להכעיס פאַר שכנים געוואָלט אויסזאָגן, וואָס דאָ קומט פאָר; האָט עס זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן אויף דער ערד מיט אַזאַ טראַסק, אַז דאָס פאַרזשאַווערטע בעטל ביי דער וואַנט איז אַזש אונ־טערגעשפּרונגען מיט אַ סקריפּ און ווי געוואָלט אָפּמסרן די זינד, וואָס דער יונג מיט דער מויד באַגייען.

פון יענעם שבת אָן האָט צביה געהאַלטן אירע רחמנות בעטנ־דיקע בליקן אויף משהס ברוגזן פּנים און אונטערטעניק זיך געבעטן: משהניו קרוין, זאָל מען שטעלן וואָס שנעלער אַ חופּה! — נאָר ער האָט עקשנותדיק פאַרביסן די ליפּן און געמורמלט פאַרדראָסיק:

— כאָטש איך בין דער שולדיקער אין אַלעמען, נאָר אין די סכנותדיקע מינוטן, ווען אַ מיידל דערלאַנגט ניט דעם בחור אַ פּאַטש אין פּנים און אַנטלויפט, איז זי ביי יידן פאַררעכנט פאַר אַ נישט אָרנטלעכע.

צביה איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרפּייניקטע, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. איר שוואַנגערדיקער גוף, אויפן אָרט פון זיך פונאַנדער־צוואַקסן, איז גאָר געוואָרן מאָגער, איינגעדאַרטער פון חודש צו חודש און עס האָט געגאָנגט אַ חרפּה אין איר האַרץ. צביהס מאַמע האָט אויף אַזעלכעס זיך נישט געריכט, פונקט ווי עס האָבן זיך דערויף נישט געריכט די שכנים פון הויז, ווו זיי האָבן געוווינט. און ווען דאָס מיידל האָט זיך לעצטנס צעוויינט, געגומען שרייען פון ווייטיק, האָבן אַ טייל ווייבער עס אַנגענומען פאַר אַ פאַרקילונג אָדער פאַר אַ מאָגן־פאַרדאַרבונג. אַ שכנטע האָט ביי דער געלעגנהייט דערציילט, ווי אַגומלט האָט אין שטאָט אַן עלטער פּאָרפאָלק נאָכן אָפּעסן דעם שבת־טשאָלנט, ווי דער מינהג איז, זיך צוגעלייגט אויפן בעט אַ ביסל, זענען זיי שוין מער נישט אויפגעשטאַנען, ווייל דאָס עסן האָט זיי פאַרסמט.

צוהערנדיק אַזעלכע רייד האָט צביהס מאַמע פאַרבראָכן ביידע הענט און מיט אַ לוויה־ניגון באַזונגען יענע שכנטע, געשאָלטן מיט

די ווישטע קללות אַלע אירע שונאים, ווען מען אויגן ס'קריכן אַרויס נישט קענענדיק צוקוקן, אַז ס'דרייט זיך אַרום איר איינציקע קרוין אויפן קאָפּ. שנעל האָט זי גערופן אַ דאָקטער, וועלכער האָט נאָכן באַטראַכטן דאָס קראַנקע מיידל מיט איר עפּעס זייער ערנסטע רייד גערעדט. זי האָט אויף אַלע פראַגעס בלויז צוגעשאָקלט נאָר מיטן קאָפּ און געשעפּטשעט שטילערהייט אַ פאַרמאַטערטע און אַלץ ווייטער געוויינט.

נאָכן דאָקטערס אַוועקגיין האָט די מוטער שטיל זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב און באַלד האָט בלימעלע ראָזענטאַל, די שטאָטאַקושערקע מיטן שוואַרצן שאַל פאַררוקט איבערן האַלב קאַרבירטן שייטל, געקלעטערט אויף די הויכע שטיגן, ביז זי איז אָנגעקומען אויפן לעצטן שטאָק צום פאַציאַט־שטיבל, וווּ די שוואַנגערדיקע צביה איז געלעגן.

שפּעטער מיט אַ שעה האָט אין שטוב זיך דערהערט אַ צעפּיעשטשעט קינדערגעוויין, וואָס איז מיט אַ געיאָמער ווי אַריינגעשפּרונגען אין דער וועלט, און מ'האָט עס קוים געקענט איינשטילן. די שכנים מיט די גיין מאָס רייד און מיט די געשליפענע צינגעלעך האָבן זיך געקניפּט דאָס פלייש פון פּנים, שטיל זיך געסודעט אונטער די טירן און האָבן דערציילט אויף אַלע שוועלן איינס פאַר ס'אַנדערע מיט אַלע פּינקטלעכקייטן, ווי אַזוי די זאַך איז פאַרלאָפן.

וואָכן לאַנג איז געווען פאַרהאַקט די טיר פון מרים דער ברויטהענדלערינס שטוב. די אומגליקלעכע מאַמע האָט זיך געשעמט אַרויסצווייזן פאַר מענטשן דאָס פּנים און שפּעטער, ווען צביה איז געקומען צו די כוחות נאָך איר שטילן קימפּעט, האָט איר מאַמע אויף זיך גענומען איר געלע ווינטער־דערע און אַראָפּגערוקט זי טיף איבער די אויגן און זיך אַוועקגעשטעלט ביים פלויט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער גרויסער פאַיאַנס־סקלאַד פון רייכן ראובן פרידלענדער. דאָרטן האָט זי אָפּגעוואַרט דעם שולדיקן אין איר אומגליק. ווען משה איז אַרויסגעקומען, האָט מרים מיט אַ פאַרקרימט, פאַרגליווערט פּנים און מיט ציטערנדיקע פאַרצויגענע ליפּעלעך אַ זאָג געגעבן, אַז זי וועט אים מיט אַ פלאַש וויטריאָל די אויגן אויסברענען, אויב ער וועט נישט אָפּווישן די חרפּה פון צביהן און באַלד שטעלן אַ חופּה מיט איר.

און טאַקע מיט געציילטע טעג שפּעטער איז ביי פרייִדקע די בייגל־פאַרקויפערין פון שולגעסל אויפגעשפּילט געוואָרן זייער שטילע, פאַרשעמטע חתונה.

קאַפּיטל דריי

אין סאַמע האַרץ פון שטאָט האָט געוווינט דער קלעזמער שלומה גרין. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם סאַלאָן אויף חתונות מיט גרויסע צעלויכטענע אָפענע פענצטער אין גאַס אַריין, וואָס ער האָט לעצטנס פאַרדונגען צו אַ מינין פון אַלטע ניקאָלאַיעווער זעלנער, וועמענס גבאי איז געווען אַ פּיטשינקער ייד מיט צוויי שוואַרצע לויפנדיקע פינקל-אייגעלעך און אַ גרויסן גלאַנציקן דאַשעק ביים היטל, וואָס פלעגט מער ליגן איבער דער נאָז פאַררוקט ווי אויפן שטערן. אַלץ, וואָס דער ייד האָט אויף זיך געטראָגן, איז געווען ברייט, לאַנג און לויז. אַפילו זיינע זע-אַפּלען און די אויגן האָבן אויסגעזען פאַרגרעסערט, זיין פּנים איז געווען טונקל און האָט דערמאָנט אָן אַ ברוין פאַרשרפּעט אייערקיכל, פון וועמענס פאַרבאַקענעם טייג ס'ווינקען אַרויס צוויי שוואַרצע יאַגדעס, זיינע ממזרישע בליקן.

געהייסן האָט ער איטשע מיטן באַס, ר' שלומה גרינס אַ נאָענטער מענטש. ער פלעגט שפּילן ווי ערגעץ נאָר אַ חתונה אין שטאָט, אַ סיום-הספר, אַן אויפנאַמע פאַר אַ רעגירונגס-מאַן, אויף אַלע אָפּיציעלע פייערלעכקייטן — אַלע מאָל איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פון אַלע שטאָטקלעזמער איטשע מיטן באַס און אַרויסגעגעבן טרעוואָגע-טענער, אַלאַרם-סיגנאַלן. האָבן אין מאַרק געמעגט זיין שנייען ביז די קניען, איז נאָך אים מיטגעלאָפן דאָס גאַנצע יונגוואַרג: אַלע פּיולקע= און קליפּע-וואַרפערס, וואַלקע-גייערס מיט צעגראַטשעטע פּנימער און אַלע ווייסע חברהניקעס, וואָס פירן אָן מלחמות אויפן שולפּלאַץ — אַלץ האָט מיטגעפּענדזיעט.

זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען שבת פאַרן דאַווענען זיך אָוועקשטעלן שמועסן אין מינין. דער הויפּט-באַטייליקטער איז געווען בערקע לעפּאַק, אַ ייד מיט צעפּוצטע כאָלעוועס ביי די שטיוול, אַן אויפקויפער פון בהמות אויף יאַרידן. זיינע פינף אויסגעגעבענע זין זענען געווען יוסטע בעלי-בתים קאַמאַשנמאַכער מיט אָפענע געוועלבער אויפן קיילעכדיקן מאַרק און אין זייערע טריט האָט אַרויסגעקוקט-פּיעט פון די געמזענע פאַלטש גענייטע שטעבעלעטלעך סאַמע גבירישקייט און שטאָלץ.

בערקע לעפּאַק איז געווען אַ ייד מיט אַ ברייטער האַנט, אַ נאַשער אויף כיבודים, נישט ווייניקער ווי אויף געפילטע קאַרפּנקעפּ, געבראָטענע לעבערלעך אין די רעסטאָראַנען, בעת ער איז געפאָרן אויפן גרויסן לענטשנער יאָר-יאַריד.

צום לייכטסטן פלעגט ער זיך לאָזן קאָסטן אַ קערבל אין מיניין, ביים ליציטירן די עליות, שמחת־תורה פלעגט זיין מעסער־שטעך. דער טאַטע מיט זיינע אויסגעגעבענע פינף זין האָבן דווקא געוואָלט אַרויסכאַפּן איינער ביים אַנדערן ממש פון די הענט אַ כיבוד. זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט נצחון, געשלאָגן אין מקח, געקייכט פון געלעכטער, ווען עס האָט אַזוינס עמעצן געגליקט.

דער צווייטער מיטשמועסער אין מיניין איז געווען חיימקע סטעפּאַן, אַ ייד מיט אַ וואַטאָוון פּאַלטן, סיי זומער ווי ווינטער, און אַ פּוטערנע שפּיציקע צאָפּקע ביז טיף איבער דער נאָז פאַררוקט. ער האָט שוין געהאַט זיין חזקה איינצושלאָפן אין מיטן דאַווענען יעדעס יאָר יום־כפור פאַר נעילה; בעת דער חזן, אַן אַריינגעפּלאַכטענער צווישן טליתים און ווייסע קיטלען און אָנגעצונדענע ליכט, האָט געזאָגט מיט ברען זיינע תפילות, האָט זיך געטראָגן חיימקעס כראָפּען איבערן גאַנצן מיניין, און אַז עמעצער האָט אים געגעבן אַ טרייסל, כדי אים איבערצוּוועקן פון שלאָף, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ צעטומטער און געגומען קוקן אין אַלע זייטן און אויף ס'ניי אַ געגעץ געטאָן אויפן הויכן קול און זיין שווערן גוף צעשפּרייט איבערן דיל און פלינק געגומען צונויפקלייבן די איינציקווייז צעשויבערטע בלעטער פון זיין מחזור, וועלכע האָבן זיך מיט אַ רגע פריער צעפלויגן ווי צעשראָקענע פייגל פאַר אַ בייזן יעגער, און אַלע זיינע צען פינגער אויף ביידע באַקן ווי האַנט־גראַווירן זענען געווען אַריינגעקוועטשט, דערביי האָט ער געבורטשעט פון כעס אויף זיך אַליין:

— אַ כאָליערע!

דער דרימער באַטייליקטער אין יענע שבת־שמועסן האָט געהייסן העשקע טרעגער. זיין אייביקע טבע איז געווען זיך צו שפּייען אין די הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויפצוהייבן אַ זאַק מעל פון אַ וואָגן, אַ דזשווויגע טאָן אַן אייזערנע שינע, אַ טון העריגג. אַפילו צו הגבה־גלילה ווען העשקע איז געוואָרן אויפגערופן, האָט ער זיך געגעבן אַ הילכיקן כליוסק אין די שווערע צוויי אויסגעהאָרעוועטע מאַזאָלן־פלאַכן און מיט מידע טריט פון אַ וואָכעדיקן מאַרקמענטש געטראָגן דעם ספר און געטיפּעט מיט די פיס.

געווען איז דאָרט אַ חזן, אויך אַן אַלטער ניקאָלאַיעווער זעלנער, ביי וועמען דאָס דאַווענען אין די ימים־נוראים פאַרן עמיד איז פאָרגעקומען ווי אַ גאַלעווקע פייערונג אויפן רוסישן צערקווע־פּלאַץ. אין אַלע תפילות פלעגט ער אַריינפּאַסן סאַמע מיליטערישע מאַרשן, וואָס האָבן אים דערמאָנט אין זיינע איינענע סלוזשבע־יאָרן, ווען ער האָט געדינט אַלס פאָרזינגער אין זיין ראָטע.

אָט אין יענעם מיניין איז אין לעצטן שבת געקומען דאַווענען

משה דער משרת פון רייכן פרידלענדערס פאַיאַנס־סקלאַד. ער האָט מיטגעבראַכט אַ פאַרפּראָפּטן פלאַש אָקעוויט, פול ביזן זוים, און אַ געל זים אויסגעבאַקענעם לעקער אויף קידוש פאַרן גאַנצן מנין יידן.

*

באַלד ביים אַריינקומען האָט משה אָוועקגערופן אָן אַ זייט דעם גבאי פון מנין און אַ צעשמייכלטער אים איינגערוימט אין אויער, אַז ער וויל היינט אַ נאָמען געבן זיין אָט וואָס נאָר געבוירן טעכ־טערל און מען זאָל אים אויפרופן צום ספר. שוין אַ גאַנצע וואָך האָט משה אָפּגעוואַרט דעם היינטיקן שבת, איבערגעלופטערט אפילו די הפטורה און געזעצן שוין בדימיון, ווי ער וועט זיך אָוועקשטעלן ביי דער טיר, קיינעם נישט לאָזן אַרויסגיין פון מנין און טיילן פאַר אַלע יידן צו גלעזלעך שנאַפּס. ער וועט פאַרגעמען דעם אויבנאָן אַ צע־פלאַמטער, מיטן גרויסן פלאַש אָקעוויט אין האַנט וועט ער גיסן פולע גלעזלעך ביזן זוים און אַלע וועלן סמאַקעווען פון גרויס הנאה, פאַר־בייסנדיק צום קידוש פּענעצלעך לעקער, און די פלאַש וועט אַרומ־טאַנצן איבערן גאַנצן מנין אָן הפסקה. זאָלן טאַקע יידן זיך משמח זיין און גאָרנישט זאָל ווערן געשפּאָרט. אַזאַ מענטש איז זיך משה; כאָטש נאָך אַלעמען איז ער נישט קיין רייכער, נאָר לחלוטין נישט קיין קאַרגער, האָט ער געטראַכט צופרידן ביי זיך אין האַרץ, און ער דערלאַנגט שוין צום וויפלטן מאָל גאַנצע שטיקער לעקער, גרויסע כמאַליעס ווי די פויסטן און פּלוצעם כאַפּט זיך משה, אַז פון דער גאַנצער קידוש־סעודה איז צו מאָל קיין טראָפּן אָקעוויט פאַר אים נישט איבערגעבליבן, קיין קרישקע לעקער, אַלץ האָט ער צעטיילט. און פון דעסט וועגן שטראַלט ער אין גאַנצן פון גרויס נחת, ווייל אים דאַכט זיך, ווי ער הערט הויך אויפרופן צום ספר זיין נאָמען: משה בן פישל. פּלוצעם מיט פלינקע טריט שפּרייזט ער אַרויף אויפן באַ־לעמער, וווּ עס ליגט פונאַנדערגעשפּרייט דער הייליקער דיקער פאַר־מעט פון ספר־תורה. און ווי זיין לאַהלעם גלאַנציקע שוואַרצינקע אייגעלעך וואָלטן אויף אים געקוקט, פינקלען די הייליקע רונדיקע שוואַרצע אותיותלעך, וואָס ווערן מאָמענטווייז רויט ווי פּרוכטג־זאַפּט. אַ קלייניקייט, סאַראַ כבוד מען טיילט אים צו צוליב זיין איצט געבוירן קינד. נאָר אומגעריכט איז אַרויף אויפן בעלעמער אַ ייד מיט אַ טלית טיף פאַרהילט. דאָס איז געווען רב שלמה גרין, דער שטאָטקלעזמער, און אויף זיין טרוקן קול שרייט ער אוים פאַר־ביסן מיט אַ האַרטן דבור:

— רבותי, עס טאָר נישט ווערן אויפגערופן צום ספר־תורה אַ ייד, וועמענס ווייב האָט געבוירן אַ קינד פאַר דער חופּה!

ווי אַ האָגל פון שטיינער האָבן אַלעמענס אויגן זיך אַ וואָרף געגעבן צום אָרט, ווו משה איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער און אַ פאַרשעמטער. ער איז האַסטיק אַראָפּ פון באַלעמער און האָט מיט אַן אָפּהילך פאַרמאַכט זיין סידור, פאַרקלאַפּט די טיר פון מינין און מיט שפּרייזנדיקע טריט איז ער געלאָפן. נאָר כסדר האָט נאָך אָפּגעקלונגען דעם גבאים קול אין זיינע אויערן:

— מי שברך רב משה בן פישל.

מיטן לעקער אונטערן אָרעם און מיטן פולן פלאַש אָקעוויט אין האַנט האָט משה איבערגעטראָטן זיין היים, נישט זאָגנדיק צו מאָל גוט שבת. עס איז בכלל אין שטוב נישט געפעלן קיינעמען זיין אָנגעצויגן צעקרימט פּנים.

אין פענצטערשויב האָט אַ פּראָסטיקע זון-ראָזיקייט זיך צעלויכטן. מנוחה האָט דאָ גערוט אין אַלע ווינקעלער. פון איינגעהייצטן קוילן-אייוועלע האָט געשלאָגן אַ ליבע וואַרעמקייט און אַ געשמאַקער ריח פון שבתדיקע מאכלים. דאָס קינד לאהלע איז זים געשלאָפן מיט ראָזע בעקעלעך אין וויגל נאָכן אָנזייגן ביי דער מאַמעס ברוסט. און דאָך האָט זיך בולט געזען אין יענעם הויז, ווי פאַר אַלעמענס אויגן ליגט אַ צעשטערטער שבת. דער ביסן איז געבליבן שטעקן אין קעל ביי יעדן און בעת דער סעודה איז קיין זמירות נישט געוואָרן געזונגען.

נאָכן בענטשן האָט זיך משה אַוועקגעלייגט אויפן בעט און לאַנג געקוקט אויפן סופיט. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער דערזעט דאָרט דאָס טויטע פּנים פון זיין באָבע לאה, פון וואַנען עס רעדט אַראָפּ יעדער גרינצל מיט חכמה:

— משה, דו האָסט מיך פאַרשעמט אין קבר מיט דער זעלבער הרפּה, וואָס דו האָסט פאַרשעמט דיין טאַטע-מאַמע און נישט פאַרבעטן אויף דיין חתונה צוליב דער חצופה, וואָס האָט געבוירן אַ קינד פאַר דער חופּה. טאָ באַפעל איך דיר, דו זאָלסט זי גטן.

זייט יענעם טרויעריקן שבת האָט זיך שוין נישט לאַנג געהאַלטן דער שלום-בית צווישן משהן און צביהן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַ ברוגזער, אַן אָנגעכמורעטער, ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ באַצוווּנגענעם און צביה האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן דאָ פאַרן מאַן און דאָרטן פאַר דער מאַמען און פאַר זיך אַליין. זי איז געוואָרן צו יעדן אונטערטעניק און משה האָט זיך געקריגט מיט אַלע, ווער עס האָט נאָר פאַרטיידיקט דאָס אומשולדיקע יונגע עופהלע, פאַר זיינע טענות, ווען עס האָט געוויינט און נישט געלאָזט אים שלאָפן.

ענדלעך, אַ מאָל האָט אויפגעפּלאַצט דער געדולד פון מאַמע און טאַטער און זיי זענען אַראָפּגעשפּרונגען ווי די ווילדע חיות פון

געלעגער אין די שפּעטע אָוונט־שעהן און אין משהן אַריינגעשליי־דערט אַלע קיכגעשירן.

אויף צו מאָרגנס איז ער אַ פֿאַרבלוטיקטער, אַ פֿאַרבאַנדאַ־זשירטער געשטאַנען מיט צביהן ביים רב אין דין־תורה־שטיבל און געפֿאָדערט אַ גט.

דעמאָלט האָט צביה זיך געשעמט צו ווייזן דאָס פּנים פֿאַר חברטעס. זי האָט אַפֿילו אויסגעמיטן שכנים פֿון זעלבן הויז צו זען, געקאָרגט צו גיין נאָך אַז עמער וואַסער אַנצופּלומפּן ביים הויפּברו־נעם. זי איז געלאָפֿן מיט שוים אויף די ליפּן איבער די שטיגן, כּדי וואָס שנעלער צו דערגרייכן די אייגענע טיר און נישט זיך צונויפֿ־טרעפֿן מיט עמעצן און מוזן אָפּענטפֿערן אַזוינס, וואָס קען גורם זיין פֿאַר צביהן אַ סך טרויער. און אָט אַזעלכע איז איצט געוואָרן פֿון דער זינגענדיקער און לאַכנדיקער צביה. פֿון אירע ליפּן איז פֿאַר־שווונדן איר דין־צעלויכטענער שמייכל, זי האָט זיך געפֿילט באַליי־דיקט פֿון יעדנס בליק און געטראָפֿן ווי פֿון אַ שפּיציקן פֿייל פֿון יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

די איינציקע, וואָס האָט זיך פֿאַר איר אָנגענומען, איז געווען איר אָרעמע מאַמע. זי פֿלעגט תּמיד אָפּוואָרטן משהן מיט פֿולע אָרעמס שטיינער, וואָס זי האָט אַרויסגעריסן פֿון ברוק, און אים נאָכגעוואָרפֿן צוזאַמען מיט בייזע קללות. אויף אַלע וועגן פֿלעגט זי ווי אויסוואַקסן פֿאַר אים, אַז אייגעקאָרטשעטע, און איר הייזעריק קול פֿלעגט אָנקלינגען אין חלל אויף אַלע גאַסן פֿון שטאָט מיט אַ טרויער פֿון אַ בית־עלמין.

— משה! גאָט זאָל דיך אַזוי פֿאַרשעמען, ווי דו האָסט מיין קינד פֿאַרשעמט.

אַנומלט האָט צביה אויף זיך גענומען איר געבלומלט שבתדיק פּלעטעלע, וואָס האָט איר דערמאַנט אין אַן אָוונט, ווען זי איז דע־רין צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען אויף שפּאַציר אין קיילעכדיקן מאַרק, אַרום דעם פּאַרקאַן פֿון מאַגיסטראַט־גערטנדל. זי האָט דאָס פּלעטעלע דעמאָלט געטראָגן חנעוודיק אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען און דער ווינט האָט צעבלאָזן די טראָלדן, געהויבן הויך די פּעדעם אין דער לופֿט און אירע פּים האָבן אין טראָטואַר אָנגעקלונגען מיט אַ זיכערן גאַנג און פֿאַרריסענע טריט, ווייל זי האָט געפֿילט, אַז אַ סך יינגלשע אויגן קוקן איר נאָך און אַ סך מיידלעך זענען מקנא איר שיינקייט. מיטן זעלבן פּלעטעלע האָט היינט צביה שטרענג אַרומ־געוויקלט איר גוף, כּדי צו פֿאַרשטעלן דעם פֿלאַש וויטריאָל, מיט וועלכן זי האָט זיך געלאָזן אָפּוואַרטן משהן. נאָר פּלוצעם, ווען צביה איז אים אַנטקעגנגעקומען גאָר נאָענט אין פּנים, האָט אַלץ גענומען

אויף איר פלאַטערן פון שרעק, די הענט, דער טוט און דער פלאַש וואָס האָט זיך גאָר פאַרפּלאָנטערט אין די טראָלדזן פון צביהס פלע־טעלע און איז מיט אימפעט אַרויסגעפאַלן פון אונטער אירע אָרעמס אויף משהס פיס און אויסגעברענט אין די פּזשיסוועלעדער אַ רויטע לאָך, ווי אַ וווּנד רונדיק און ברייט. דעמאָלט האָט משה זיך דער־שראָקן, אָפּגערוקט זיך פון אָרט און גענומען האַסטיק רעדן, שנעל, פון וואָס צביה האָט בלויז איינציקע ווערטער באַנומען:

— כ׳שווער דיר, אַז כ׳האָב געזוכט זיך לעצטנס מיט דיר אי־בערצובעטן, נאָר איצט איז פאַר דיר שוין אַלץ פאַרלוירן, רשעטע, ווייל דו האָסט געוואָלט מיך אויפן גאַנצן לעבן בלינד מאַכן.

אין יענע טעג איז פּלוצעם צביה מסכים געוואָרן אויף אַ גט מיט משהן און זי איז צוזאַמען מיט איר מאַמען און קינד אַ פאַרשעמטע אַוועק פון שטאָט.

קאַפּיטל פיר

משה איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דאָרף ביי פּאָכ־טערס. אויסגעוואַקסן אַ פאַרהאַרטעוועטער ווי זיין טאַטע, זיידע און עלטער־זיידע, וועלכע זענען אָפּגעלעגן אין די שטאַלן זייער גאַנץ לעבן, ווענענס גרעסטע פרייד איז געווען צווישן קי ביים געמעלק און פּאָ־שע אויף די פעלדער־לאָנקעס. הויכע, ברייט־פּלייציקע יידן, שטייפע, גישט־איינגעבויגענע ביז אין טיפסטער עלטער און מיט אַ פאַר־וואָרצלטן כוח פון עקשנות, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

איינגעווייסט פון קאַלך איז געווען זייער אָרעמע כאַטע און האָט זיך געפונען האַרט ביים אַריינגאַנג אין דאָרף, אין פעלד צווישן הויכע טאָפּאָלן־ביימער, וואָס זייערע צווייגנשפּיצן האָבן אַזש דערגרייכט די אויסגעשפּרייטע בלאָע הימלען.

משהס מאַמע, פעסל די פּאַכטערין, איז געווען אַ מיטעלע ברייטע יידענע מיט רויטע באַקן ווי געפרוירענע ווינטער־עפּל, אי־רע הענט זענען געווען שווערע און פאַרהאַרטעוועטע מיט אויפגע־פּלאַצטער הויט פון שטענדיקן אַרומשאַרן זיי צווישן די שעפּער קאַרטאָפל־שאָלן ביים אונטערדערלאַנגען פּאַשע די קי; און תמיד זענען געווען אירע באַקעס אַרומגענומען מיט אַ ברייט, קויטיק פאַר־טעך, אָנגעפּאַקט מיט פאַרדאַרטע שטיקער ברויט, צונויפגעקליבענע ביי גויאישע שכנים. אָט דאָס פאַרטעך האָט געמאַכט אוממעגלעך צו

דערקענען, אויב פּעסל די פּאַכטערין איז שוין פאַרגאַנגען אין די גאָר הויכע חדשים אָדער סתם זיך אַזוי דיק און ברייט פונאַנדערגע־וואַקסן.

יעדע פּאָר יאָר האָט זי באַשאָנקען איר מאַן מיט אַ זון. אַזוי איז אויסגעפאַלן אַ חשבון פון אַכט בנים: הויכע, צעוואַקסענע ריזן, גע־ראָטן אין זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס. זיי אַלע האָבן חתונה געהאַט מיט הויכע, דאָרפישע, ברוסטיקע מיידן און זיך פונאַנדער־געשפּרייט אין די אַרומיקע פּוילישע דערפער.

אָט אַזוי האָט דער יחוס־פאָדעם פון אַלטן פישל פּאַכטער זיך געצויגן יאָר איין יאָר אויס — אַ ייד, הויך און שטאַרק ווי אַ בוים אין וואַלד. פאַר אים איז נישט געווען אין דער וועלט קיין שווערערע אַרבעט ווי דאָס דאַווענען; ס'וואָלט אים אָנגעקומען פיל לייכטער צו טראָגן אויף די פּלייצעס וויאָרסטן ווייט אַ שווער מעלקנדיקע קו צום לעקאַזש פון דאָרף אָדער אַ זאַק מיט קאָרן אין אַ מיל אַריין, ווי אַרויסצוקריכן פון אַ שווער שטיקל עברי אין סידור.

— מה טובו אהליך, מה טובו אהליך — פלעגט פישל פּאַכ־טער אַ גוזמא מאָל איבערזאָגן די זעלבע ווערטער, ווי ער וואָלט צע־קייט מיט די ציין פון מויל אַן אייזערנע פּאָדקאָווע, און דערביי אַ סמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן. ער פלעגט זיך נישט פריער רירן פון אָרט, ביז ער האָט נישט טיף און גרינטלעך מיט האַרץ דערפילט דעם מיין און זין פון זיין ערלעך געבעט. און אַז אַזוינס האָט זיך אים נישט ווי געהעריק איינגעגעבן, האָט ער אַ פרישן פּאַרצי געגעבן דעם לעדערנעם רימען ביי די הויזן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגורט מיט נייעם כוח צו אַ גרעסערער שלאַכט, און צום וויפלטן מאָל איבערגע־חזרט:

— מה טובו אהליך.

די תפילה אויף זיינע ליפּן האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּיגלט ווי אַ טרער אין די אויגן און עס האָט זיך אויסגעדראַכט, ווי דער שטאַר־קער פּאַכטער־ייד וואָלט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצושלעפּן אַ פאַרזונ־קען פערד־און־וואָגן־געשפּאַן פון אַ גערדיכטער זומפּיקער בלאָטע און ער לייגט זיך אונטער די רעדער מיט זיין גאַנצן הויכן גוף אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, קרעכצנדיק אונטער דער משא:

— מה טובו אהליך.

די ווערטער, וועלכע פישל באַגלייט יעדע רגע מיט אַ הילכיקן שמאָטשקע פון זיינע ליפּן, קלינגען אָפּ אויף זיין דאָרפיש קול נישט ווי אַ תפילה, נאָר ווי אַן עכאָ אין וואַלד:

— העי, העי, אַ, אָ, אַ...

אַזוי קלעטערט ער אַ פאַרמאַטערטער מיט קליינע הפסקות אי־בערן שמאָלן סידור־שפּח ווי איבער אַ הויכן גראָזיקן באַרג און עס דאַכט זיך, אַז פישל העשעט און ווישט זיך דערביי די געדיכטע צע־טריפטע שווייסטראָפּנס איבער זיין גערונצלטן שטערן, זאָגנדיק צום וויפלטן מאָל:

— מה טובו אהליך.

אַלע מאָל ביים סוף דאַכט זיך אים אויס, אַז ער האָט נאָך עפּעס פאַרגעסן ביים דאַווענען. אַזוי איז יעדן פרימאָרגן, ווען די פעלדער און וועלדער אַרום זענען נאָך טיף געשלאָפן און דעם פאַכטערס יונ־גען, איינער ביי איינער ווי די שווער־אונטערגעזעגטע קלעצער, זע־נען געלעגן אויסגעצויגן איבער די פאַרלאָטעטע קויטיקע שטרויזעק, אַזוי איז דעמאָלט געשטאַנען איבער אַ סידור דער דאָרפס־פאַכטער, איינגעהילט אין אַ געלן, אָפּגעבליאַקעוועטן טלית, וואָס איז געווען פאַרזשאָבעט מיט גראָבע פלאָקסענע שטריק־שטער, ווי מען נייט זעק, און ווי אַן אבר האָט פון אים אַרויסגעלויכטן זיין געל־מעשענע באָרד. שטייענדיק איבערן סידור טיף איינגעבויגן, האָט ער אויסגעזען ווי אַן איינגעבראָכענער בוים אין וואַלד. זיין ווייב, פעסל די פאַכטעריןָ, האָט זיך שוין אויך געפּונען אין אַ כאַטע־ווינקל מיט אַ לעצט ברעקל שלאָף אין די אויגן און מיט אַ ברייט צעגענעצט מויל. זי האָט גע־שיילט די הויכע טעפּ קאַרטאָפל צום איבערבייסן. פישל האָט תמיד פאַרענדיקט זיין דאַווענען אַ פאַרמאַטערטער ווי נאָך אַן אָפּגעטאָנע־נער שווערער אַרבעט. באַלד האָט ער מיט אַ שטראָם רוישנדיק וואַ־סער, וואָס ער האָט אָנגעשעפּט פון אַ באַרייפטן פעסל מיט אַ בלע־כערנער קוואָרט, באַגאָסן צו שאו־ידיכם זיינע שווער פאַרהאָרעוועטע הענט. האַסטיק האָט ר׳ פישל געשלונגען די שוואַרצע ראָזעווע ברויטרעפטן, באַשמירט מיט הערינגגרויגן אָדער הערינגמילך. די ביסנס, ווי די שנייבאַלן, רונדיקע גרויסע, האָבן רוישנדיק געסקריי־פּעט צווישן זיינע מאָך־געלע באַוואַקסענע ציין־פּניאָקעס ווי קלעצער אונטער שאַרפע זעגן פון גערונגענע האַלצהעקער. אויף פישל פאַכ־טער האָט שוין דעמאָלט געוואַרט אַ הויכע בלעכערנע שיסל אויפן טיש מיט צעפּאַרעטע קאַרטאָפל ווי אַ באַלייגטע פור מיט היי. און אין שפּיץ פון דער שיסל איז געווען אַריינגעשטעקט אַ ציינערנער לעפל ווי אַ שטרוי־ווידלע — און ביזן סופּיט האָט זיך געהויבן אַ וואָלקן גרויער רויך ווי פון אַ קאָכעדיקן וועשקעסל. נאָכן מקיים־פּסק זיין אָט דאָס אַלץ אויפן ניכטערן מאָגן — ביזן לעצטן כזית, האָט זיך פישל פאַכטער מיט זיינע בנים — איבערגעוואַקסענע מיט אַ

קאָפּ העכער פון טאַטן — אַרויסגעלאָזט צו דער אַרבעט. זייערע קולות האָבן איבערגעוועקט די אַרומיקע שלווהדיקע פעלדער און וועלדער. איבערן הימל איז העל אויפגעגאַנגען ווי אַ שמייכל אויף אַ קינדער־פּנים אַ גילדענער פרימאָרגן־בליאַסק און אַרומגענומען דעם שוואַרצן שכנישן וואַלד, ווי עס וואָלט דאָרט געווען אַ נעסט פון גזלנים. און פישל פּאַכטער האָט גערעדט צו די קי מיט אַ שטאָלגעם דיבור:

— היי, דו דראַניע, האָסט זיך היינט עפּעס צעבריקעוועט! און אויך דו, זולל־וסובאַניצע, וועסט באַלד די פּגירה איינגעמען!

דעם פּאַכטערס בנים האָבן פאַרשטאַרקט דעם געפּילדער, וועמענס ווידערקול האָט אָפּגעקלונגען איבער די גראָזיקע פּלעצער, ווי זיי וואָלטן געציטערט פון אימה: זייערע געוואַלדן האָבן זיך געטראָגן ווי אַ הילפרוף פון אַ בלאָנדזשענדיקן אין אַ ווייסטן וואַלד.

אָט אַזוי האָט די פּאַכטער־משפּחה געלעבט אין די פּוילישע דערפער. אויסטערלישע עקשנים געווען. געהאַלטן אין איין סטראַשען דעם אַלטן, אַז זיי וועלן אַנטלויפן אין שטאָט. אַלע זענען אָבער פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אין דאָרף אַחוץ משהן, דעם יינגסטן זון, וועמען ס׳האָט ממש געגליקט דורך אַן איינפאַכן צופאַל, וואָס דער גביר פרידלענדער האָט אַדורכפאָרנדיק דעם דאָרף צופעליק דערזען דעם יונג, וואָס איז אים געפעלן, און ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך. זייט דעמאָלט איז משה דאָרפסיונג מיט איין מאָל געוואָרן אַ שטאָטמענטש. ער האָט מיט זיין גאַנצן פליים געאַרבעט אין גבירים פּאַיאַנס־סקלאַד: צוגעהאָלפן די דינסטן איינהייצן די קאַפּליאָווע אויוונס אין ווינטער, אַרויפברענגען די פעסלעך וויין פון קעלער. ס׳רוב זענען זיי געווען דאָרפישע מיידן, מיט רויטע צעפּלאַמטע פּנימער און צעוואַקסענע לייבער. תמיד זענען זיי געשטאַנען ביי די זודיקע קעסלען און בראָטפאַנען און פלייסיק צוגעגרייט די רייכע גבירישע סעודות. דער פּאַכטעריונג משה פלעגט האָבן אַ הנאה אָט די דינסטמיידן צו פּאַטשן פון הינטן אין דיקן פלייש, אַזש עס האָט אָפּגעהילכט איבער אַלע שטובן און ער האָט זיך געקאָלערט אויף דער ערד פון געלעכטער.

די מיידן האָבן זיך כלומרשט געברוגזט, נאָר טיף אין האַרץ אָנגעקוואָלן איבער משהס ווילד היימישע דאָרפסשטיק. שפּעטער האָט דער וואַלדעמב גענומען זיך אויסמענטשלען: אָנגעטאָן זיך אַ שטייף געקראָכמאַלעטן קאָלנער מיט אַ שטאָטישן קראַוואַט. איבערהויפּט ווען דער יונג האָט גענומען אַרויפקומען צו מרים, דער ברויטהענדלערינס טעכטערל, איז אים שוין מער נישט געווען צו דערקענען. אַ

גאַנצן שבת איז ער דאָרט אָפּגעלעגן, צו מאָל אַהיים נישט געקומען צו מלווה־מלכה. ס'איז אים ליבער געווען צו זיצן דאָרט אין פּאַציאַט־שטיבל ווי עסן געפילטע פיש און געפּרעגלטע גענדז.

דעם גבירס דינסטן זענען זייער אייפערזיכטיק געוואָרן אויף צביהן, פאַר וואָס זי האָט זיי אַרויסגעכאַפּט דעם יונג פון אונטער דער האַנט. זיי האָבן אים געפּרוווט פון איר אָפּרעדן, געזוכט כלערליי מיטלען צו מאַכן אַ מחלוקה צווישן דעם פּאָרל. ס'האָט אָבער גאָר נישט געפּועלט. און ווען דער יונג מיט דער מויד האָבן חתונה געהאַט און די דינסטן זענען געוואָר געוואָרן, אַז זי האָט געבווירן אַ קינד פאַר דער חתונה, זענען זיי משהן ממש דערגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל זי גטן, און ווען זיי האָבן שוין דאָס געהאַט ביי אים אויסגעפּועלט, האָט פייגע, די עלטסטע דינסטמויד ביים גביר פרידלענדער אין הויז, וועלכע האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויפן יונג, זיך מער ווי ביז איצט מיט אים אָפּגעגעבן. זי איז אויף אים גע־קראָכן מיט איר צעוואַקסענעם פליישיקן גוף און געלאַכט אים גלייך אין פּנים מיט איר געזונט דאָרפיש געלעכטער. אָט דאָס איז דעם יונג שטאַרק געפעלן:

— קודם כל איז פייגע אַן אָרנטלעכע מויד צו דער חתונה!... האָט ער געטראַכט.

שפּעטער האָט דער גביר פרידלענדער זיך אַריינגעמישט און און ס'איז געוואָרן געפּראַוועט זייער חופּה.

דאָס מאָל איז זי פאַרגעקומען ביי זיינע עלטערן אין דאָרף, ווו עס זענען פאַרבעטן געוואָרן די מומעס און פעטערס פון ביידע צד־דים, אויך די דאָרפישע שכנים און די וואַלדהעקערס מיט זייערע ווייבער און טעכטער. די מענער אין גרויסע געלע סוקמאַנעס, יוכ־טאָווע שטיוול איינגעשמירט מיט פעטן בלויען טראָן. די ווייבער אין געקראַטלטע ברייטע קליידער, די קעפּ מיט רויטע סטענגעס און בענ־דער פאַרשלייערט. אַזוי אין אַ פאַרפלאָכטענעם ראָד האָבן געטאַנצט יידן און נישט־יידן, געטופּעט מיט די פיס און געשריגן: „האָידעדאַ־נאַ” און פאַרענדיקט מיט אַ קוויטש, ווי אַ ווינט וואָלט אַ בלאָז געטאָן אין אַ וויסטן סטעפּ. זיי האָבן זיך געוווּנטשן איינס דאָס אַנדערע מזל־טוב. די מחותנתטע פעסל, די שטענדיק פאַרבלאָטיקטע יידענע, האָט איצט ביים צעטיילן פאַרציעס לעקעך פאַר די געסט זיך אַרומגעפּאַ־רעט אַ צעלויכטענע, מיט אַ ברייט קלאָר פאַרטעך און מיט אַ שטייף אויסגעמאַנגלעוועטער קופקע אויפן קאָפּ. דער מחותן, פישל פאַכטער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ צייגן כאַלאַט, וואָס האָט נאָך צו ביסלעך געשמעקט מיט שטאַל־ריח, פאַרפּוצט אין אַ קלאָר העמד, וואָס איז געווען אונטערן האַלדז פאַרקנעפּלט מיט אַ ביינערנעם שוואַרצן

פּאַלטן־קנאַפּ, האָט שוין איצט אַ האַלב־שיכורער געבלעקעכצט אומ־פאַרשטענדלעכע רייד, געקלאַפּט אין די פּלייצעס אַריין אַלע געסט, געשמייכלט צום וואָלדהעקערס טעכטערלעך. די חתן־כלה ווידער האָבן זיך שטאַרק געלאַנגווייליקט, נישט געקענט ממש אײַנזיצן אויף די ערטער.

ער, משה, וועלכער איז פון כמה יאָרן אָן געוווינט געווען אויפֿצופּאַסן אַלע פּלעשער ווײַן, וואָס זענען געוואָרן אויסגעטרונקען בײַם גבירס רײַך געדעקטן טיש, און זי, פייגע, די עלטסטע דינסט אין הויז פון דוד פרידלענדער, וואָס האָט שוין געהאַט פון שטענדיק אָן די חזקה אײַנצוטיילן די מאכלים אין די טעלערס, אָט זיי ביידע, אַזוי ער ווי זי, האָבן איצט געמוזט זיצן ווי די גולמס, צוקוקן און גאָרנישט טאָן אויף דער חתונה. און ווען ס'איז אָנגעקומען צו דרשה־געשאַנק, האָבן די פעטערס און מומעס געגומען קלינגען מיט די זילבער־רובלס און האַלבע רובלס אין די הויזן־קעשענעס, געלאָזט זיך אויפרופן יעדער איינער בײַ זײַן נאָמען, אַז מען זאָל געגוי ווייסן, צי דאָס דרשה־געשאַנק קומט פון חתנס צד אָדער פון כלהס צד. דער הויפּט־מחותן, דוד פרידלענדער, האָט אויך נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן און צעשאָטן איבערן גאַנצן חתונה־טיש אַ גאַרשטש זילבערנע מטבעות, צווישן זיי אויך גאָלד־אימפּעריאַלעכלער. זאָל מען זען, האָט דאָס געזאָלט הייסן, ווי דער גביר באַשיינט אַ חתונה פון זײַנס אַ דינסט אַ יתומה.

נאָך די שבע־ברכות האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק זיך אַוועקגעצויגן אין אַ שכנישער גרעסערער שטאָט, זיך אָפּגעדונגען אַן אײנציק שטיבל אין דער נידער, אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, ערגעץ ווו קיינער לייגט נישט דערויף קיין חשיבות, אים אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויטל און דערפון געמאַכט אַ פּאַיאַנס־סקלאַד, אים אָנגעפילט מיט קאַסטנס פון כלערליי סאָרטן געפעסן.

קאַפּיטל פינף

פון דעם טאָג אָן האָבן פייגע און משה שוין צוזאַמען געפּראַצעוועט אויפן אייגענעם חשבון. קונים זענען אַהערגעקומען פון אַלע עקן שטאָט און פון די פּראָווינצן און אַז דער מיסחר האָט גענומען זייער גוט אָפּגיין, האָבן זיי צוגענומען פּאַראַמטע פּויערים פון די דערפער און געגעבן זיי צו פּאַרדינען אַ קערבל אַלס פורמאַנען.

אַזוי האָט לאַנגזאַם זיך אײַנגעשטעלט זייער לעבן. פון פרי באַ־

גינען ביז שטאָק־פינצטער האָבן פייגע און משה גלייך אויף גלייך געהאָרעוועט, ארויפגעלאָדעוועט אויף די וועגענער אָדער אַראָפּגעלאָדעוועט פון זיי הויכע שטויסן פאַיאַנס.

ביסלעכווייז האָט מען משהן גענומען שעצן פאַר אַ גביר. ער האָט שוין דעמאָלט געוווינט אין אַ רייכער דירה מיט אַ סך טירן. שנעל איז ער געוואָרן מפורסים אין שטאָט אַלס גרויסער מכניס־אורח. זיין הויז איז געוואָרן אָפן פאַר אָרעמעלייט. אַדורכפאָרנדיקע רבנים האָבן גענומען פון צייט צו צייט ביי אים איינשטיין.

דאָס איינציקע, וואָס האָט נאָך משה פאַיאַנס־הענדלער צוגעפעלט, איז געווען, אַז זיין פייגע זאָל געבוירן אַ קינד. אין די וואָכנטעג האָבן מאַן און ווייב נישט געוווסט, וואָס אַזוינס זיי קוועלט. זיי זענען געווען צו שטאַרק פאַרנומען אין זייער מיסחר. נאָר אַז ס'זענען אָנגעקומען די אומעטיקע טונקעלע ווינטער־שבתים און בין־השמשות־שעהן, האָבן זיי אַליין נישט געוווסט, ווו זיך אַהינצוטאָן.

אין די אייגענע שטובן האָט ר' משה און זיין ווייב פייגע זיך געפילט ווי אורחים. ס'האָט זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען פרעמד צווישן די אַלע צעפּוצטע מעשענע פאַנגען אויף די ווענט און קליאַמקעס ביי די טירן,ביידע האָבן דעמאָלט שטומע אַרומגעבלאָנדזשעט ווי די שווייגנדיקע שאָטנס אויף די באַבלומטע ווענט. נאָר הײנט האָט פּלוצעם עפּעס משהס פּנים זיך צעשטראַלט, אויסגעדריקט פרייד און אויף זיין פאַרחשבונטן שטערן האָבן זיך ווי ציטערן אויף אַ פאַפירבלאַט סגייטשן פוּגאַנדערגעלייגט. ווייל גראָד האָט משה זיך דערמאָנט וועגן אַ ידיעה, וואָס ער האָט מיט טעג צוריק געהערט, אַז זיין ערשטער פרוים מאַמע, מרים די געבעקס־פאַרקויפערין, איז קראַנק און דאָקטוירים און מעדיצינען האָבן ביי זיי אַלץ אויסגעשעפּט, אַז עס איז אין שטוב נישט פאַרבליבן קיין פרוטה אויף ברויט. אַפילו די מאַשין, פון וועלכער צביה פלעגט די לעצטע יאָרן ציען חיונה ביי שניידעריי, האָט זי אויך שוין פאַרקויפט, כדי צו ראַטעווען איר קראַנקע מאַמע פון טויט. אָט די ידיעה האָט משה פאַיאַנס־הענדלער דערפירט צו אַ גליקלעכער המצאה, אַז פאַר אַ גרעסערער מטבע זאָל ער ביי איר אָפּהאַנדלען, אַז זי זאָל אים איבערגעבן, שריפטלעך, דורך אַ ראַיאָנט, איר קינד. דערפאַר ווען דער גביר איז אַריינגעקומען אין זיין גרויסער אויפנאַם־שטוב, האָט ער פריילעך אויסגערופן:

— גוט וואָך!

און די דינסטן, וואָס האָבן פלייסיק צעריקט די לייכטער אויפן טיש און אַראָפּגעקליבן די קרישקעס פון טישטעך, האָבן אונטערגעהאַלטן אויפן הויכן קול:

— אַ פריילעכע וואָך! אַ פרנסהדיקע וואָך!

טאַקע באַלד אויף צו מאָרגנס האָט משה זיך מער נישט געפּוּגעט אין דער היים. זיין אָרט האָט פאַרטרעטן פייגע. איז עמעצער געקומען וועגן אַ נדבה אָדער וועגן אַ קהילה־זאַך, האָט ער זיך גע־מוזט צו איר ווענדן.

אַ טייל האָבן ליבערשט איבערגעוואַרט, ביז ער אַליין וועט זיין אין דער היים, ווייל ביי משהן איז געווען זייער לייכט אַרויסצו־באַקומען אַ קערבל. און פּונקט פאַרקערט פּאַר ליכטיקע פאָר ליכטצינדן איז אַ דראָזשקע פאַרפאָרן צום גבירים סקלאַד, ווו ער איז אויסגעשטיגן נאָך מיט עמעצן. זיין פּנים איז געווען צעלויכטן און זיין שוואַרצע באָרד איז געלעגן ברייט פונאַנדערגעקעמט איבערן ווייסן געפּרעסטן העמד־קאָלנער, ווי אַ שכינה וואָלט אויף אים גערוט. שכנים, סתם נאָענטע זענען געקומען בכיוון צום גביר שלום געבן.

צו מאָרגנס ביים דאַווענען האָט משה זיך געהייסן אויפרופן צום ספר און געלאָזט טיילן אַ קידוש פאַר אַ גאַנצן מנין יידן, אַחוץ ח"י קערבלעך, וואָס ער האָט מנדר געווען.

זייט יענעם טאָג האָט זיך אַרומגעשפּילט אין משהס רייכן הויז אַ חנוודיק קליין מיידעלע מיט דינע פאַרפלאָכטענע סאַמעט־צעפּע־לעך. פון צייט צו צייט האָט דאָס קינד זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט אָדער געוויינט, זיך אָפּט געפּיעשטשעט, ווי עס וואָלט נאָך עמעצן זיך פאַרבענקט. די דינסטן פון גבירים הויז האָבן באַקומען אַן אָנזאָג, אַז אַלע קאַפּריזן פון קינד זאָלן זיי דערפילן.

— לאהניו, פאַרלאַנג אַפילו דאָס טעלערל פון הימל, וועט מען עס דיר אויך געבן!... האָט אָפּט פייגע, מוטערלעך און צאַרט אַ צע־שטראַלטע פון גליק, מיט איר טיף באַסאָווע מענער־קול זיך זים פונאַנדערגעשמועסט מיטן פינף־יעריקן מיידעלע.

אין דער שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז דער גביר האָט גענו־מען אויפצוכאָוועט פון דער משפּחה אַ יתומה, און דערפאַר האָבן אַלע אים געוואונטשן וואָס גאָר זיין האַרץ פאַרלאַנגט ביי גאָט.

טאַקע אין צווייטן יאָר האָט פייגע געבוירן אַ זון. חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האָבן אויסגעפּועלט אין הימל סגולות און קמיעות פון גוטע יידן. די קנאָפּ־גלויביקע ווידער האָבן זיך איבערגעוווּנקען, אַז דאָקטוירים מיט זייערע רעצעפּטן זענען געווען פייגעס בעסטע הילף. דערמאָלט, ווי די פּרוכטלאָזע גבירטע וואָלט געוואָלט אונטער־יאָגן אַלע אירע עקרהדיקע יאָרן, האָט זי אַן אָפּרו גענומען שיטן מיט זין און די בריתן ביי יעדן באַזונדער זענען געוואָרן געפּראַוועט מיט אַזאַ רחבות, אַז וואָכן לאַנג האָט מען אין הויז פון משה פּאַיאַנס־הענדלער געפירט רייך געדעקטע טישן, געטרונקען די טייערסטע

משקות און געגעסן די זעלטנסטע מאכלים. אַ גאַנצע שטאָט אָרעמע=
לייט האָבן זיך געלאָזט וווילגיין. פון איין געבורט ביזן צווייטן איז די
פרייד געווען גרעסער און דער מוהל מער יחסן, דער סנדיק מער
חשוב. רביים זענען געוואָרן פאַרבעטן און יעדער ברית פון משה פאַ=
יאַנס=הענדלערס קינדער — פנחסל, קיוועלע, אברהמל, דודל, טוביה=
לע — האָט געדינט פאַר אַ ביישפּיל ביי די שטאָט=איינוווינער פון
עפּעס אַזוינס, וואָס זעט זיך זעלטן, און ביים גביר אין הויז האָבן זיך
גענומען מערן די דינסטן און משרתים. נאָר לאהלע איז נאָך אַלץ גע=
ווען דאָס געפּיעשטשעטע קינד ביי אירע רייכע עלטערן. זי איז גע=
וואַקסן אַ געהאָרכזאַמע, אַ רחמנותדיקע, אַ גוטע נשמה.

איין מאָל, אין דער שעה פון מיטאָג, איז לאהלע אַריינגעקומען
אין דער גרויסער אורחים=שטוב. ביי אַ לאַנגן טיש, ווו עס זענען גע=
זעסן פאַרשידענע אָרעמעלייט, האָט זיך דאָרט אויך געפונען אַ יונגע
פרוי. זי איז געווען אַזוי געקליידט, אַז לאהלע האָט זי באַטראַכט
פאַר אַזעלכע ווי אַלע אַנדערע בעטלערינס, וואָס קומען דאָ נאָך אַ
נדבה. איז לאהלע, מיט אַ זיס צעשמייכלט פּנימל, שטיל צו איר צו=
געגאַנגען נאָענט, אין דער פרוים פאַרגליווערטע דלאָניעס אַריינגע=
גליטשט אַ רונדיקע מעשענע מטבע, וואָס די מאַמע האָט איר גע=
געבן. די אָרעמע פרוי האָט שנעל פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף הינטן
און אַ גרין פייערל האָט אַ שפּיגל געטאָן אין אירע מאַטע פאַרלאָשע=
נע אויגן און גרויסע לענגלעכע ווייסע טרערן האָבן זיך צעווייגט אויף
איר פאַרחלשטן פּנים. אַ סברה, אַז די פרוי האָט געוואַרט אויף לאה=
לעס אַריינקומען, ווייל אין אויגנבליק, ווען זי האָט לאהלען דערזען,
האָט זי זי אַרומגעכאַפּט און כסדר געקושט און געוויינט, געוויינט
און געקושט. די יונגע פרוי האָט גאָרנישט געקענט אָפּרייסן אירע
אויגן פון קינד און אָן אויפהער געצערטלט עס און געדריקט צו זיך.
אירע טרערן האָבן זיך כסדר געגאָסן פון די אויגן, זי האָט
אַלץ געקוקט אויף לאהלען. אַ גליק, וואָס די דינסטן האָבן דאָס דער=
זען. האָבן זיי קודם אַרויסגעריסן לאהלען פון דער פרעמדערס הענט
און דערנאָך מיט זידלערייען זי פון הויז פאַרטריבן. נאָר די אָרעמע
איז נישט אַוועקגעגאַנגען. זי איז נאָך לאַנג פאַרבליבן אין דרויסן, צו=
טוליענדיק זיך צום שכנותדיקן פּלויט, און פון דער ווייטנס אַהערגע=
קוקט. אַ פאַרגליווערטע איז זי געשטאַנען פון באַגינען ביז אין אָוונט
אָדער געשפּרייזט היִן און צוריק איבערן טראָטואַר, ווי זי וואָלט באַ=
וואַכט די גאַס פון עפּעס אַ גרויסן אומגליק, צו מאָל נישט געגאַנגען
עסן, נאָר אַזוי שטייענדיק פון קעשענע די ביסנס ברויט אַרויסגע=
צופּט, אָפּט בגנבה זיך דערנעענטערט צו די פענצטער פון ר' משה
פאַיאַנס=הענדלער און שטרענג אַריינגעקוקט. זיינע דינסטן האָבן

זי פון דאָרטן מיט בעזעמער געטריבן, אָפּגעגאָסן מיט שיסלען און עמערס קויטיק וואַסער. נאָר די אָרעמע פרוי האָט בשום אופן נישט געוואָלט פון אָרט אָפּטרעטן:

— מיין קינד! מיין קינד! — האָט זי אין דער שטיל, אויך מאָמענטנווייז הויך אויף אַ קול, אין זיך אַריינגעוויינט.

איר פּנים האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט, די אויגן פאַרלאָשן, צעקנאָדערט איר נאָך יונגער שטערן איז געווען ווי אַ גערונצלטער טייך.

דער רייכער פּאַיאַנס־הענדלער האָט געהאַט דערפון צער אָן אַ גרענעץ. זיין שוואַרץ־גערונצלטע לאַנגע באָרד האָט זיך פאַרמרה־שחורהט ווי אַ פאַרכמאַרעטער הימל אין צייט פון זייער גרויסע רעגנס. פּלוצעם איז משהן אויפן געדאַנק געקומען דער שטאָט־פּריסטאַוו.

אָט דער דאָזיקער פאַרשוין איז געוואָרן פאַרבעטן צו משה פּאַיאַנס־הענדלער אין הויז, וו ער האָט באַקומען אַ מטבע פון דער פּולער האַנט, און דער טראָטואַר, וו דעם גבירס פענצטער מיט די גאַרדינען גייען אַרויס, איז זייער שנעל געוואָרן אָפּגערייניקט. די אָרעמע פרוי האָט מער נישט אַריינגעקוקט אַ פאַרוויינטע אין זייערע שויבן. אַ סברה, אַז דער פּריסטאַוו האָט עפּעס אַ חטא אין איר פּאַספּאָרט געפונען און אָפּגעשיקט זי אין איר שטאָט, צווישן פאַרשידענע קרימינעלע פאַרברעכער און אויסגעלאַסענע פרויען.

יענע טעג זענען געווען די טרויעריקסטע אין צביהס לעבן, ווייל זיי זענען אויסגעפאַלן אין איין צייט מיטן עלנטן טויט פון איר מאַמען און אַליין איז זי פאַרבליבן אין דער וועלט, אָן טרייסט, אַ פאַראייגזאַמטע.

און אַפילו מיט אַ צייט שפּעטער, ווען צביה האָט גליקלעך חתונה געהאַט מיט אַ רייכן מעל־סוחר, צו וועמען זי האָט געבוירן יעדעם יאָר אַ קינד, האָט איר האַרץ נאָך כסדר געבענקט צו לאהלען און זי איז אַריינגעפאַלן פון גרויס צער אין אַ שרעקלעכער מרה־שחורה. זי פלעגט אָפט מאָל אין מיטן נאַכט זיך אַרויסשלייכן פון שטוב אַ האַלב נאַקעטע, מיט דער קופּקע איבערן שטערן פאַררוקט און דעם האָר שויבער אין די אויגן זיך אַוועקשטעלן ביים ברעג פון שטעטלשן טייך און דאָרט אַריינקוקן שעהן לאַנג און פון צייט צו צייט אויסשרייען:

— אוי, ווי שיין כ׳בין!

זי פלעגט אַזוינס מאַכן אַפילו אין שיינעם העלן טאָג, ווען איר דינסט איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט און נישט אויף איר אַכטונג געגעבן. האַלטנדיק די גרעסערע קינדער אירע ביי די הענטלעך און דאָס זויגעדיקע פון וויגעלע איינגעטוליעט צום לייב, אַזוי פלעגט זי

לויפן צו שפּרינגצע בת־שבעס, די גרעסטע בעל־טובהניצע פון שטאָט, און תחנונימדיק זיך בײַ איר בעטן:

— פּײַערינקע, קרוין! כ'האָב מורא, אַז כ'וועל מײַנע אײגענע שוואַלבן שלעכטס טאָן, כ'וועל זײ חלילה אַרײַנוואַרפן ווי שטײנדלעך אײנציקווײַז אין טײַך, ווײַל כ'פּיל, אַז דער קאָפּ דרײט זיך מיר און אַלץ שווינדלט מיר פאַר די אויגן. ראַטעוועט זײ אַרויס פון מײַנע הענט. נעמט זײ בײַ מיר אַוועק.

מיט שעהן שפּעטער איז צביה האַסטיק שוין געלאָפן איבער די גאַסן אַ באָרוועסע און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער גנידתטעס פענצ־טער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין דער נידער אויפן מאַרק, און מיט בײדע פאַררונדיקטע פויסטן אַרײַנגעפּויקט אין די שויבן, גע־ריסן די לאָדנס און שטאַרק יאָמערלעך אין זײ אַרײַנגעווײנט. די טרערן האָבן זיך איר געגאָסן שטראָמענווײַז פון די אויגן און זי האָט גרויליק געשריגן:

— חצופה! פאַר וואָס האָסטו מײַנע קינדער צוגענומען, בעת דײַנע אײגענע ממזרים האָסטו דערדריקט אין בויך פאַר דער צײַט... טאָ וואָס ווילסטו האָבן פון מײַנע ערלעכע כשרע עופלעך נעבעך! זינדיקע נגידתטע! טמאה!

נאָר פּלוצעם פלעגט אָנקומען צביהס מאָן אַ פאַרסאַפּעטער און צו־הערן איר גרוילעך געווײן און אירע באַלײדיקונגען און דורך זײַנע זי־סע גוטע רײד האָט ער זי תמיד צו זיך אַהײמגענומען און זי גע־האַלטן פאַרשלאָסן אין שטוב אַזוי לאַנג, ביז די מרה־שחורה איז פון איר אָפּגעטראָטן. אין די נעכט פון צביהס גרויסע פּחד־אַטאַקן האָט נישט געטאָרט ברענגען קײן לאָמפּ אין איר הײם, ווײַל איר הויפּט־קראַנקײט איז געווען אַ מורא פאַר פײַער. אפילו אין די קעגנאי־בערדיקע פענצטער האָט מען געמוזט צוליב דער קראַנקער צביהן פאַרהענגען די שויבן מיט דיקע טיכער, אַז קײן ליכטפלעמל זאָל נישט אַרויס אין דרויסן.

אַ טרויער פלעגט אַרומנעמען דאָס הויז, ווו זי האָט געוווינט, און אַלע שכנים, קינד און קײט, האָבן זיך דעמאָלט אַוועקגעשטעלט בײַם באַלקאָן, פון וואַנען בלומען־וואַזאָנען האָבן אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרײַן, און צעשראָקן זיך אונטערגעהערט, ווי דעם רײַכן מעל־סוחרס צווײטע ווײַב האָט אַרײַנגעווײנט אַזוי יאָמערלעך אין דער פינצטערקײט פון הויף און אַזוי צעגרילצט געשריגן אויף אַ גרויליק קול:

— מענטשן, ראַטעוועט מיך! כ'האָב מורא פאַר פײַער!

און אירע הענט — ווײַסע, משוגענע און שײנע — האָבן זיך ווי פליענדיקע טויבן אין אַ פאַרנאַכטלעכן פינצטערן הימל צעפּאָכעט אין

דער לופטן מיט אַזוי פיל גרויליקייט און שרעק, ווי אַ שרפה וואָלט געבושעוועט נאָענט שוין פון איר היים.

סוף כל סוף האָט די זאָרגלאָזיקייט און דער ווילטאָג צביהם מרה־שחורה אין גאַנצן פאַרטריבן. זי איז געוואָרן געזונט ווי פריער און אַז משה איז איר געקומען אויפן זכרון, האָט זיך דערוועקט אין איר האַרץ אַ פאַרלאַנג נאָך נקמה. נאָר ר׳ משה פאַיאַנס־הענדלער איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן מער עושר: ער האָט זיך פּלוצעם גאָר געקויפט אַן אייגן הויז ערגעץ אין אַ ווינקל שטאָט, ווו עס האָבן זיך געפונען מיליטערישע קאַזאַרמעס, לעדער־גאַרבע־רייען און פריציש־גרויסאַרטיקע צעבליטע סעדער. דאָרט האָט גע־ווינט ווי אַן אָפּגעזונדערטער שבט אַן איינציקע יידישע משפּחה, וואָס האָבן זיך גערופן די שפּרינגערס, וועמענס פּרנסה איז געווען אַריבערצופירן קיין וואַרשע גרויסע וועגענער מיט זווילן־לעדער פון שטאָטישע גאַרבטרייען. זיי האָבן געלעבט אַלע יאָרן אין ווילטאָג. די שפּרינגערס זענען געווען הויכע צעוואַקסענע יונגען, וואָס האָבן זיי־ער גאַנץ לעבן אין די פרייע טעג אָפּגעזעסן אין די ביוואַרניעס, אין גאָרקיך, און דאָרט געשלונגען גרויסע חלקים געגרז געבראָטענע, גע־פּילטע פיש און איינגעמאַכטע לעבערלעך. די ווייבער זייערע זענען לרוב געווען פול־גווידערדיקע, רויט־פּנימדיקע נקבות, וועלכע האָבן זיך געקליידט אין לאַנגע קאַראַקולענע זשאַקעטן, און מיט זייערע הויכע אַרויסגעשטופּטע ביוסטן האָבן זיי אויפגעריסן די אויגן ביי יעדן, ווען זיי פלעגן שבת אַרויסגיין אויף שפּאַציר אין נייעם גאָרטן.

אין ר׳ משה פאַיאַנס־הענדלערס ניי געקויפטן הויז האָט אויך געוווינט אַן אַלמנה, וואָס האָט געהאַט שוין אַ גרויסן אונטערגעוואַק־סענעם זון — פּייוול. ער פלעגט גאַנצע טעג זיך אַרומשלייכן אויפן שטאָטישן פערדמאַרק. דערפאַר האָבן אַלע אים גערופן מיט חוזק פּייוול קאָניאַזש.

נאָר אין זומער פלעגט ער דינגען, יאָר איין, יאָר אויס, מיט זיין מאַמע אַן אויבס־סאָד ביים שכנישן גערטנער. און אַז דעם בעל־הביתס טעכטערל לאהלע האָט זיך אַ מאָל באַוויזן אין פאָרטקע פון סאָד, איז ער פלינק אַרויף אויף אַ פּלויט און געגומען אַרומזוכן אויף אַלע זייטן, לינקס און רעכטס, רעכטס און לינקס, ווו עס בלאַנקט אָפּער ערגעץ פון אַ צווייג, די שענסטע רויטע קאַרשן, די צעשמעקטע גילדענע עפּל.

— פּייוול, ווו ביסטו? שרייט דעמאָלט זיין מאַמע זיך אויס דאָס האַרץ.

— כ׳קום שוין! טראָגט זיך זיין ענטפער ערגעץ אַראָפּ פון אַ ביימער־געפלעכט מיט אַ ווידערקול. ער טוקט זיך אין אַ קנופּ פון

צווייגן, וואָס זעען אויס ווי אַ קרייץ פון הענט און מענטשן-קעפּ. באַלד טיילט ער זיך אַרויס פון ביימער-פינצטערניש און שפּרינגט פלינק אַראָפּ מיט אַ צעפלאָשעט לייב, וואָס קוקט אַרויס פון אַ פּאַרלאַטעטן העמד, מיט צוויי פריילעכע צעשפּיגלטע אויגן ווי סאַמעט פון אַ בלויען הימל, און זיינע בלאָנדע האָר, וואָס פאַלן אַריין אין אַ מעש-געלקייט, זעען אויס ווי באַפּוצט מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן בלאַט אַריינגעשטעקט פון גרינגס. אין ביידע הענט האַלט ער פולע גאָרשטן אויף גרינע שטענגעלעך אָנגעוואַקסענע בונטן רויטע קאַרשן ווי אין בלוטזאַפּט איינגעטונקענע. און פייוול אַליין זעט דעמאָלט אויס פון גרויס גליק צעשטראַלט ווי איינע פון יענע פּרות, וואָס הענגען קוּפּעס אויף קופּעס און שטופּן זיך פון ענגשאַפט ווי מיט עלנבויגנס אויף די ביימער. אַלץ שמעקט מיט ריח פון בליאונג און צייטיקייט, און אַז פייוול האָט די זכיה און לאהלע באַוויליקט זיין מתנה, אַנטלויפט ער, אַז זי זאָל חלילה נישט וועלן אָפּקויפן זיין גליק ביי אים און באַצאָלן געלט. און זי פאַררויטלט זיך נאָך רויטער ווי די קאַרשן און ווייסט נישט, וואָס זי זאָל טאָן.

לאהלען גייט נישט אינעם כיבוד, וואָס אַז אמת, נאָר אין דער פרייד, וואָס דאָס ברענגט איר.

קאַפּיטל זעקס

לאהלעס טאַטע איז געוואָרן נאָך רייכער. אַחוץ דאָס ערשטע הויז האָט ער מיט צוויי יאָר שפּעטער זיך אויך געקויפט אַ צווייט הויז, אַ ביסל אַרונטערצו, ווו עס ציט זיך אַ וואַסער-קאַנאַל און ווייסע-חברניקעס קומען אַהער אָפּלאָזן זייערע פּאַפּירענע שיפן אָדער זיך מושטירן אין זעלנער.

אין משהס צווייטן הויז האָבן זיך געפונען אַלע בוכבינדער-וואַרשטאַטלעך, שאַכטלען- און גילזן-פאַרבריקלעך. אויך אַ נעץ פון קעלערן מיט קליינע אין דער ערד איינגעזונקענע פאַרבלאָטיקטע פענצטער-שייבלעך, ווו עס האָבן געוווינט טשעשלאַזשעס, גלעזערס, וועשינס און סתם שטאָטבעטלער.

ס'איז דאָרט געווען אַ לאַבירינט פון דרדקי-מלמדים, וועמענס תלמידים פלעגן אין די זומערטעג אַרומיאָגן זיך מיט די בינען און גאָלדענע בלויע פליגעלעך ביי די מיסטן נעבן בית-הכיסא. דער דאָזיקער הויף איז געווען אַדורכגעוועבט מיט אַלע זיסע קינדער-חלומות פון יעדן תורה לערנענדיקן ייִנגל אין שטאָט. דאָרט זענען געוואָרן

אויסגעשניצט אַלע ל״ג=בעומר=פייַלנבויגנס און הילצערנע בר=כוכבא=שווערדן.

אַלע מצה=בעקערייען האָבן זיך דאָ געפונען, אַלע המן=גרעגערס זענען דאָ אויסגעשניצט געוואָרן, אַלע צינערנע דריידלעך זענען דאָ געוואָרן געפּאָרעמט מיט די אותיות, וואָס ייִנגלעך טייַטשן אויס: „נאַטאַן גנב האַקט שלעסער״. אַלע רויטע, בלויע, גרינע פּאַפּירענע מאַסקעס, היטלען פאַר פאַרשטעלטע פורים=שפּילער זענען דאָ געוואָרן צוגעגרייט. אויף שמחת תורה אַלע פענער האָט מען פון דאַנען געטראָגן צום פאַרקויף, ברייט צעפלאַטערטע איבערן שטאָט.

אַזאַ הויף איז דאָרט געווען. שבת, זומערלעב פאַרן פּרק זאָגן פלעגן זיך אַרויסלאָזן די דאָרטיקע איינוווינער אויף אַ שפּאַציר. ייִדן מיט אַלערליי בערד: לאַנגע, ברייטע, פונאַנדערגעוואַקסענע ווי די בעזעמער, קאָלטענעוואַטע, געלע, שוואַרצע און סתם אָפּגע=בליאַקירטע ווי נישט געפּוצט מעש; מיטליעריקע ייִדן, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ צונאָמען. זיי פלעגן גיין מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן פאָרנגווייז יעדן שבת נאָך סעודה אין איין וועגס אָפּגעטראָטן איינער ביים אַנדערן אין שטאַל, געפרעגט מבינות וועגן בהמות און פערד, טייל מאָל זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ שבתדיקן מיסהרל, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים פאַר דער זון און געשפּאַצירט צום שכנותדיקן אַלטן גאָרטן און זיך דאָרט צוגעקוקט, ווי הברה יונגוואַרג לאָדקעוועט זיך אויף שיפלעך אין די לאַנגע וואַסער=אָזערעס.

אָפּט געטראָפן דאָרט חברה פון צעלבוט און אַנדערע, וואָס גייען נישט אין אָרנטלעכע וועגן, צווישן אַ רעדל רוסישע זעלנער מיט קאָרטן אין די הענט, וו זיי ליגן האַלב זיצנדיק און שפּילן אין שטאָס, פעלשן די קאָרטן, מעלדן איין איינער דעם אַנדערן, מיט אַן אַקצענט אויף רוסיש, אין די מאַמעס מאַמען אַריין און כאַפּן זיך יעדע רגע אויף פון די ערטער, גרייט צו וואַרפן זיך אין אַ בלוטיקן געשלעג, וואָס ענדיקט זיך אָפט מיט אַראָפּפּליקן די הויט פון די פּנימער.

דערמאָנען זיך די הייַנטיקע, אויסגעסטאַטקעוועטע ייִדן אָן זייערע אייגענע ענלעכע פאַרגאַנגענע יאָרן און אַז זייערע ווייבער וואַרטן שוין אויף זיי ביי די שוועלן פון הויז און מאָטלען.

פונקט אין זעלבן יאָר, וואָס משה האָט זיך דאָס צווייטע הויז געקויפט, האָבן זיך אָט די אַלע ייִדן ווי אָפּגעשמועסט און מאַסנווייַז אַוועק קיין אַמעריקע. האָבן זייערע ווייבער, בלייבע און פאַרוועלקטע, אָפּגעוואַרט די בריוועטרעגערס, מיט גרויס אומגעדולד זיך אויסגעקוקט די אויגן, שטייענדיק איינגעקורטשעט אין די וואַרעמע ווינטער=דערעלעך אויף די קעפּ פאַרן הויזטויער און אָפט באַקומען פון אַמעריקע

געשיקט שמאָלע באַגילדעטע קאָנווערטן מיט פאָטאָגראַפיעס פון די מענער, וועלכע האָבן שטענדיק אויסגעזען אין זייערע אויגן מיט די שטייפע רונדיקע קאַפעלושן און אָפגעראַזירטע בערד, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ווי די משומדים, און ווען זיי האָבן באַקומען די אין חלום שוין געזעענע שיפסקאַרטן און אַוועק קיין אַמעריקע, האָט דעמאָלט דער בעל־הבית פון ניי־געקויפטן הויז געדונגען גויים, זיי זאָלן אומוואַרפן די חורבות און אויף זייער אָרט געלאָזט אויפבויען אַ תלמוד־תורה פאַר יתומים און קינדער פון אָרעמע יידן.

אין דער זעלבער צייט האָט משה זיך געגרייט צו פראַווען די בר־מצווה פון זיין עלטסטן יינגל פנחסל. אָרעמעלייט פון שטאָט האָבן שוין וואָכן לאַנג פאָרויס אַ הוליע געגעבן, געגעסן, געטרונקען ביים גביר אין הויז פון שענסטן און בעסטן. די שימחה איז גראָד אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן סיום הספר, וואָס משה האָט געלאָזט שרייבן. האָט דער גביר אָנגעדונגען אַלע בעל עגלות און אַלע דראָזשקאַזשעס פון שטאָט.

געווען איז דאָס אין אַ פראָסטיקער ווינטערנאַכט, ווען אַ הויכער שניי האָט באַדעקט די דעכער און ווי ווייסע בעטגעוואַנטן צעלייגט איבער די וועגן צום שולגעסל. זענען אָט די חברה ווילע־יונגען געריטן איבערן ירידים־פלאַץ מיט אָנגעצונדענע לאַמטערן און שטורקאַצן אין די הענט אַלס פאַרשטעלטע קאָזאַקן מיט פוטערנע צאָפעס אויף די קעפ, מיט לאַנגע בערד און מיט רויטע לאַמפאַסן ביי די באַשטיוולטע הויזן. אַנדערע זענען געווען געקליידט ווי גענעראַלן מיט גילדענע און זילבערנע שליפעס אויף די הויכראַנגיקע מיליטער־אוניפאָרמען. און נאָך די פאַרשטעלטע האָט געשפאַנט אַ מחנה יידישע מענער, ווייבער און קינדער, כלה־מיידלעך און יונגע בחורים. אין סאַמע ווייס באַשנייטן וועג האָבן באַשטריימלטע יידן באַלעבט און באַשראַלט געטאַנצט. אויך דער גביר ר׳ משה פאַיאַנס־הענדלער האָט צווישן זיי געהיפעט אַ רבניש ריקודל, מיט וואָלענע שאַליקעס פאַרוואָרפן איבער די העלדזער. אַ טייל מיט געלע נגידישע פעלצן, אַנדערע מיט פאַרבלאָטיקטע פאָלעס, צעדריוולטע אַטלעסענע איביצעס, צייגענע כאַלאַטן און טוכענע שוואַרצע פאַלטנס מיט פוטערנע קאַראַקולנע קאָלנערס. זיי האָבן געטאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט. די קאַפלעך, די שטריימלעך פאַררוקט וויט איבערן שטערן, אָנהאַלטנדיק זיך ביי די פאָלעס, ביי די גאַרטלען, האָבן זיי ווי די שיכורים זיך געוואַקלט און געהויבן די פיס מיט פאַטשנדיקע הענט פון מתיקות און התלהבות, אַזוי זיך פאַרפלאָכטן אין אַ טאַנצנדיקער קייט פון מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן פון קיילעכדיקן מאַרק העט העט ביזן וואָל און אַ ווייסע לבנה האָט אַראָפגעלאַכט פון הימל, זיך צעקוואָלן פון גאָטס שיינער ליכטיקער וועלט.

א גאַנצע נאַכט האָט מען דעמאָלט אין משהס הויז געטרונ־קען און געגעסן.

בכלל האָט אַ גאַנץ יאָר ניט אויסגעפעלט ביי אים קיין סעודה. ביי ברייט געדעקטע טישן האָבן יידן הן פרייטיק צו נאַכט געטרונ־קען צו קידוש גוטע ווייגען און הן שבת צו דער סעודה געגעסן פעטע קוגלען, און צו שלוש־סעודות — געשטעלט פעפער ביר און חסידים האָבן געזויפט און געשיכורט, ממזרישע שטיקלעך אָפּגעטאָן איינער דעם אַנדערן: פּאַרקניפּט עמעצנס אַ גאַרטל צום טיש און ווען ער האָט געוואָלט פון אָרט אַוועקגיין, האָט ער אַלץ מיט זיך נאָכגע־שלעפּט. אָן אַנדערן האָט מען געמאַכט אַ משקנתא, געהויבן הענט ווי די גויים איבער אַ הילפלאָזן גוף. דערנאָך געזונגען האַלב שיכור, פאָנפּענדיק אָדער קווייטשענדיק, געהאַט הנאה פון זינגען און פון זיך באַוועגן אין דער פינצטער צוזאַמען מיט אַלע שאָטנס פון בית־מדרש, ביז מען האָט גענומען צינדן ליכט און זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

אין יענער צייט, כאָטש דער שם פון גביר איז שוין געווען אַזוי גרויס אין שטאָט, האָט ער און אַלע זיינע קינדער זיך גע־האַלטן זייער פּשוט.

איין מאָל האָט לאהלע, אַוועקשאַרנדיק די רייכע גאַרדינען פון פענצטער, דערזען, ווי עס גייט אַדורך אויפן הויף דער שיינער אויס־געוואַקסענער פייוול מיט אַ בלוי הילצערנעם זעלנער־קעסטל אין דער האַנט. איז איר באַפאַלן אַ טרויער. זי האָט געקוקט מיט קינאה, ווי ער געזעגנט זיך מיט אַלע שכנים, וואָס ווינטשן אים, ער זאָל גע־זונטערהייט צוריקקומען פון מיליטער־דינסט. אויך די דינסטמייד־לעך פון די גבירישע הייזער רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן, לאָזנדיק ביים ברונעם די פולע באַליעס מיט צעזייפטע וועש און הנדלען זיך צו אים, שטייען מיט די רויטע אַרויפגעשאַרטע עלנבויגנס, פרווון צו זאָגן קלוגע רייד און לאַכן דערביי הילכיק: פּאַרקלינ־גען דעם ווייסן האַרבסטיקן דרויסן, וואָס זעט אויס אַזוי אומעטיק ווי דער אומעט אין פייוולס אויגן, און עס דאַכט זיך לאהלען, אַז דער ברונעם מיט די באַליעס וועש האַלטן אונטער די דינסטמייד־לעכס געלעכטער, אויף ווערמענס אָרט זי וואָלט איצט אויך געוואָלט זיין גלייך ווי זיי, און כאָטש פייוול איז אָרעם און פּראָסט און זי איז איידל און רייך, געפעלט ער איר דווקא מער ווי אַנדערע און ס'דאַכט זיך איר דעמאָלט, אַז די דינסטמיידלעך רויבן עפּעס אַוועק פון איר עשירות, זיי שליסן אויף אירע ברייטע קאָמאָדע־שופלאָדן און נעמען פאַר זיך אַרויס דאָס שענסטע קליידל, וואָס לאהלע האָט ליבער פון אַלע קליידלעך.

געווען איז דעם גבירס טעכטערל אַ בלאַסע, אַ שטילע, מיט אַ קלאָר דורכזיכטיק פּנים. רבנים אַליין האָבן זיך שוין פאַרנומען מיט צופּאַסן אַ חתן, אַ בן־תורה פאַר לאהלען, און ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר, אויך אַ לייטישן מחותן. די געשעפטן זענען ביי אים געגאַנ־גען דעמאָלט נאָך בעסער ווי אַלע מאָל. משה האָט זיך דערמיט לגמרי נישט איבערגענומען. פּשוט, באַשיידן האָט ער געפירט זיין גביריש הויז, זיין ווייב פייגע דעסגלייכן. אַ חוץ אַ מאָל שבת, ראש־חודש אָדער אין אַ יום־טוב האָט די פרוי פון אַזאַ גרויסן עושר אויף זיך גענומען אַ שטיקל צירונג. אַ גאַנצע וואָך איז זי געגאַנגען מיט אַ שווערער דערע אַרומגענומען דעם גוף און ביים פאַרטעך האָט זיך נאָכגעבאָמבלט אַ גרויסער קנופּ שליסלעך, קליינע און גרויסע. האָט איר אַ דורכגייער געזאָגט „גוט מאָרגן", האָט זי יענעם אָפּגע־ענטפערט מיט אַ ברייטן „גוט יאָר". זי פלעגט נישט זיין דרייסט צו מאָגען דירה־געלט ביי די אָרעמע לאָקאַטאָרן, נאָר זי האָט אָפּ־געוואַרט, ביז זיי אַליין זענען געקומען און באַצאָלט. יעדער האָט זיך געפליסט צו פאַרבלייבן קעגן דעם בעל־הבית אַן אָרנטלעכער לאָקאַ־טאָר.משה פאַיאַנס־העגדלערס הויז איז דעמאָלט געווען געבענטשט. אָפט פלעגן צו אים פאַרפאָרן סוחרים פון די אַרומיקע ערטער, גע־שלאָסן טראַנזאַקציעס, וועגן פאַיאַנס־מסחרים. רביים, חסי־דים זענען ביי אים איינגעשטאַנען, געמיינזאַם געפאָרן צו אַן אַנדערן גבירס אַ חתונה אָדער אַ סעודה. אין שטאָט האָט מען געחשבונט זיין פאַרמעגן, געשאַצט און באַרעכנט, ווייל זיין טיר איז געשטאַנען פאַר אָרעם און רייך אָפן.

נאָר אַנומלט אין אַ שבת־צו־נאַכטס נאָך אַ גרויסער סעודה, ווען אין דעם גבירס הויז זענען אַלע מענטשן שוין געשלאָפן, האָט פּלוצעם אַליין פון זיך זיך צעצונדן אַ רויטער פלאַם אין פענצטער, אַ פייער האָט פון ערגעץ אַ הודזשע געטאָן. דער באַלעבאָסטע האָט זיך עפּעס יאָ ווי אויסגעדאַכט, אַז זי דערזעט אַ צעפּאַליעטע רוי־טע ראַנג אויפן סופיט און זי האָט זיך נישט געקענט פון מידקייט איבערוועקן, נאָר פון דרויסן האָבן שוין געאַרבעט די פייערלעשער פון שטאָט.

פּנחסל און קיוועלע האָבן געציטערט און זיך איינגעקורטשעט פון אימה. די קלענערע ברידערלעך האָבן ווי הילפלאָזע קעצלעך זיך באַהאַלטן אונטער דעם טאַטנס פּאָלעס, זיך פאַרשטעלט די אויגן פאַרן פייער. די דינסטן האָבן געוואָלט אַרויסווייזן זייער טרייקייט און געטראָגן איין קינד אויפן אַקסל, אַ צווייטס אָנגענומען ביי די

הענטלעך און אַזוי געלאָפן, געזוכט רעטונג און באַלד צוריקגעלאָפן צעשראָקן און פאַרצווייפלט. דער בעל־הבית, דער קלוגער סוחר דער בעל־שכל, האָט אויסגעזען צעשראָקענער פון אַלע. ער מיט זיין צעקנאָדערטער באָרד און פייגע מיט איר צעפלויגענער קופּקע אויפן שטערן פאַררוקט האָבן יעדער באַזונדער געבלאָנדזשעט ווי אין נעפּל, אַלע האָבן מיט זיך דערמאַנט אָן צעשראָקענע שאָף, מיט צעפלאַקערטער וואָל אויף דער פעל, וואָס טראָגן אַליין אויף זיך דאָס פייער און האָבן דערזען דעם אייגענעם אומקום...

אין דרויסן האָבן חמרים מענטשן אַרומגערינגלט די גאַסן מיט אויסגעשפּיצטע נעז ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט זיך דערנומען די שרפה?

זייט דעמאָלט האָט מען אין רייכן גבירס הויז אַלע חשובע געסט נישט מער געזען, אַ חוץ דעם דאָקטאָר פידלער, דער מומחה אין שטאָט. אַלע טאָג פלעגט ער פאַרפאָרן פאַרן הויז פון משה פאַיאַנס־הענדלער. אין אָנהייב האָבן די איינוווינער זיך געחידושט און געשעפּטשעט איינער צום אַנדערן אין אויער אַריין, אַז דעם גבירס זונדעלעך וואַקסן עפּעס צו הויך, בלייך און דאַר, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, מיט גרויסע, צעשראָקענע צעוואַסערטע אויגןאַפּלען, ווי זיי וואָלטן אין טרערן אַרומגעשווומען. שטילינקע זענען אָט די יינגלעך, רעדן זייער ווייניק, אַ וואָרט איז אַ פּערל, אָן אַ ברעקל פרייד זעען אויס זייערע פּנימער עפּעס. אַ סברה פון גאָטספאָרכטיקייט, שטענדיק גייען זיי מיט די גרויסע גמרות אונטער די אָרעמס אין דער ישיבה און צוריק פון דער ישיבה רואיק און פאַרטראַכט. ווען דער דאָקטאָר פידלער האָט איינעם ביי איינעם משה פאַיאַנס־הענדלערס זין נאָכגעשטודירט, האָט ער זייער לאַנג געשוויגן און דאָס האָט זייער פיל באַטייט. זייט דעמאָלט האָבן די יינגלעך זיך אויפגעהאַלטן אין אָטוואָצק, ווו די לופט איז אַ לויטערע און אַ געזונטע. אַזוי יאָר איין און יאָר אויס האָבן זיי געלעבט אין די רייכסטע סאַנאַטאָריומס און מיט איין מאָל איז פון משה פאַיאַנס־הענדלערס הויז די גאַנצע פרייד ווי מיט דער האַנט אָפּגעמעקט געוואָרן.

אין שטאָט האָט מען גענומען רעדן, אַז דער גביר האַלט מיט זיין פאַרמעגן אַזוי שמאָל, אַז ער פאַרקויפט אייניציקווייז זיינע הייזער, כדי צו קענען געבן די רייכסטע קוראַציע זיינע פרומע בלאַסע יינגלעך.

די הוצאות אויף מעדיצינען און דאָקטוירים האָבן טראָפּנווייז פאַרשלונגען זיינע אוצרות. אַלץ איז מיט איין מאָל פון אים פאַרשווונדן. די דינסטן זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן אייניציקווייז. די אָפּטע שלוש־סעודות און מאָלצייטן פאַר אָרעמעלייט האָבן אויפגע־

הערט. אַ מידער מיט אַ פאַרלאָשן פייערל אין די אויגן און מיט אַ צעפלויגענער ברייט צעפלאָשעטער באָרד האָט מען געזען משה פאַיאַנס־הענדלער רעדן און סודען זיך מיט דאָקטוירים, אונטער־טעניק געהויבן דאָס היטל פאַר זיי און זיין ווייב אַ שווייגנדיקע מיט אַ געשלאָסן מויל, ליפּ אויף ליפּ, ווי זי וואָלט מורא געהאַט חלילה זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ זינדיק וואָרט קעגן גאָט, איז זי געלאָפן אין אַלע שטאָט־אַפּטייקן נאָך אַ מעדיצין, אַלע מאָל אַ ניי געשריבענער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן. די באַרעדעוודיקייט איז ווי אָפּגעטאָן געוואָרן פון פייגען און ווי אַ שטומע שאָף איבערן פעלד־גראָז האָט זי געבלאָנדזשעט איבער איר ברייטן פאַיאַנס־סקלאַד. אין די טריבע אויגן־אַפּלען זענען שטענדיק געשווומען טרערן.

איין מאָל, ווען די יינגלעך זענען אין סוכות־צייט אַהיימגעקו־מען אָפּצוגעבן דעם טאַטן אַ שלום און כאַפּן אַ קוק מיט צאַרטע רחמנות־בליקן אויף דער מאַמען, האָט פּנחסל, דער עלטסטער זון, זיך אוועקגעלייגט אין פיבער, אויסגעשריגן אַ פאַרצווייפלטן „אוי" און אויף אייביק שוין פאַרמאַכט די אויגן.

ביי זיין לוויה האָט די גאַנצע שטאָט געוויינט, געריסן הימלען מיט זייערע גרויליקע געשרייען. תלמוד־תורה־יינגלעך האָבן דעם מת באַגלייט מיט קוויטשענדיקע קולכלער און אויסרופן:

— צדק לפניו יהלך!

— צדק לפניו יהלך!

די חשובסטע יידן זענען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם נפטר, משה פאַיאַנס־הענדלערס עלטסטן יינגל פּנחסל. די איינציקע וואָס האָבן ניט געוויינט, זענען געווען דער טאַטע און די מאַמע פון דעם פרומען ישיבה־בחורל.

נאָך שבעה האָבן משה און פייגע אויף ס'ניי זיך אַ נעם גע־טאָן ענערגיש צום מיסחר, ווי עס וואָלט גאָרנישט קיין שלעכטס פאָרגעקומען. זיי האָבן ווידער זייער פלייסיק געהאַנדלט, נישט צו מאָל אַרויסווייזנדיק קיין סימן פון טרויער, אין האַרץ אָנגענומען פול בטחון, אַז גאָט וועט זיך מסתמא מרחם זיין אויף די איבערי־קע קינדער און טאַטע־מאַמע האָבן זיי געשיקט אין ישיבה לערנען.

אין דער זעלבער צייט איז גראָד אויסגעפאַלן די לוויה פון שטאָט־מומחה דאָקטאָר פידלער. געשמועסט האָט מען, אַז צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקענט ראַטעווען פון טויט פּנחסלען, איז ער געשטאָרבן פון האַרץ־ווייטאָג. ער אַליין האָט אָנגעשריבן מעדי־ציניש ביכער, אויסגעפונען רפואות פאַר אויסטערלישע קראַנקייטן. פון כאַראַקטער איז דאָקטאָר פידלער געווען אַן עניו. כאָטש פאַר

זיינס א וויזיט האָט מען באַצאָלט מיט גאָלדרענדלעך, איז ער גע־גאַנגען צו קראַנקע אפילו אויף בוידעמער און קעלערן. א חוץ וואָס דער באַרימטער מומחה האָט נישט גענומען ביי זיינע אָרעמע פּאַ־ציענטן פאַרן וויזיט, האָט ער נאָך איבערגעלאָזט געלט פאַרן אַפּטייק צו קויפן די מעדיצין און טייל מאָל אויך אויף ברויט. דאָקטאָר פּיד־לער איז געווען אַ געשמדטער ייד. מען האָט דערציילט, אַז איין מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אין יידישן שפּיטאָל אין דער באַגלייַ־טונג פון זיינע אַסיסטענטן, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי אַ קראַנקער אויף יידיש:

— אַלטיטשקע, וואָס זשע מאַכט איר?

די קראַנקע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט ענטפערנדיק:

— רבונו של עולם, הלוואי אַלע מיינע קרענק נאָר אויף משו־מדים געזאָגט!

הילכיק האָט דעמאָלט דאָקטאָר פּידלער זיך פונאַנדערגעלאַכט.

אויף זיין לוויה האָבן אַלע אין שטאָט געשלאָסן די געשעפטן און צוגעטיילט גרויס כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם. יידן און קריסטן אויף ביידע לשונות האָבן אים נאָכגעזאָגט גרויסע שבחים. לאַנגע רייען מיט סאַמעטענע קאַפּלעך און מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, מיליטער־לייט מיט מעדאַלן אויף די הערצער, אַפילו דער גובערנאַטאָר אַליין איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין אָרון. דאָקטאָר פּידלערס לוויה האָט אַ ביסל די שטאָט פאַרשמועסט, נאָר פּלוצעם איז אַלץ ווידער ווי פון שלאָף געוואָרן אויפגעוואַכט.

קיוועלע, משה פּאַיאַנס־העגדלערס יינגער יינגעלע, האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט, עפּעס געפילט זיך נישט מיט אַלעם און איי־דער מען האָט נאָך באַוויזן רופן אַ דאָקטער, איז דאָס בלאַסע ישיבה־בחורל געשטאָרבן. זענען די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע צו־זאַמענגעבראָכן פון צער און ווייטיק. פאַרצווייפלטע האָבן זיי אויף ס'נייַ זיך געגעבן אַ נעם לויפן צו רביים און דאָקטוירים, וועלכע האָבן געהייסן די איבעריקע קינדער תיכף אויף פרישער לופט ווידער אַרויסשיקן. און איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט עפּעס צו טאָן, האָט זיך דער יינגערער אברהמלע געלייגט צו בעט און, פּונקט ווי די ערשטע צוויי ברידערלעך, אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. משה און אויך אַזוי זיין ווייב האָבן אויף דער לוויה פון דריטן זון נישט געוויינט.

„גאָט איז גערעכט און זיין מישפּט איז גערעכט" — האָבן זיי בלויז שטיל צו זיך געמורמלט.

באהבה האָבן זיי געוואָלט איבערטראָגן גאָטס שטראָף, בלויז גע־בעטן, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין איבער די אַנדערע קינדער און זיי

לאָזן לעבן. נאָר כהרף=עין, איידער טאַטע=מאַמע האָבן נאָר באַוויזן אָפּזיצן שבעה, איז אויך זייער דודל, דאָס בלאַסע, שיינע ייִנגעלע מיט די גאָלדענע געקרייזלטע פּאהלער, קראַנק געוואָרן, פאַרוואָרפן אויף הינטן דאָס קעפּל און געשטאָרבן. האָבן די אומגליקלעכע טאַטע=מאַמע נאָך אַלץ נישט געוואָלט ווידערשפּעניקן קעגן גאָט מיט אַ וואָרט, געמאַכט זיך האַרץ ווי אַ שטיין און נישט קיין טרער צו מאָל געלאָזט, איינגעהויקערט, מיט גראָע האָרשטרייפן אין משהס שוואַרצער באָרד און פּייגע מיט אַ טריב פאַרוואָלקנט פּנים, זענען ביידע געגאַנגען פון איין לוויה נאָך דער צווייטער, נאָכגעקלעטערט מיד מיט גרויסע מחנות ייִדן, גאָרנישט געוויינט און צו מאָל נישט געזיפצט, צוהערנדיק דעם געוויין פון אַנדערע.

נאָר דער מלאך=המוות איז נישט שטיין געבליבן אין מיטן וועג פון זיין שליחות און טוביהלע, משהס לעצט קינד, האָט ווי אַ געשאָכטן הינדעלע אַוועקגעלייגט דאָס קעפּעלע. דעמאָלט האָבן די אומגליקלעכע טאַטאַ=מאַמע נישט קיין כוח געהאַט דעם צער איבערצוטראָגן און אויפן קינדס לוויה אַזוי געוויינט, אַזוי געליאַרעמט, אַזוי געשריגן :

— אל נוקם ונוטר ! וואָס האָסטו געוואָלט פון אונדזערע איידעלע, פרומע, גוטע קינדער האָבן ? — אַזוי געכליפּעט האָבן זיי ביידע אין איין קול : — אויב מיר האָבן געזינדיקט, האָסטו אונדז געדאַרפט טויטן, אין אונדזער לעבן נעמען נקמה ! וואָס האָסטו דען געוואָלט האָבן פון די אומשולדיקע ?

פון שרעקלעכן צער איז אין דעם זעלבן יאָר אויך משהס ווייב געשטאָרבן, זיין גוטע, טרייע פּייגע האָט איינגעבראָכן ווי אַ צווייגל אויף אַ בוים. אויף איר לוויה האָט שוין מער קיינער אין שטאָט נישט געוויינט. מ'האָט גאָט נישט געוואָלט מער דערבייזערן, פירן ברוגז און געפונען פאַר גלייכער זיך נישט אַריינצומישן אין גאָטס דרכים

— זאָל ער מאַכן ווי ער וויל.

איינציק איז נאָר לאהלע פאַרבליבן ביי איר אומגליקלעכן פאָטער אין הויז. משה האָט שוין מיט גלייכגילטיקייט איצט אויסגעקוקט זיין אייגענעם טויט.

דאָס בת יחידהלע איז דעמאָלט געוואָרן זיין טרייסט.

אַזוי מיט איין מאָל איז די גאַנצע מזל־ברכה פון ר' משהס הויז פאַרשוווּנדן. ער האָט לאַנגזאַם פאַרקויפט צו אַנדערע גבירים זיין גאַנץ פאַרמעגן און דאָס געלט האָט קוים געקלעקט אויף דאָקטוירים, קורערטער, מעדיצינען, תכריכים און קברים פאַר ווייב און קינדער. אַלע זיינע הייזער, וואָס מען האָט געקרוינט מיטן יחוסדיקן נאָמען „ווי ר' משה פאַיאַנס=הענדלערס קאַמעניצעס“, זענען פון

אים אַוועק ווי מיטן רויך. איינציק איז דער סקלאַד ביי אים פאַרבליבן און ער פלעגט איצט צווישן די רייען פּאַיאַנס ביז העט העט נאָך מעריב־שעהן זיך אַרומבלאָנקען טריב, עלנט, ווי אַ מענטש, וואָס וואָגלט אָן אַ ציל און די אייגענע היים טרייבט אים אַרויס אין דרויסן.

און אָפט אין דער גרעסטער מרה־שחורה פלעגט ר׳ משה זיך דערמאַנען, ווי אָט נישט לאַנג דאַכט זיך אוים איז דער זעלבער שטח געווען ווי אַ בעכער פול מיט וויין, ווי אַ זאַנג פול מיט קאָרן: איבערגעפולט מיט פרייד. פּויערים אויף וועגענער האָבן אַרויפגעלאַדעוועט און אַראָפּגעלאַדעוועט סחורה. זעגן האָבן געסקריפּעט אין ריטעם, רוישנדיק און פריילעך האָט זיך געטראָגן אַ האַמער־געקלאַפּ, ווי מושטירטע פּיס וואָלטן געטראָטן. און אונטערן אימפּעט פון באַוועגונג צווישן דעם גאַנצן מיסחר־געפּילדער, מיט די הענט פון הינטן פאַרפלאָכטן, ווי אַ נאַפּאָלעאָן איבער באַזיגטע אויפן שלאַכטפעלד, האָט אַרומגעשפּרייזט ר׳ משה. אויך פייגע פּאַיאַנס־הענדלערין האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום איר מאַן, מיט דער ווינטער־דערקע אויפן קאָפּ טיף איבערן שטערן, פון וועמענס טראָלדזן און שלייפן האָבן אַרויסגעשטאַרט איר פאַרשפּיצטע נאָז און גאָמבע און אַרויסגעקוקט טעמפּ האָבן אירע אויגן און ס׳האָט זיך געטראָגן איר מאַנצביליש קול:

— אַ גוט יאָר אייך!

אַזוי פלעגט זי ענטפערן די אָרעמע פרויען אויף זייער גוט מאָרגן, וואָס זענען געקומען צו איר נאָך אַ גמילת־חסד אָדער אַ נדבה. און אירע רייד האָבן זיך צונויפגעקנאָטן מיטן גאַנצן אַרומיקן צאַפּלדיקן לעבן, רעש און באַוועגונג.

איצט ליגט פייגע ערגעץ אויפן בית־עלמין באַגראָבן און דעם זעלבן סקלאַד איז נישט מער צו דערקענען. דער גראָזיקער שטח האָט דאָס פּנים פאַרביטן. עס טראָגט זיך נישט מער דאָ אין דער לופט איר קול. עס האָט אויפגעהערט דער סקריפּ פון די זעגן און דער שטאָלענער געפּעך פון העק און די געקרעכצן פון די אַרבעטער. דער מיסחר איז געפאַלן, דער סקלאַד איז פאַראָרעמט, שיטער און צעוואָרפן זענען די שורות פּאַיאַנס און נישט מער אויסגעסדרט. אַ טויטער אָטעם שוועבט אין דער לופט, אַ נישט באַגריפענער געשפּענסט גראַפּטשעט זיך אויף די פּלויטן. אויך קונים פון די שטעטלעך און שטעט מיידן אוים אַהערצוקומען, ווייל אַז מען דערזעט פון דער ווייטנס ר׳ משהן, אין גאַנצן אַ גרויען, וואָס דערמאָנט אַ באַרג שניי, פאַרטרייבט ער אפילו די נאָענטסטע פריינד וויאָרסטן ווייט. אַזוי פאַרעלטערט איז ער געוואָרן דורך דער קורצער צייט. פון קאָפּ אָן ביז צו דער לאַנג צעוואַקסענער באָרד איבערן ברוסט זעט ער

אוים ווי איין גרויער געוועב. ר׳ משה ווארפט אַן אַ גרויליקן פּחד אויף מענטשן. זיין יעדער פּוסטראַט יאָגט אָן אַן אימה, יעדעס וואָרט זיינס — שרעק. אַ פּאַרטרונקענער אין צער און טרערן, אַן איינגעבויגענער אין אבלות נאָך אַ גאַנצער אויסגעשטאָרבענער משפחה, שלייכט ער זיך אַרום איינער אַליין איבערן לאַנגען צעפּוס־טעוועטן שטח פון פאַיאַנס־סקלאַד. יעדער העלער זונשטראַל פאַר־זיין פענצטער רופט ביי אים אַרויס דערמאָנונגען וועגן זיין ווייב פייגע, ווי זי שטייט מיט אַ גרויסן בוגט שליסלען אָנגעהאָנגען ביים ברייטן נגידישן פאַרטעך און נעמט איין דאָס דירה־געלט פון די היי־זער־איינוווינער. אָדער, ווי מען שעפּט וואַסער פון אַ טיפן ברונעם מיט אַן עמער, שטייט זי אַ גאַנצן טאָג פריטיק און נעמט אַרויס נדבות פון אידע ברייטע און טיפע קעשענעס פאַר אָרעמע פרויען, אַז זיי זאָלן האָבן שבת צו מאַכן.

זכרונות שווימען אַרויף אין זיין דימיון אויך וועגן זיינע פינף פאַרשטאָרבענע זין. בולט דערזעט ער זיי יעדן באַזונדער, די בלייכע צעשראָקענע ייִנגלעך.

פּלוצעם, אין סאַמע ערנסטן חשבון־הנפש, האָט אין ר׳ משהס זכרון, ווי אויף אַ צעשוימטן אויפגעבושעוועטן ים פון זיין לעבן, אַ פּליוסק געטאָן דער נאָמען צביה. נאָר זיינע ערנסטע מחשבות האָט איבערגעריסן לאהלעס קול:

— טאַטעשי, פאַר וואָס גייסטו נישט אַריין עסן? — האָט זי זיך געמאָנט ווי ביי אַ בעל־חוב ס׳איריקע.

— קינד מיינס, זיי וויסן — האָט ר׳ משה שטיל ווי נאָר מעגלעך אַ שעפּטשע געטאָן — איך גיי פאָרן ערגעץ אויספירן זייער אַ וויכ־טיקע שליחות.

באַלד האָט ער ווי אַ שאָטן זיך אַ שלייך אַריין געטאָן אין עס־צימער, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און דאָס לעפל געקעכטס איז אַ פולער געגווי ווי דער כזית ברויט פאַרבליבן נישט באַרירט ביי זיין מויל.

פּלוצעם האָט דורכן פענצטער, ווי אַ כוואַליע וואַסער אין אַ טייך, צו לאהלעס אויערן זיך אַ טראָג געטאָן אַ רוישיקע פרייד, אַזוינס וואָס איז איר שוין געווען פרעמד זינט איר פאַמיליע־אומ־גליק, עפּעס אַ הילכיקער געטומל. דאָס האָבן פאַרשפּרייט די דינסט־מיידלעך, וועלכע זענען געזעסן געבויגענע איבער די פולע באַליעס מיט וועש ביים ברונעם, מיט פאַרשאַרצטע הענט ווי זייער שטייגער. האָט דאָן לאהלע צעעפנט אַ שמאָלע שפּאַרע פון איר פענצטער, ווו

אַהין עס האָט אַריינגעבלאַנקט אַ גאָרשט לעצטע העלע אָוונט=טאָגיקייט, און דערזען האָט זי, אַז פּייוול קאָניאַזש, שרה סאַדאָווניקס זון פון די אָרעמע קעלערן, איז צוריק אַהיימגעקומען פון סלוזשבע מיטן זעלבן הילצערנעם בלויען זעלנער=קעסטל, וואָס זי האָט דעמאָלט געזען, ווען ער איז דערמיט אַוועקגעגאַנגען צוריק מיט דריי יאָר. און די דינסטמיידלעך לאַכן איצט פון צופרידנקייט און כאָטש פּייוול האָט אַלע מאָל געבענקט נאָך אַזעלכע מיידלשע געלעכטערן, האָט ער זיי איבערגעלאָזט מיט זייערע נאַסע רויטע הענט ביי די באַליעם שטיין, צעעפנטע מיילער פול מיט גערויש, און מיטן בליק האָט ער זיך דערנעענטערט צום פענצטער פון ר׳ משהם דירה, וואָס איז איצט געשטאַנען פינצטער און פאַרהאַקט; און ווי שטיינער, ווען מען וואַרפט אַריין אין אַ שויב, אַז זי זאָל זיך עפענען, האָט ער געוואָרפן אויף זיי זיינע פאַרחידושטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט, פאַר וואָס די רייכע גאַרדינען הענגען נישט מער דאָ ווי פריער איבער די צעגלאַנצטע שויבן. טונקל און אומבאַלויכטנקייט איז געשטאַנען דער הויף, ווי אויך ער וואָלט דאָ שבעה געזעסן נאָך דער אויסגעשטאָרבענער גבירישער משפחה. אַלץ איז געווען אין דער מרה=שחורהדיקער אומבאַלויכטנקייט און ווי אַלע צוזאַמען וואָלטן זיך צווישן זיך געסודעט וועגן זיין אייגענעם טרויער, פון וועלכן פּייוול האָט שוין געוווּסט ביים מיליטער, אַז ער איז אַ יתום געבליבן, אַז זיין גוטע מאַמע איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים בעתן רייסן דאָס אויבס אין סאָד און אַז זי איז געשטאָרבן. זי האָט אָבער נישט געקענט פריער די אויגן פאַרמאַכן, ביז דער גביר האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר פּייוולען אַריבערשיקן, פון צייט צו צייט, אין דער ראָטע אַ קערבל. דער גביר האָט דאָס טאַקע מקיים געווען און איצט האָט פּייוול געוואָלט אים זאָגן זיין דאַנק און אָנגעטראָפן אַ חוץ אים און לאהלען קיינעם נישט מער צווישן די לעבעדיקע, נאָר אויפן בית=עלמין. ביים אַוועקגיין האָט אין זיינע טראָט ווי אַ שלאַנג זיך מיטגעוויקלט אַ טרויער.

— — — — — — — — — — —

באַלד האָבן געגומען בלאָזן אין דרויסן ווינטן, איבערן שולגעסל האָבן זיך אַרומגעבלאָנדזשעט שופר=קולות, חזנים=תפילות, בעת מ׳האָט איינגעזונגען מיט די משוררים. דעמאָלט האָט ר׳ משה זיך געגומען גרייטן אין וועג אויפצוזוכן צביהן און בעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים מוחל זיין.

ער האָט עס דערציילט לאהלען.

— טאַטעשי קרוין, וואָס גייסטו דען אַזוינס טאָן ? עס שרעקט

מיר דאָס האַרץ. ווי, ווי, האָבט נישט צו מאָל באַווייזן מיך מגדל זיין לחופה. אַ פאַראייניזאַמטע, עלנט וועל איך דעמאָלט פאַרבלייבן אויף דער וועלט! — האָט לאהלע מיט אַ געבויגענעם גוף צו דער ערד אין זיך אַריינגעכליפּעט איר געוויין.

דער פּאָטער האָט ביים אַוועקגיין אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף איר קאָפּ, זי געבענטשט און געוואָרפן זיין לעצטן צעשיידונגס־בליק, וואָס האָט פאַרקילט איר בלוט.

שפּעטער האָט משה זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פור, ווען געזעם איז געווען אויסגעבעט פון היי, אַז די פרישע פעלד־ריחות האָבן פאַרריסן זיין אָטעם און אויפגעמונטערט האָפענונג אין זיין האַרץ, אַז ער וועט גליקן.

ר' משה איז איצט געפאָרן אין יענעם שטעטל צו צביהן ווי אַ מאָל מיט יאָרן צוריק. אָבער נישט מיט כוונות פון אָפּקויפן און געגאַרן, ווען ער האָט פון איר האַנט אָפּער לאהלען אַרויסגעכאַפּט, נאָר ווי אַן אָרעמאַן זיך אַוועקשטעלן פאַר צביהס טיר און בעטן, אַז זי זאָל אים מוחל זיין. אַן אויסערגעוויינלעכער כוח האָט אים איצט צו איר געטריבן געגנוי ווי אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען. אַ שרעקלעכער ווינט האָט די פור באַגלייט. באַלד האָט גענומען גיסן אַ רעגן און די רעדער האָבן זיך געטונקען אין די בלאָטעס, געפּירט אַ שווערן קאַמף נישט צו ווערן פאַרזונ־קען אין תהום און פאַרבלייבן אין מיטן וועג. ווען עס איז געקומען די צייט פון זונפאַרגאַנג, האָבן פלאַמען זיך צעשפּיגלט אין הימל, פאַר־צויגן מיט וונדער־געוועגדער פון געשפּענסטער איבער פעלדער און וועלדער.

עס איז געוואָרן פלוצעם פינצטער. אין ווייטן הימל־האָריזאָנט האָט זיך גערייכערט אַ גרויער נעפּל. אַ קילע פאַרע ווי אַ פּראָסט האָט געשלאָגן פון די פערדישע פּיסקעס און נאָזלעכער. פון מידקייט האָבן די פערד אין דער נידער הכנעהדיק פאַרבויגן די קעפּ. ענדלעך האָט דער בעל־עגלה זיך פאַרקירעוועט אויף אַ קרומען שאָסיי, ווו עס האָט זיך אויסגעשיילט אַ שטעטל.

דאָרט אין אַ געסל האָט פריער געוווינט צביה. נאָר היינט, ווען ר' משה האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר, האָבן פרישע פּנימער אים באַגעגנט און דערציילט, אַז זי ווינט שוין זייט יאָרן אין דער הויפּט־נאָס פון שטעטל מיט אַ רייכן מעל־סוחר, אַז אלמן, צו וועמען זי האָט אַ סך קינדערלעך געבוירן. איז ר' משה צופרידן געגאַנגען אין בית־מדרש דאַווענען מנחה־מעריב.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט

ביים אויוון פון בית־המדרש, ווו אָפט ס׳פאַרזאַמלען זיך סיי זומער סיי ווינטער די בעטלערס פון שטעטל און דערציילן צווישן זיך זייערע גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע פּאַסירונגען פון לעבן, און שפּינען אוים בכיוון, יעדער לויט זיין כוח־הדימיון, די פאַנטאַסטישע גוזמאות וועגן רייכע זאַטע סעודות. דערמיט ווילן זיי פאַרטרייבן זייער לאַנגווייליק, איבערדריסיק לעבן, טראַכטן צו גענמען פון גוטע מאכלים און פון אויסטערלישע ווייגען. ר׳ משה פּאַיאַנס־הענדלער איז איצט גישט ווי זיין שטייגער געשטאַנען איז שול צווישן מיוחסים ביי דער מיזרח־וואַנט, אָנגעטאָן גדלות־דיק אין אַ צעגלאַנצטער, גבירישער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, נאָר אין אַ צעדריוולטן, אָפּגענוצטן כאַלאַט ביים בית־מדרש־אויוון, ווי אַ בעט־לער צווישן אַנדער זיינס גלייכן און צוגעהערט ווי איינער האָט דער־ציילט:

— געווען איז אַ מאָל אַ גרויסער גביר אַ מכנים־אורח, איי־נער אין דער וועלט, וועמענס הויז איז געשטאַנען צעפּראַלט אויף אַלע טירן פאַר אָרעמעלייט און תלמידי־חכמים, וואָס זענען צו אים געקומען פון אַלע שטעט און שטעטלעך. און ווען זיין ווייב האָט געבוירן אַ יינגל, האָט ער געמאַכט אַ סעודה געגוי ווי אַ מלך, אַ קיסר פון אַ לאַנד! אַ מוהל אויסגעקליבן פון די סאַמע שמן־זית, אַ סנדק דעם פערל פון שטאָט, דעם גרעסטן למדן, און ווייז האָט זיך געגאָסן גאַנצע טעפּ, געצויגן פון די טייערסטע פירות, וואָס זענען געוואַקסן אין די באַרימטסטע גערטנער אין דער גאָרער וועלט, און פלייש האָט מען געטיילט, גאַנצע אויוונס מיט בראָטפאַנען און קאַרפּן פיש — הויכע סאַגאַנען, און די בכבודיקסטע פאַרבעטענע געסט זענען געווען סאַמע מדינה־גייער. אָרעמעלייט, פון דער גאָרער וועלט, ווייל זיין עשירות איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין גביר איז ביי אים נישט געווען קיין יחסן.

— אוואַ! אוואַ! שוין איין מאָל אַ גוט יידיש האַרץ! — האָבן די שנאָרערס פון גרוים התפעלות געשיבט זיך אַהין און אַהער, געקראַצט די פּליצעס אין בית־מדרש־אויוון. אויך ר׳ משה פּאַיאַנס־הענדלערס גאַנצער גוף האָט דעמאָלט זיך געבויגן אונ־טער זיינע ציטערנדיקע פים און ווי אַז אויפּברויז פון אַ ים האָבן געקוקט זיינע אויגן אינעם טונקעלן בית־מדרש־חלל מיטן גע־בלישטש פון משוגעת, דעם קאָפּ אַריינגענורעט צווישן די אַקס־לען און איינגעקנייטשט איז ער געווען, פאַרהויקערט ווי אַ במאַרע אין אַ ווינקל הימל פון אַ פינצטערער נאַכט. אַלץ האָט אויף אים

געפּלאַטערט : דער טלית־קטן, די צעהריוולטע איביצע און זייע ליפּן האָבן נאָך מער גענומען ציטערן מיט רייד צו זיך אַליין:

— אפשר מיינט מען דאָס מיך ? ווייל בעטלער, וואָס גייען איבער דער וועלט, דערציילן זיך איינס ס'אַנדערע כלערליי פּאַסירונגען, צעטראָגן עס איבער שטעט. איז עס טאַקע אמת, אַז פון אַלע סעודות אין מיין הויז שטיי איך איצט אַ בעטלער ; פון אַלע מיינע הויכע גאָרנדיקע קאָמיעניצעס שטיי איך איצט אַן איינזאַמער, אַן עלנטער און אפשר בין איך אין גאַנצן בלויז אַ צוגעטראַכטער נימשל פאַר די זינדיקע, וואָס דאַרפן רייניקן זייערע נשמות מיט תשובה. — און ווי ס'דאַכט זיך מיר אויס, בין איך קיין מאָל נישט געווען גליקלעך, נישט געהאַט קיין הויז, קיין ווייב, קיין קינדער.

אַזוי האָט ר' משה כסדר געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון בית־המדרש.

קאַפּיטל זיבן

צו מאָרגנס איז געווען ערב יום־כּיפּור. פון פרי ביז אָוונט זענען יידן געגאַנגען אין מרחץ אַריין און פון מרחץ מיט אויסגעצוואָגענע רויטע פּנימער, מיט ווייסע מזכיר־נשמות־ליכט אין די הענט, וואָס זיי האָבן איינגעקויפט אין די געוועלבער, געווונטשן זיך איינער דעם צווייטן אַ גמר כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאָר, געטראָגן אויף די פּלייצעס בונטן שמעקנדיקע היי אין די מיניגים אַריין פאַר די מתפּללים, עס זאָל זיין לייכטער צו שטיין אין די ווייסע זאָקן. אָט געגוי דעמאָלט, ווי אַ חיה אין אַ פאַרצוקנס־לויער, האָט משה אָפּגעוואַרט אַ שעה פון אַ גליקלעכן שעת הכושר, זיך צו לאָזן אין יענעם וועג, ווו צביה וווינט. ווען ער איז אָנגעקומען צו איר טיר אַ פאַרסאַפּעטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו כאַפּן אָטעם אין אַ מאָמענט פון ישוב־הדעת, און וואָס אַזוינס מיט איר צו רעדן, האָט ער באַקלערט. נאָר פּלוצעם האָט ר' משהן גענומען אויסדאַכטן, אַז ער זעט צביהן איצט שטיין פאַר די יום־כּיפּור־ליכט. ער דערהערט אירע רייד, זיי זענען אַזוי גאַל־ביטער און שפּיציק אויסגעשאַרפט ווי קריגסשפּיזן געצילט אין האַרץ פון אַ בלוטיקן שונא. גרויליק און גרוייזאַם יאָמערט זי אַריין אין די הייליק־צעצונדענע רויטע פלאַמען. און צווישן אַלע צביהס בקשות צו גאָט אין דער נאַכט פון כל־נדרי הערט ער אויך דייטלעך אָנרופן זיין נאָמען. אַלע מאָל פאַרענדיקט זי מיט אַ קוויטשנדיק ספּאַזמאַטיש געוויין :

— פאַר מיַין פאַרשעמונג, פאַר מיַין פאַרשעמונג, רבונו של עולם!

ער פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט בײדע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן פון אַ פיַיערדיקער קויל, וואָס איז געצילט אין אים. ער וואַרפט זיך אויף דער שוועל פון צביהס רײַכער הײם און וויינט. פּלוצעם האָט עמעצער פון אינעווייניק די טיר אויפגעעפנט און ר׳ משה האָט דערזען צביהן ביַי אַ וואַנטשפּיגל אין אַ ליכט־פלאַם, ווי איַינגערעמט. בײדע האָבן צעשראָקן צוריקגעטראָטן, ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט.

צביה האָט אויסגעזען נאָך יונג, אין רײַכער שײנער קלײדונג, אַרומגערינגלט פון אירע קלײנע שוואַרץ־חנעוודיקע מײדלעך, וואָס האָבן אין אײן קול צו ר׳ משהן געשריגן:

— איר זייט אונדזער פעטער דוד?

נאָר דערזעענדיק, ווי דער ייד מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם שטייט שווייגנדיק און צעשראָקן, האָבן זיי אַלע זיך שפּאַטיש צע־לאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ!

נישט בלויז צביה האָט זיך אָנגעשטעקט פון די קוויטשנדיקע קולות, וואָס האָבן זיך ווי וועלן אין אַ ים געהויבן און געפאַלן, נאָר אפילו די ווענט, די פענצטערשויבן האָבן זיך ווי געפלײסט הילכיקער צו לאַכן: כאַ, כאַ, כאַ!

אויפן ווונק פון דער מאַמען האָבן די מײדלעך צוזאַמען מיט דער דינסט זיך אַ שאָט געגעבן פון שטוב אין דרויסן און זייער האַסטיק לויפן האָט אָפּגעקלונגען איבערן ברוק דורכן פענצטער ווי אַ ווידערהאָלונג פון זייער געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ.

געוויינט האָבן דערביַי איַינציק ר׳ משהס טריבע אויגן, גרויע ברעמען און זילבערבאָרד און אויך אונטערן אָרעם זיַין טלית־זאַק, וואָס האָט זיך וואָס אַ מאָל מער און מער צוגעטוליעט צו אים, ווי אַ קינד וואָלט געוויינט אויף זיַין האַנט.

— צביה קרוין, איך בין געקומען צו דיר בעטן און פאַלן צו דיַינע פיס — זיי מיר מוחל! פאַר מיַין עוולה קעגן דיר האָט מיך גאָט באַשטראָפט — האָט ר׳ משה זיך צעיאָמערט.

— מיַין ווייב איז מיר געשטאָרבן, מיַינע פינף זין זענען גרויזאַם אַוועקגעריסן געוואָרן פון מיר. איצט האָב איך מורא פאַרן לעבן פון לאהלען! איך קען אָן דיַין פאַרגעבונג נישט האָבן קיין תיקון מער אויף דער וועלט!... זיי מיר מוחל! — האָט ר׳ משה זיך געשטיקט אין טרערן.

צביהס פּנים האָט מיט איין מאָל אויפגעלויכטן, אַ שטראַל געטאָן מיט איר אַמאָליקן מיידלשן חן. אירע געדונצלטע מיטעלע יאָרן זענען מיט איין מאָל אַראָפּ פון איר פּנים ווי אַ קאַלטער ווינטער טרעט אָפּ פאַר די ערשטע טריט פון פרילינג, און זי האָט זיך צעשריגן:

— משה, גיי דיר דיין וועג! בחנם זענען דיינע רייד, ווייל דיר וועל איך קיין מאָל אין מיין לעבן נישט מוחל זיין.

אירע קולות האָבן צעשראָקן די ברענענדיקע יום־כיפּור־ליכט אויפן טיש, און געגומען טריפן מיט חלב ווי מיט טרערן. צביהס צווייטער מאַן, ר' חיים זעלדעס, וועמענס נאָמען איז געווען באַקאַנט אין שטעטל, איז גראַד אַריינגעקומען פון דער לעצטער שטוב. ער איז געווען געקליידט אין אַן אַטלאַסענער שוואַרצער איביצע, אין סאַמעטן היטל און אַ פּאָר גבירישע שטיוועלעך, וואָס האָבן געסקריפּעט אין גאַנג. די פּאות און באָרד שוין גרוילעך ווי אַ שאָטן פון פאַרנאַכט. ער איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון זיין ווייב. אַ סברה, אַז ער האָט שוין פון צביהן אַ סך זיך אָנגעהערט וועגן איר ערשטן מאַן און דאָ פּלוצעם האָט ער אים דערזען פּנים אל פּנים און אויסגעשריגן: צי קען דען אַ מענטש און אפילו גאָט מוחל זיין אַזאַ גרויזאַמע עבירה ווי אָפּרייסן אַ קינד פון דער מאַמען? מער האָט ער גאָרנישט גערעדט, נאָר געקושט די מזוזה און אַוועק מיט צביהן ביי דער רעכטער האַנט צו כל־נדרי אין שול.

צעטומלט, פאַרשעמט און צעשראָקן איז ר' משה זיי פון הינטן אונטערטעניק נאָכגעגאַנגען און מיט אַ וואָגלענדיקער טרער אין אויג מיטגעבלאָנדזשעט, נאָכקוקנדיק זייערע טריט.

ווען ער איז שפּעטער אַרוים אין גאַס, האָט אין אַ ווינקל הימל געשטרייפט אַ רויטער פּאַס און זיך איבערגעוווּנקען מיט די סומנע יידיש באַלויכטענע פענצטער, וואָס זייערע מויערן זענען געווען ווי צונויפגעטוליעטע גופים פון אימה. און ס'האָט שטאָלץ איבערגעוואַקסן אַפּערגעקוקט ווי אַן אָדלערקאָפּ די מזרח־וואַנט פון גאָטס מקום־קדוש. אָט דאָרטן אין אַ ווינקל, וווּ אַהין די ליכטיקייט פון דער מנורה האָט נישט דערגרייכט און מתפּללים מיט טונקל־זעענדיקע אויגן, וואָס טראָגן ברילן אויף די נעזער, האָבן זיך נישט אַוועקגעשטעלט, האָט זיך היי־יאָר באַוויזן אַן אומבאַקאַנטער ייד מיט אַ זילבער־טלית־עטרה פאַרהילט איבערן ווייסן שטערן. ער איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענער ביי אַ שטענדער איבער אַ צעעפנט מחזור און ביי יעדער פאַרענדיקטער תפילה האָט ער אויסגעשריגן:

— אוי פאָטערל אין הימל, זיי מיר מוחל.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פאַרריכט דעם חזנס אַלט־

הייזעריק קול. דעם חזנס פנים איז פול מיט טיפע רונצלען, גרוי זיין באָרד, די אויגן פאַרוואָרפן הויך ווי צו אַן אָפענעם הימל און זיין יראת־שמימדיקע מראה איז אַריינגערעמט אין קיטל און טלית. ער שטייט, אַרונגערינגלט פון יונגע משוררים, וועלכע ציען אויף כלער־ליי קולות אַ יום־כיפורדיקן „אוי, אוי, איי!". זיי זענען אָנגעטאָן אין סאַמעט־קאַפּלען און צעצונדענע קנייטלעך פון מזכיר־נשמות־ליכט ווי אַ פאַנטאַן פון צעפלאַקערטע מנורות זענען צעשטעלט אין זאַמד־קעסטלעך און עס טיקט זיך אַ רויטער פלאַם ווי ביים פאַר־גיין אין מערב־הימל אַ צעשפיגלטע זון איבער אַ ים אין אַן אַרום שוואַרצע נאַכט־געבערג און גראָזיקע לאָנקעס.

פלוצעם גיט זיך אַ טראָג פון דער ווייבערשול אַ געוויין, ווי אַ זאַוויערוכע וואָלט אַ בלאָז געטאָן. נאָר דאָס איינציקע קול פון אומבאַקאַנטן ייד ביים שטענדער שרייט אַלעמען איבער אויף פּראָסט יידיש לשון:

— אוי פאָטערל אין הימל, זיי מיר מוחל!

און ווען עס קומט צו אשמני, קלאַפּט ער זיך אַזוי האַסטיק מיט די פויסטן אין האַרץ ווי מיט אַ שווער אויפגעהויבענעם האַמער אין די קלינגענדיקע שטיינער פון אַ גאַסנברוק.

אָפּט דאַכט זיך אויס, אַז אָט אָט וועט פון די קליידער אַפער זיין האַרץ אַרויסשפּרינגען ווי אַ פאַרבלוטיקט אָפּגעריסן אבר פון גוף און פאַר אַלעמענס אויגן זיך אַ וואָרף טאָן אויף דער ערד צו זיינע פיס און צעשרייען זיך אויף אַ מענטשלעך, יאָמערדיק קול:

— אוי פאָטערל אין הימל, זיי מיר מוחל!
— אוי פאָטערל אין הימל, זיי מיר מוחל!

— — — — — — — — — — —

ווי אַ שפּאַצירנדיק שיפל אין אַ לויטער בלוי טייכל איז היינט די בלייכע לבנה געמיטלעך, לאַנגזאַם געשווומען אין הימל. בעת יידן זענען געגאַנגען נאָך כל־נדרי אַהיים פון שול און דער משמש האָט פון צעטומלעניש פאַרגעסן די טיר צו פאַרשליסן און אַלץ איז געבליבן הפקר, איז דער אומבאַקאַנטער ייד ביים שטענדער נישט אַהיימגע־גאַנגען און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך אַרומגעשלייכט צווישן די זאַמד־קעסטעלעך מיט די צעפלאַקערטע מזכיר־נשמות־ליכט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיי און לאַנגע שעהן אַריינגעוויינט.

ס'האָבן קעגנזייטיק זיך אָנגעקוקט די זעלבע פייערלעך אין זיי־נע אויגן מיט די פייערלעך אין די ליכטפלאַמען, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערוועקן איינער ביים אַנדערן רחמנות־געפילן. פלוצעם האָט פאַר זיין פּנים אַ בליץ געטאָן דער פאַרביקער זונפאַרגאַנג אין בלויען הימל

פון לעצטן בין־השמשות פאר כל־נדרי און ער האט אויסגעשפּיגן זיין צעבלוטיקטע נשמה און געבליבן ליגן מיט פארוואָרפענע אויגן צום הימל, איינגעהילט אין א טלית אזוי ווי א צדיק, מיט א זילבער־עטרה אויפן שטערן צווישן צעפלאַקערטע מזכר־נשמות־ליכט...

— ברוך דין אמת! האבן געשעפּטשעט די ערשטע אָנקומענ־דיקע יידן צו מאַרגנס אין שול.

באַלד נאָך יום־כיפור איז דער מת געבראַכט געוואָרן צו זיך אין שטאָט. אין דער שול האָט מען אים געמאַכט א גרויסן הספד. רב חיים פרענקל, דער גרעסטער למדן, האָט געהאלטן א לאַנגע דרשה, באַווייזן דעם נפטרס גוטע מידות און איידל הארץ. דער רבי ר' איט־שעלע בכבודו ובעצמו האָט געזאָגט קדיש אויף ר' משהס קבר. די פיינסטע יידן פון שטאָט זענען נאָכגעגאַנגען זיין ארון.

לאהלע איז געווען נאָך די איינציקע, וואָס איז פארבליבן לעבן פון דער גאַנצער גרויסער משפחה. זי איז געזעסן איינע אַליין אין אירע אויסגעליידיקטע שטובן מיט אן איינגענורעטן קאָפּ אין א שווערן טוך, אזוי אָפּגעוואַרט די שעה פון שחרות און מנחה־מעריב. ווען ס'זענען זיך צונויפגעקומען יידן אין לאהלעס אומעטיקער היים און ווו מ'האָט מיט א מנין געזאָגט קדיש נאָך איר טויטן טאַטן..

אָט די צעשאָקלטע יידן מיט די שוואַרצע גאַרטלען און סאַמעט־קאַפּלען אויף די קעפּ און מיט אָבלדיקע פאַרציטערטע בערד האָבן אויף לאהלען אָנגעוואָרפן א פחד. זיי האָבן זיך פאר אירע אויגן אַוועקגעשטעלט אפילו ביי נאַכט אין שלאָף, זיי האָבן אָנגעווייעט פול מיט אומעט אַלע שטובן.

קאַפּיטל אכט

איין מאָל באַגינען זייער פרי האָט די שטאָט זיך גענומען איבער־וועקן. לאהלע האָט דעמאָלט אַוועקגעשאַרט פון פענצטער דאָס פּאָר־הענגל און דערזען, ווי ס'פאַרפאָרט א פורל צו איר שטוב און צוויי פאַרשוינען זענען אויסגעשטיגן.

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און ס'איז לאהלען באַפאַלן א שרעק — זי האָט אַליין נישט געוווסט פאר וואָס.

— איר זייט נישט אַמאָל די מומע טאָבטשע פון דרילטש? — האָט זי געפרעגט די אַריינקומענדיקע פרוי.

— ניין, קינדעלע — האָט די יידענע מיט גוטסקייט זיך צע־

שמייכלט און זיך געוואָלט וואַרפן אין לאהלעס אָרעמס און קושן זי. אָבער דאָס מיידל איז בלייך געוואָרן און דערשראָקן צוריקגעטראָטן.

— לאהשי, ס'איז געבעך ווי און ווינד, אַז דו דערקענסט נישט דיין אייגענע מאַמע — האָט די מוטער איר נאָכגעשריגן. איר קול האָט געציטערט און אָפּגעהילכט מיט שרעק. זי האָט גענומען רעד; אין איין אָטעם שנעל:

— לאהשי, דו הערסט, ווען איך האָב דיך איבערגעגעבן אין רשות פון דיין טאַטן, האָב איך זיך געפונען אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע, אַז כ'האָב אַנדערש נישט געקענט. ער האָט דיך ביי מיר אָפּ־געקויפט פאַר אַ נישטיקער סומע געלט צוליב הונגער, קראַנקייט, פאַרצווייפלונג. פון דעמאָלט אָן איז מ'שטיינס געזאָגט פייגע פאַיאַנס־הענדלערין דיין מאַמע געוואָרן און איך צו דיר גאָר אַ פרעמדע. על כן, לאהלע, דו וועסט מיט אונדז פאָרן, יאָ אָדער ניין?

— האָט די יידענע שוין היימיש זיך צעבייזערט און באַלד האָט אַ צע־לויכטענער נחת־שמייכל באַדעקט איר פּנים. דער זעלבער שמייכל איז אויך איבערגעגאַנגען אויף איר מאַנס באָרד, וואָס האָט די גאַנ־צע צייט געשוויגן.

— מענטשן גוטע! — האָט לאהלע זיך אויפגעשטעלט פּלוצעם און געזאָגט:

—כ'בעט אייך, פאָרט געזונטערהייט און מיך לאָזט אין מיין פאַרצווייפלטער לאַגע. אייער אָנבאָט וועל איך נישט אָננעמען! איי־ער טובה וועל איך אויסמיידן. פייגע די פאַיאַנס־הענדלערין פאַר־בלייבט אפילו נאָך איר טויט מיין מאַמע! כאָטש איך בין נישט קיין זון, וועל איך אויף מיין מיידלשן אופן נאָך איר קדיש זאָגן. לאָזט מיך, לאָזט מיך! — איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אַזוי טעג לאַנגע האָט זיך פאַרצויגן דער וויכוח צווישן לאהלען און דער יידענע. איינע האָט געהלשט און די אַנדערע האָט געוויינט. שכנים זענען אָנגעקומען, אויפגעמונטערט מיט קאַלט וואַסער, איינ־געשטילט. דער סוף איז געווען, אַז צביה איז מיט איר צווייטן מאַן געפאָרן אַהיים אָן לאהלען. איינגענורעט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען האָבן זיי זיך געוויגט אויפן פורל ווי נאָך אַ לוויה. זייערע פּנימער האָבן אויסגעזען צעצויגן דאַר און אויסגעבלייכט ווי נאָך אַ לאַנגן תענית. פאָרנדיק אַהיים איז אויפן גאַנצן וועג דאָס פעלד געשטאַנען ליידיק, פאַרלאָזן, אַלץ האָט זיך אויסגעדריקט ווי באַטייליקטע אין זייער אומעט..

נאָר אויפן הויף פון לאהלען האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ געדודער. מיט אַ מאָל האָבן די שכנים גענומען זיך סודען אין דער שטיל און שפּעטער זענען זיי שוין איבערגעגאַנגען אין אָפענע רייד. איינער

האָט זיך געשטעלט ווי אַ גבית-עדות און זיך געשווירן, אַז אין דער נאַכט פון דער גרויסער שריפה אין ר׳ משה פּאַיאַנס-הענדלערס הויז איז ער גראָד געשטאַנען אויף זיין באַלקאָן און דערזען לויפן אַ פרוי מיט אַ נאַפטקאַן אין האַנט, אַ צעשויבערטע ווי אַ משוגענע, און האָט גרויליק געשריגן:

— כ׳האָב דערלעבט מיין נקמה, וואָס עס ברענט דאָס פאַרזינ-דיקטע הויז, דאָס פאַרשאָלטענע פון גאָט! זאָל עס פאַליען העלער אין פלאַמען!

אַזוי שרייענדיק איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן אויפן פינצטערן טראָקט. איצט האָט ער די אונטערצינדערין פון ר׳ משהס הויז דער-קענט, נישט בלויז דורכן פנים, נאָר אפילו דורך איר קול, ווען זי האָט זיך געאַמפּערט מיט לאהלען, אַז זי זאָל מיט איר פאָרן אַהיים. צוהערנדיק די רייד האָבן איבער דעם מיידלס בלייכן פנים זיך צע-שפּרייט בושה-פלאַמען, ווייל איר ריכטיקע מאַמע איז נישט געווען פייגע, נאָר יענע פרוי, וואָס האָט פון נקמה אונטערגע-צונדן איר טאַטנס הויז, און די נאַכטשרעק האָט סוף כל סוף גורם געווען דעם טויט פון איר גאַנצער משפּחה.

— הייסט דאָס, האָט לאהלע באַשלאָסן — דורך מיר איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק און איך מוז פון שטאָט אַנטלויפן, אי-בערלאָזן דעם רעשט פון פאַרמעגן די בעלי חובות, וואָס וועלן זי-כער קומען אויפמאָנענ און צונעמען אַלץ פון שטוב.

מיט טרויער אין די אויגן האָט לאהלע געכאַפּט אַ קליין וואַליזקעלע אין האַנט און דערין אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר שטיק-לעך ריינע וועש, אַ צוויי קליידלעך, אַז זי זאָל האָבן זיך איבערצוטאָן אין דער פרעמד, און זי איז אַוועק אויפן לובלינער טראָקט, וווּ ס׳גייען אָפּ פורן אין שכנישע שטעט. אויפן וועג האָט זי דערזען אַ בעטלער שטיין אָנגעשפּאַרט ביי אַ פּלויט. זיינע אויגן, מיט רויטע בלוט-שנירלעך, ווי לאַמפּאַסקעלעך, האָבן טריב געקוקט און זיינע ליפּן, פאַרטריקנטע און געשלאָסענע, האָבן קוים זיך באַוויגן... ניין! ער האָט ביי די פאַרבייגייער גאָרנישט געבעטן, צו מאָל קיין מענטש-לעך פנים נישט געווען דרייסט אָנצוקוקן, בלויז ער האָט באַ-מערקט זייער גלייכגילטיקייט, אַז קיינער פרעגט נישט און פאַר-טראַכט זיך נישט וועגן זיין נויט.

אַ ווילדע צעפּלאָשעטע באָרד האָט געציטערט אַרום זיין געל-וואַקסיק, געדונצלט פנים און אַ טיפער געדונצל אין זיין שטערן, אין וועמענס ווינקלען עס האָבן זיך געשלענגלט בלויע אָדערן. אַזוי איז ער געשטאַנען מיט אַ פאַרשעמטן קאָפּ, אַן איינגעבויגענער. ער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ זקן, כאָטש ער איז נישט געווען אַזוי אַלט. לאה-

לע האָט אים אין דלאָניע אַרייגגעוואָרפן איינע פון אירע לעצ־טע מטבעות און ער איז געוואָרן ווי אויפגעציטערט און לאַנג זיך פאַרקוקט אויף איר פנים, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, אַז ס'איז נאָך עמעצער פאַראַן מיט אַ מענטשלעך האַרץ, וואָס האָט רחמנות.

שפּעטער איז לאהלע מיט אַ בעל־עגלה אַדורכגעקומען וועגן מקח, וואָס זי האָט אים באַלד באַצאָלט, און איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ פור, כדי אָפּצופאָרן ווייט־ווייט, ווו קיין מענטש קען זי נישט מער און ווייסט גאָרנישט פון איר פריערדיקן לעבן.

אָוונטצייט איז דאָס מיידל אָנגעקומען אינעם שטעטל מיט נישט־ברוקירטע געסלעך, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ פערדמאַרק פאַר יאָר־יאַרידים. געטראָגן אין האַנט האָט זי איר וועש־קופערטל, איר איינציקן פאַרמעג. זי איז שטיין געבליבן אויפן מאַרק, האָט זיך אַרומגעקוקט און נישט געוווּסט ווו צו שטעלן דעם ערשטן טראָט און ווו אָנצוקלאַפּן, ווייל יעדע טיר דאָ איז געווען פאַר איר פרעמד.

זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי אַ פענצטער, פאַרשטעלנדיק די ליכטיקייט, וואָס האָט געשפּאַרט דורך די שייבלעך פון אַ וועש־מאַנגל.

אין דער מינוט האָט זי פּלוצעם דערהערט עמעצן אויסרופן איר נאָמען און זי האָט דערזען, ווי פונעם מאַנגל לויפט צו איר האָס־טיק אַרויס אַ דאַרע פרוי מיט אַ טיכל אין די אויגן. געמיינט האָט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידל, אַז יענע וויל זי פאַרטרייבן פון דאַנען.

לאהלע! — האָט זי אָבער ווידער אַ מאָל דייטלעך געהערט רופן איר נאָמען.

זי האָט אָנגעקוקט די פרוי און אויסגערופן מיט חידוש און איבעראַשונג:

— יאַדוויגאַ!

יאַדוויגאַ איז אַ מאָל געווען אַ דינסט אין רייכן הויז פון אירע טאַטע־מאַמע, ווען לאהלע איז נאָך געווען אַ קינד.

איצט האָבן זיך ביידע צעקושט צוליב דער גרויסער פרייד, וואָס זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט...

— וואָס טוסטו דאָ, לאהלע? אַך, ווי בלאַס דו זעסט אויס. ווו גייסטו עפּעס מיטן קופערטל אין האַנט?

— כ'בין דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, יאַד־וויגאַ... כ'האָב אפילו נישט ווו איבערצונעכטיקן. נעם מיך צו דיר אין וועשמאַנגל, כ'וועל דיר העלפן אַרבעטן. פון מיין טאַטנס פאַרמעגן איז מיר נישט פאַרבליבן קיין פרוטה. זעסט מיין קופערטל? אָט דאָס איז מיין לעצטער האָב און גוטס. כ'בין הונגעריק און כ'האָב נישט

פאַר וואָס זיך צו קויפן אַ שטיקל ברויט — האָט לאהלע טרויעריק געזאָגט.

יאַדוויגאַ האָט דאָס מיידל געגלעט און זי געטרייסט:

— כ'וועל זיין פאַר דיר אַ מאַמע, ווי גאָט איז מיר ליב. כ'בין פאַרבליבן אַליין אָן אַ מאַן, אָבער כ'נעם דיך אַריין צו מיר. וועסט אַרבעטן אין וועשמאַנגל מיט מיר צוזאַמען. קום! וואָס שטייסטו? כ'וועל דיר געבן עפּעס איבערצוכאַפּן. האָסט נאָך היינט אוודאי אין מויל נישט געהאַט.

זייט דעמאָלט איז לאהלע שוין פאַרבליבן וווינען ביי איר.

*

איין מאָל, ווען לאהלע האָט אָפּגעטראָגן אַ פּאַק געמאַנגלעוועטע וועש צו אַ יידישער שטעטלשער גבירטע, האָבן שימעלע בליאַכאַזש און בערעלע רימאַזש זי דערזען צום ערשטן מאָל. זיי זענען געווען די גרעסטע ווילדע־יונגען פון גאַנצן פערדמאַרק. אַז זיי פלעגן נאָר דערשנאַפּן ערגעץ אַ ניי־אָנגעקומען שיין דינסטמיידל אין אַ גביריש הויז, פלעגן זיי זיך גלייך צו איר נעמען טשעפּען.

— זע נאָר, ווי די מויד פון וועשמאַנגל בלאָזט פון זיך! — האָט זיך אָפּגערופן אַנומלט שימעלע בליאַכאַזש, מיטן געדיכטן באַ־שפּרענקלטן פּנים און דער פלאַטשיקער נאָז, צו בערל רימאַזש מיט די געשטופּלטע באַקן.

טאַקע צו מאָרגנס האָבן זיי לאהלען פאַרהאַלטן אין מיטן וועג, ווען זי איז געגאַנגען אָפּטראָגן אַ פּאַק וועש פון מאַנגל. זי האָט זיי גאָרנישט געזאָגט, נאָר געגעבן זיי אַזאַ שטאָלצן מעסט אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ, אַז זיי זענען געוואָרן געפּלעפּט פון איר בליק און האָבן געלאָזט פריי דעם וועג. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען פייוול קאָ־ניאַזש פון איר שטעטל. ער איז דאָ געקומען אויף אַ פערדיאַריד און האָט פּלוצעם דערזען לאהלען אַ הילפלאָזע צווישן שימעלע בליאַ־כאַזש און בערעלע רימאַזש. ער האָט באַלד אַ פרעג געטאָן ביי די יינגען, וואָס זיי ווילן פונעם מיידל האָבן. לאהלעס אויגן האָבן זיך צע־שטראַלט מיט צופרידנקייט.

אויפן וועג האָט פייוול מיט אַ מאָל פאַרלוירן דאָס לשון, אַראָפּ־גענומען פון לאהלעס אַקסלען דעם שווערן פּאַק וועש און געהאָלפן איר אים צוטראָגן אויפן באַשטימטן אָרט. שפּעטער האָט ער זי אויך אָפּגעוואַרט, ווען זי איז צוריקגעגאַנגען אין מאַנגל צו איר אַרבעט. ער האָט איר גאָרנישט דערציילט, אַז מיטן מאָמענט, ווען ער, פייוול קאָניאַזש, האָט לאהלען דערזען, איז אים געוואָרן מיט איין מאָל אַזוי גוט אויפן האַרץ און קלאָר אויפן געדאַנק, אַז די דריי פינצטערע

סאָלדאַטסקע יאָרן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, זענען פון זכרון מיט איין מאָל ווי פאַרווישט געוואָרן.

נאָך יענער באַגעגעניש מיט לאהלען איז ער אַוועק צו גימפּל שדכן און געהייסן זיך רעדן דעם שידוך מיט לאהלען.

דאָס, וואָס פּייוול קאָניאַזש איז שוין אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, איז לאהלען אויך געפעלן געוואָרן. ער איז טאַקע אַ פּראָסטער יונג, אָבער דערפאַר אַן אָרנטלעכער. אַזאַ חשבון האָט לאהלע געמאַכט און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, זענען זיי, פּייוול און לאהלע, געוואָרן חתן־כלה. אַ סך מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט, אַז פון דעם שידוך זאָל ווערן.

פּייוול קאָניאַזשס קאָנקורענטן, בערעלע רימאַזש און שימעלע בליאַכאַזש, האָבן שיער נישט געפּלאַצט פון קינאה.

— אַ מזל האָט דאָס דער יונג! — האָבן זיי געוואָרטשעט צווישן די ציין.

און טאַקע אין דער נאַכט פון דער חתונה, פאַרן אַרויספאָרן אויף דער סאַליע, ווען דער חתן פּייוול קאָניאַזש איז אַרומגעלאָפן צווישן זיינע „פּשיאַטשעלעס“ צו פאַרבעטן זיי, האָבן שימעלע בליאַכאַזש און בערל רימאַזש אָפּגעוואַרט פּייוולען אין גאַס און זיך מיט אים פאַרמאָסטן ווי עס געהער צו זיין. ער איז זיי אָבער בייגעקומען און מיט אַ צעביילטן שטערן און אַ צעגראַטשעט פּנים איז פּייוול געגאַנגען צו דער חופּה.

קיין זייער גרויסע סעודה איז נישט געווען. קיין רייכע דרשה־געשאַנקען זענען נישט געגעבן געוואָרן. קיין פריילעכע בדחנות איז דאָ נישט געזאָגט געוואָרן, אָבער דער טאַנץ האָט זיך געצויגן ביז אין העלן טאָג אַריין.

פאַר די קאַרגע שכירות, וואָס לאהלע האָט אָפּגענומען, האָט זיך דאָס גייע פּאָרפאָלק געדונגען אַ קליין פאַציאַט־שטיבל און זיך באַשטעלט אַ פּאָר דעמבאָווע בעטן ביי פּישל סטאָליער. זיי האָבן געקויפט אַ הילצערנעם מלבושים־הענגער און שפּעטער צו אויך אַ גרין געפאַרבטן קופערט, ווו לאהלע האָט אַריינגעלייגט אַ ביסל וועש און ס'גאַנצע ביסל אָרעמקייט.

געוווינט האָבן זיי אין זעלבן שטעטל ווי יאַדוויגאַ.

באַלד אין זעלבן יאָר האָט לאהלע געבוירן אַ ייִנגל. אַ נאָמען געגעבן האָט מען אים נאָך די זיידעס פון ביידע צדדים: משה־איציק. דעמאָלט האָט די שטוב ווידער צוגעקראָגן אַ פריש מעבל־אַנטיקל — אַן אַלט, סקריפּענדיק, אָפּגענוצט וויגל, וואָס האָט זיך היין און צוריק געוואַקלט ווי אַ קאַליקע.

קאַפּיטל נײַן

— אוי ווײ, ווי אַזוי קומט צו מיר אַזאַ שײן ײנגעלע? מיט אַזוי פיל זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים! אין גאַנצן געראָטן אין טאַטן! האָט לאהלע געזאָגט, נאָך ליגנדיק אין בעט מיטן קינד, און אַרײַנגעלאַכט אין מאָרגנליכט.

— פּייוול קרוין — האָט זי זיך גענומען חנדלען פאַר איר מאַן און שפּאַסן מיט אים, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט — אײגנט־לער, וואָס אַזוינס האָב איך אין דיר דערזען? נאָך ביז היינט קען איך נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס כ'האָב גלייך מסכים געווען מיט דיר חתונה צו האָבן.

און פּייוול האָט זיך גענומען פאַרענטפערן און לאהלע האָט גע־לאַכט מיט אַ דין געלעכטערל.

— איך בין גליקלעך, פּייוול קרוין, איך בין גליקלעך און אפילו איבערגליקלעך, איבערהויפּט ווען איך האָב מיט דיר אַזאַ ליב קינד ווי משה־איציקל.

אַזעלכע האַרציקע זיסע שמועסן צווישן יונגן מאַן און ווייב, פּייוול און לאהלען, דריי יאָר נאָך זייער חתונה, פלעגן אָפט ביי זיי פאָרקומען אין די שבת־פרימאָרגנס, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און לאַנגזאַם האָט גענומען דאָס מאָרגנליכט ווי באַלעקן די שויבן פון קליינעם שטובפענצטערל.

כדי נישט איבערצוּוועקן די שכנים, פלעגט דאָס פאַרליבטע פאָרפאָלק, אין די בעטן ליגנדיק, נאָך זייער לאַנג אַרײַנשעפּטשען זייערע צערטלעכע רייד אין דער מאָרגן־שטילקייט פון פריש־אויפ־גייענדיקן שבת. שפּעטער, נאָכן אָפּעסן דעם טשאָלנט, פלעגן קומען צו פּייוול קאָניאַזש אין שטוב אַריין סאַמע גוטע־ברידער, אויך קאָ־ניאַזשעס ווי ער, און מאַכן אַ בשותפותדיקע „פונדע". דעמאָלט האָט זיך געקענט אויסדראַכטן, אַז ביי פּייוולען קומט פאַר אַ המשך פון אַ וואָכעדיקן משא־ומתן.

איינער האָט באַזאָרגט פון אַ גאָרקיך געבראָטענע גענדז, אַ צווייטער פון אַ ביוואָרניע געפּעפּערטע אַרבעס, וואָס רופט אַרויס דאָרשט, און פּייוול אַליין האָט געברענגט פון סטעפּאַן קאַזשימיעזשס ברויעריי אַ פעסל ביר און אַרײַנגעזעצט דערין אַ מעשענעם לאַנגן צאַפּן. דערמיט האָט ער אַרויסגעצאַפּט דאָס ברוין־געלע גע־טראַנק אין בלעכערנע קוואָרטן און טייגלעזער. אין זייער זוים

האָט זיך אַרומגערעדלט אַ ווייסער שוים ווי אַ געמאַנגלעוועטער קאָלנער ביי אַ שבת־העמד.

דעם הויפּט־אויבנאָן האָט פאַרנומען פּייוול. ער האָט פלייסיק געצאַפּט דאָס ביר און געטיילט. לאהלע האָט צוגעקוקט מיט אַ צו־פרידענער מינע, ווי איר מאַן שטייט אין דער ווערסט, אָן אַן אויבער־מלבוש, אַ צעיאַכמערטער, און אַרום אים זיצן גוטע־ברידער און שלינגען מיט גרויס אַפּעטיט דעם ווייסן געגדזענעם ביילעק, גריזשען די ברוינע, זאַפטיקע ביינער, באַלעקן די איינגענע פאַרפּעצטע ליפּן און קלאַפּן זיך גוט־ברודעריש אין די פּלייצעס. יעדער זעץ קלינגט אָפּ אין דער שטוב, ווי אַ ווינט אין דרויסן וואָלט אַ בוים צו דער ערד אַ שליידער געטאָן און אים אויסגעבראָכן ביזן וואָרצל. נאָך אַזאַ שבת־„פונדע" מוז דערנאָך קומען אַ וואָך פון פאַרדינסטן אויף פּרנסה; עס פאַרפאָרן פּויערים פון די דערפער צו פּייוול קאָניאַזש אין שטוב אַריין און פאַרבלייבן ביי אים נעכטיקן, כדי באַגינען, גלייך מיטן בליאַסק פון נייעם טאָג, זאָלן זיי צוזאַמען אַוועק אויף אַ פערדיאַריד.

אָט פאַר די דאָזיקע דאָרפסגעסט גרייט לאהלע צו אַלע מאָל פרישע געלעגערס אויף פאַרלאַטעטע שטרויזעק איבערגעדעקט מיט איינגענע סוקמאַנעס און פעלצן. זיי לאָזן גאַנצע נעכט קיינעם נישט אין שטוב קיין אויג צוטון. זיי סגאַמליען וועגן זייערע גוט־מעלקנ־דיקע קי, אַרבעטזאַמע פערד, שווערוואָגיקע חזירים, פּאָלוואַרקן און וועגן זייערע יאָר־איין, יאָר־אויס מעוברתדיקע ווייבער. און ווען עס נעמט בלויען אין פענצטערשויב ביים ערשטן מאָרגנקריי פון ערגעץ אַ שכנותדיקן האָן, טוט פּייוול אָן זיין טלית און תפילין און די פּוי־ערים, זעענדיק ווי ער קרעמפּעוועט איין זיין האַנט מיט עפּעס אַ רי־מען, גלאָצן זיי אויס רונדיקע שקלאָגענע אויגן, פול מיט פאַרוווּנדע־רונג אויף דעם און אויף זיין אויסטערלישן מאָדליען זיך.

שפּעטער נעמען אָט די זעלביקע פּעסטע פּויערים ווי די וואַלד־ביימער, וואָס זייערע קעפּ פאַרטשעפּען זיך מיט די סופיט־בעלקעס, אַרונטערשיטן פון דער הויך־שטאָטישער, שטאָקיקער געביידע מיט אַזאַ טראַסק און געטופּ, ווי אַ גאַנצע סטאַינע פערד מיט באַנגעל־מע פּאָדקאָוועס וואָלט זיך אין אַ געיעג צעבריקעט, אַז עס דאַכט זיך אויס, ווי דאָס גאַנצע הויז, פון קעלער אָן ביזן בוידעם, נעמט זיך וואַקלען און די ציגל פון די מויערן איינציקווייז זיך צע־שיטן. און ווי אַ כלאָפּ צווישן כלאָפּעס זיצט דעמאָלט פּייוול אַרומגע־רינגלט פון דאָרפישע „קומעס", מיט פּוטערנע צאָפּעס פאַררוקט טיף ביזן האַלבן פּנים. אין וועג קיין לענטשנע, אויפן פערדיאַריד, פאָרן זיי און פּלוידערן אַלץ אָן אויפהער וועגן זייערע פּאָלוואַרקן און

מעוברתע ווייבער און פּייוול מיט די לייצעס אין די הענט פּאַרענדיקט דעמאָלט זיין נאָך אין דער היים אָנגעהויבן דאַווענען.

די פּוילישע וועגן ציען זיך לאַנג און ברייט. פון צייט צו צייט גיט דער אָנטרייבער אַ צי די לייצעס, אַז דאָס פערד זאָל זיך אָפּשטעלן, ווייל מען מוז אַראָפּגיין אַ שמועס טאָן מיט אַ היימישן פּויער. פּייוול קאָניאַזש קען געגוי אָט די שליאַכן, שאָסייען, גלייכע און קרומע, אַלייען און שמאָלינקע סטעזשקעלעך, סיי אין ווינטער, ווען זיי ליגן באַלייגט מיט הויכע שנייען, ווי אויסגעשפּרייטע בעטגעוואַנטן, סיי אין זומער, מיט בליאונג און צעגרינטע, הויך־געוואַקסענע גרעזער ביי די זייטן. אפילו די הינט בילן נישט קעגן פּייוול קאָניאַזש דורך די אַרומגעצוימטע פּלויטן, נאָר שיקן אַרויס בלויז שאַרפע, צעשליפענע בליקן, בעת אַרום ציטערן די פעלדערביימן מיט פולע קאָרנזאַנגען, צעוואַקלט פון ווייכע, צאַרטע ווינטעלעך.

אָט אַזוי ציט זיך דאָס לעבן ביי פּייוול קאָניאַזש. ווו נאָר אַ גאָענטע יאַזדע וועגן אַ מיסחר, נעמט ער מיט אין דער מאַמעס דאַרקע אַרומגעטוליעט דעם פּיטשינקן משה־איציקל אויף די קניען. די מאַמע ציטערט, אַז דאָס קינד זאָל זיך נישט פאַרקילן, און שיקט אים מיט פיל ברכות אויפן וועג. זי גייט נישט אַוועק פריער, ביז די פור רירט זיך. אַזוי פון יאָר צו יאָר וואַקסט אויס משה־איציקל מיט אַ האַרץ פול ליבשאַפט צו די שיינע פּוילישע פעלדער, שליאַכן און שאָסייען. ער איז געגוי אַזאַ בעל־חלומות ווי זיין טאַטע, ווען ס׳דאַכט זיך אויס, אַז גאָט האָט נאָר די וועלט באַשאַפן, כדי פּייוול קאָניאַזש זאָל קענען אַריינשמועסן מיט זיין יונגער פרוי לאהלע אין די שטילע מאָרגנס אַזוי צאַרט און ווייך, אַז עס זאָלן נאָר קענען הערן די באַשאָטנטע ווענט פון דער שטוב:

„לאהשי קרוין.. לאהשי קרוין...“

אָט די דאָזיקע מינוטן זענען ביי פּייוולען געווען אַזוי זיס, ווי פידלען וואָלטן צו אים אַריינגעשפּילט דורך די פענצטערשויבן מיט די דינסטע, פיינסטע טענער פון מאָרגנליכט.

די גליקלעכע מאַן־און־ווייב חלומען דעמאָלט אויס די צוקונפט פון זייער משה־איציקל: ער וועט לערנען אין גרויסע ישיבות, ווען ער וועט אויסוואַקסן, און ווערן אַ בעל־קורא, אָבער נישט אין אַ בידנער קצבים־שול, ווי חיים טאַנדייטערס זונדל, נאָר דווקא אין דער גרויסער שטאָטשול און אפשר גאָר וועט ער ווערן אַ רב און טאַקע אין דער פרעמד, ווו ער וועט האַלטן אַ דרשה פאַר אַן עדה יידן, וואָס וועלן אויפשטעלן מויל און אויערן, באַוווּנדערן זיין חריפות און ס׳וועט אויסברעכן אַ מחלוקה אין שטאָט: דער פּראָסטער

עולם וועט קלאַפּן אין די שטענדערס, אַז דווקא משה־איציק זאָל ווערן רב, נאָר די למדנים וועלן נישט מסכים זיין, אַז אַ זון פון אַ פּראָסטן פּערדמעקלער זאָל ווערן עולה לגדולה.

אָט דאָס אַלץ ווערט צווישן פּייוולען און לאהלען אויסגעחלומט אין יענע פאַרטאָגן פון די שבתים און עס זעט ביי זיי אויס, אַז נישט צוליב עפּעס אַנדערש האָט גאָט באַשאַפן אַזאַ בלויען אויסגע־שטערנטן, באַזילבערטן הימל, וואָס שפּרייט זיך אויס אַלע מאָל אי־בער דער שטאָט יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס אַזוי לויטער ווי אַ כישוף, ווי נאָר כדי אַז אין יענע גליקלעכע שבת־פרימאָרגנס זאָל דער יונ־גער גוטער פּייוול אין בלויען, אויפגייענדיקן ליכט פון טאָג שעפּ־טשען: „לאהשי קרוין, לאהשי קרוין...‟ און אַז צום גיין דאַווע־נען אין שול זאָל ער זיך אָנטאָן אַ קלאָר־געמאַנגלעוועט העמד און שפּעטער, נאָכן עסן די שבת־סעודה, זאָלן זיך צונויפקומען ביי אים אין שטוב גוטע־ברידער, סאַמע קאָניאַזשעס, און צאַפּן אין בלע־כערנע קוואָרטן און גלעזער דאָס שוימיקע געלע ביר. פאַרן ביר באַ־צאָלט נישט פּייוול קאָניאַזש, נאָר באַקומט עס אַ מתנה אין דער ברויערײ, וואָס איז אין שותּפות מיט פּינקוס פּאַסכאַלסקי, ווייל ער איז נישט בלויז פאַן פּאַסכאַלסקיס פערדמעקלער, נאָר אויך זיין „יעלגער‟ גוט, וואָס געפינט זיך צווישן בלומענגערטנער און סע־דער הינטער דער שטאָט, האָט פּייוול געקויפט פאַר פּאַסכאַלסקין.

פאַן פּאַסכאַלסקי איז נישט געווען קיין היגער, נאָר אַן אַהער־געקומענער פון דער פרעמד, וואָס האָט זיך דאָ איינגעקויפט גרויסע ערד־שטחים, פון אייביק אָן אומבאַוווינטע, ווו ווילדע גרעזער האָבן באַדעקט זייער אויבערפלאַך. ער האָט געלאָזט אויסבויען הויכע כּוויערן און אַהערגעבראַכט ספּעציאַליסטן, בעמיקער פון זייער ווייט, און מיט אַ מאָל איז אין דער שטאָט אויסגעוואַקסן אַ וועלט־לעכע, מאָדערנע גאַרבערײ, וואָס אירע יוכטן, פּזשיסוועס און זוילן־לעדער זענען זיך צעגאַנגען ווייט איבער רוסלאַנד. און כאָטש עס זענען שפּעטער אויפגעקומען פּוילישע קאָנקורענטן, וואָס האָבן אָנ־געוויזן די קונים אויפן יידישן אָפּשטאַם פון פּינקוס פּאַסכאַלסקי, הגם ער האָט אים מיט עקשנות פאַרלייקנט, איז זיין גרויסע עשירות פון טאָג צו טאָג געוואַקסן. אין כאַראַקטער איז ער געווען אַ בייזער, אַ מגושמדיקער מענטש. ער פּלעגט שלאָגן זיינע אַרבעטער, קאָנ־טאָר־שרייבערס און ווערקפירערס. ער האָט ליב געהאַט אַ כאַפּ צו טאָן ביים קאַרק אַפילו דעם חשובסטן פון זיינע אָנגעשטעלטע און אַ שליידער געבן אונטער דער טיר, אַז יענער זאָל אַ הונגעריקער דערנאָך זיך אַרומדרייען ביי די גאַרבערײ־טויערן און זיך בעטן, אַז מען זאָל אים אָננעמען צוריק צו דער אַרבעט.

איין מאָל איז פּייוול קאָניאַזש געקומען צו פּאַן פּינקוס וועגן
אַ מיסחר, געזוכט צו פֿאַרדינגען אַ קערבל, ווייל לאהלע איז גראָד גע=
לעגן אין קימפּעט מיטן צווייטן יינגעלע לייזערל און ער האָט גע=
וואָלט פּראַווען אַ לייטישן ברית. האָט פּאַן פּינקוס זיין גרויסן מאָפּס=
הונט אָנגערייצט אויף דעם מעקלער און אים שפּעטער פון קאַנ=
טאָר אַרויסגעטריבן מיט גרויס בושה. דערנאָך, מיט טעג שפּעטער,
האָט ער ווי אַלע מאָל אויף זיין ברישקע זיך אַרויפגעזעצט און
דעם סטאַנגרעט באַפוילן צו פֿאָרן מיט אים צו פּייוול קאָניאַזש, כדי
צוזאַמען פון דאָרט אַוועק צו אַ פּאַראָרעמטן פּוילישן פּירשט אָפּצו=
קויפן אַ וואַזשנע יחוסדיק פערד. אָט אַזוי פלעגט דער פּאַן טאָן,
ווען ער האָט אויף שנעל זיך גענייטיקט אין פּייוול קאָניאַזשס
מבינות. אָבער אַנדערש ווי שטענדיק איז געווען היינט, ווען
ער האָט אַ צעפּראַל געטאָן פּייוולס טיר און ווי אַלע מאָל פֿאַרבליבן
וואַרטן אויפן שוועל גרייט צו באַפעלן: דאָס מאָל האָט פּייוול קאָ=
ניאַזש פּלוצעם געגעבן אַ וואַקס אויס פאַר אים אַ בלייכער, מיט אַ
ווייסן שוים אויף די ליפּן און דרייסט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים
פּנים אל פּנים, אַ פּאָכע געטאָן אין דער לופט מיט זיין געלן סענ=
קעוואַטן שטעקן, אויף וועלכן ער גייט אָנגעלענט אין אַלע דערפער
און אויף אַלע מיסטיק=פֿאַרבלאָטיקטע וועגן. ער האָט נישט מער
העפלער געהויבן זיין היטל פאַר פּאַן פּינקוס פּאַסכאַלסקי און
אַקעגנגעטראָגן אַ פּיינעם צעצויגענעם „דזשען דאָברי“, נאָר אַ
וואָרטשע געטאָן מיט אַ גיפטיקן צאָרן, ווי גרייט זיך צו פֿאַרמעסטן
אין אַ געשלעג:

— וואָן אַרויס פון מיין שטוב!

דערביי האָט פּייוול פֿאַרהאַקט די טיר אונטער פּאַסכאַלסקיס
נאָז.

זינט יענעם טאָג האָט ביי לאהלען אין שטוב געגומען אויס=
פעלן ברויט צו דער זעט. איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען דער אונטער=
געוואַקסענער משה=איציקל איז אַהיימגעגאַנגען פון חדר מיטן
חומשל אונטערן אָרעם, האָט ער אָנגעטראָפן זיין מאַמען גיין פּאַ=
מעלעך, אין גאַנצן אַ פֿאַרדאַגהטע. דאָס יינגל האָט זיך באַמיט צו
טרייסטן זיין מאַמען, וואָס אירע גוטע מילדע אויגן זענען געווען
איצטער פֿאַרטרערט מיט געוויין, און ער האָט איר מיט פרייד דער=
ציילט, אַז ביים לערנען גמרא אין חדר איז ער פון די בעסטע תלמי=
דים. לאהלעס פּנים האָט דעמאָלט שנעל אויפגעלויכטן און באַלד
האָט זי צו דער ערד טריב געבויגן איר קאָפּ און פאַר משה=איציקן
ווי פאַר אַ דערוואַקסענעם זון פֿאַרטרויט דעם פֿאַמיליע=סוד:
אַז זיין טאַטנס עקשנות קעגן פּאַן פּינקוס פּאַסכאַלסקי האָט אויס=

געשטעלט דאָס גאַנצע הויזגעזינד צו ליידן הונגער. און וועןביידע זענען אָנגעקומען נאָענטע צו זייער היים, האָט משה־איציקל איבער־געיאָגט די פּאַמעלעכדיקע טריט פון זיין גוטער מאַמען און זיך פּאַר־קליבן ערגעץ אין אַ שטובווינקל, באַלד זיך צוריקגעקערט אַ צע־לויכטענער פון פרייד, האַלטנדיק אַ טיכל מיט אַן אַ שיעור קליינע מטבעות, און געזאָגט:

— מאַמע, נעם דיר דיין געלט, וואָס האָסט מיר מיטגעגעבן אויף האָניק צום ברויט אין חדר אריין; איך האָב עס פּרוטותווייז צונויפגעקליבן, כדי אין אַ מאָמענט פון נויט עס דיר צוריקצוגעבן.

לאהלע האָט דעמאָלט אויפגעהויבן הויך די אויגן צום הימל און געשעפּטשעט שטיל צו גאָט אַ תפילה.

קאַפּיטל צען

אין יענער צייט האָט געגומען אַריינקומען צו משה־איציקן אין דער היים אַ יונגע לערערין, וועלכע האָט געגעבן אָרעמע קינדער אומזיסטע לעקציעס פון שרייבן, לייענען, רעכענען און נאָך מיט־געברענגט אייגענע ביכער צום לערנען. אין אַלע יידישע קעלערן און בוידעמער פון שטאָט האָט מען די לערערין געקענט. אומעטום איז זי אריינגעקומען און אַליין פאַרגעלייגט איר אַרבעט אָן שום לוין. אַזוי לאַנג צוגערעדט, ביז מען האָט באַוויליקט.

ראָזאַ האָט זי געהייסן. זי איז געווען אָרעם געקליידט, איר מאַנטעלע האָט אויסגעזען אָפּגעבליאַקירט און צעדריוולט, די שיכ־אָפּצאַסן פאַרקרימט און צעטראָטן. אומבאַמערקט פלעגט זי אַדורכ־גיין די גאַסן אויף אירע אומזיסטע לעקציעס פון איין אָרעמער היים אין דער צווייטער. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן עלנטער און אָרעמער. נאָר אין שטוב ביי די לעקציעס האָט מען זי גאָר דערזען אַן אַנדערע. איר בלוזקעלע איז תמיד געווען קלאָר, אויסגעפּרעסט און אירע שאַטינענע האָר ייִנגליש פאַרקעמט און פאַרשוירן. אַלץ האָט פון איר עפּעס דערציילט סודות. אַ חוץ די לעקציעס פון שרייבן, לייענען און רעכענען האָט די לערערין ראָזאַ אויך דערציילט אירע שילער אויף אַ סודותדיקן אופן עפּעס מעשיות וועגן אַ בראַוון מאַן אין ווייטן רוסלאַנד, וועלכער האָט זיך געגעבן אַ שבועה נקמה צו נעמען אין קיסר. שפּעטער צו ביסלעך האָבן די מענטשן פון שטאָט זיך דערוווּסט, ווער אייגנטלעך די לערערין ראָזאַ איז געווען. אַ סך מענטשן האָבן דערציילט, אַז זיי אַליין האָבן אַנומלט געזען

מיט דער גרעסטער איבערראַשונג, ווי אויף אַ געהיימער סאַבראַניע צווישן קריסטן און יידן איז זי געווען די הויפּט־רעדנערין. דעמאָלט האָט שוין פּאָליציי גענומען אַרומזוכן די לערערין ראָזאַ און זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער שטאָט. פון אָט די אַלע מעשיות, כאָטש משה־איציק האָט זיי קנאַפּ פאַרשטאַנען, איז ער אַזוי געוואָרן באַווירקט פון זיי, אַז ער האָט זיך מיט איין מאָל אָפּגעזאָגט פון ווייטער גיין אין חדר און קעגן ווילן פון טאַטע־מאַמע זיך גאָר גענומען אַרומשלעפּן מיט דער חברה שטרייקערס פון דער שטאָט. זיי האָבן דאָס ייִנגל מיטגענומען צו פאַרהיטן אַלע געהיימע טירן פון אַ מעגלעכן איבערפאַל מצד דער פּאָליציי.

אין יענער צייט זענען געווען צעהאַנגען איבער דער שטאָט געדרוקטע פּלאַקאַטן, אַז פרי אָוונט מוז די באַפעלקערונג שוין זיין אין דער היים, ווייל ס'איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד. די גאַסן זענען געווען באַוואַכט פון קאָזאַקן. די פאַרשפּעטיקטע פאַרבייגייער האָבן זיי געשלאָגן, זיי האָבן געשאָסן אין דער לופט, אַרעסטירט. זענען יעדן אָוונט אין דער זעלבער שעה פּייוול און לאהלע געשטאַנען ביים הויפּטויער פאַרציטערט און דערשראָקן. דאָס האַרץ איז ביי זיי שיער אַרויסגעשפּרונגען, ביז זיי האָבן זייער משה־איציקלען דערזען. די אויגן פון קאָפּ זענען ממש ביי זיי אַרויסגעקראָכן ביז די אומרואיקע טאַטע־מאַמע האָבן אים שוין געהאַט אין שטוב ביי זיך. און דעמאָלט האָבן זיי גענומען משה־איציקן און אַלע בונטאָווטשיקעס, וואָס ווילן דווקא דעם קיסר פון טראָן אַראָפּוואַרפן.

— וואָס אַרט דיך, משה־איציקל, אַז ניקאָלאַי וועט ווייטער זיין דער צאַר איבער רוסלאַנד ? פאַר וואָס קענסטו נישט דערויף מסכים זיין ? — האָט לאהלע זיין מאַמע זיך מיט אים שוין געוויצלט און אַזוי הילכיק געלאַכט, אַז איר מאַן פּייוול איז אויך פריילעכער געוואָרן. זיין אויפגעקאָכטער כעס איז מיט איין מאָל פון אים פאַרשוואונדן און ער האָט צוריק פאַרצויגן זיין לערערנעם רימען ביי די הויזן, וואָס ער האָט געהאַלטן אָנגעגרייט פאַר דעם קליינעם בונטאָווטשיק, און געוואָרטשעט אין דער געלער באָרד אַריין זיין פאָטערלעכן צער :

— אויסגעכאָוועט אַ יונג, קיין עין־הרע, שוין מיט אַ קאָפּ העכער פון טאַטן, און ער גייט זיך זיינע אייגענע וועגן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, פאָלגט נישט קיין עלטערן.

משה־איציק האָט די אַלע רייד נישט געהערט, נאָר מיט אַ רויט־צעיאַכמערט פּנים און ווילדן אַפּעטיט געגעסן דאָס אויפגעוואַרעמטע נאַכטמאָלצייט און איבער אים, נאָכן איינוויגן דאָס קינד לייזערל, האָט זיך זיין מאַמע אָוועקגעזעצט און אים געזאָגט

אָן אַ שיעור מוסר און ער פון זיין זייט האָט איר אָפּגעענטפערט. צו־זאַמען מיט דער פּאַרע פון זיין שיסל־געקעכטס איז אויך אויפגע־גאַנגען איבער דער שטוב די הייסע פּאַרע פון זיין מויל, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אויף שרויפן, מיט די אויסגעחלומטע רייד, וואָס די לערערין ראָזאַ האָט אים געלערנט, רייד פון יענעם וווּנדער־מעשהלע וועגן אַ צייט, וואָס וועט קומען, ווען עס וועט נישט עק־זיסטירן מער קיין אָרעם און קיין רייך, קיין האַרן און קיין קנעכט...

מיטן אָנקומען פון פרישן פרילינג, היי־יאָר, האָבן זיך די פּיי־געלער געגומען פונאַנדערזינגען פאַר די צעפּראַלטע פענצטער און פליען איבער קוימענס פון דעכער און הייזעררינעס, שטענדיק שוואַרצע, פאַרחושכטע, וואָס האָבן אַ גאַנצן ווינטער געטריפט מיט רעגנס אין פאַרפרוירן אייז. אָט דאַרטן האָט זיך פּלוצעם פון אַ פענצטערשייבל אַ ווייז געטאָן אַ פריש פּנימל פון אַ צוויי־יעריק קינד, וואָס ביז איצט האָט מען עס נאָך נישט געהאַט קיין מאָל גע־זען. פריער האָט דאָס נפשל לייזערל געדרימלט אין אַ וויגל, אַ פאַר־וויקלטס אין שמאַטעס און ווינדעלעך. היי־יאָר האָט דאָס קינד אויף וואַקלדיקע דינע פיסעלעך זיך פּלוצעם אַוועקגעשטעלט און פון דער אייגענער פרייד זיך אַזוי הילכיק פונאַנדערגעלאַכט, אַז ס'האָט אָפּ־געקלונגען אין אַלע ווינקעלעך און צונויפגערופן דעם טאַטן און די מאַמען, וואָס האָבן צוזאַמען זינגענדיק באַגלייט די קינדערשע, שוואַכע ציטערדיקע טריטעלעך:

— אַליין, אַליין, אַליין!

און זיי האָבן עס אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס מיט פרייד. זייט דעמאָלט איז דאָס קליינע נפשל יעדן טאָג שעהן לאַנג געשטאַנען ביים שטובפענצטער און גערופן מיט זיין יונג שטימעלע די פאַרביי־פליענדיקע פייגעלעך.

אָט גראָד דעמאָלט האָט משה־איציק, פּייוולס עלטער יינגל, איינגעזען, אַז ער דאַרף גיין אין וואַרשטאַט זיך אויסלערנען אַ פאַך. נאָר אַלע שניידערס און קאַמאַשנמאַכער־מייסטערס, וואָס האָבן אים געקענט פאַר אַ צוהעלפער פון די שטרייקערס, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים אַריינצונעמען אין זייערע וואַרשטאַטן אויף דער לער, בכדי נישט צו האָבן צו טון מיט די, וואָס הענגען איבער דער שטאָט רויטע פענער און וואַרפן באָמבעס. באין־ברירה האָט משה־איציק אויף זיך אָנגעטון דעם טאַטנס אָפּגענוצטע וואַטעוועקע און איבער די אויערן אַראָפּגערוקט אַ פוטערנע צאָפּקע און אַזוי זיך געלאָזט אויפן פערדמאַרק, געוואָלט ווערן אַ קאָניאָזש ווי דער טאַטע. די טרעגערס, בעלי־עגלות האָבן פון אים געשפּעט. איינער האָט אים געגעבן גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ אין פּלייצע, אַ צווייטער

האָט אים אַרונטערגעצויגן דאָס היטל איבער דער נאָז, נאָר משה־איציק, אַ הויך געוואַקסענער בחור, האָט זיי אויך געוויזן, וואָס ער קאָן. אַזוי פֿאַמעלעך איז ער געוואָרן מיט אַלע מאַרק־יידן „גאַש בראַט“. אַנומלט האָט דאָרט שלמהלע טייכמאַן, דער גרעסטער שטאָט־קאָניאַזש, געוואָלט אויספּרוּוון אַן אָגער, צי ער פֿרייכט נישטביים לויפֿן. האָט דאָס פֿערד זיך אַרויסגעריסן פֿון שלמהלעס הענט און זיך צעהירזשעט, לויפֿנדיק איבער פֿורן און וועגענער, אַז אַלע זענען אין גרויס פּחד פֿון מאַרק אַראָפּגעלאָפֿן. פּלוצעם האָט געגעבן אַ וואַקס אויס משה־איציק, אַ כאַפּ געטון דעם אָגער מיט איין האַנט ביי דער גריווע און מיט דער צווייטער ביי דעם מאָרדעצוים און אַליין, אַ באַגאָסענער מיט טייכן שוויים איבערן גאַנצן פּנים, דאָס פֿערד געפֿירט אַ געפּענטעטס אין זיין רשות איבערן גאַנצן פֿערד־מאַרק און עס איבערגעגעבן אין האַנט פֿון זיין בעל־הבית.

זינט דעמאָלט האָבן אַלע משה־איציקן מיטגענומען אויף מיסחרים אין די פֿאַרשידנסטע פֿערד־יאַרידים און געהאָלפֿן אים פֿאַרדינען אַ קערבל. האָט ער ווי אַ קליין באַרימעריש יינגל וועגן אַלע זיינע מיסחרים דערציילט דעם טאַטן, וועלכער האָט פֿון אים געשעפּט און אים געטריבן פֿון זיך, זינט ער האָט אַליין אָן קיינעמס הסכמה פֿאַרלאָזן דאָס לערנען אין חדר. אָבער בסוד אין האַרץ האָט פֿייוול געשעפּט פֿון אים נחת, געקוואָלן אפֿילו פֿון זיין מענטשלען זיך און בריהן זיך קעגן אייגענעם טאַטן.

איין מאָל נאָך אַ גרויסן יאָר־יאַריד, ערב פּסח, אין לענטשנע, איז משה־איציק אַהיימגעקומען און ווי ער האָט נאָר איבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער היים, האָט ער מיט אַ פֿאַרריסענער גאווה אַ שטעק אַריין געטאָן די רעכטע האַנט אין דער טיפֿער הויזן־קעשענע און מיט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג פֿונאַנדערגעשיט איבערן טיש אַ גאַנצע קופּע זילבערנע רובלס און דערביי אויך אַ פּאָר גאָלדענע אימפּעריאַלעכלער און אַ זאָג געטון:

— נאַ, מאַמע, גיי נאָך היינט און באַשטעל דיר ביי דבורה די פּריזירקע אַ ניי קאַרבירט שייטל און קויף דיר אַ פֿוטערנעם זשאַקעט, אַז דו זאָלסט האָבן אין וואָס צו גיין שבת ראש־חודש אין שול אַריין, ווי אַלע אַנדערע רייכע מאַמעס גייען.

לאהלע האָט דעמאָלט מיט פֿרומע בליקן אויפֿגעהויבן אירע אויגן צום הימל.

ווען לייזערל איז אַלט געוואָרן פֿינף יאָר, האָבן טאַטע־מאַמע אים געפֿירט אָנדינגען אין חדר. זינט דעמאָלט פֿלעגט דאָס יינגעלע אַ פֿאַרבענקטער אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער און זען, ווי די טויבן פֿליען איבער די דעכער, און אַז עס פֿלעגט פּלוצעם עמעצער פֿאַר־

בייגיין מיט אַ ווינטער־צאָפּקע פאַררוקט איבער די אויגן, האָט אַ פרייד אין זיין הארץ זיך אויפגעוועקט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס קומט צו אים זיין עלטערער ברודער משה־איציק פון פערד־מאַרק מיט קאַרמעלקעס און מאַרמעלאַדעס.

דאָס קליינע לייזערל האָט זיך אונטערשיידט פון אַלע יינגלעך אין חדר. ער איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרטרוימטער מיט בלאָע אויגן, ענלעכע צום טאַטנס, און מיט זייער אַ סך זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים ווי ביי משה־איציקן. זיין רבי, ביי וועמען ער האָט געלערנט שוין חומש מיט רש״י, פלעגט ליב האָבן צו דערציילן פאַר זיינע תלמי־דימלעך מעשהלעך. אָט דאָס איז געווען אַ כּוח, מיט וועלכן ער פלעגט פאַנגען זייער ווילן צו דער תורה. אַ גרויסן כּישוף פלעגן אויך צו־געבן צו זיינע רייד די אין ווינטער פאַרצויגענע פראָסטבלומען אויף די שויבן־פענצטער, בלאַסע, זילבערנע, וואָס האָבן דעמאָלט אַרויס־געקוקט ווי די טויטע סקעלעטן. זיין דיבור איז וואָס אַ מאָל געוואָרן ווייכער, דער דמיון צעשפּינטער, לאַנג און שמאָל אויסגעצויגן זיין פּנים, די באָרד ווי אַ צוגעזעצטע צירונג צו זיינע קנאָכיקע באַקן, אויף וועמענס ווינקלען ס׳האָבן זיך געקרויזלט צוויי זילבערנע קרויזן, וואָס רופן זיך פּאות, וועלכע ציטערן אין מאָמענט פון עקס־טאַז. און זיינע אויגן פלעגן בלישטשען מיט יענעם גלאַנץ ווי ביי פיבערקראַנקע מענטשן. די קינדער זענען געזעסן אַרום אים מיט קלאַפּנדיקע הערצלעך און צעעפנטע מיילעכלעך און ער האָט גע־רעדט וואָס אַ מאָל שטילער, שטילער און פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט דערזען עפּעס אין הימל אַ צייכן פון נביאות, אַ רמז.

און ער האָט געזאָגט:

— קינדערלעך, איר זאָלט וויסן, אַז תורה לערנען איז געגליכן צו דעם פליען פון פייגעלעך. איין פייגעלע הייבט זיך אויף ביזן שוואַרצן קוימען אויף אַ דאַך — און אַן אַנדער פייגעלע ביזן שפּיץ פון אַ פאַרקאַן, אַ דריטס גאָר העט... העט... איבער כלעריי צווייגן פון די העכסטע טאָפּאָלן־ביימער און גערטנער. אַן אַדלער, זאָגט מען, פליט שוין ווייט, ווייט אין די הימלען ביז די טיפסטע בלאָע תהומען... מיר יידן זענען אַן אַדלערפאָלק... אַ הויך דערהויבענע אומה... כאָטש אין כּמות — וואָס זענען מיר דען אין פאַרגלייך צו די אַנדערע פילצאָליקע פעלקער? דערפאַר זענען מיר גרויס אין איכות... נאָר ס׳זענען פאַראַן רשעים וואָס קענען נישט צוקוקן צו דער שיינקייט פון פליענדיקע פייגעלעך, בעת זייערע זילבער־ווייס צעפלאַטערטע פליגעלעך שוועבן מיט חן אין ווייטן חלל פון דער וועלט, וואָס טראָגן אויף זיך, ווי געוואַנדן, כלעריי קאָלירן פעדערן, און יענע שלעכטע מענטשן שיסן אַרונטער די פייגעלעך מיט פלינקע קוילן פון בליי

געגאָסן דורך פאַרשידענע כלי־זין, און פאַרבלוטיקן די אומשולדיקע פליגעלער אָן רחמנות... ס'זענען אויך אַלע מאָל געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פיינט געקריגן אויך די זילבערנע לבנה אין הימל און פון רשעות זי געוואָלט אויף אייביק פאַרלעשן אָדער אַרונטערפליקן פון די העכסטע הויכקייטן אין דער וועלט. זייער לעבן איז פאַרגאַנגען ווי אַ שטויבל אויף דער ערד און זיי זענען פאַרבליבן טפשים. און די ליכטיקע, זילבערנע לבנה לייכט און בלאַנקט אייביק.

פלוצעם האָט דער רבי זיך אויפגעוואַכט, זיך אַליין פאַרשעמט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון זיינע אייגענע רייד, און צום סוף אויסגערופן:

— קינדערלעך, אויף היינט איז גענוג. אַז איר וועט וועלן, קענט איר אָט די געדאַנקען אַרויסלייענען פון די הייליקע ספרים, וואָס מיר האָבן גענוג ווי די שטערן אין הימל און ווי די זאַמדעלער אַרום דעם ברעג פון ים התיכון.. מיר האָבן אויך אַזוי פיל קלוגע לייט... תנאים.. גאונים.. חכמי תורה, סופרים און משוררים, וועלכע האָבן אָנגעשריבן פאַר אונדז זייער אַ סך ספרים.

פלוצעם פון מידעקייט פלעגט דער אַלטער רבי מיט אַ גענידערטן קאָפּ איינדרימלען איבער זיין ברייט צעעפנטן ספר.

קאַפּיטל עלף

ס'איז געווען ווינטער, אָוונטצייט. איבער פלויטן און דעכער זענען געפלויגן ווי טויבן פון הימל ווייסע שנייען און זיך פונאַנדערגעשפרייט איבער דער ערד. ס'האָט גענומען צופאַלן די נאַכט. צאַריש טרייע סאָלדאַטן האָבן שטרענג באַוואַכט די שטאָט. שוועבנדיק איבער די גאַסן זענען זיי געריטן אויף די פערד. נאָר נישט מיט דער אַמאָליקער זיכערקייט; פאַרקערט: מאָמענטנווייז צעשראָקן. רויטע פייערן פון קוילן־אייוועלעך האָבן זיך צעשפיגלט איבערן דרויסן, האָבן געדינט, כדי צו דערוואַרעמען די היטער פון אָרדענונג, וועלכע האָבן געשפּאַסט פון דער וועלט מיט אַ ווילד סטעפּיש געלעכטער. וואָס האָט הילכיק אָנגעקלונגען איבער די ליידיקע גאַסן, שפּרינגענדיק ווילעריש אַרויף און אַראָפּ ווי די שפּילעוודיקע קינדער איבער די רוקנס פון זייערע צעהוזשעטע פערד: זיי האָבן צעפּאָכעט זייערע קאָזאַקישע לאַמפּאַסירטע באַשטיוולטע הויזן און די צעקודלטע טשופּרינעס איבער די אויערן פאַרוואָרפן. פלוצעם האָבן זיך אַרויס־

געלאָזט פון די שטאָט־גאַרבערייען, מעבל־פאַבריקן, גלאָז־הוטעס זייערע אַרבעטער מיט פאַרזשמורעטע אויגן און קלינגענדיקן טראָט.

ס'איז אויך מיטגעגאַנגען דודל ליבערמאַן, דער גבירישער בן יחיד, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טאַטע־מאַמעס פאַרמעגן און זיך גאָר פאַרליבט אין דער אָן עמקייט. און חיים דרוקער, וועגן וועמען ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז כאָטש ער איז קוים אַלט געווען זיבעצן יאָר, איז ער שוין געווען פון לאַנג אַ קאַנדידאַט צו דער תליה אָדער קיין סיביר פאַרשיקט צו ווערן — ווייל מיט די אייגענע הענט האָט ער שוין אויסגעפירט אַ סך טעראָר־אַקטן קעגן מלוכה־לייט און ווען דער רעוואָלווער האָט אים פאַרקלעמט די פינגער פון האַנט בעתן אויספירן אַן אַטענטאַט, איז ביי אים אייביק פאַרבליבן אַ סימן.

אָט די צוויי באַקאַנטע בונטאָווששיקעס אין שפּיץ פון אַנדערע זייערס גלייכן, מיט די שוואַרצע צעבויגענע קאַפּעלושלעך, צונויפֿגעמישטע מיט די פּוילישע, וואָס האָבן געטראָגן איבער די אויערן אַריבערגעצויגן געלע ווינטער־באַשליקן, פּוטערנע טשאַפּקעס און סתם טיכענע היטלען אויף די קעפּ מיט גלאַנצירטע דאַשקעס, האָבן מאַרשירט.

פּלוצים אַן אָנוואָרף פון דישליעס, וועגענער, פעסער אהערגעשלעפּט פון נאָענטן שטאָטמאַרק, טירן מיט קליאַמקעס, ברעטער פון מויערן צעוואָרפענע — אַלץ איז געוואָרן איין געפּלעכט און ס'האָבן גענומען זיך טראָגן טעמפּע עכאָס פון רעוואָלווערן, דינאַמיט און באָמבעס־געפּילדער און כלערליי טענער פון פאַרשידענע פאַרזשאַווערטער אָפּגענוצטער געווער. אין איין אויגנבליק האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלייגן טויטע גופים אין די וויים־באַשנייטע גאַסן, אין טשערקאַסישע אוניפאָרמען באַהאָנגען ביים ברוסט מיט די צווייריען צעבלישטשעטע זילבער־מעסערלעך. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטיילן הענט מיט מונדירן־אַרבל פון אַקסל און צעווינטלטע פאָלעס. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרונטערגעקאָלערט רייטער פון פערד מיט אַ הילכיקן טראַסק אויף די מיט שטיינער אויסגעברוקירטע וועגן.

ביי נאַכט האָט מען פון די בעטן געשלעפּט מענטשן פון ווו נאָר אַ היים, אפילו ביי גבירים אין הייזער האָבן זיך געפונען פאַרדעכטיקטע קעגן דער מלוכה. אויך משה־איציק איז געווען איינער פון זיי אַלס באַטייליקטער אין די גאַסנקאַמפן. און ווען מען האָט אים געפירט אין שוואַרצן אַרעסטאַנטן־וואָגן אין געריכט און נאָכן פאַרהער צוריק אין טורמע, איז אין זיין טאַטן פייוול קאָניאַזשס באָרד געווען אַ געלער זשאַווער אַריינגעפלאָכטן — אַ מין אָפּשיין פון צער.

דעם קאָלנער פון פאַלטן אויפגעשטעלט, איינגעטוליעט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, און לאהלע זיין מאַמע מיט דער דאַרקע פאַררוקט טיף איבער די אויגן, אַ בלאַסע, אַ טויט־צעשראָקענע, האָבן זיי מיט אַ ציטערדיק האַרץ זיך אַרומגעדרייט איבער די טראָטואַרן נעבן תפיסה ווי נעבן געריכט־בגין, כדי כאָטש פון דער ווייטנס דורך געשלאָסענע קראַטן אונטערצוכאַפּן אַן אָפּשיין פון משה־איציקס פנים, זיין שמייכל, וואָס האָט אַלע מאָל געלויכטן מיט גוטסקייט, זיין בליק. זיי האָבן צווישן אַלע טאַטע־מאַמע געגעכטיקט און געטאָגט אַרום יענע ווענט. זייט דעמאָלט האָט אין פייוול קאָניאַזשס אָרעמער צופרידענער היים זיך אַריינגעריסן אָט די שרעקלעכע מגפה, וואָס האָט אַ פלייץ געטאָן איבערן גאַנצן רוסישן לאַנד אונטערן נאָמען אויפשטאַנד, און משה־איציק, צוליב זיין מינדעריעריקייט, איז, אויפן אָרט פון הענגען, צו זעקס יאָר תפיסה געוואָרן פאַרמישפּט.

קאַפּיטל צוועלף

משה־איציק איז אַריינגעפאַלן אין אַ וואַרשעווער תפיסה צווישן סאַמע וואַלדרויבער, ווו עס איז אַ טאָג נישט פאַרביי, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל נישט ווערגן ביים האַלדז אָדער איינבייסן מיט די ציין דעם גאָרגל.

יעדער האָט זיך געפלייסט אַרויסצוווייזן וואָס מער גבורה, דערמיט האָט ער געוואָלט אָנגיין אַלס אַ גרעסערער פאַרברעכער, איבערצייגן אין זיין „ווירדיקייט“.

יעדנס יחוס האָט זיך גערעכנט לויט די גרויל־מעשים, וואָס ער האָט אויף דער פריי באַוויזן אויפצוטאָן. צו די דאָזיקע קאַטעגאָריעס האָט זיך אויך פאַררעכנט סטעפאַן, אַ יונג, שטאַרק און גרויס ווי אַ לייב, וואָס צוליב עפּעס אַ פערד האָט ער אונטערגעצונדן אַ גאַנץ דאָרף. אין די פלאַמען פון דער שרפה זיינען אומגעקומען אייניקע פויערים.

דער צווייטער איז געווען בערליצקי, אַ ריז מיט אַ פאַרוואַקסן אויג, וואָס צוליב אַ נישט גלייך פאַרטיילטער ירושה האָט ער אַלע קרובים, פון קליין ביז גרויס, אויסגעשאָכטן.

אַ דריטער איז געווען קאַזשימיעזש ווילויש, אַן איינפאַכער מויערער, וועלכער פלעגט אין די פינצטערע נעכט זיך אַוועקשטעלן אין וואַלד מיט אַ האַק אין דער האַנט און באַפאַלן די דורכפאָרנדיקע וועגענער מיט פאַסאַזשירן און זיי באַרויבן. ס'זענען דאָ אויך

גענוען שווינדלער, גנבים, פּאַסערס, געלטפעלשערס, כּאַבאַרניקעס און דאָקטוירים, וואָס האָבן ביי שוואַנגערע פרויען אָפּגעטריבן קינדער, און אַנדערע פאַרברעכערס.

ס'זענען אויך דאַ געווען אַזעלכע, וואָס די טורמע־וועכטער האָבן זיי אַפילו אויף אַ סעקונדע נישט געטאָרט באַפרייען פון די שווערע קייטן. טויט־פאַראורטיילטע, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט ביי יעדן קלאַפּ אין תפיסה־טיר אויף דער לעצטער סעקונדע די עקזעקוציע. ווען עס איז צווישן זיי אַריינגעקומען אַ פאַרברעכער מיט אַ פּסק פון צען יאָר, איז ער פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גאָרנישט, אַ לערניינגל.

יעדער אַרעסטאַנט האָט געקענט די שטראָף־קאָדעקסן בעל־פּה. ס'איז נישט געווען צווישן זיי איינער, וואָס זאָל נישט קוקן מיט ביטול אויפן צווייטן. דער ברודער־צווילינג זשעלינסקי, כאָטש געשלאָסן אין קייטן, האָבן געהערשט איבער דער גאַנצער תפיסה־אָפּטיילונג.

די גרויסע פאַרברעכער האָבן געקוקט אויף זיך אַליין מיט רעספּעקט, געלעגן אויף די נאַרעס מיט די האָריק־אָפּגעדעקטע הערצער און צעפּלאָשעטע גרויע כאַלאַטן און אַרעסטאַנטן־מיצן אויף די קעפּ, ווי אַ גביר אויף זיין רייכער, אויסגעבעטער קאַנאַפּע. זיי פלעגן היטן זייער ווירדע, אַפילו ווען אויף הענט און פיס האָבן שווערע קייטן געקלונגען. זייערע קאָפּ־שאַרבנס, אויסראַזירט ביזן וואָרצל, זענען געווען באַליינט מיט פרישע און אַלטע פאַרהיילטע וווּנדן ווי אין האָלץ אויסגראַווירטע שניטן. אַזעלכעס האָבן זיי באַטראַכט ווי סימנים פון רעספּעקט און גרויסער אויסצייכענונג.

משה־איציק איז געוואָרן צווישן זיי אַריינגעוואָרפן ווי אַ שעפּסעלע צווישן אַרויסגעשטאַרצטע, שפּיציקע טיגערציינער. ביז ער האָט באַקומען זיין אָפיציעלן תפיסה־כאַלאַט, האָבן זיי פון אים אַראָפּגעצויגן דאָס העמד פון לייב, די הויזן־שעלקעס און שטיוול־אַניצעס. זיי האָבן אים געצוווּנגען צו קריכן אויף אַלע פיר, צו רייניקן די השתנה־ און צואה־טעפּ פון אַלע פאַרברעכער.

אין יענע אומגליקלעכע טעג האָט משה־איציק פאַר זיין גאַנץ געלט געקויפט פּאָסט־מאַרקעס און טאָג־איין טאָג־אויס געשיקט בריוו צו טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן זיך דערבאַרעמען אויף זייער זון און לויפן צו אַדוואָקאַטן, אַז מען זאָל אים אַרויסנעמען פון אָט דער מערדער־שייקע, צו וועלכער ער געהערט נישט. פּייוול קאָניאַזש האָט איינגערעדן וועלטן און משה־איציק אַלס פּאָליטיש־פאַרמישפּטער איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין אַן אַנדערער טורמע־אָפּטיילונג.

אָט דאָרט איז געוואָרן אים דאָס לעבן לייכטער און גאַנץ וועלט האָט ווידער געגומען צו אים שמייכלען, כאָטש די מויערן זע־נען אויך געווען פינצטערע, גרויע און טויב צו די אַלע ליידן און פּיינען פון די מענטשן, וואָס זייער איינציקער פאַרברעך איז געווען זייער קאַמף פאַר פרייהייט.

און דאָך האָט דאָ עפּעס ווי דורך אַ שפּאַרע אַריינגעשיינט אַ שטראַל פון גליק און האָפענונג. משה־איציק איז דאָ אַריין אין אַ געזעלשאַפט פון סאַמע פּוילישע אויפשטענדלער, לרוב האָבן זיי זיך גערופן מיט היימישע נעמען. נאָר איינער האָט זיך צווישן זיי געפו־נען, וואָס זיין נאָמען האָט קיינער נישט געוווּסט.

אַלע האָבן אים אַרויסגעוויזן פיל יראת־הכבוד, זיך באַצויגן צו אים ווי צו זייערס אַן עלטסטן, ער איז געווען אויסערגעוויינלעך שטרענג. אויגן האָט ער געהאַט בייזע, אָן אַ שמייכל אויף זיין פּנים. אַפילו זיינע שפּיציקע וואָנצן האָבן געקוקט אויף יעדערן באַפעלע־ריש. ער פלעגט רעדן קורץ און אָפּגעהאַקט. אַלע פלעגן אים דע־מאָלט אַרומרינגלען פון אַלע זייטן און אויפשטעלן מויל און אויערן. צומייסטנס פלעגט ער שווייגן. עס זענען אָבער געווען מאָמענטן, ווען ער האָט גערעדט זייער אַ סך. אין זיינע אויגן פלעגט דעמאָלט אַ פּיי־ער־געבלישטש פון גרויס גליק אַ לייכט טאָן און דערוועקן ביי אַלעמען אַ האָפענונג וועגן אַ פאַרברידערונג צווישן אַ פרייע פּוילן און אַ פריי רוסלאַנד — צוויי גליקלעכע רעפּובליקן.

אָט דעם לעצטן פּונקט פלעגט ער געבוי אונטערשטרייכן, ווי דאָס וואָלט געווען דער עצם פון אַלעמענס פּיין. בעת ער האָט גע־רעדט, האָבן אַלע איינגעטוליעט די קעפּ צווישן די אַקסלען, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַריינגעזויגן אין זיך יעדן פּיפּס פון מויל, יעדן גרימאַס פון פּנים.

אויך משה־איציק האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. ער איז אויסגעוואַקסן אין זיין דימיון ווי אַ פּוילישער צוקונפט־באַפרייער און באַקומען צו אים אַן אומענדלעכע ליבע און יראת־הכבוד. אויך פון משה־איציקן האָט ער געפאָדערט טריי צו פאַרבלייבן דער פּויל־שער פרייהייט און זי נישט פאַרראַטן ביי קיין שום פאַל.

שפּעטער האָט ער אים פאַרטרויט אַ סוד וועגן אַ פּאַרטיקן צו־געגרייטן טונעל, דורך וועלכן אַלע אַרעסטאַנטן גרייטן זיך צו אַנט־לויפן פון דער תּפיסה. דערביי האָט ער אָנגעלענט זיין האַנט אויף משה־איציקס אַקסל, שטרענג אָנגעקוקט אַ ווײַלע זיין פּנים און זיך מיט אים ברידערלעך געקושט.

אין אַ גרויסע, פאַרנעפּלטן באַגינען, גאַנץ אומגעריכט, בעת אַ שטילקייט האָט באַהערשט די וועלט, ס'האָט זיך נישט גע־הערט קיין שום באַוועג, קיין שאָרך פון אַ גוף, אַפילו נישט דער איי־געגער אָטעם, זענען די טורמע־אַרעסטאַנטן, איינגעקורטשעטע ווי שלאַנגען, געקראָכן דורכן געהיימען טונעל אויף דער פריי.

די ערשטע, וואָס זענען אַנטלאָפן, זענען געווען די הויפּטקעפּ, די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן, און גאַנץ צום סוף פיל אַנדערע אַרעסטאַנטן, אויך פרייהייטס־קעמפער, און צווישן זיי משה־איציק. אָבער די דאָזיקע האָבן נישט געגליקט. אַזוי ווי זיי זענען נאָר אָנ־געקומען אין גרוי־פאַרנעפּלטן דרויסן דורכן פינצטערן וועג פון טו־נעל, האָבן די תפיסה־וועכטער זיי דערזען און אייגעם נאָכן צווייטן געכאַפּט און צוריק געפירט שוין אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, ווו עס איז אין זיי גענומען געוואָרן אַ גרויזאַמע נקמה. ביים פאַרהער האָט מען משה־איציקן אַזוי געשלאָגן, אַז מען האָט אים אָוועקגעטראָגן אַ צעבלוטיקטן, אַ פאַרבאַנדאַזשירטן אויף אַלע אברים. ער האָט מער נישט געקענט איינבייגן דעם רוקנביין און נישט באַוועגן מיט אַ האַנט און נישט מיט קיין פוס. מען האָט אים געמוזט צום מויל דעם לעפל עסן דערלאַנגען.

משה־איציקס עלטערן האָבן פון דעם אַלעמען נישט געוווּסט און אומזיסט געוואַרט אויף אַ בריוו פון אים. ביז איין מאָל האָט זיין טאַטע, פייוול קאַניאַזש, אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב:

— לאהלע, איך זע, אַז דו גייסט איין, דו ווערסט דאַרער פון טאָג צו טאָג. טאָ איז מיין עצה, אַז מיר זאָלן זיך איבערוואַזשלען קיין וואַרשע און מיט די אייגענע אויגן זען, וואָס פון משה־איציקן איז געוואָרן.

ביי די רייד האָט ער לאַנג אָנגעקוקט זיין ווייב און זיך אָנגעע־הויבן איבערטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע. ס'זעלבע האָט גע־מאַכט אויך לאהלע און שפּעטער זענען זיי אַוועק צו דער באַן, גע־קויפט צוויי בילעטן.

איבערן גאַנצן וועג האָבן זיי ווי ברוגזע מענטשן צווישן זיך גאָרנישט גערעדט, נאָר שטיל אין זיך אַריינגעוויינט, אונטערשפּאַרנ־דיק די דאַרע פויסט ביי זייערע מידע, אונטערגעזעגטע קעפּ. געזעסן פאַרהאַקט איז יעדער אין זיין ווינקל, געזען ווי אין חלום, ווען משה־איציק איז נאָך געווען קליין און שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ לייטיש קינד, אַריינגעגאַנגען אין טאַטע־מאַמעס האַרץ אַזוי פיל האָ־פענונגען, און באַשיינפּערלעך געזען, ווי ס'נעמט שוין פאַרווירקלעכט

ווערן זייער גליקלעכער חלום; און פּלוצעם איז מיט איין מאָל אַלץ געוואָרן צעשטערט.

אָוונטצייט, ווען ווארשע האָט אַ בלענד געטון פאַר זייערע אויגן, האָבן זייערע הערצער אויפגעמונטערט, עפּעס גוטס האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אַלע ווייסטע חלומות און איינרעדענישן וועלן אויסגיין צום רוסישן קייסערס קאָפּ און אַז מיט משה=איציקן האָט מן הסתם נישט פּאַסירט קיין שום שלעכטס.

*

ווארשע האָט זיך באַוועגט אונטערן הוהא און טומל פון טראַמוויען און דראָזשקעס, האָט געוויזן אַזעלכע חידושים און שיינקייטן, וואָס מען זעט נישט אין די קליינע שטעטלעך. צו מאָרגנס נאָכן איבערנעכטיקן אין אַ קרעטשמע פון אַן אָרעם, קליין געסל, זענען זיי אַרומגעלאָפן אין ווארשע פון איין מלוכה=קאַנצעלאַריע צו דער צווייטער: זיי האָבן דווקא געוואָלט זיך דערוויסן, ווו משה=איציק געפינט זיך. איבערן וועג האָבן זיי, צווישן זיך וויינענדיק, גערעדט, דערמאָנט זיך אין יענע צייטן, ווען זיי האָבן געהאָפט, אַז זייער קינד וועט אויסוואַקסן אַ למדן און אפשר גאָר וועט ער זאָגן פאַר אַן עדה יידן גרויסע חכמות פון דער תורה, און זיי, געפּלעפּטע, מיט אָפענע מיילער, וועלן, צוהערנדיק, סמאַקעווען פון הנאה: „איי=איי, סאַראַ אַנטיקל, סאַראַ שאַרפער קאָפּ“. די שטאָט=דעה=זאָגער, די יחסנים וועלען נישט וועלן צולאָזן, אַז אַ זון פון אַ פּראָסטן קאָניאַזש זאָל עולה לגדולה ווערן, נאָר די פּראָסטע בעלי=מלאכות וועלן קלאַפּן אין די שטענדערס, ליאַרעמען און דווקא זיך איינשפּאַרן, אַז נאָר משה=איציק זאָל ווערן רב.

אָט די גוטע דימיונות האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זייערע אויגן און בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן אַזוי לאַנג, ביז עס איז אָנגעקומען די דערוואַרטע שעה און פון אונטער אייזערנע תפיסה=קראַטן האָט מען געבראַכט צו פירן משה=איציקן אַ געשלאָסענעם אין קייטן, מיט טיפע וווּנדן איינגעראַוווירט אין שאַרבן. ער איז געגאַנגען געקליידט אין עפּעס אַן אויסטערלישן גרויען כאַלאַט און אַן אַרעסטאַנטן=מיצל אויף זיין גלאַט אויסראַזירטן שאַרבן. זיינע אַפּלען האָבן געקוקט דערשראָקן מיט פאַרלאָפן בלוט און פייכטע פון טרערן. די באַקן האָבן געצוקט פון נערוון=שפּאַנונג, זיין לייב איז געווען אָפּגעדעקט און האַריק באַוואַקסן. און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגן מיט אַ שטילן געבעט:

— כ'בין אומגליקלעך, טאַטע, מאַמע! ראַטעוועט מיך אַרויס פון דאַנען!

קאפיטל דרייצן

צו מארגנס, אהיימקומענדיק צו זיך אין שטעטל, האט פייוול קאגיאזש אויפגעזוכט זעליקן, דעם פראשעניע־שרייבער, א ייד מיט א גאלדענעם כתב און מיט א לאנגער צעקעמטער באָרד, וואס גייט אן אלס מומחה אין זיין פאך. מיט א קלינגענדיקן דיבור האט ער א פרעג געטאן:

— ידידי, וואס האט אזוינס פאסירט?

און ער האט זיך ברייט אוועקגעזעצט ביים טיש. פייוול האט זיך פאר אים אוועקגעשטעלט אן איינגעבויגענער מיט א טריב געוויין אין די אויגן און געזאגט:

— ר׳ זעליק, אין אייער האנט ליגט דער גורל פון מיין קינד. איך וועל אייך גוט באצאלן — האט ער נאך נידעריקער זיך איינגע־בויגן און ווייך ווי נאר מעגלעך געזאגט:

— איך בעט אייך, שרייבט מיר א פראשעניע, ווי עס דארף צו זיין — און דערביי האט א שטראם טרערן אים א פלייץ געטאן אין די אויגן, דער אטעם האט זיך אים פארהאקט.

— ר׳ זעליק, איר זענט דאך אויך א טאטע, דערפאר קענט איר מיטפילן מיין פארבלוטיקט הארץ. טא טוט מיר א טובה און גיט אונדזער צאר — (דעם „סוקין סין") — אזא מעלדעווע איין, אז עס זאל אים פארגיין אין דער זיבעטער ריפ.

פייוול האט באריכות דערציילט אלע איינצלהייטן, אזוי און אזוי, און שטיל פאר זיך אליין איבערגעחזרט די הויפט־בקשה צום קיסר, ווי ער וואלט געזאגט א פרומע יום־כיפור־תפילה פון מחזור.

ער האט איצט באשיימפערלעך געזען אין דימיון אן אויפגע־רוקט פרוכת ביים ארון־קודש און ברענענדיקע ווייסע ליכט אין בית־מדרש־מנורה פאר א גרויסער עדה יידן תהילים־זאגער, און אונ־טערטעניק האט ער געמורמלט:

— גרויסער הערשער! איך בעט דיין חסד און לייען ארויס פון די אט באשריבענע שורהלעך מיינע ביטער פארגאסענע טרערן. פארנעם מיין פאטערלעך געוויין און דאס געוויין פון מיין ווייב לאה — („ווּעמענס שטויבעלע פון אירע פיס און מינדסטע נעגעלע צומאל איז ער נישט ווערט צו וואשן דער סוקין־סין" — פאלט פייוול קא־גיאזש פלוצעם אריין אין א שרעקלעכן כעס און כאפט זיך אויף ווי פון א חלום, איבערגייענדיק באלד אין א צעגאסענער צארטקייט).

— טאַ, בעט איך דיך, הייליקער מאַנאַרך, דו ביסט דאָך אויך אַ טאַטע, דעריבער וועסטו אויך מיטפילן דאָס האַרץ פון אַ צווייטן טאַטן: באַפריי מיין זון וועגן קוראַציע.

בעת פייוול האָט אַרויסגערעדט אָט די ווערטער, האָבן געגומען ווערגן אים אין האַלדז די טרערן און ער האָט געמורמלט:

— טייערער ר׳ זעליק, כ׳בעט אייך, גיט אַכטונג, אויב איר האָט גאָרנישט פאַרפעלט צום שרייבן. טוט מיר אַ טובה, ווייל אין אייער האַנט ליגט דער גורל פון מיין קינד.

ר׳ זעליק דער שרייבער האָט בשלימות אויסגעפילט זיין בקשה און געגומען אויסטאַקן יעדן אות פון קייסערלעכן טיטול, דערביי אַרויסגעשטעקט אַ שפּיציק, צעקרימטע צונג און לאַנגזאַם געפירט איבערן ווייסן גרויסן בויגן פּאַפּיר און אונטערן שאַרפן היפּגאָז פון פייוולס פאַרשנדיקע אויגן אַ ברייטע, שטאָלענע סקריפּענדיקע פּע־דער, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אַ טשייניק וואַסער וואָלט זיך צעזאָטן אויפן צעגליטן פייער, זש־זש־זש־זש־זש־זש...

פייוול האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּחידושן, וואָס מען קען אַזוי פשוט, מיט אַן איינפאַכן, שוואַרצן טינט, אַליין, פון דער מחשבה ביזן טיפסטן געדאַנק, איבערגעבן, וואָס אַ מענטש טראַכט.

מיט אַן אומעטיקן בליק אין די אויגן האָט ער מיט דאַנקבאַר־קייט ר׳ זעליקן אין האַנט אַריין דערלאַנגט אַ זילבערנעם האַלבן רובל און יענער האָט אים איבערגעגעבן די פאַרטיקע אַרבעט, אַ קאָנווערט מיט אַ ווייסן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר־בויגן. נאָך אומגעריכט האָט דערויף אַ פלייץ געטאָן אַ טראָפּן שניי פון פייוולס פאַרפרוירענער צאָפּע און פאַרפלעקט צוויי וויכטיקע שיין־אויסגעטאָקטע גרויסע אותיות פון וואָרט צאַר. ער האָט פאַרבראַכטביידע הענט ווי ביי אַן אָבל צו קאָפּנס פון אַ טויטן און אויסגעכאָרכלט אַ פאַרשטיקט געוויין:

— אוי, ווי און ווינד איז מיר! געוועז אַזאַ געראָטענע פּראָ־שעניע און כ׳האָב זי אַליין געבעך איבערגעפּירט.

אין זעלבן טאָג האָט ר׳ זעליק אויף ס׳ניי געגומען שרייבן אַ צווייטע פּראָשעניע מיט אַ נאָך מער געציקלטן לענגערן טיטל און אַרויסגעשטעקט דערביי אַ נאָך מער צעשפּיצטע פאַרקרימטע צונג און אָנגעהויבן אויף ס׳ניי צום אַלמעכטיקן הערשער פון גרויסן רוסלאַנד:

„האָב רחמנות אויף דיינע טרייע אונטערטאַנען און שיק אַהיים אַ קראַנקן זון פון תפיסה צו טאַטע־מאַמע צו קורירן."

ווען עס זענען פאַרגאַנגען חדשים און פּיוול האָט נישט באַקו־מען קיין ענטפער, האָט ער און אויך זיין ווייב נישט געקענט איינ־שלאָפן גאַנצע נעכט. דער אומרו האָט זיי געפּייניקט. זיי האָבן זיך געפרעגט, וואָס וועט זיין דער תכלית? ביז ווען נאָך וועט משה־איציק אַזוי לאַנג ליגן אין דער תפיסה און זיינע לעבעדיקע עלטערן וועלן אַזוי גלייכגילטיק צוקוקן? האָט דעמאָלט פּיוול זיך אויף ס'ניי באַזאָרגט מיט אַ האַלבן רובל און אַוועק צום פּראָשעניע־שרייבער ר' זעליק. אָט דאָס איז געוואָרן זיין טרייסט. ווי ערגעץ נאָר אַ מלוכה־מאַן, אַ מיניסטער אין רוסלאַנד, אַ גרויסער פּראַוואָסלאַווער גייסטלעכער, וואָס האָט אַריינגאַנג אין קייסערלעכן הויף, האָט פּיוול קאָניאַזש געשיקט זיינע רחמים דערוועקנדיקע פּראָשעניעס, באַנעצטע פון טאַטע־מאַמעס טרערן. דערמיט האָט ער געוואָלט אַ ביסל האָ־פענונג געבן זיין ווייב לאה נאָך אַזוי פיל יאָרן פון שלאָפלאָזע נעכט און נישט זאַטע דערעסענע טעג, אויפמונטערן אַ גלויבן אין איר פאַראייטערט און וואונדיק האַרץ. אָט אַזוי האָט ער אַלע מאָל אויפ־געזוכט אַ פרישע המצאה, וווהין עס וואָלט נאָך כדאי געווען צו שרייבן.

און ר' זעליק איז קיין מאָל נישט מיד געוואָרן אַרויסצוווייזן זיין בריהשקייט פון פירן זיין ברייט־סקריפּענדיקע פּען איבער די גרויסע ווייסע פּאַפּיר־בויגן, און באַקומען האַלבע זילבערנע רובלס פון ר' פּיוול קאָניאַזשס שווער אויסגעהאָרעוועטע פאַרדינסטן — אָבער קיין מאָל איז נישט געקומען קיין ענטפער. זענען טאַטע־מאַמע אַרומגעגאַנגען אָן אַ לעבעדיקן שיין אויפן פּנים, אָן אַ גלאַנץ אין די אויגן, אָן אַ שמייכל אויף די ליפּן, ביז עס האָט זיך אויפגעוועקט אַ פרישער קוראַזש ביי פּיוול קאָניאַזש אין האַרץ און ער איז דאָס לעצטע מאָל געקומען צו ר' זעליקן מיט אַ ווייסן שוים אויף די ליפּן און אַ ווילדן גלאַנץ אין די אויגן און אים געבעטן, ער זאָל אָנשרייבן אַ פּראָשעניע צום דאָקטער פון תפיסה־שפּיטאָל. און טאַקע אומגע־ריכט איז זיין ענטפער אָנגעקומען צו פּיוול קאָניאַזש, אַז אויפן סמך פון אַן אונטערשריפט פון ראַבין אָדער אַ הייזער־באַזיצער וועט איציק קענען אַרויסגעלאָזט ווערן וועגן קוראַציע־צוועקן אויף דער פריי.

קאַפּיטל פערצן

צו מאָרגנס אין אַ פאַרגנעצטן נאָכמיטאָג האָבן מיט שלווה זיך געשפּאַצירט איבערן צענטראַלן וועג די גומענע רעדער פון פּינקוס פּאַסכאַלסקיס קאַרעטע. פון פאָרנט איז געזעסן זיין קוטשער מיט אַ בייטש אין דער רעכטער האַנט, און דער לינקער די לייצן פון צעגלאַנצטן לאַקיר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם־כאַלאַט פון העלן זילבער־קאָליר. צוויי דיקע באַקן־בערד געגנוי אין שפּיצן פאַרשווירן. פּלוצעם האָט ער דערפילט, וואָס עפּעס אַ קראַפּט האָט נישט געלאָזט זיינע פערד זיך רירן פון אָרט, נישט געקענט ווייטער פאָרן. אַ געניטע האַנט האָט זיי דעם וועג איינגעהאַלטן. דאָס איז געווען פייוול קאָניאַזש. ער איז געשטאַנען איינגעבויגן מיטן היטל אין דער האַנט, זיין פּנים איז געווען שוואַרץ, זיין באָרד האָט אויסגעזען ווי אַ געוועב פון שעטנז, געלע און גרויע האָר אין אַ געפלעכט פון זילבער־שטרייפן. און די אויגן צוויי רעגנדיקע כמאַרעס. עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם און אונטערטעניק האָט פייוול געמורמלט:

— כ'בעט דעם פּאַן פּאַסכאַלסקי, מיר צו געבן דעם אונטערשריפט פאַרן מלכות. אין דעם ליגט דער גורל פון מיין טייערן זון. אָט, פּריץ, דאָס איז דער פּאַפּיר.

דער שטאָלצער אַדיר האָט מיט ביטול אַ פּאָכע געטאָן מיט דער רעכטער האַנט צו זיין קוטשער, וואָס האָט געטראָגן אַ ברייטן כאַלאַט, אויף וועלכן צוויי רייען גרויסע מעטאַלקנעפּ האָבן געבלישטשעט ווי גינגאָלד אונטערן גלאַנץ פון דער זון, מיט אָפּיציעלער פייערלעכקייט פון אוניפאָרם; און פון גלאַנציקן דאַשעק אַפּער האָט געקוקט אַ פאַרשפּיצטע נאָז און צוויי בייזע שקלאַפערישע אויגן. ער האָט געכאַפּט די לייצן און מיט זיי אַ פּאָכע געטאָן אין דער לופטן, ווי אַ כוואַליע גיט אַ יאָג אין אַ טייך, און מאַיעסטעטיש, ווי אַ קעניג וואָלט דאָ געפאָרן, האָט אָפּגעהילכט דאָס ברוזנדיקע קנאַקן איבערן שטילן פאַרדרימלטן דרויסן, פון די ברייטע רימענטן איבער דער ווייסער פעל פון די צוויי געפּוצטע פערדישע רוקנס, נאַשפּיץ געשפּאַנט.

אַ גרויער זילבערשטויב האָט זיך צעשוועבט אונטער זייערע פלינקע פוסטראָטן און איבערגעלאָזט דעם אומגליקלעכן, אָרעמען, הילפלאָזן טאַטן פייוול קאָניאַזש אַן אַנידערגעקניטן, אַ פאַרשעמטן מיטן לעצטן פאַרלאָשענעם האָפענונגס־גלאַנץ אין די טריבע פאַר־

בלוטיקטע אויגן, ווו זילבערטרערן האָבן געבלישטשעט ווי צוויי גרויסע צעפינקלטע ליכטער.

ער איז אַלץ נאָך אַזוי געשטאַנען מיטן געהויבענעם היטל אין די ציטערדיקע הענט, ווי פאַרן פריץ, און זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אָן אויפהער זיין בקשה און געטריפט האָט ער אין גאַנצן מיט געוויין. איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ קריסטלעכע פרוי. דערזעענדיק אין אַ בעטלער־פּאָזע אַן אייגעטוליעטן געבויגענעם מענטש, האָט זי אין האַנט אים דערלאַנגט אַ מטבע. דער אייביק שטאָלצער פייוול האָט די מטבע נישט צוריקגעגעבן, ווייל אין יענער רגע האָט ער דערפילט אַ גרענעצלאָזע ליבע צו אַלע מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַ האַרץ פון רחמנות, און ער האָט פאַרקירעוועט צום בית־דין־שטיבל פון דעם שטאָט־רב און שטיל געזאָגט זיין בקשה. דער גרייז־גרויער רב האָט גענומען דאָס פּאַפּיר און אונטערגעשריבן. אָט דעמאָלט איז דער גליקלעכער טאַטע געלאָפן מיט שנעלע טריט אַהיים צו זיין לאה־לען, כדי איר אָנצוזאָגן אָט די גוטע בשורה. די קליינע מטבע, וואָס די קריסטין האָט אים געגעבן, האָט ער באַהאַלטן אין קעשענע פון פון זיין רויטן שפּענצער ווי די הייליקע קמיע, וואָס לעצטנס, נאָך אַ פאַרהער פון זיין יינגל לייזערל, האָט ער באַקומען פון אַ גרויסן רבינס האַנט, און ער האָט צו אים געזאָגט:

— ר׳ פייוול, איר זאָלט וויסן, אַז פון אייער לייזערלען וואַקסט זייער אַ שאַרפער קאָפּ און אין זיין זכות זאָל גאָט העלפן און צושיקן אַ רפואה שלמה פאַר אייער קראַנקן משה־איציקן.

גראָד אין יענער צייט איז דער יונגער עילוי אַהיימגעקומען פון דער ישיבה און האָט געטראָפן זיין מאַמע אַ וויינענדיקע.

— זעט נאָר, מענטשן־קרוין, וואָס די וואַלד־רוצחים האָבן גע־מאַכט פון מיין ליכטיקן משה־איציקן. מיין שיינער נחת. ס׳זאָל באַלד אין גיכן נאָך אַזוינס ווערן פון זייערע קינדער. אוי, רבונו של עולם!

און לייזערל האָט דערזען פּלוצעם אַ יונג מענער־געשטאַלט מיט אַ געבויגענעם גוף, וואָס האָט עדות געזאָגט אָן זיין אַמאָליקער הויכ־קייט און זיינע ברייטע פּלייצעס. נאָר איצט איז ער געווען אַ קאַליקע אויףביידע הענט און פיס. בלויז אין די פינגערפּלאַכן איז פאַר־בליבן אַ ביסל באַוועגונג.

ווען משה־איציק האָט זיין ברודערל לייזערל דערזען, האָט אויף אַ רגע אויפגעשיינט זיין פאַרצוקט קרענקלעך פּנים און ער האָט דערלאַנגט אַ האַנט, וואָס איז געווען קאַלט, שלאַבעריק, כמעט ווי געפרוירן, נישט ווי אַ מענטשלעך אבר, נאָר ווי אַ גליווער אייז. און די קנאַפּע רייד, וואָס ער האָט אַרויסגעברענגט פון זיינע ליפּן, זענען

געוועז צעצויגן אָן אַ פאַרבינדונג, אָן אַ קלאַנג. דערביי האָט זיין טאַטע מיט אַ הארטן דיבור געברומט:

— גאָט, זאָלסט נישט מוחל זיין דעם נאַבאַל, דעם סוקין־סין... רבונו של עולם! — און אויסגעזעזן האָט איצט דער אייביק־שטאָלצער ייד פּיוול קאַניאַזש ווי אַן איינגעבראָכענער דעמב אין מיטן וואַלד.

— לייזערל, זע — האָט ער גערעדט אונטערטעניק צו זיין יינגל — קוק צו מיט דיינע אויגן, וואָס דער צאַר, דער סוקין־סין, האָט גע־בער געמאַכט פון דיין אָרנטלעכן ברודער משה־איציק... דו קענסט דאָך עפּעס תורה: טאָ ווערסטו פאַרשטיין, ווי מערדערלעך גאָט האָט אונדז באַשטראָפט. זאָג, וואָס האָבן מיר אים דען פאַר אַ שלעכטס געטאָן?

— לייזערל — איז זיין טאַטע איבערגעגאַנגען אין אַ טאָן פון בקשה — זיי מתפלל פאַר דיין ברודער! און אפשר זאָל איך אריי־בערגיין צום מנהיל פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה און באַצאָלן, אַז די יינגלעך זאָלן זאָגן תהילים פאַר משה־איציקס געזונט, געגוי ווי עס מאַכן די גבירים, ווען עמעצער איז ביי זיי קראַנק?

— ניין, טאַטע, מ׳דאַרף נישט. איך אַליין וועל אַ גאַנצן טאָג זאָגן תהילים און לערנען — האָט לייזערל געענטפערט און זיך פאַר־שעמט פאַרן טאַטנס אומוויסנקייט.

*

אין דרויסן שלעפּט זיך לאַנגזאַם, שפּאַן ביי שפּאַן, משה־איציק און עס איז שוין אפשר שעהן, זייט ער איז אַרויסגעגאַנגען, כדי זיך צו פרייען מיט זיין שוין יאָרנלאַנג־פאַרלאָזטער שטאָט. ווי אין גראָז אַ וואָרעם איז ער פאַמעלעך געקראָכן און זיך אָפּגערוט, ווייל די פיס האָבן אים נישט געדינט. ער האָט געוואָרפן פאַרוים ביידע שטעקנס, אונטער וועלכע ער האָט אונטערגעשפּאַרט זיין גוף, ווי וויאָס־לעם פון אַ ראַנגלענדיקער לאָדקע, וואָס געפינט זיך פאַרזונקען אין אַ זומפּיקן טייך. זיינע באַקן זענען געוועזן הויט און ביינער, איינגע־דאַרט ווי פאַרוויאַנעט גראָז אין ווייטן הארבסט. בלויז אַ פּאָר שיינע הימלאָויגן האָבן ביי אים פון פּנים אַרויסגעבליט. זייערע אָפּלען האָבן געקוקט אַזוי קאַלט און פאַרלאָשן, ווי אַ שטיק פאַרפרוירן לעבן וואָלט פון קבר אַרויסגעקומען. זיינע מאַכטלאָזע אברים, הענט און פיס האָבן איצט טריב ווי נאָכגעטראָכט איבער זיין פאַרשעמונג.

ווען אין פענצטערס מיט צעפינקלטע פרילינגשויבן האָט זיך גע־שפּיגלט אַ גינגאָלדענע ניי אויפגעגאַנגענע זון, איז משה־איציקס לעבן

געוועז פינצטער. זיין העלער, ליכטיקער חלום פון נעכטן — שוואַרץ. ער איז מער נישט פעאיק געווען אַליין זיך אַוועקצוזעצן אויף אַ שטול. ווען זיינע פיס זענען ביי אים געוואָרן מיד, פלעגט ער אַוועקפאַלן ווי אַ קלאָץ אומבאַהאָלפן אויף דער ערד, שטאַר און אומבאַוועגלעך, ביז מען האָט אים אויפגעהויבן אַ פאַרשעמטן. אָפט אויך אין אַ פאַרצוויי־פלטן מאָמענט פלעגט ער אָפּשטעלן אין מיטן וועג אַ לויפנדיקן ייִנגל מיטן חומש אין האַנט, אַז דאָס קליינע נפשל זאָל העלפן, זיין פאַראַ־ליזירטן אומגליקלעכן גוף פון אַ חרפּה אָפּראַטעווען. די הויזן־עפענונג פאַרמאַכן, ווען עס פלעגט אַרויסקוקן פון זיין צעפלאָשעט העמד דאָס יונגע שיינע, פאַרשעמטע לייב. פון זיין גאַנצן אַמאָליקן יונגטשטאָלץ איז בלויז משה־איציקן פאַרבליבן זיין העלע קאָפּקרויזלען, וואָס האָבן געקוקט פונקט ווי זיין פּנים אַזוי ברוגז אויף אַלעמען, די אויגן גענידערט צו דער ערד. מיט דער פלייצע פלעגט ער זיך פאַרדרייען פאַר פרייַנד, ווען ער האָט קריכנדיק געשלעפּט זיך אויף צוויי שטעקנס אָנגעשפּאַרט: נישט געוואָלט, אַז זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע זאָלן צו־קוקן זיין אומבאַהאָלפענע גרויסע בושה.

גאָר אין שטוב ביי טאַטע־מאַמע, ווען עמעץ האָט געגומען דער־מאָנען אין די עראָישע טעג פון פינפטן יאָר, ווענן שטרייקן און אויפשטאַנד־פאַרמעסטונגען קעגן צאַרישן מיליטער, פלעגט משה־איציק ברייט צעעפענען זיינע גרויסע בלויע, נאָך אייביק פאַרחלומטע אויגן און צוריקבאַקומען זייער אַמאָליקן גלאַנץ, ווי ליכטפלאַמען וואָלטן אין זיי געפלאַקערט. און בעטן פלעגט ער זיך מיט אַלע צערט־לעכקייטן פון זיין לאַנגזאַם צעצויגן לשון:

— ווייטער, ווייטער דערציילט! טוט מיר אַ טובה!

עס האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז זיינע מאַכטלאָזע אברים ווערן ווידער קרעפטיק, דער גאַנצער פאַרגליווערטער צושטאַנד איז אַוועק פון אים, אַז דער פּאַראַליזש איז בלויז אַ וואָרט אָן גילטיקייט, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן צוליב צערטלעכקייט צוגעקלערט. זיין גרוי, דאַר פּנים איז געוואָרן ליכטיק צעשטראַלט און פּולפלייישיק. אין אַזאַ גליקלעכן צושטאַנד פלעגט ער בעטן, אַז מען זאָל אים אויפשטעלן פון שטול און פּלוצעם, מיט איין מאָל, האָסטיק אַליין אויסגעגלייכט זיין גוף. זיין שיינקייט פון אַ מאָל איז צוריקגעקומען, די פּלייצעס און אַקסלען האָט ער הויך פאַררויסן, דער געגידערטער קאָפּ מיט אַ העלן קרויזל צעפלאַטערט, פאַרלאָקט און די ברעמען ווי אַ מאָל, און ער האָט זיך פּאַמעלעך צוגעשלייכט צום שפּיגל פון וואַנט און אויף ס'ניי דערזען זיין יוגנט, זיינע העלע טעג פון חלום און אין גאַנצן פאַר־

געסן אין דער ניצלעכקייט פון זיינע שטעקנס. ער האָט זיי אַרויסגעלייגט פון האַנט און באַלד איז ער אַוועקגעפאַלן שטאַר און אומבאַוועגלעך, מיטן גוף זיך פאַרקאָלערט אונטער עמעצנס קניען, ביז מען האָט אים אויפגעהויבן און אָפּגעווישט פון די קליידער דעם שטויב, און ווידער האָט ער אַראָפּגענידערט די אויגן פול מיט בזיון. אָט אַזוי האָט זיך איינגעסדרט דאָס אומגליקלעכע ניי-לעבן פון פאַראַליזירטן משה-איציק.

קאַפּיטל פופצן

ווי פריער האָט ער געוווינט מיט די עלטערן אין איין שטוב, פאַרנומען אַן אָרט אויפן בלאָען וועשקופערט, ווו ער פלעגט אָנשפּאַרן זיינע אומבאַוועגלעכע אברים. דאָרט איז ער כמעט גאַנצע טעג געלעגן.

מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט פלעגט אים זיין מוטער מיט אַלץ באַזאָרגן און אפילו נייע קליידער ביים שניידער געלאָזט פאַר אים מאַכן און בשעת באַגייען זיי האָט זי צאַרט געשעפּטשעט :

— משה-איציקל, טראָג זיי געזונטערהייט !

דאָס זעלבע פלעגט אויך טון זיין גוטער טאַטע. יעדן פאַרנאַכט נאָך וועטשערע פלעגט ער משה-איציקן איבערפרעגן, צי די הייסע נאָדלען, וואָס די דאָקטוירים שטעכן אים אַריין אין לייב, טוען אים נישט שטאַרק וויי, און פלעגט אים טרייסטן, אַז ער וועט וואָס שנעלער געזונט ווערן. און מיט אַ צאַרטער, וואַרעמער פאָטערלעכער האַנט פלעגט ער דאָס ליילעך אויסגלעטן פון זיין געלעגער. דאָס פלעגט אַלעמען דערמאַנען אין דער צייט, ווען משה-איציק איז נאָך געווען אַ קינד.

איין מאָל האָט משה-איציקס מאַמע זיך איבערגעוועקט אין מיטן דער נאַכט פון שלאָף און דערזען, אַז איר זון איז נישטאָ : זיין געלעגער שטייט ליידיק. אַן אימה איז איר דעמאָלט באַפאַלן און זי האָט גענומען נאָכפאָרשן מיט איר מבולבלדיקן בליק דעם טעלער מיט געקעכטס, וועלכער איז נאָך געשטאַנען אַ פולער, אַ נישט-גערירטער מיט דער וועטשערע. הייסט עס, אַז ער האָט נישט גענעסן — האָט זי באַשטעטיקט אין געדאַנק.

— שוין צום ווײפלטן מאָל, ווי ער איז נישטאָ אויף זיין געלעגער ביי נאַכט, האָט זי געטראַכט מיט צער. — ער קומט ערשט אַהיים, ווען עס בלויט שוין אין דרויסן אויף טאָג. דעם טאַטנס גראָע באָרד

פאַרקנאָדערט זיך פון אומעט און שטייגט אַריין אין הויכן אויפגעשטעלטן פאַלטן־קאָלנער, וואָס ער כאַפּט אויף זיך, אויפשטייענדיק פון געלעגער צו גיין אויפעפענען די טיר משה־איציקן, וועלכער שלייכט זיך אַריין אַ שטילער, ווי אַ שאָטן, מיט אַ פּנים פון אַ פאַרשולדיקטן.

אין דער אָפענער טיר בלאָזט אַ ווינט און עס זעט זיך שוין דאָס בלישטשען פונעם גאָלד־זילבערנעם מאָרגנשטערן.

דער זומער־פרימאָרגן שטייט שוין פאַרן פענצטער און אין זיין שויב זינגט הילכיק אַ פלאַטערנדיק פייגעלע, וואָס האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט מיט אַ גאַנצער קאַפּעליע יונגע שוואַלבן.

מיטן אויפגיין פון טאָג ווערט דער אומעט פון משה־איציקס טאַטן נישט קלענער. ער דרייט זיך שוין אַ גאַנצן טאָג אַרום אויפן מאַרק אַ נישט־געגעסענער, אַ פאַרפייניקטער. דערפאַר האָט היינט זיין געטריי ווייב לאהלע, כאָטש אָן אימה האָט זי באַהערשט, נישט געוואָלט אים פון שלאָף איבערוועקן, און אַזוי שטיל, ווי נאָר מעגלעך, האָט זי זיך צוגעשלייכט צום אָרט, וווּ עס האָט זיך טונקל געלויכטן אַ פאַרסאַדזיעטע נאַפטלעמפּל אויף דער וואַנט, און עס פאַרזיכטיק פאַרלאָשן. און דאָך האָט זיך אין דער פינצטערקייט בולט געזען פייוולס פּנים אַ נישט־שלאָפנדיקס. ער איז געלעגן אין דער קרום, צעלייגט איבערן ווייסן קישן און געקוקט צום דרויסן, שטאַר און פאַרגליווערט. פּלוצעם האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין ווייב:

— לאהלע, הער נאָר, וואָס מיר איז איינגעפאַלן. אויב דו ביסט גרייט מיטצוגיין מיט מיר, וועל איך שוין דערכנסן, פאַר וואָס משה־איציק קומט נישט אַהיים שלאָפן ביי נאַכט און איז אפילו נישט טועם פון דער וועטשערע. אפשר איז ער נישט בלויז אַ קאַליקע אַרויסגעקומען פון דער תפיסה — האָט פייוול שווער אָפּגעזיפצט — נאָר אויך חסר־דעה... איין גאָט אין הימל ווייסט.

לאהלע האָט כמעט נישט גוט באַנומען איר מאַנס רייד. אָבער זי איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס אַזוינס עס איז אים איינגעפאַלן.

און איין מאָל זענען טאַקע טאַטע־מאַמע פאַר נאַכט גלייך נאָך וועטשערע אַרויס פון שטוב, כדי נאָכצוגיין משה־איציקן געהיים פון הינטן. זיי זענען אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז עס האָט גענומען צופאַלן די נאַכט, און דעמאָלט האָבן זיי דערזען, ווי משה־איציק איז אַוועק אויף אַ שאָסיי, וווּ ער פלעגט קליינערהייט אין שבועות־צייט ליב האָבן צו גיין רייסן טאַרטאַק און נאָך אַנדערע כלערליי גרינוואַרג און דערמיט באַצירן די שטובווענט לכבוד שבועות. אָבער איצט האָט איציק זיך געשלעפּט אַהין אויף זיינע צוויי קוליעס פאַרשעמט

טריט ביי טריט ווי אַ קריכנדיקער וואָרעם און זיך פאַרקירעוועט אויף אַ שטעגל מיט הויכע ווילדע גראָזן אונטער אַ טונקעלן הימל, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ס'וועט אראָפּפאַלן באַלד אַ רעגן. האָט ער אַ פאַרעקשנטער ווייטער זיך געשאַרט ביי די פּלויטן צווישן פּילפּאַר־ביקע קווייטן און פלאַנצן. פּייוול און לאהלע זענען שוין געווען מיד, ס'איז זיי שוין נימאס געוואָרן אַזוי לאַנג נאָכצוגיין, און אומגעדריכט האָבן זיי דערזען, ווי משה־איציק האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַ כאַטע מיט נאָך נישט באַלויכטענע קליינע פענצטער, ווי אַ יונג מיידל האָט אים פאַר אים געעפנט די טיר און אים אַריינגעבעטן. אין אָט דער דאָזיקער כאַטע האָט מען משה־איציקן גוט געקענט פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן. דאָרט האָט געוווינט ווילויש, מיט וועמען משה־איציק האָט זיך צוזאַמען העלדיש געשלאָגן קעגן די צאַרישע קאָזאַקן בעתן גרויסן אויפשטאַנד אין שטאָט. דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס עס ציט אים אַזוי דאָרט אַהין יעדע נאַכט. איצט האָבן פאָטער און מוטער זיך איבערגעקוקט מיט דערגאַנגענעם חשד. ס'איז שוין געווען נאָך דער וועטשערע, דערפאַר האָט מען ביי ווילוישן אַרויפדערלאַנגט אויפן טיש אויבס פון פאַרשפּעטיקטן ווינטער־סעזאָן, וואָס איז געלעגן צווישן צוויי קופּעס שטרוי באַהאַלטן אונטער די בעטן.

באַלד זענען אין כאַטע אַריינגעקומען מענטשן אין גראָע פּויערישע סוקמאַנעס און אויך אין שטאָטישן לבוש, מיידלעך אין שוואַרצע רובאַשקעס און מיט יינגליש פאַרשווירענע האָר. אַלע האָבן געמאַכט אַ וואָרע פאַרן מאַן מיט די צוויי קוליעס אין די הענט, אים באַגריסט ווי אַ היימישן. מען האָט אָנגעצונדן אַ חלבן ליכט, אַ סימן, אַז דער געהיימער צוזאַמענקום הייבט זיך אָן, און משה־איציק, ווי אַן אויסגעפּרוּווטער פון שווערע נסיונות, אַן אַרויסגעקומענער פון תפיסה, האָט אָנגעהויבן דערציילן עפּיזאָדן פון זיין אַרעסטאַנטן־לעבן. אַלע האָבן זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו זיינע נישט פאַרשטענדלעכע צעצויגענע רייד, געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפט. פון רגע צו רגע איז זיין אַנזען געוואַקסן אין אַלעמענס אויגן. זיין איינגעבויגענער גוף האָט זיך ראַפּטאַם אַ הייב געטאָן.

בעת משה־איציק האָט דערציילט זיינע תפיסה־פּאַסירונגען, האָט זיך פאַרשאַטנט זיין קאָפּ צווישן אַ קרייז אַנדערע צונויפגעטוליעטע קעפּ, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעקוקט באַגייסטערטע אויגן.

אָבער צוליב פאָרזאָרגט פאַר מוסרים האָט מען דאָרטן פאַרלאָשן דאָס ליכט פון דער כאַטע. ס'האָבן זיך בלויז צעפינקלט אין

דער חשכות פאַפּיראָסן־פּייערלעך, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אויפ־געלויכטן.

און משה־איציק האָט פאַרגעזעצט צו דערציילן אין דער פינצ־טער און דעמאָלט האָבן אַלע דערזען, ווי עס האָט זיך אַריינגע־שלייכט אַ מאַן און באַלד נאָך אים אַ פרוי פאַרהילט אין אַ דעקע, פון וואַנען ס׳האָבן אַריינגעלויכטן אין דער כאַטע־טונקלקייט צוויי ווייבלעכע מילדע בליקן.

אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט אין איין ריכטונג און דער־זען די צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן לעבן משה־איציקן.

— מאַמע! טאַטע! — האָט משה־איציק אויסגערופן שוין נישט מיט זיין געוויינלעכן שטילן טאָן.

אין לאהלעס אויערן האָט דעמאָלט אָפּגעקלונגען איר זונס קול מיטן זעלבן אָנגענעמען פריידיקן געשריי, ווען ער איז נאָך אַלס יינגל מיט זיין ערשטן פאַרדינסט אַהיימגעקומען נאָך אַ יאָר־יאָריד אין לענטשנע און געגעבן אַ שיט אויס אַ גאַנצן הויפן מיט זילבער־רובלס פון קעשענע און גענומען האַסטיק אויסרעכענען מיט אַ צע־שטראַלט פּנים, וואָס ער וועט אַלץ פון זיין פאַרדינסט פאַר זיין מאַמען קויפן מתנות, און אַ צופרידענע צוגעקוקט, בעת דער מאַן אירער האָט אַרומגענומען משה־איציקן מיט זיינע האַרטע שווע־רע הענט, צוגעדריקט אים צו זיך פעסט און עס האָט אָפּגע־הילכט אַ קוש אין פינצטערן חלל. משה־איציק האָט דאָס זעלבע געוואָלט צוריק טון און נישט געקענט און זיין טאַטע האָט דעמאָלט בלויז געפילט, ווי די וואַרעמע קליינע קינדערהענטלעך פונעם אַ מאָל פּיטשינקן יינגעלע נעמען אים איצט ווידער נאָענט אַרום, צאַרט מיט ליבשאַפט, און גלעטן זיין באָרד, זיין פּנים און ער שעפּטשעט:

— גוטער טאַטע מיינער...

קאַפּיטל זעכצן

פון אַלע יאָרן אַן איז דער ערשטער מאַי אין שטאָט געווען אַ טאָג פון גרויס פייערלעכקייט. אַלע זענען געוואָרן מיטגעריסן פון דער יום־טוב־פרייד, ווען עס האָבן זיך געגעבן אַ צעהענג אויף אַלע ביימער כלערליי פאַרביקע בעזן אַריבערשטאַרצנדיק די סעדער־ און גערטנער־פּאַרקאַנעס ווי געקרויזלטע לאָקן איבער מיידלשע שטאָלצע קעפּ. די לופט איז פול געוואָרן מיט זיסע גן־עדן־ריחות. פאַר לאָדנס פון פרימאָרגן־פעגצטער האָבן פייגעלעך מיט געלע פוכיקע

העלדזער זיך צעשפּילט און פרײַ פלאַטערנדיקע שװעלבעלעך זענען געפלױגן איבער דעכער.

פאַרױס האָבן הײַ־יאָר פאַרשטײער פון פאַרטײען, ייִדישע און פּױלישע, אָפּגעהאַלטן געהײמע פאַרזאַמלונגען ביז אין די טיפסטע נאַכט־שעהן און באַשלאָסן געאײניקט זיך צו פאַרזאַמלען הינטער דער שטאָט, אין װאַלד.

משה־איציק איז די נאַכט פון ערשטן מײַ פאַרשװוּנדן פון דער שטוב און קײנער האָט נישט געקענט אױסגעפינען, װוּ זײַן געבײן איז ערגעץ פאַרפאַלן געװאָרן. אפשר זיך גאָר דערטרונקען אין װאַסער פון פּיאַרסקעס סאָד, װאָס מוז יעדעס יאָר האָבן זײַן קרבן? האָבן טאַטע־מאַמע אים אַרומגעזוכט, װוּ די װעלט האָט נאָר אַן עק, ביזן פרימאָרגן, װען די שטאָטיונגט האָט זיך געשלײכט איבער װעגן און סטעזשקעס, װוּ גרעזער האָבן געשמעקט מיט טױאיקער פרישקײט און איבערגעװעקט דעם פריען באַגינען.

װען די װעלט איז נאָך געלעגן מיט ברעקלעך שלאָף אין די אױגן, האָט מען משה־איציקן געזען, אַנגעלענט אױף זײַנע צװײ שטעקנס, זיך שלײַכן אױף דעם אומבאַמערקבאַרן שטעג, װוּ אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיט צאַפּלדיקער פרײד אין האַרץ און סודות־דיקן טראָט. דער קראַנקער איז געקראָכן צװישן אַלע מאַי־ייִנגלעך מיט אָפּגערעקטן צװױנטיקטן לײַב און צװישן מאַי־מײדלעך מיט פאַרפלאָכטענע קװײטן אין די קעפּ, איבער פעלדער פאַרפּוצטע מיט כּלערלײ גרינקײטן און פאַרבן, װאָס האָבן קאָקעטירט קעגן דעם בלױ־לױטערן מאַיהימל.

אױפן װעג בײַ אַ טײַך האָבן זיך געפּאָיעט פערד. אַ שפּאַן װײַטער האָט זיך געזילבערט אַ װאַסערל, װוּ עס זענען אַרומגעשװוּמען װײַס־פּוכיקע עופות. עס האָט זיך געגילדעט אַ באַרג אונטער דער זון און װײַסע פּױערים־כאַטעס האָבן אַרױסגעפינקלט פון צעגלאַנצטע שױבן. אין גרינע טאָלן, װאָס זענען געלעגן אױסגעשפּרײט װי אױסגעהאָפטענע פּילפאַרביקע סאַמעט־צעגלאַנצטע דיװאַנעס, האָבן אַהערגעקוקט אַ מענגע מענטשנקעפּ, אַ כּל־קאָלירטער שעטנז פון יונג צעװאַקסענע טשופּרינעס איבער שטערנס. פאַר זײ האָט גערעדט קאַזשימיערזש, דער בלאָנדער פּױלישער אָראַטאָר, פון אױסלאַנד אַהערגעקומען, װאָס טראָגט סײַ װינטער װי זומער אָנגעהאָנגען איבער די אַקסלען אַ בלױע פּעלערינע און אַ דיכטער־קראַװאַט, פאַרשפּיליעט בײַם שטײַפן קאָלנער.

אַ לאַנגע רעדע האָט אױך געהאַלטן דוד װײַנטרױב, װאָס זײַן טבע איז אין מאָמענטן פון עקסטאַז צו הײבן זיך די הױזן אָדער

צוליב דוחק אין אָטעם זיך צו פאַרהאַקן אין סאַמע מיטן רעדן. נאָר היי־יאָר האָט ער מער ווי אַלע מאָל ביי דער מאַסע אָנגעצונדן ענטוזיאַזם און באַגייסטערט יעדן.

נאָר פּלוצעם, אין מיטן סאַמע מאָמענט פון גערעדנקען־איבער־גאַנג און הויכן רעדנער־עקסטאַז, האָט זיך דערהערט אַ געטופּ פון פערדישע טריט, אַ געדרויש פון קזשאַקעס, אַ ווילדער געלויף פון רייטנ־דיקע משערקעסן און צאַרישע קאָזאַקן, וואָס האָבן געלויערט אין וואַלד און פּלוצעם אָנגעפאַלן איבער דער מאַסע ווידערשפּעניקע אין ערשטן מאַי. עס איז אויסגעבראָכן אַ פּאַרמעסט אויף טויט און לעבן, וואָס האָט לאַנג זיך פאַרצויגן. נאָר ווען אַלע זענען שוין גע־ווען צעלאָפן אין וואַלד יחידימווייז און גרופּנווייז און נישט קנאַפּ צעבלוטיקטע זענען געפירט געוואָרן אין שטאָט אַריין אונטער אַ האָגל פון בייטשן צום אַרעסט — איז פאַרבליבן אויפן קאַמפּספּלאַץ אַ מאַן מיט אַ גאָלדבלאָנדער באָרד, וועלכער האָט זייט נעכטן, צו פּייערן דעם ערשטן מאַי, אָנגעלענט אויף צוויי קוליעס, זיך קוים דאָ אַהערגעשלעפּט. ער איז געפאַלן פון די רוצחישע קלעפּ טויט, דערטרונקען אין אייגענעם גליווער בלוט. זיינע אויגן, שוין געשלאָסן אויף אייביק, האָבן זיך נאָך ווי פאַרקוקט צום הימל, וווּ עס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ גאָלדן שיפל צווישן זילבערנע וואָלקנס.

קאַפּיטל זיבעצן

עס איז געווען אין מיטן זומער. די וועלט האָט געאָטעמט מיט פרייד. ס'האָבן זיך געטראָגן פייגל־געזאַנגען איבער דעכער. וויי־סע טויבן זענען געפלויגן גאַנצע שאַרן נאָכן אָוונט־שפּאַציר צוריק אין זייערע נעסטן. אין דער לופט האָבן זיך געשפּירט זאַפטיקע בלו־מען־ריחות און דער דופט פון צייטיק געוואָרענע פּירות אין שכנישע צעבליטע סעדער און גערטנער.

הילכיקער פון אַלע מאָל האָט היינט די סירענע זיך צעפּייפט אין פאַן פינקוסעס גאַרבעריי, פון וועמענס גראָע אומעטיקע מויערן האָבן זיך האַסטיק אַרויסגעשאָטן לאַנגע רייען גאַרבער: פעל־כעמיקער. אייינזאַלצערס, פשיסווע־בייגערס און פאַלצערס. אַלע אין געל־פאַר־פעצטע קליידער, אין הויכע יוכטאָווע שטיוול ביז איבער די קניען, זענען זיי געגאַנגען איבערן שטיינערברוק מיט הילכיקע טריט און גבורה.

און פלוצעם האָבן זיי דערזען איבערראַשט פריש אויפגעקלעפּטע פּלאַקאַטן אויף אַלע שטאָטמויערן:

„מלחמה קעגן דייטשלאַנד!

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אויגוסט 1914“.

אַט די עטלעכע ווערטער האָבן מיט איין מאָל אָפּגעווישט אַלע מענטשלעכע פרייד.

זינט יענעם אָוונט איז די פרידלעכע שטאָט פון אַרבעט געוואָרן פאַרפלייצט דורך אַ מישמאַש פון פויערישע גראָע סוקמאַנעס און דאָרפישע פאַרבלאָטיקטע שטיוול. גאַנצע ראַיאָנען מענטשן האָבן אויף פורן און כלערליי וועגענער אַהערגעצויגן צו די לעצטע מיליטער־קאָמיסיעס און אויסגעפילט אַלע קאַזאַרמעס. די שטאָטישע גערטנער און בלומענסקווערן זענען געוואָרן הפקר־פריי און צעטראָטן. דעמאָלט האָט דער גרעסטער אינדוסטריעלער פון דער שטאָט, פאַן פינקוס פאַסכאַלסקי, שנעל גענומען אויספאַרקויפן זיין גאַרבעריי, הייזער, שלעסער און גיטער און זיך איבערגעצויגן מיט זיין פאַרמעגן אין דער הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד. און באַלד האָט אויפגעוואַכט אַ באַגינען, ווען עס האָבן איבער די שטויביקע היימישע זאַמלינער וועגן פון לובלינער־קעלצער טראַקט זיך געטראָגן פרעמדע געזאַנגען:

דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס,
איבער אַלעס אין דער וועלט!

דער זיגרייכער שונא האָט פאַרנומען דעם גאַנצן געגנט. אין שטאָט זענען אַרבעטער פון פאַבריקן פאַרבליבן אָן ברויט און אָן אַרבעט. אַליץ האָט דער אָקופּאַנט רעקווירירט און די מענטשן האָבן זיך גענומען אַרומוואַלגערן איבער די פרייע לאָנקעס און סעדער אָן אַ תכלית: זייער גרעסטע זאָרג איז געוואָרן אַ הייסע קאַרטאָפל צו דער זעט און אַ פאַפּיראָס צו פאַררייכערן.

פיפיקע חברה־לייט האָבן זיך געכאַפּט צום שמוגל. דער ערשטער פון זיי איז געווען בערעלע שטעכער, אַ געוועזענער געגריוועטער שוסטער, אין וועמענס קעשענע איז שטענדיק געלעגן גרייט אַ קונציק ספּרענזשינע־מעסערל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך פאַרמעסטן מיט די שטאַרקסטע גבורים פון שטאָט. דערצויגן געוואָרן איז בערעלע אָן

א טאטן ביי א מאמען א מארקהענדלעריין. א יונג, וואס קיין שום סכנות האבן אים נישט געקענט אפהאלטן. ער האט זיך געווארפן אין אלע פייערן. א געוואגטער, האט ער זיינע שמוגל־סחורות איבער־געפירט פון שטאט צו שטאט אין לאסטוועגענער און באנצוגן, גע־צאלט כאבאר, ווו עס האט זיך נאר געלאזט, און דאס גאנצע יונג־ווארג האט אים גענומען נאכטאן.

בכלל האט די שטאט מיט איין מאל געענדערט דאס פנים. פרו־מע בחורים, צווישן זיי אויך לייזערל, פייוול קאניאזשס זינדל, האבן שנעל זיך אויסגעטון די סאמעטענע היטלען און חסידישע קא־פאטעס און זיי איבערגעטוישט אויף גימנאזיאלע אוניפארמען. דורך זיי טאקע איז אין שטאט געגרינדעט געווארן א ביבליאטעק און א דראמאטישע אמאטארן־גרופע, וואס איר ערשטע פארשטעלונג האט שטארק אויסגענומען. בערעלע שעכער און זיין מאמע נעבע די מארקהענדלעריין האבן געדונגען די ערשטע לאזשע, געצאלט פאר בילעטן דעם טייערסטן פרייז. אויך די אנדערע לאזשעס זענען געווארן פארנומען דורך סאמע שמוגלערם. דאס טעאטער־שטיק האט געהייסן די „באבע יאכנע". די הויפט־אקטיארקע איז געווען פייטשע, א מיידל א יתומה מיט א זיס קול און צוויי שווארצע אויגן. שפע־טער ווען די אמאטארן־טרופע האט דאס זעלבע מיידל ארויסגע־שטעלט אלס כאסיע די יתומה, איז דער דערפאלג געווען אזוי גרויס, אז די פאטשערייען און די הורא־אויסרופן האבן צעטראגן די ווענט און זי האט געמוזט ארויסגיין אויף בים און אן א שיעור מאל אי־בערחזרן איר געזאנג:

אויב ביסטו א מומע מיר
טא נעם זשע מיך אהיים צו דיר
קום, אוי, אוי, אוי, אוי,
נעם זשע מיך אהיים צו דיר.

הענט ווי טרוקענע ברעטער האבן געפאטשט בראווא. ט'האט געטופעט מיט די פיס, געפויקט מיט די פויסטן ווי אין קלינגענדיקע בלעכן אין די לאזשעס. ביים סוף פון לעצטן אקט איז עמעצער ארויף אויף דער בינע מיט א גרויסן בוקעט, וועלכן ער האט געשאנקן פיי־טשען א מתנה, און גלייך פארשוווגדן געווארן ווי א פארשעמט חדר־יינגל. דאס איז געווען בערעלע שטעכער. ער איז ארוים פון טעאטער מיט א גאנצער חברה גוטע־ברידער שמוגלערם און ביי זיין רעכטער האנט איז געגאנגען די מאמע זיינע. זי האט אים כסדר אונטערגע־געבן קוראזש, אויפגעמונטערט זיין התפעלות, אז די מויד וואלט גע־

ווען פאַר אים דער בעסטער פּאַסיקסטער שידוך. בערעלע שטעכער האָט טאַקע דעם זעלבן חודש אָפּגעשיקט צו פּייטשען אַ שדכן מיטן צוזאָג, אַז ער, בערעלע, וויל זי מאַכן גליקלעך, ווייל זי האָט צעבראָכן זיין האַרץ מיט איר גנזאַנג. אין אָנהייב האָט פּייטשע פאַרריסן דעם קאָפּ, נישט געוואָלט הערן צומאָל, און דווקא דאָס האָט בערעלען נישט געלאָזט איינרוען. אין יעדן קליינעם שכנותדיקן שטעטל, ווו איר טרופּע האָט נאָר געשפּילט, איז ער אַהין נאָכגעפאָרן און אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל אים דאָרטן דערווייל נישט אויסכאַפּן פּייטשען.

*

די מלחמה־יאָרן האָבן זיך געצויגן. די ערד איז געלעגן אַ צעבלוטיקטע. דער שמוגל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און די נויט גרעסער. בערעלע שטעכער האָט פאַרדינט שטיקער גאָלד און ענדלעך זיך גענומען, נאָך אַזוי פיל יאָרן נאָכלויפן דער שיינער אַקטיאָרקע, גרייטן צו פּראַווען זייער גליקלעכע חתונה. דער יונג האָט דעמאָלט באַקומען אַ שיינענדיק פּנים. ווען ער איז געגאַנגען לעבן פּייטשען, האָט ער אויסגעזען ממש ווי געלייטערט. צו דער חתונה האָט בערעלע שטעכער פון פריער צוגעגרייט אַ דירה און נאָך יעדער יאָזדע זענען דאָרט ביי אים פאָרגעקומען די חשבונות, וואָס ער האָט געמאַכט מיט נאָך שמוגלערס בשותפות, מיט וועלכע ער האָט געפירט משא־ומתנם.

פון כסדר אַרומוואַלגערן זיך אונטער וועגנס זענען זייערע פּנימער געווען פאַרברענט פון דער זון און די היטלען־דאַשקעס זענען ביי זיי תמיד געלעגן פאַררוקט אין די אויגן. בשעת דעם חשבון זענען זיי געזעסן אַרום דעם טיש מיט גרויסע שטיקער קרייד אין די הענט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן פּירעקעכדיקע ציגל, גרייט צו פּלעטן עמעצן דעם קאָפּ. מען האָט געשריבן רינגעלעך און פּאַסיקלעך, געמעקט מיט די פויסטן און עלנבויגנס און אויף ס'ניי געשריבן און עס האָבן זיך געצויגן געדיכטע קנוילן רויך פון פּאַפּיראָסן. אָפּט ביי אַזאַ חשבון איז געזעסן פּייטשע די אַקטיאָרקע לעבן איר חתן בערעלע שטעכער אויף דער ניי־אויסגעבעטער ווייכער קאַנאַפּע מיט די שפּרינגענדיקע ספּרענזשינעס און אַלע פּשיאַטשעלעס האָבן געפּלאַצט פון קינאה און זיי אויף צעפּיקעניש האָט בערעלע צוגערוקט זיך נעענטער צו זיין כלה, זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט און מיט איר דינעם גוף לייכט אַ טרייסל געטאָן, אַרויסשטעלנדיק דערביי אַלע זיינע ווייסע ציינער אין אַ חניפהדיק לאַכעלע :

— פּייטשעלע, נאָך דער חתונה וועט דיר ביי מיר גאָרנישט

פעלן, אפילו קיין האָניק־מילך און אַ דינסט אין שטוב וועל איך אויך האָבן פאַר דיר. נאָר אַז איך וועל אין אַ טאָג ווערן טרויעריק אָדער אין כעס, זאָלסטו גאָרנישט מאַכן דערפון און בלויז אויפזינגען דאָס שיינע לידעלע :

אויב דו ביסט אַ מומע מיר
טאָ נעם זשע מיך אַהיים צו דיר
קום, אוי, אוי, אוי, אוי,
נעם זשע מיך אַהיים צו דיר.

און בערעלע שטעכער נעמט דעמאָלט באַוועגן מיט די הענט, ווי ער וואָלט מיט זיי דיריגירט, און אַלע פּשיאַטשעלעס אין איין כאָר העלפן אונטער :

קום, אוי, אוי, אוי, אוי
נעם זשע מיך אַהיים צו דיר.

בערעלע שטעכערס וווינונג האָט זיך געפונען אויף דער פּרינצי־פּיאַלנער גאַס, וווּ די גרעסטע גבירים האָבן געוווינט, און געהאַט ברייטע פענצטער אַרויס אין דרויסן, ווו אין די אָוונטן האָבן אַריינ־געקוקט די לאָמפּנפּייערן פון שטאָטישן קינעמאַטאָגראַף. אָט דאָרטן טאַקע האָט אַפּגעקלונגען דאָס וויל־יינגלערישע געזאַנג פון די מל־חמה־שמוגלערס צוזאַמען מיט פייטשעס זיס סאָפּראַן־קולכל. שפּע־טער האָט זי אויסגעשפּרייט אויפן טיש אַ ווייס טישטעך מיט רויטע בלומען אין די ראַנדן און בריהש אונטערגעטראָגן גלעזער שטאַרק אָנגעצווייגענע טיי און זיס אָנגעצוקערט.

איין מאָל נאָך אַזאַ כאַראַלן געזאַנג, וואָס האָט זיך שטענדיק פאַרענדיקט מיט אַ פּאַטשערייַ פון הענט, אַז דער סופיט האָט זיך גע־הויבן, האָט זיך דאָס מאָל פייטשע גאָר פונאַנדערגעוויינט אויפן הויכן קול און חברה האָבן זיך אונטערגעוווּנקען :

— הע ! בערעלע שטעכער האָט די מויד אוודאי שוין פאַרטיק געמאַכט.

ער האָט טאַקע זי שוין היינט נישט ווי אַלע מאָל געגעבן אַ הייב אויף ביזן סופיט אויף די הענט פון גרויס פרייד. נאָר ער איז גע־וואָרן אויפגעציטערט פון אירע טרערן און זי האָט אים דערציילט, אַז נאָכמיטאָג, שפּאַצירנדיק מיט אירע חברטעס אין נייעם גאָרטן, איז הינטער אירע פּלייצעס, פון קיינעם נישט באַמערקט, איר נאָכגע־גאַנגען דער דייטשער אָקופּאַציע־אָפיציר, וועמען די שטאָט האָט אַ נאָמען געגעבן „די שוואַרצע האַנט“, ווייל ער האָט אַ טבע זיך צו

פאַרגנבענען פון הינטן מיט אַ דינער שפּילקע און זי אַריינשטעקן אין דיקן פלייש פון יונגע מיידלעך און אפילו פון שולקינדער און שטיל אומבאַמערקט פאַרשווינדן. גראָד היינט איז פּייטשע די אַקטיאָרקע געווען זיין קרבן, אַזש דאָס לייב טוט איר נאָך איצט וויי, נישט אי־בערצוטראָגן. איר טרויעריקער גרימאַס אויפן פּנים האָט בערעלען אַזוי צעבראָכן, אַז ער איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און געזאָגט:

— ווייַן נישט, פּייטשעלע! דער אָפיציר וועט איצט וויסן, מיט וועמען ער האָט אָנגעהויבן.

בערעלע שטעכער איז באַלד אַוועק אין אַ לעצט שטיבל אויסצו־פּרובירן זיין היימיש ספּרענזשינע־מעסערל און עס אַ וועג געגעבן אין האַנט און עס אַ גלעט געטאָן, דערנאָך עס אַוועקגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און געזאָגט:

— פּייטשע, מאָרגן גייסטו מיט מיר צוזאַמען אין גייעם גאָרטן, כדי מיר אָנצווייזן דעם אויסוואורף, און דעמאָלט וועל איך זיך שוין מיט אים נעענטער באַקענען.

— בערעלע־קרוין, פאַרשווייג די עוולה. עס איז דאָך אין מלחמה־יאָרן — האָט פּייטשע אים תחנונימדיק געבעטן.

גאָר עס איז געווען קענטיק, אַז אַלע רייד זענען ווי אַרויסגע־וואָרפן. בערעלע האָט עקשנותדיק פאַרביסן די ליפּן.

טאָקע עטלעכע טעג שפּעטער האָבן דייטשע פּלאַקאַטן אויף די מויערן געמאָלדן וועגן אַ גרויסן פּרייז פאַר דעם, וואָס וועט אָנווייזן דעם שולדיקן אין נקמה־אַקט קעגן דעם דייטשן אָפיציר.

*

שפּעטער, אַזוי ווי שטענדיק, זענען פאָרגעקומען די שמוגלער־חשבונות ביי בערעלע שטעכער אין דער היים. מען איז געזעסן מיט במאַליעס קרייד אין די הענט. מ׳האָט געשריבן רינגעלעך און פּאָסיק־לעך, באַשפּינגן די צעראַטע אויפן טיש, געצווינגן קנוילן רויך און ווידער פאַרוויקלט דאַרע פּאַפּיראָסלעך און זיי פאַרוואָרפן אין די מויל־ווינקלען ווויל־יינגלעריש און דערביי האָט זיך עמעץ געבעטן:

— פּייטשע, גיב עפּעס אַ זינג!

און אַז בערעלע איז צו פּייטשען דער אַקטיאָרקע, זיין כלה, אונ־טערטעניק צוגעשטאַנען, האָט זי אים צו ליב געטאָן. דערפאַר האָט ער איר דערלאַנגט אַ קוש אין פּנים פאַר אַלע אין די אויגן.

אַ טייל שמוגלערס האָבן ביי פּייטשעס זינגען אונטערגעפּייפט, פאַררוקט די ליצעפּעטן־דאַשקעס אַרויף צו, אַז די האָרקנוילן האָבן זיך ביי זיי געקרויזלט און זענען ווויליש נאָכגעהאָנגען. יעדער פון

דער חברה האָט זיך געטראַכט: אוי, איז דאָס אַ מויד, אַ צימעס! סאַראַ מזל דער יונג האָט דאָס!

די חשבונות ביי די שמוגלערס זענען שפּעטער געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן בשותפות גענומען צונעמען אַלס בוכהאַלטער ליי־זערלען, פּייוול קאָניאַזשס זון, וועמען מען האָט שוין דעמאָלט גערופן לאַזאַר ווימעלזאָן. זינט ער איז געוואָרן אַ גימנאַזיסט, דאַרף ער געלט צום לערנען זיך, גיט ער אָפּ לעקציעס און מאַכט אַלע אַנדערע קאַנצעלאַריע־אַרבעטן אין גבירישע הייזער און זוכט אַלע געלעגנ־הייטן צו פאַרדינען געלט. האָט ער טאַקע איבערגענומען די ביכער־פירונג ביי בערעלע שטעכער און זיינע שותפים... אַ חוץ חודש־געלט גיבן זיי אים סתם מתנות, ספּעציעל פּייטשע די אַקטיאָרקע טיילט אים צו גרויס כבוד, ווייל זי ווייסט, אַז ער איז געווען דער גרינדער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס האָט איר פאַרשאַפט אַזוי פיל דער־פּאָלג. טאַקע לעצטנס, ווען לאַזאַר איז געווען פאַרבעטן צום טיש אויף טיי, איז גראָד אָנגעקומען איינער פון די הויפּטשמוגלערס, אַ פאַרשפּעטיקטער פון אונטער וועגנס, און האָט באַלד אויפן שוועל אין איין אָטעם אויסגעשריגן:

— פּשיאַטשעלעס! דער צאַר, אין זיין מאַמעס־מאַמען אַריין, איז שוין געגאַנגען, גאָט צו דאַנקען, די כפּרה!

— בראַוואָ! — האָבן אַלע מיט די פויסטן האַרט געפּויקט אין טיש, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעהילכט.

— חברה יאָלדן! — האָט דעמאָלט בערעלע שטעכער אויסגע־רופן — וואָס איז אויף אייך די גדולה? וואָס פרייט איר אייך אַזוי שטאַרק? ס'וועט דאָך באַלד נעמען אַ סוף צו דער מלחמה און צום שמוגל.

אַלע זענען דעמאָלט פאַרבליבן ווי געפּלעפּט. זיי האָבן פאַררוקט טיף די הענט אין די ברייטע שמוגלער־קעשענעס פון די הויזן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד ווי פון יאוש. בלויז דער גימנאַ־זיסט לאַזאַר, פּייוול קאָניאַזשס זון, האָט אויסגערופן אַן אויפגעלייג־טער:

— דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער יום־טוב. איך האָב דערלעבט דעם טאָג פון נקמה אינעם צאַר, וואָס האָט אָנגעפילט זיינע טורמעס מיט מיליאָנען מענטשן און אומגעברענגט מיין ברודער משה־איציק. און איצט, מיינע פריינד, לאָז איך אייך איבער מיט אייערע חשבו־נות־ביכער, כדי וואָס שנעלער אַהיימצוגיין אָנזאָגן די גוטע בשורה מיינע עלטערן. אַדיע!

און ער איז אַרויס.

אויפן גאַס האָבן די שנייען געסקריפּעט אונטער לאַזאַר ווימעל־

זאָגס פּיס, ווי זיי וואָלטן אונטער זיין גאַנג אויסגעטאַנצט זיין פרייד און ווי אַ חתונה־פידעלע אויסגעשפּילט זיין גליקלעכן חופּה־ניגון.

— מאַמע! דער צאַר האָט שוין באַקומען זיין אמתן סוף! ער איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון טראָן! — האָט לאַזאַר, אַריינפאַלנדיק אין שטוב, אויסגערופן אַ צעלויכטענער. די מאַמע האָט גראָד געשיילט קאַרטאָפל און פון איבערראַשונג נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אַלץ פון האַנט האָט זי אַוועקגעשליידערט און דערביי זיך הילכיק צעוויינט:

— אַ שאָד נאָר, זונעשי, וואָס משה־איציק האָט דאָס נישט דערלעבט — און זי האָט געקוקט אַ צעשראָקענע, ווי אין דער דיניצע זענען קאַפּויער געשווומען די ווייסע צעשניטענע פּענעצלעך קאַרטאָפל.

ראַפּטאָם איז אויך פייוול קאָניאַזש אַ באַשנייטער פון גאַס אָנגעקומען. ער איז געבליבן שטיין פאַר דער שוועל, כדי די שטיוול פון די שטיקער פּראָסט אַרומצוריייניקן און אויך אָפּצושאָקלען זיין פוטערנע צאָפּע פון די הויפנס ווייסן שניישטויב.

לאַזאַר איז זיין טאַטן אַקעגנגעלאָפן און אויסגעשריגן:

— אַ שימחה האָבן מיר דערלעבט!

— כ'ווייס, כ'ווייס — איז דער טאַטע אַריינגעפלויגן אין די רייד פון זון און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ צעלויכטנקייט ווי נאָך קיין מאָל נישט. דער אָרעמער פייוול קאָניאַזש האָט געקוואָלן, וואָס אין זיין ענגן פּאַציאַט־שטיבל כאָוועט זיך אויף אַזעלכע אָרנטלעכע איידעלע זין, און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיטן זעלבן מעטאַלגעבלישטש, ווי די מעש־צעפּוצטע קנעפּ פון לאַזאַרס גימנאַזיאַלן אוניפאָרם און זילבערקריינדל אויפן היטל.

אין יענער נאַכט איז אין דער היים קיינער נישט געשלאָפן, ווי עס וואָלט אַלעמען געווען אַ שאָד אַזעלכע טייערע שעהן אַדורכצולאָזן אין דרימל.

אַלע דריי זענען געלעגן אויף זייערע געלעגערס און אויף דער וואַנט האָט זיך געשאָטנט פייוול קאָניאַזשס יונג גראָ געוואָרענע באָרד מיט צוויי צעשפּיצטע עקן, און לאַהלעס נאַכטקופּקע, וואָס האָט אויסגעזען מיטן פּאָרנטיקן באַנדשלייף ווי פליגלען, וואָס שטאַרן אַרויס פון דער פינצטערניש און שאָקלען זיך צו פון הסכמה, וואָס זייער געבילדעטער זון לאַזאַר דערקלערט פאַר טאַטע־מאַמע וועגן די גאָר וויכטיקע געשעענישן אין ווייטן רוסלאַנד און וועגן זיינע האָפענונגען, אַז עס וועט נעמען אַ סוף צו דער מלחמה. ער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געלייענט אין פאַרשידענע גאַזעטן, אַז דער „סאָציאַליסט“ קערענסקי איז אַן אונטערגעשיקטער פון די רייכע לייט, ווייל ער האָט געוואָלט אויספירן זייער שליחות און טרייבן דאָס פאָלק

צו א מלחמה ביזן סוף. בכלל האָט דער שלום ביי לאַזאַרן אויסגעזען שענער פון אַלע חלומות אין דער וועלט. ער האָט דערפילט, אַז דאָס לעבן אין די מלחמה־יאָרן איז זינלאָז. ווי אַ דערוואַקסענער מענטש האָט ער אָנגעהויבן צו באַנעמען דעם גרויל פון די שלאַכטפעלדער. ער האָט געלייענט די פראַנטבאַריכטן מיט טרערן אין די אויגן. דער נאָמען מעץ, דער טייך מאַרנע, אויך לעצטנס ווערדען, זענען געווען פאַר אים פינצטערע לאַבירינטן, וואָס פאַרשלינגען אין זיך מחנות פראַנצויזישע לעבנס.

לאַזאַר וויטעליזאָן האָט אַ סך געטראַכט וועגן די פראַנצויזן, וועגן זייערע צעשמעטערטע שטעט. אפשר גאָר דערפאַר, ווייל ער האָט גע־האָט באַשלאָסן נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע צו פאָרן אין זייער לאַנד פאָרצוזעצן זיין שטודיום, אָדער ווייל ער האָט ליב באַקומען זיי־ער קלינגענדיקע שפראַך, וואָס ער האָט לעצטנס זיך אויסגעלערנט מער נאָך וויפל זיין גימנאַזיע־קורס האָט באַשטימט. ער האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו איר שיינקייט, געפאָרשט אין די ווערטערביכער אַלע ווערטער־ניואַנסן. אָן קיינעמס השפעה האָט ער געלייענט זייערע פאָעטן און פראָזאַיקער. אַלץ, וואָס איז פראַנצויזיש, האָט ער ליב בא־קומען. ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּיזאָדן פון דער פראַנצויזישער געשיכטע, בעיקר פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און טאַטע־מאַמע האָבן דערפון געהאַט גרויס פאַרגעניגן, געשלונגען יע־דעם וואָרט זיינס און נאָך אַ מאָל דערפילט דעם טעם פון קינדער־נחת.

קאַפּיטל אכצן

טאָקע אין יענע יאָרן האָבן שטיל זיך געשלייכט איבער געפאַל־דיקע שליאַכן וועגענער מיט פויערים, אָנגעטאָן אין קויטיקע צעפליק־טע פעלצן און פוטערנע צאַפּקעס איבער די אויערן פאַררוקט, די קעפּ איינגעמוליעט אין די ווינטערדיקע באַשליאַקן. זיי האָבן געפּאַ־כעט מיט די הענט, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך אויפטייען פון דער קעלט. נישט קוקנדיק אויף די פּראָסטיקע ווייסע פעלדער אַרום פון אַלע זייטן, האָבן זיי האַסטיק געטריבן די פערד, באַדעקטע מיט שטיקער שמאַטעס, און פרום זיך געצלמט פאַר יעדן יעזוסל, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַלע וועגן, געפילט אין האַרץ צו גאָטס זון אַ גרויסן לויב, ווייל ער האָט אַריינגעגעבן שכל אין די קעפּ פון די מאָסקאַלן, וואָס האָבן צוגענומען די ערד ביי די פּריצים און זי אָוועקגעגעבן די פּויערים...

אַט דאָס טאַקע איז היינט געווען די איינציקע סיבה, וואָס די דאָזיקע פּויערים אויף די וועגענער האָבן געאיילט אַזוי פרי אין שטאָט אַריין. זיי האָבן זיך דאָרט געוואָלט דערוויסן, צי די פרייד איז אַן אמתע, וואָס די יונגע כלאָפּעס פאַרשפּרייטן פון כאַטע צו כאַטע און זאָגן, אַז אַזוינס וועט אין אַ טאָג אויך אָנקומען ביי זיי אין לאַנד און מען וועט צעטיילן די ערד פאַר אַלע, וואָס אַרבעטן אויף איר.

— וויאָ! — האָבן די פּויערים געטריבן וואָס אַ מאָל האַסטיקער די פאַרפרוירענע פערד, געפּאַכעט מיט די בייטשן און איבער אַלע פּלויטן און דראָטן זענען געפלויגן מחנות שוואַרצע קראָען און טרויעריק געקראַקעט.

עס האָט געשאָטן אַ דינער שניישטויב איבער די וועגן.

דער ערשטער פּויער, וואָס איז אָנגעקומען צום שטאָטמאַרק, האָט שוין נישט דערפילט די פינגער ביי די הענט און די אויערן אונטערן געלן באַשליאַק און ער האָט דעם ערשטן „דזשיען דאָברי״ אָקעגנגעטראָגן אַ פאַרפרוירענער יידישער מילך־הענדלערין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען ביי אַ גאַסן־פּייערטאָפּ און זיך געוואַרעמט און דערביי הויך גערעדט:

— האַ! שוין האָסטו זיך דערלעבט, פּאַן פּינקוס פּאַסכאַלסקי! דו ביסט צוריקגעקומען צו אונדז אין שטאָט שוין אַן הייזער, אַן גאַרבעריי, כאַ, כאַ, כאַ!

אַט דאָס אַלץ האָט דאָברע די מילך־הענדלערין זיך טאַקע דערוווסט כמעט פון די ערשטע אין שטאָט אין יענע הייזער, וו מען לייענט גאַזעטן. בכלל איז דאָברע געווען אַן אויפגעקלערטע, זינט מען האָט איר יצחקן פּאַרשיקט קיין סיביר אין פינפטן יאָר און זי איז פאַרבליבן אַן אייביקע עגונה. האָט זי טאַקע דערפאַר אַ גרויסן כעס צו די אַלע זאַטע באַלעבאַטעלעך, וואָס האָבן ליב ביזן ווייטן טאָג אַריין צו ליגן איינגעטוליעטע אין די וואַרעמע בעטגעוואַנטן, ווייל אין אַזעלכע פּראָסטיקע באַגינענס האָבן די געפּיעשטשעטע וויבער מורא די נאָז ממש אַרויסצושטעקן, כאָטש די דינסטן פון זייערע פרנסהדיקע היימען האָבן שוין פון העט, העט לאַנג די קאַפּליאַנע אויוונס צעגליט און בלויז צוליב קינאה רעדט זי אַזוי הילכיק:

דאָברע די מילך־הענדלערין, זאָגט מען, וואָלט געקענט ווערן ווער ווייסט וואָס, ווען זי וואָלט אַלס קינד געלערנט אין די שקאָלעס. זי קען צוטראַכטן אַזעלכע אויסטערלישע שיינע מעשיות, וואָס אַזעלכעס קען מען נאָר לייענען אין די ביכער. זי איז אַ גרויסע חוזק־מאַכערין. דאָס לעצטע מאָל האָט דאָברע פאַרשפּרייט אַ נייע לצנות אין שטאָט, אַזוי גייענדיק מיטן רונדיקן האָלץ אויפן אַקסל אָנגעהאָנגען, מיט

וועלכן זי פארטשעפעט די מילכבלעכן, כאטש זי האט נישט מער קיין פרנסה פון קיין מילך, נאר געגאנגען איז זי, סתם אזוי פון געוווינהייט, ווי א פערד אין אייביקן שפאן און געטרעטן שווער אין באשנייטן ברוק און הארט געערדט אויף א מאנסבילישן קול:

— כא, כא, כא, פון פאן פינקוסעס עשירות און אדירות האט ער בלויז דורך באנען קוים אהערגעשמוגלט מיט זיך א וואליזע פול אנגע־פאקט מיט ניקאלאיעווער באנקנאטן, וואס זענען שוין נישט מער גילטיק.. פון זיי קוקט ארויס דער פארטרעט פון צאר און זיינע אן א שיעור מעדאלן אויפן הארץ אנגעהאנגען, און ער, פאן פינקוס, רעדט צו אים, קריגט זיך מיט אים, כליוסקענדיק אין זיך אריין דעם ביטערן טראפן פון דער אויפגעפראפטער אקעוויט־פלאש און טענהט מיט כעס:

— אך, דו צאר, דוראק! — פאר וואס האסטו זיך געלאזט פון טראן אראפשליידערן, אז עס זאל נישט פון דיין ממשלה מער פאר־בלייבן קיין שריד ופליט? הא? ווו זענען געווען דיינע אן א שיעור פאלקן מיט טרייע סאלדאטן? — און באלד גייט ער איבער אין צאר־טע רייד און צעוויינט זיך:

— אך, הייליקער מאנארך! פאטער געטרייער! דו זעסט ווי מיר גייט היינט שלעכט. ס'זענען נישטא מער די יאגדן אין די וועל־דער, די ווילטאגן און תאווה־ארגיעס גאנצע נעכט, די בעלער און פארגעניגנס. זאג, וואס וועט איצט פון מיר ווערן?

*

היינט איז א בייזער ווינטערטאג. אינעם פראסטיקן דרויסן טראגן זיך ארום אומהיימלעכע געשרייען פון קראען. זיי שטעלן זיך אוועק דרייסט אן מורא אויף לאמטערן־סלופעס, ווי זיי וואלטן א וויוואט אויסגעשריגן, קראקען זיי אריין מיט זייערע גרילצנדיקע קולות אין דער ווייסער פראסטיקער וועלט לכבוד דעם גאסט, וואס איז צוריקגעקומען אין דער שטאט פון זיינע געוועזענע הייזער און גארבערייען.

עס לויפן אונטער אים ווייבער און קינדער ווי אויף א בייז ווונ־דער. איצט פארט ער נישט מער, ווי זיין שטייגער, אין א בלאער ווייך־אויסגעבעטער קאטש, באשלאגן מיט גלאנציקן מעטאל. ער שפאנט איצט צו פוס מיט א פארזארגט פנים, באגלייט פון צוויי חשו־בע גבירים; ער גייט אין שול אריין האלטן א דרשה פאר יידן, ווו ער האט געוואלט דערוועקן צו זיך רחמנות. די שעה איז דערצו געווען באשטימט און ער איז מיט גרויס כבוד אריינגעפירט געווארן אויפן

באַלעמער און אָנגעהויבן דערציילן דער עדה, ווי ער איז נעבעך גע־וואָרן אַן אָרעמאַן. פון דער ווייבערשער שול האָט זיך אפילו געהערט אַ העשעריי צוליב דעם, וואָס דער גרויסער מאַגנאַט מוז איצט נעבעך אָנקומען צו קיצבה און טובות פון גוטע מענטשן, אַנדערע גבירים אין שטאָט.

פּלוצעם איז אַרויף אויפן באַלעמער אַ ייד, וואָס האָט זיך דאָ אַהער געריסן פון סאַמע פּאָליש, ווו ער פאַרנעמט אַלע זיינע יאָרן דאָרט אַ ווינקל. קיינער האָט אים נאָך נישט ווען עס איז געזען עפּע־נען דאָס מויל. אַ שווייגנדיקער ייד. איצט איז ער אַרויף אויפן באַ־לעמער מיט אַזאַ ברען, אַז פון איילעניש האָט דער טלית זיך אַראָפּ־געגליטשט פון זיינע אַקסלען און באַלד אויפן ערשטן שטיגל, וואָס פירט צו צום ברייטן טיש, האָט ער אויסגעשריגן זיין כעס:

— רבותי! זאָגט מיר, צי האָט איר שוין אַ מאָל באַמערקט אין שול דעם דאָזיקן פּאַן פּינקוס פּאַסכאַלסקי אין יענע טעג, ווען דאָס פּראָסטע פאָלק האָט געפאַסט תעניתים און באַוויינט אונדזער ביט־טערן יידישן גורל? ווען דער צאַר האָט געלאָזט אויסשעכטן אונדזע־רע אָרעמע ברידער, געלאָזט מאַכן אויף זיי פּאָגראָמען? דעמאָלט איז פּאַן פּאַסכאַלסקי נישט געקומען אין שול אַריין מיטוויינען מיט אונדז. ער האָט זיך שטענדיק פאַרלייקנט אַלס ייד; טאָ וואָס זשע קומט ער דאָ אונדז איצטער דרייען אַ קאָפּ? אפשר פאַר־לאַנגט ער, מיר זאָלן זיך אַוועקזעצן קלאָגן אויף זיינע פאַרלוירענע רייכטימער און אויפן גורל פון זיין אַראָפּגעזעצטן צאַר?

— ער איז גערעכט!

— דאָס זענען גאָלדענע ווערטער! האָבן די מתפּללים אין שול גענומען טומלען, נאָר די גבאים האָבן מיט פאַרדראָס געמורמלט אין כעס:

— איר קענט אים נישט? ווער ווייס זאָגן, אַז ער איז בעסער פון זיין זון משה־איציק, דער בונטאָווטשיק, נאָך וועמענס לוויה ס'זענען נאָכגעגאַנגען סטרוזשקעס, גאַסנקערערס, גאַרביאַזשעס אַ גאַנצע מחנה?

נאָר דער אַלטער שטאָט־רב, פאַר וועמען ס'האָבן אַלע געהאַט גרויס דרך־ארץ, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן און געזאָגט:

— שטיל זאָל זיין, רבותי! שבת־קודש איז היינט! און עס מוז ווערן אויסגעמיטן אַ מחלוקה צווישן יידן!

שנעל האָבן זיך די דאַוונער אַ נעם געטאָן פאַרענדיקן דעם מוסף און מיט גרויס ערנסט צוגעהערט זיך צום חזנס האַרצרייסנדיקער תפילה פון ראש־חודש.

קאַפּיטל נײַנצן

שוין יאָרן, אַז מ'האָט אין שטאָט נישט געזען אַזאַ ברען ווי בײַם צוגרייטן די חתונה פון בערעלע שטעכער און פייטשע, די אַקטיאָרקע פון דער אַמאַטאָרן⸗טרופּע. בערעלעס מאַמע, נעכע די מאַרקהענדלערין, האָט גענומען באַווײַזן אירע גרויסע בריהשקייטן פון אַ געוועזענער קעכין אין גבירישע שטובן. זי האָט אויך אָנגעדונגען די אַלטע צלאָווע, וועלכע מען באַנוצט אין שטאָט אויף אַלע חתונות. און זיי ביידע האָבן זיך גענעבן אַ פאַרשאַרץ די אַרבל און ווי אַ ווינט איז די אַרבעט געפלויגן פון די הענט. נעכע האָט אויך פאַרבעטן דעם סאַרווער פון שטאָט, דעם שטומען מאָטל, און אָפּגעדונגען פויגלמאַנס גרויסע חתונה⸗סאַליע, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע קיילעכדיקן מאַרק, קעגנאיבער דעם שיינעם מאַגיסטראַט, אין גימנאַזיע⸗סקווער, וו דער זייגער פלעגט אויסשפּילן הילכיק די שעהן פון מעת⸗לעת. דער מוזיקאַנט איטשע מאָלאָדאַנטשיק האָט צונויפגעשטעלט אַ קאַפּעליע פון די בעסטע שטאָט⸗כלי⸗זמר אויף נעכע דער מאַרקהענדלערינס בקשה, און ווען עס איז אָנגעקומען די חתונה⸗נאַכט, האָבן גענומען אַהין פאָרן כלערליי דראָזשקעס און שטילע גומקעס און יאַנקל־מיטן⸗קרומען⸗קאָפּס קאַרעטע, וואָס איז ווייך אויסגעבעט מיט בלאָען טוך.

די סאַליע, וואָס איז באַרימט, אַז זי איז די גרעסטע פון שטאָט, איז שנעל געוואָרן איבערגעפולט מיט אַלע דינסטמיידלעך און ווייבלעך מיט שטערן⸗סאַמעטלעך אויף די קעפּ און שרייענדיקע באַנדן אין די צעפּ, קורץ⸗פאַרשוירענע גזשיווקעלעך אין די אויגן און הויך פאַרקעמטע פריזורן, מיט גלאַנציקע ביינערנע קעם אַרײַנגעשטעקט און אָן אַ שיעור האָרנאָדלען.

די מענער, מיט אָפּגעברענטע פּנימער פון דער זון אונטער וועגנס בײַם שמוגל, זענען היינט געווען אָנגעטאָן אין נייע קאָרטענע אובראַניעס, אויפגענייט פון בעסטן שניידער אין שטאָט, משה רובינשטיין פון לובלינער גאַס. געטראָגן האָבן זיי אויף די העלדזער ווייסע זיידענע צעפּאָכלטע פאַטשיילעס און ביי אַנדערע האָט מען אַרויסגעזען צוגעקלעפּטע פלאַסטערס אויף דער הויט מיט בלאָטערס פול אייטער.

די ערטער, וו עס וואַרטן אַלע דראָזשקעס, זענען היינט געווען אָפּגעליידיקט, ווײַל וו נאָר אַ וואָגן, אַ קאַרעטע, האָט זי געאײַלט צו פויגלמאַנס חתונה⸗סאַליע מיט מחותנים, און די בייטשן האָבן געפּאָ⸗

כעט אין דער לופט: „וויאָ!"— עס האָט זיך אויסגעדראָכט, אַז דער גאַנצער דרויסן קוקט זיך צו ווי אַ באַטייליקטער אין דער שטאָטישער פרייד און נעמט אויך אויף מיט אַ „הורא" די קאַטש, ווו עס פאָרט די כלה, אַרומגערינגלט פון יונגע דרוכנעס, מיט פאַרביקן באַנד אַרומגעשלייערט זייערע שטערנס.

ווי נאָר די כלה באַווייזט זיך אויפן חתונה־זאַל מיטן ווייסן פע־ כער אין דער האַנט, נעמען די כלי־זמר שפּילן אַקעגן און ס'פּאַטשט באַלד אַהער אַ צווייטער קאַטש, אין וועלכן עס געפינט זיך דער חתן בערעלע מיט זיינע פּשיאַטשעליעס, סאַמע שמוגלער. דער ערשטער טאַנץ־אויפמאַרש הייבט זיך אָן מיט אַ וואַלס, ווו עס שליסן זיך פאַר־ לער קאַוואַלירן מיט קאָרטענע אוברוּגניעס אָן שניפּסן און מייד־ לער מיט צעגלאַנצטע האָר ווי די סאַמעטן. דער סאַרווער באַ־ וועגט זיך פלייסיק, ער טיילט גלעזלעך שנאַפּס און לעקעך, פון וועלכע די געסט פאַלן אַוועק טויט־שיכור, נעמען רעדן געמיינע רייד, פאַרטשעפּען די טאַנצנדיקע מיידלעך, זעצן אין די טישן, אַז די טעלער און פלעשער שפּרינגען אונטער. אויך די כלה האָט באַלד אָנגעהויבן ווייזן וואָס זי קען, גענומען זינגען און אַלע געסט אין איין כאָר האָבן אונטערגעהאַלטן:

אויב דו ביסט אַ מומע מיר
טאָ נעם זשע מיך אַהיים צו דיר.
קום, אוי, אוי, אוי, אוי,
נעם זשע מיך אַהיים צו דיר.

זי האָט אויך געמאַכט פּאָזעס פון דער מכשפה אין „באָבע יאַכנע" און ווי אַ שיכור גייט אַהיים פון קנייפּע, מיט אַ מענערהיטל אין די אויגן פאַרריקט, אַז זי האָט געהאַט דערביי מלא חן.

אַנדערע אַקטיאָרקעס פון אַמאַטאָרן־קלוב, דער כלהס חברטעס, האָבן אויך נישט געשוויגן, געזונגען דועטן פון „בר־כוכבא" און „חורבן ירושלים" און קופּלעטן פון „אַ מענטש זאָל מען זיין" און פון „פינטעלע ייד".

אויף דער חתונה איז אויך געווען לאַזאַר וויטעלזאָן פון כלהס צד, כאָטש ער איז אויך געווען פאַרבעטן פון חתן אַלס פירער פון זיי־ נע ביכער־חשבונות. טאַקע אַ דאַנק אים, בערעלע שטעכער, וואָס האָט אים געצאָלט מיט דער פולער האַנט, האָט לאַזאַר געקענט לער־ נען אין גימנאַזיע צוזאַמען מיט די רייכסטע זינדלעך פון שטאָט. און כאָטש ער איז אין זיין קלאַס איינער פון די בעסטע שילער, ווילן די

גימנאַזיע־פּראָפעסאָרן אים ביי דער ערשטער געלעגנהייט ממש אַרויס־וואַרפן, ווייל זיי האָבן ביי אים געפּאַקט לידער פון אַ פאַרדעכטיקן אינהאַלט, וואָס ער אַליין האָט געשריבן און וועלכע ער לייענט פאַר אין שילערקלוב, וועמענס גרינדער ער איז געווען. טאַקע דער זעלבער לאַזאַר איז מיט איין מאָל אויסגעוואַקסן צו אַ העלד פון דער גאַנצער שטאָט־יוגנט און ער איז היינט אויך געקומען באַשיינען פּייטשע דער אַקטיאָרקעס חתונה. ער האָט געהאַלטן אַ טאָסט, וואָס נאָר איינציקע געסט האָבן פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. ער האָט געזאָגט:

— ס'איז זייער שלעכט, אַז מיליאָנען מענטשן זענען אַלע מאָל גרייט צו שטאַרבן, ווען דער קיסר ציט נאָר אַרויס די שווערד פון שייד און דאָס צעבלאַנקטע שטאָל צעפינקלט זיך רויט אָדער זילבער־ווייס פאַר די אויגן פון די אָפּמאַרשירנדיקע אַרמייען אויף די פראָנטן: ביי דער מאַרגע, ווערדען אָדער איין גאָט ווייס ווו ערגעץ נאָך די דייטשן האָבן געוואָלט פראַנקרייך דערשלאָגן און שפּעטער צווינגען דאָס שטאָלצע פאָלק אונטערטעניק זיך אַוועקשטעלן פאַר זיי אויף די קני באַזיגטע און בעטן שלום.

אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און פריי אַ ביסל אָפּגעעטעמט, ווען לאַזאַר האָט געענדיקט. מען האָט די גאַנצע צייט פון זיין רעדע געשוויגן, ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט מעיז־פּנים צו זיין קעגן גימנאַזיסט לאַזאַר וויטעלזאָן.

*

באַלד האָט מען גענומען גרייטן די חופּה. די קליינע מיידלעך האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען מיט צעצונדענע פאַרביקע ליכט־לעך אין די הענט און דער ברחן, אויך אַ ווילער־יונג, האָט זיך צע־זונגען מיט לשון־קודש־ווערטער, פאַרמישט מיט גראַמען, און האָט באַפוילן די כלי־זמר, אַז זיי זאָלן ציען אַ לאַנגן, טרויעריקן טאָן, און יעדער באַזונדער: די פּויק, די פלייט און דער צימבל, האָבן באַלד גענומען אונטערברומען, ווייזן וואָס זיי קענען.

די ווייבער מיט די גווירים האָבן דערביי יאָמערלעך געוויינט און די צירונגען אויף זייערע פעטע העלדזער און די גרויסע געבלומ־טע קעם און פּריזורן האָבן בשעת מעשה זיך געהאַלטן אין איין שאָק־לען. אויך בערעלע שטעבער, דעם חתן, האָט זיך גאָר פּלוצעם פאַר־גליסט, אַרויסצורופן אין טאַנץ לייבקע שטאָס־שפּילער מיטן מעסער־שניט אין סאַמע רעכטער באַק מיט דער גראָבער אייבערשטער ליפּ. דער גרעסטער וואַלקע־גייער אין שטאָט, און ווי די הענער, איי־נער קעגן דעם אַנדערן, זענען זיי געלאָפן מיט אימפּעט און אויס־

געטופעט מיט די פיס אַ קאַמאַרסקע. צום סוף זענען זיי ביידע אַוועקגעפאַלן מיד ווי אונטערגעהאַקטע ביימער.

אַלע אין חתונה־זאַל זענען געווען פאַרנומען און קיינער האָט נישט געהערט די אָנקומענדיקע פרעמדע טריט פון דייטשע זשאַנדאַרמען מיט אַ באַפעל צו אַרעסטירן די חתן־כּלה אַלס באַשולדיקטע אין אויספירן דעם אַטענטאַט קעגן אָפיציר, וועמען מען האָט געפונען אין שטאָטגאָרטן אַ דערשטאָכענעם.

אין איין מינוט איז די גאַנצע חתונה געוואָרן צעשטערט. די ברייט געדעקטע טישן זענען פאַרבליבן אָן מחותנים, מיט די חלקים פלייש און פיש אין די טעלער, וואָס זענען נישט געוואָרן אויפגעגעסן פון די געסט, און די פולע גלעזער מיט וויין, וואָס האָבן זיך צעשוימט ביים אַריינגיסן, זענען נישט געוואָרן אויסגעטרונקען. פאַרלאָשן זענען געבליבן די העל באַלויכטענע פענצטער פון פויגלמאַנס חתונה־סאַליע, בעת חתן־כּלה זענען געוואָרן געפירט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען מיט רעוואָלווערן אין די הענט אויפן וועג צו דער שטאָט־טורמע, ווו ס'זענען געשטאַנען נאָך פאַרשלאָסן די חתונה־דראָזשקעס. איינגעזונקען אין פינצטערניש איז געווען דער דרויסן, בעת די געסט אין דער דרימלענדיקער וועלט זענען געגאַנגען אַהיים פון דער חתונה ווי אַבלים. און ס'האָבן זיך אויסגעשיילט פון נעפּל געשטאַלטן מיט מבולבלדיקע אויגן, פאַרשלאָפענע פנימער און צעקנאָדערטע ווייבערישע קופּקעס. בערעלע שטעכערס מאַמעס קול האָט גרויליק ווי אין אַ ליידיקן פאַס אַריינגעשריגן אין דער נאַכט אַריין:

— ראַטעוועט! מענטשן, ראַטעוועט!

און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ס'רופט נאָך הילף אויך דער קראַנץ בלומען אויף פייטשעס שטערן און דער בוקעט ליליען און דער ווייסער פעכער אין אירע הענט, און די איינציקע אַריינגעפלאָכטענע רויזן אין איר פריזור, אין בוזעם פון איר קלייד — אַלץ איז פאַרזונקען אין טרויער, גענוי ווי בערעלע שטעכערס מוח איז פאַרנומען מיט דער איינציקער מחשבה:

— אוי, וווּ נעמט מען דאָ אַהער מיין פלינק ספרענזשינע־מעסערל! וואָלט מען שוין געוויר געוואָרן, ווער בערעלע איז!

ס'זענען נאָכגעלאָפן, דאַכט זיך, פון הינטן נישט בלויז די חתונה־געסט, נאָר די גאַנצע סאַליע מיט אַלע טאַנצנדיקע פּאָרלעך און אירע צעלויכטענע שפּיגל־פענצטער און די העל צעפלאָקערטע בליצלאָמפּן, די בלישטשענדיקע געפעסן: טעלער, לעפל, גאָפּל, מיט וועלכע דער סאַרווער האָט באַדינט אַזוי גרויסאַרטיק די שמוגלער־מחותנים. עס לויפן אויך נאָך די טרויעריקע טענער, ספּעציעל פּאָר אַ

כלה אַ יתומה אויפגעשפּילט אַ יאָמערדיקס, און די גאַנצע קאַ־פּעליע קלעזמער מיט די פידלען, טרומייטן אין די הענט, ווע־מענס אויפמאַרש לכבוד דעם חתן הילכט אָפּ מיט טרויער פון אַ לוויה. עס לויפן אויך נאָך די צעפלאַקערטע חופּה־ליכט מיט זייערע רויטע פייערלעך, וואָס האָבן אייגגעהילט די טאַנצ־סאַליע־ווענט פון דיל ביזן סופיט, און פאָרויס פאַר אַלעמען רייטן אויף פערד די דייטשע זשאַנדאַרמען, וואָס פירן איבער די פאַרשלאָפענע גאַסן אַ גאַנצע צעשטערטע חתונה מיט אַלע שמוג־לער־מחותנים אין די נייע קאָרטענע אובראַניעס און זייערע ווייבער אין קליידער מיט זילבער־גראַווירן אין די קעם, וואָס שטאַרן אַרויס פון די הויכע פריזורן ווי ווידלעס פון סטויגן היי.

אזוי איז חתן־כלה געפירט געוואָרן אין טורמע אַריין, ווו זיי האָבן געמוזט פאַראווען זייער חתונה־נאַכט.

צו מאָרגנס באַגינען האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט צוליב דער צעשטערטער חתונה און די אַרעסטירטע חתן־כלה, וועלכע ווערן באַ־שולדיקט אין אַזאַ שרעקלעכער זאַך.

קאַפּיטל צוואַנציק

אין יענע טעג האָט פּלוצלינג לאַזאַר זיך דערוווסט, אַז ער קען ביי יעדער געלעגנהייט ווערן אַרעסטירט אין דער באַשולדיקונג, אַז ער איז אַרויסגעטרעטן אויף דער חתונה פון בערעלע שטעכער מיט אַ טאָסט, זייער פיינטלעך קעגן דייטשלאַנד. עמעצער פון די שמוגלערגעסט האָט אים אָפּגעמסרט און ס'האָבן אים אפילו שוין געגומען אַרומזוכן אין זיין היים זשאַנדאַרמען. האָבן דעמאָלט זיין טאַטע־מאַמע לאַזאַרן אָפּגעוואָרט אין דער אָוונט־שעה, ווען די שי־לער גייען אַרויס פון גימנאַזיע, און איבער שטילע געסלעך אים גע־פירט צו אַן אַלטער קרובה, די טויבע חוה, און אים אָנגעדונגען ביי איר אין פּאַציאַטל צו שלאָפן און אים אויך אָנגעזאָגט, אַז אפילו ביי טאָג זאָל ער נישט אַרויסגיין אין גאַס, און צוויי מאָל, פרימאָרגן און אָוונט, האָבן זיי פאַר אים אַהינגעברענגט אַ טעפּל געקעכטס, אַז ער זאָל נישט ליידן קיין הונגער. אָט ביי יענער קרובה אין שטוב, ווי לאַ־זאַר וואָלט שוין אָפּגעוואָרט אַזאַ געלעגנהייט, האָט ער אין גרויס איי־לעניש זיך געגעבן אַ נעם פאַרווירקלעכן זיינעם אַן אָנגעצייכנטן ציל: טאָג און נאַכט האָט לאַזאַר מיט פּליים געשריבן.

זענען זיין טאַטע־מאַמע, לאה און פייוול קאָניאַזש אַנומלט אַריינגעפאַלן אין איין אָטעם צו לאַזאַרן אין שטוב, ווו ער איז

געזעסן פאַר אַ טיש באַוואָרפענע פּאַפּירן און צעפלויגענע בלעטעלער קלעק אויפן דיל צעשפּרייט, און אויסגערופן:

— דו מוזסט, לאַזאַר, אַוועקפאָרן. מיר האָבן שוין גענוג געהאַט צער אין אונדזער לעבן פון משה־איציקן. טאָ וואָס ווילסטו איצט האָבן פון אונדז?

לאַזאַר האָט זיך נישט געקענט זיין גוטע טאַטע=מאַמע אַנטקעגנשטעלן און, מיט אַ וואַליזקעלע אין האַנט, אין זעלבן אָוונט זיך געלאָזט פון זיי באַגלייטן צום וואָקזאַל אויף אַן אומוועג, ווו ער האָט ערשט נישט לאַנג אין זומער דאָ געזען פלויטן מיט סעדער־אויבס באַהאָנגען. איצט האָבן זיי אויסגעזען שטאַרע אין ווייסן זילבערשניי, באַדעקט ווי בר־מנגנס אין ווייסע סובבות, וואָס האָבן אויפגעוועקט אַן אומעט אין זיין האַרץ. ווען לאַזאַר איז גאָר נאָענט פון וואָקזאַל צו די באַנרעלסן אָנגעקומען, האָט ער אָן אַ זיי=געזעגנט געוואָלט געבן פלינק אַ לויף אַרויף אויפן ערשטן טרעפּ פון צוג, נאָר זיין טאַטע האָט אים פאַרהאַלטן אין וועג, דערלאַנגענדיק אים אַ קאַלטע האַנט ווי אַ שטיק אייז, און לאַזאַר איז אים פאַרלאָפן מיט רייד:

— כ׳וויל זיך נישט מיט אייך געזעגענען, ווייל אַ קינד צעשיידט זיך קיין מאָל נישט מיט טאַטע=מאַמע, נאָר נעמט זיי מיט אין זיך אין גוף און אין דימיון און לעבט מיט זיי צוזאַמען אין איין לייב.

לאַהלע און פּייוול האָבן געצוקט מיט די אַקסלען, ווייל לאַזאַרס אויסטערלישע רייד האָבן זיי נישט באַנומען, און פּלוצעם האָט אַ הויכער פאַרקאַן זיך אויסגעפלאָכטן פון וואָלקנס גרויען רויך נאָך אַ גרויליקן לאָקאָמאָטיוו=פייף און לאַזאַר איז אַוועק אין דער ווייטקייט און זיי ביידע זענען געבליבן שטיין צוגעטוליעט צו די דרויסנדיקע קאַלטע וואָקזאַלווענט. לאַהלע האָט אַוועקגענומען פון האַלדז איר שווערע דערע, אַז זי זאָל קענען לייכטער לופט אָטעמען, און פּייוול האָט טיפער אַראָפּגערוקט זיין פוטערנע צאָפּע אין שטערן, כדי מען זאָל נישט דערזען, ווי פון זיינע אויגן שטראָמען בייטשן טרערן איבערן באָרד און פּנים.

די באַן, אויף וועלכער לאַזאַר וויטעלזאָן איז איצט געפאָרן, האָט הינטער זיך אויסגעמיטן פאַרוויאַנעטע פעלדער, אומעטיקע שטעט פון הונגער אין פּוילישן לאַנד, ווו מען האָט גאָרנישט געזען אַחוץ גרויע זעלנער=מונדורן, בליציקע זשאַנדאַרמען=אויגן און אַ־דורכפּאָרנדיקע רויטע=קרייץ=צוגן מיט פאַרווונדעטע סאָלדאַטן פון די קריגספראָנטן. ער איז פון מידקייט שנעל איינגעשלאָפן. איבערגעוועקט האָט אים אין פרימאָרגן דער קאָנדוקטאָר, ווען ער האָט געדאַרפט פון באַן אַרויסגיין אין בערלין. אַדורכשפּרייזנדיק מיטן וואַליזל אין האַנט

דעם וואָקזאַל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ציימונג־קיאָסק מיט פיבער און אַ משוגענעם גלאַנץ אין די אויגן געקוקט און געלייענט און נישט געגלייבט, וואָס ער האָט געלייענט:

— „דער דייטשער קיסר איז אַנטלאָפן... די מלחמה איז פאַר־ענדיקט..."

כאָטש אין דרויסן איז געווען ווינטער, האָט די זון צעצונדן די שטאָט מיט אַ פאַרבלאַנקטן טאָגליכט. אַלע הייזער האָבן זיך ווי איינגעקאָרטשעט פון צער, די מויערן האָבן געטרויערט אין אבילות אָפּגעקוקט פון צעהאָנגענע פלאַקאַטן, וועמענס אותיות האָבן ווי מענטשלעכע לאַכעדיקע אויגן זיך צעפינקלט מיט שפּאָט:

— כאַ־כאַ־כאַ. די האַבסבורגער דינאַסטיע איז ענדלעך זיך צעפאַלן!...

און די פּרייסישע יונקער־אַמביציעס זענען פאַרשוואונדן ווי אַ שוואַרצער שאָטן פון אַ דערוואַרגנדיקן רויך.

לאַזאַר וויטעלזאָן פלעגט זען פריער בערלין אין זיין פאַנטאַ־זיע ביי נאַכט אַ צערודערטע, אַ צעטומלטע דורך די אייגענע אויפ־שטענדלער. איצט איז זיין חלום געווען אַווירקלעכקייט. איבער די גאַסן אין דער הויפּטשטאָט פון דייטשלאַנד האָבן אָפּגעקלונגען טריט פון מאַרשירנדיקע מחנות מיט רויטע פענער און אַ יובלדיקן גע־זאַנג:

> שטייט אויף איר אַרבעטסלייט
> צום קאַמף מאַן ביי מאַן!

מיטן קליינעם לעדער־וואַליזקעלע אין האַנט האָט דער יונגער גימנאַזיסט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ גאַסנראָג און זיך צוגעקוקט, ווי לאַנג און אָן אויפהער עס ציען זיך זייערע רייען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ טאָג, ווען ער האָט פאַרפעלט אַ מאָל צו גיין אין קלאַס און זיך אַוועקגעכאַפּט גאָר אויף אַ געהיימען קורס וועגן מאַרקסיזם אונטער דער שטאָט אויפן פעלד, ווו דער ווינט האָט אויפגעמישט די העפטן און ביכער פון זיין גימנאַזיע־טעקע. אָט אַזוי האָט ער זיך אויך איצט געפילט געקוועלט מיט זיין וואַנדער־אָרעמ־קייט אונטערן אָרעם, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אויף שנעל באַ־שטימט ביי זיך אַ פאַרטיקן פּלאַן: תיכף צו נעמען דעם ערשטן בעסטן צוג און צוריק אַהיימפאָרן, ווייל אויב דער אָקופּאַנט איז שוין נישט מער דאָ אין פּוילן, טאָ צו וואָס איז דען זיין איבער־רייסן די לערע און בלאָנדזשען אין דער פרעמד?... ס'האָט אים בלויז געפעלט קוראַזש און ס'איז פּלוצעם געוואָרן אַ שאָד צו

פּאַרלאָזן בערלין. ס'האָבן אים מער נישט געשראָקן די דייטשע מענטשן מיט די קריגסמעדאַלן אויף די הערצער און די ראַנגען־בענדלעך אויף די אַקסלען. אין זיינע אויגן האָבן אויסגעזען די נעכ־טיקע וועלטפּאַרכאַפּער ווי צירקפּאַיאַצן. ס'האָט אים איבערראַשט זייער הויפּטשטאָט מיט די איילנדיקע, אַרומצירקולירנדיקע אויטאָ־בוסן, ס'זענען אים געפעלן די שיינע וויטרינען ביי גאַסן־מאַגאַזינען און די צעשפּיגלטע געשעפטס־ און ביוראָ־פענצטער און ברייט צע־פּראַלטע טירן.

ראַפּטאָם האָט לאַזאַר דערזען, ווי אין מיטן גאַס, צווישן די שטראָמענדיקע מחנות, האָט זיך אַדורכגעשניטן אַ גרופּע מענטשן אין אוניפאָרמען פון פראַנצויזישע זעלנער, וועלכע האָבן געטראָגן אַ רויטע סטענגע אַלס סימבאָל פון אַ פאָן. און איינער אין ציוויל געקליידט, מיט אַ בלינד אויג, אָנגעלענט אויף אַ קוליע, האָט די מאַרסעליעזע נישט בלויז געזונגען, נאָר אַזוי הויך געשריגן, אַז ס'גאַנצע פּנים איז אים געווען פאַרלאָפן רויט.

— פּאַרדאָן! ווער פון אייך, מיינע הערן, קען אין פּאַריז, רי־דע־קאַטר־פּים? איז לאַזאַר וויטעלזאָן מיט פרייד אַקעגנגעלאָפן דער גרופּע, ווי ער וואָלט זיי אין חלום אויסגעשפּיגט און שוין לאַנג דערוואַרט די איצטיקע געלעגנהייט.

ס'רוב פון זיי זענען געווען פויערים פון די דערפער און האָבן נאָך קיין מאָל נישט געזען פּאַריז. איינער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַמיען, אַ צווייטער פון בלואַ, אַ דריטער פון דער ברעטאַניע. דער איינציקער גרויסשטאָטישער איז דווקא געווען דער אינוואַליד פון דער גרופּע, וואָס האָט גראָד זיך דערפרייט, הערנדיק וועגן דער „גאַס פון־די־פיר־זין", ווייל אין דער זעלבער גאַס האָבן אויך געוווינט זיינע עלטערן. דערפאַר האָט ער אַ שמייכל געטאָן מיט זיין בלינד פאַר־וואַקסן אויג, נאָר זיין פּנים האָט זיך דערביי אַזוי מיאוס פאַרקרימט, אַז ער איז געוואָרן נאָך גרויזאַמער, מיאוסער פון פריער.

— איך קען אייך מיטנעמען קיין פּאַריז, אויב איר ווילט — האָט דער אינוואַליד אַ זאָג געטאָן ליבלעך. איר קענט אָנגיין אַלס אַ היימקערער, גענוי ווי מיר.

לאַזאַר האָט געהאַט וווינען אין פּאַריז אויף דער זעלבער גאַס אַ נאָענטן פון זיין משפּחה; דערפאַר האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע, וואָס האָט באַלד גענומען קוקן אויף די זייגערס, אויב ס'איז שוין די צייט צו גיין צום שכנישן וואָקזאַל אָפּצופאָרן קיין פּאַ־ריז. זיי האָבן שנעל איינגעזען, אַז ס'איז שוין פאַרשפּעטיקט מיט גאַנצע דריי מינוט און גענומען זיך צוצואיילן און קוים באַוויזן די לעצטע איינצושטייגן אין באַן, אַ חוץ דעם הינטערשטעליקן, אומ־

דרייסטן לאַזאַר ווימעלזאָן. ער איז געבליבן אָן אַ פּלאַץ אין דרויסן וואַרטן, ווייל די דעכער, די פּאָרענטשעס און די טרעפּ פון באַן זענען געווען באַהאָנגען מיט כלעריי פּנימער פון רייזנדיקע מענטשן. נאָר פּלוצעם האָט לאַזאַרן איינער פון זיין גרופּע דורכן פענצטער עפּעס אַ זאָג געטאָן און אַ שטאַרקע האַנט האָט לאַזאַרן אָנגענומען און אַריינגעשליידערט אין באַן און נאָך אים איז באַלד אַריינגעפאַלן אַ מיידל מיט שוואַרצע פאַרפלאָכטענע צעפּ, וועלכע איז שוין געבליבן זיצן אויף זיינע קני, ווייל די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן מיט אַ געדיכטער פינצטערניש, אַז איינער דעם צווייטן האָט נישט געזען.

די באַן איז נישט געווען באַלויכטן. פון גרויס מידקייט זענען ביידע איינגעשלאָפן. ווען דער טאָג האָט גענומען אויפגיין און דער פאַרנעפּלטער הימל האָט זיך גרוי צעהעלט איבער די פאַרפרוירענע פעלדער, אָט דעמאָלט האָט דאָס מיידל, אַ פאַרפלאָכטענע אין לאַזאַרס גוף, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט. שפּעטער, אין אָוונטצייט, האָט דער באַן־קאָנדוקטאָר אויסגערופן: — פּאַריז — און די גאַנצע גרופּע צוזאַמען זענען איינגעשטיגן אין מעטראָ. דעמאָלט האָט זיך לאַזאַרן גענומען אויסדאַכטן, אַז דער אינוואַליד. וואָס אַלע רופן אים מאַרסעל, האָט זיך פאַרענדערט אויפן גאַנצן פּנים, געוואָרן עפּעס מאָדנע אַ שווינגדיקער און פאַרקליבן זיך צו גיין זיין באַזונדערן וועג, ווי ער וואָלט פּלוצעם אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן ווייטיקלעכן טרויער.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ווייסע פליטערלעך שניי זענען געפאַלן פון הימל, אַקראָבאַטיש זיך געדרייט אין דער לופט, געפלויגן אין פּנים פון יעדן פאַרבייגייער, ווי אַ דינע ווייסע קאָנפעטי. ביי אַן עלעקטרישן גאַסנלאָמפּ איז געשטאַנען אַ יונגע שיינע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ קורץ אַפּאַשן־קליידל, פון וואַנען ס'האָבן זיך בולט אַרויסגעהנדלט די גלייכע ליניעס פון אירע שיינע פיס־ליטקעס, און אַ ווייסער סוועטער האָט רונדיק אויסגעפּאָרעמט דעם אייבערשטן טייל פון איר לענגלעכער שמאָלן גוף. אויגן האָט זי געהאַט בלויע, ווי די הימלען אין אָריענט, פרילינגצייט, האָר אמת גאָלדענע. איצט, ווען די פליענדיקע שטויבעלעך שניי האָבן זי ערטערווייז באַדעקט, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ געמיש פון צעבלישטשעט זילבער און גאָלד.

ס'איז געווען שבת אָוונט. פון ווערקשטעלן און פאַבריקן האָבן די לעצטע אַרבעטער־שיכטן זיך צעשאָטן איבער קוואַרטאַלן. אויף שנעל, אין איין אָטעם האָבן זיי איינגעקויפט גאַשוואַרג, צאַצקעס פאַר קינדער.

ראַפּטאַם איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין אויגנבליק האָט פאַריז זיך צעצונדן איבער גאַסן און בולוואַרן מיט טויזנטער עלעקטרישע ליכטער. פריש געקלעפּטע פּלאַקאַטן פון מויערן און פּלויטן האָבן זיך צעשריגן מיט פרייד:

„אונדזער לאַנד האָט געזיגט!"

„נצחון האָט באַקרוינט פראַנקרייך מיט רום."

מאַרסעל גיבור, פאַר וועמען די שטאַרקסטע פון פאָבורג־די־טאַמפּל פלעגן אָפּטרעטן דעם וועג, איז אָנגעקומען אין יענעם אָוונט אין זיגערלאַנד אַ באַזיגטער. אָנגעלענט איז געווען זיין הויכער גוף אויף אַ קוליע און איינגעבויגן אין צווייען. דאָס פּנים באַלייגט מיט פאַרוואַקסענע מעסערקאַרבן, ערטערווייז אויסגעברענט פון מלחמה־גאַזן. זיין רעכט אויג, וואָס פלעגט בעת געשלעגן מיט גוטע־ברידער שאַרף אויפבליצן פול מיט גבורה און רציחה, איז איצט געווען אַ ליי־דיק, פינצטער לאָך, דער שוואַרצאַפּל דערפון אויסגערונען. ביי מאַר־סעלן האָט היינט אויסגעזען די שטאָט פאַריז שענער פון אַ מאָל, אויסגעברייטערטער, כמעט נישט צו דערקענען.

און אויסגעדאַכט האָט זיך אים איצט, אַז אַלץ האָט זיך דאָ פאַרענדערט זייט יאָרן, וואָס ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין די טראַנשייען פון די גרויזאַמע שלאַכטפעלדער, און אַז די גאַנצע וועלט איז שוין חרוב געוואָרן, אַלע מענטשן אויסגעהרגעט, ווייל נאָך אַזוי פיל פאַרפלויגענע זומערן, ווינטערן, האַרבסטן און פרילינגען האָט מאַרסעל גאָרנישט געזען אַ חוץ מאָרד, אומקום, פאַרוויסטונג און טויט.

איצט איז ער געפאָרן ביז פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק און בכיוון אַרויסגעגאַנגען פון מעטראָ, פאַרקירעווענדיק זיך אויפן בעלוויל, וווּ זיינע עלטערן האָבן געוווינט אַלע יאָרן פאַר דער מלחמה. די לאַנגע טראָטואַרן פון פאָבורג־די טאַמפּל, וועלכע פירן אין יענער ריכטונג, זענען געווען באַלייגט מיט קראָמען און כלערליי מיסחרים. דאָס אָרט האָט מאַרסעלן דערמאָנט אָן זיין קינדהייט, אַלץ האָט אים דאָ דערפרייט, אויף יעדער קלייניקייט האָט ער געקוקט מיט

איבערראַשונג און ווי מיט אַ לעבעדיקער זאַך געוואָלט זיך צעקושן, אפילו מיטן מינדסטן שטיינדל פון ברוק. פון וואַסער־קאַנאַל, נעבן סקוועד, וואָס געפינט זיך אין סאַמע אָנהייב פון פאַבורג־די־טאַמפּל, האָט מאַרסעל גאָרנישט געוואָלט אַוועקגיין. איין דערמאָנונג נאָך דער צווייטער האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח. דאָרט פלעגט ער אין די זומער־אָוונטן שפּאַצירן מיט זיין מיידל ביז העט, העט שפּעט אין דער נאַכט... אָט פּלוצעם דערזעט ער אַ הויז, ווו ס'האָט זיך אַ מאָל געפונען אַ טאַנצזאַל, און ער פלעגט אַהין קומען מיט זיין מאַרגעריט. חברה יאַטן האָבן די נכפּה איינ־גענומען. די אויגן זענען ביי זיי אַרויסגעקראָכן פון קינאה, בעת ביידע אין „באַל מיזעט“, טאַנצנדיק אונטער דער באַגלייטונג פון הילכיקע מוזיק־אינסטרומענטן, פלעגן ווי אַדורכשוועבן מיט גליק־לעכע צעשטראַלטע פּנימער לויט אַ ריי און טאַקט. און אַלע נישט פאַרגינענדיקע בליקן האָבן נאָכגעשפּיזט פון הינטן, ווען מאַרגע־ריט, אין אַ קורץ פאַרביק קליידל ביז די קני און צעפּאָכעטע גאָלד־בלאָנדע האָר איבער די אַקסלען, האָט געטראָטן מיט פלינקע טרי־טעלעך און זינגענדיקן טאַקט צווישן אַ לאַנגער ריי פון יונגע פאַר־ליבטע פּאָרלעך, און זיי האָבן דאַן געפילט אויף זיך שאַרפע פרעמ־דע בליקן אַרומבלאָנדזשען, וואָס האָבן זיך ווי ציינער איינגעגעסן אין גוף. און זי, אַ מרשעת, האָט זיך נאָך ענגער צו אים געטוליעט, פלאַמיקער געקושט זיין פּנים.

אין ווּקס איז מאַרסעל געווען אַ הויכער, אַ ברייטער. זיינע באַקן פלעגן שפּריצן מיט גבורה און פלאַמען, ווי קוואָרטן בלוט וואָלטן זיך פון זיי געגאָסן. דערפאַר האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען מאַרסעל גיבור. נאָר אין כאַראַקטער איז ער געווען אַ גוטער, אַ צוגעלאָזטער. קעגנאיבער זיין כלה פלעגט ער זיך אויפפירן ווי מיט אַ צאַרט, איידל געוויקס, וואָס אַ מינדסטער האַסטיקער פינ־גער־באַריר קען חלילה אַרויסרופן אַ פּגם.

אָבער נישט מאַרגעריט איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט ליב געהאַט מאַרסעלן, נאָך פיל אַנדערע האָבן זיך נאָך אים געיאָגט. טאָ ווער איז נאָך געווען אַזוי גליקלעך ווי ער. דעמאָלט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אייביק שוין וועלן זיך אַזוי ציען אַלע זיינע לעבנסטעג אין פרייד...

נאָר ווי אַ דונער האָט זיך פּלוצעם אונטערגעברוקט דאָס יאָר 1914, אַ טרויעריקער ציפער פון גרויליקן פעלקערמאָרד, און מאַר־סעל איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ צילפּונקט קעגנאיבער כלערליי פייערן פון דייטשע כלי־זין. אָ, גאָט! ווי גרויזאַם ס'איז אַרויסצו־רייסן אַ היים מענטשלעך האַרץ פון אַ לעבעדיקן גוף! נאָך פיל גרוי־

זאַמער איז געווען אָט יענע האַנט, וואָס האָט מאַרסעלן פונאַנדערגעריסן פון מאַרגעריט, צו וועמען זיין האַרץ איז געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער נישט זעבאַרע פעדעם, און האָט צעשיידט און דערווייטערט אים פון זיין היים געליבטער געבורטשטאָט פּאַריז, וואָס האָט ווי אַ גילדן אויפגייענדיק מאָרגנליכט זיין ערשטן, שענסטן יוגנט־חלום אַזוי פלאַקערהעל צעצונדן.

איצט, ווען מאַרסעל האָט באַטראָטן די ערד פון זיין גליקלעכן עבר, האָט ער אַ צעטומלטער די אייגענע רעיונות נישט געקענט צונויפנעמען. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זוכן אין איין קעשענע, אין אַ צווייטער — און ענדלעך אויסגעפונען. דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס איז נאָך ביי מאַרסעלן פאַרבליבן פון פאַר דער מלחמה: אַ קליין רונדיק שפּיגעלע, מיט אַ פאָטאָגראַפיע אויף דער צווייטער זייט, טאַקע פון אים אַליין, ווען מאַרסעל איז נאָך געווען אַ גאַנצער. גראָד איצט איז אים איינגעפאַלן גענוי זיך אָנצוקוקן, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען אַ מאָל, און ער האָט געפרעגט ביי זיך אַליין:

— וועט נאָך עמעצער פון מיינע נאָענטע מיך דערקענען?

פרעמדע, פאַרבייגייער האָבן חוזקדיק נאָכגעקוקט, נאָכגעקרימט מיט העוויות, ווי אין סאַמע באַוועגונג פון רוישיקן פאָבורג־די־טאַמפּל האָט פּלוצים זיך אַוועקגעשטעלט אַ קאַליקע, אָנגעלענט אויף אַ קוליע, מיט אַ שפּיגעלע אין האַנט. ער דרייט עס איבער פון איין זייט אויף דער צווייטער, זיפצט אָפּ שווער און קוקט ווייטער. ער שטופט דאָס שטיקל אָפּגעמעקטע גלאָז וואָס אַ מאָל נעענטער און נעענטער צום פאַרוואַקסענעם אויג־גריבעלע, וואָס דערמאַנט בלויז, אַז דאָ האָט אַ מאָל געוווינט אַ שוואַרצער בלישטשעדיקער אויגנאַפּל.

פּלוצעם איז אין דער לופט אַלץ געבליבן הענגען. אין זיין רעכטער האַנט די קוליע, אין דער לינקער האַנט דאָס שפּיגעלע מיט זיין אייגענער פאָטאָגראַפיע, ווען ער האָט נאָך געהאַט צוויי פיס, צוויי אויגן, און ס'האָבן זיך דעמאָלט אויף זיין האַלדז ווי שטריק צעהאָנגען בולטע בלויע אָדערן און טיפע מעסערשניטן אויף די באַקן. אַלץ — די פאַרברענטע הויט אויפן פּנים פון מלחמה־גאַזן און ביידע אַפּלען, דאָס פינצטערע, אויסגעגאָסענע גענוי ווי דאָס זעעוודיקע — האָבן אַלע צוזאַמען געקוקט אין איין איינציקער ריכטונג, צום עלעקטרישן סלופּ, וווּ ס'איז געשטאַנען אָט יענע פרוי, אויף וועמענס פּנים ס'זענען געפאַלן כוואַליעס רעגן און טראָפּנווייז זיך אַראָפּגעקייקלט אויף איר שטיקל אָפּגעדעקטן האַלדז, ווי קליינע קינדערלעך וואָלטן זיך אויף איר גוף אין באַהעלטעניש געשפּילט.

מאַרסעל האָט געהויבן די אַקסלען, געצוקט מיט די פּלייצעס. אויס־טערלישע גרימאַסן האָבן זיך צעלייגט אויף זיין פּנים און ער האָט געמורמלט:

— דאָס זאָל זיין מאַרגעריט? יאָ, מאַרגעריט זאָל דאָס זיין!

אַ לענגערע ווײַלע האָט אויסגעזעצן, ווי ער פירט מיט זיך אַליין אַ וויכוח און ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, יאָ צוגיין אָדער נישט צוגיין.

ענדלעך האָט מאַרסעל אַ קלונג געטאָן מיט זיין קוליע אָן שטיי־נערנעם ברוק און אָן אַנטשלאָסענער אַ היפּע געטאָן צום אַקעגנ־איבערדיקן טראָטואַר. אַ צעשמייכלטע איז די פרוי אים אַקעגנגע־לאָפן און עפּעס צו אים אַ מורמל געגעבן. נאָר מאַרסעלס ענטפער האָט איר דעם וועג פאַרלאָפן:

— כ'בין אַן אינוואַליד, אָט וואָס נאָר געקומען פון מלחמה... געוואַלגערט זיך אין שפּיטעלער... כ'האָב נישט קיין געלט... איבער־הויפּט פאַרלאַנג איך פון דיר גאָרנישט, אַ חוץ דו זאָלסט מיר זאָגן דיין קליינעם נאָמען.

— מיין גאָט! סאַראַ מיאוסע פאַרזעעניש האָט זיך דאָס הייִנט אָן מיר אָנגעטשעפּעט און וויל גאָרנישט פון מיר אָפּטרעטן — האָט די גאַסנפרוי מיט כעס אויסגעשריגן. און באַלד האָט זיך איר פּנים אויסגעלייטערט מיט פול גוטסקייט און שמייכלענדיק אָנ־האַלטנדיק אַ האַנט ביים זוים פון מויל, אַז אַ ווינט זאָל אירע רייד נישט פאַרשלעפּן, האָט זי מיט אַ לייכטער שטיפערישקייט אַריינגעשריגן אין מאַרסעלס אויער, ווי ער וואָלט אַ חוץ לאָם און בלינד געווען אויך טויב:

— איך הייס מאַרגעריט! נו זאָג מיר, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין נאָמען, שיינער פאַרשוין? כאַ־כאַ־כאַ! — האָט פון אירע פאַרזשמורעטע לצנותדיקע אייגעלעך אַרויסגעקוקט אַ טייוולאָנישער ווילד־צעשפּילטער צולהכעיס און דער באַשנייטער דרויסן האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ הילכיקן ווידערקלאַנג: כאַ־כאַ־כאַ!

— אמת? אויב דיין נאָמען איז מאַרגעריט, טאָ האָב איך דיר געבראַכט אַ גרוס פון דיין חתן מאַרסעל גיבור — האָט צעקרימט און פאַרמלאָז, ווי אָן איבערגעדרייט אבער זיין מויל שנעל געשור־וועט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען נישט אַרויסגעגאַנגען פון קעל, נאָר, דאַכט זיך, אַראָפּגעקראָכן פון זיין יונג צעאַקערטן שטערן, פון זיינע אויסגענענעצטע באַקן באַלייגט מיט מעסערקאַרבן און פון בלינדן צונויפגעוואַקסענעם אויג, אַ באַצווינגנס מיט אַזאַ מרה־שחורה, וואָס האָט קיין סוף און קיין ענד — קיין וואָרט, וואָס זאָל עס קענען גענוי באַצייכענען.

— אַ גרוס פון מיין חתן מאַרסעל גיבור ? ער איז דאָך געפאַלן ביי ווערדען — האָט די יונגע פרוי די איינציקע געציילטע ווערטער צעצווינגן ווי אַ גרוים געשפּרעך און אפשר גאָר האָט זי געוואָלט צייט געפינען אויף ישוב־הדעת, פרייע לופט און זיך איינגעטעמט. ס׳ווייזט אויס, אַז זי האָט גענומען צווייפלען אין די אייגענע רייד, ווייל איר בליק איז שאַרף געבליבן הענגען צווישן די מעסערשניטן אויף מאַרסעלס פּנים, אויף דעם שטח פון זיין בלינד צענויפגעוואַקסענעם אויג און האָט געוואָגלט לאַנג לאַנג אויף יעדער באַוועגונג זיינער.

און אַזוי ווי אין אַ וויזיע, אַ פליענדיקער שד געוואָרפן פון הימל מיט צעפלאָשעטע גאָלדענע האָר, דורכן ווינט געטראָגן, האָט אין דער ווייסקייט פון שניי אַנטלויפנדיק אויסגעזען אָט די פרוי, ווען זי האָט איבערגעלאָזט דעם פאַראייגזאַמטן בלינדן מענטש אויפן טראָטואַר שטיין מיט זיין קוליע אין האַנט, מיט וועלכער ער האָט ווי מיט אַ געווער געפאָכעט אין דער לופט ווי אַ מאָל קעגן שונא אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט דאָס מיידל פאַרהאַלטן אין וועג און געקוקט שאַרף, ווי איר בלוי בערעטל, וואָס איז איר חנעוודיק בריהש געלעגן פאַררוקט אין ברעם, איז בעתן לויפן אַרונטער־געפאַלן אויפן ברוק און ווי זי האָט עס פלינק אויפגעהויבן פון אונטער די טריט און ווייטער, ווייטער געלאָפן, געהוזשגעט מיט די עלענבויגנס, געוויגט, געפלאַטערט מיטן היטעלע אין האַנט, ווי ביי אַ שיפל דאָס רודערהאָלץ בעת אַ טייך־געוויטער. דינע זענען געווען די פינגער, אין וועלכע זי האָט דאָס היטעלע געהאַלטן. זיי האָבן אויסגעזען פאַרשטאַרט ווי פאַרפרוירענע צאַפּנס אייז־שטעקעלעך. דורך זיי האָט זי זיך איצט געוואָלט שיצן און עפּעס אָנכאַפּן און ווען זי איז שוין געווען ווייט, ווייט, איז זי ראַפּטאַם, אין איין אָטעם, געבליבן שטיין און אויף זיך צורעכטגעמאַכט דעם ווייסן סוועטער און פאַררוקט דאָס היטעלע ווידער בריהש אין אַ ברעם און אַ פאַר־סאַפּעטע קוים אַרויסגערעדט די איינציקע געציילטע ווערטער :

— ער לעבט ! ער לעבט ! ס׳איז אַ ליגן, אַז ער איז געפאַלן ביי ווערדען !

כסדר אויפן פריערדיקן אָרט איז מאַרסעל אַלץ אַזוי געשטאַנען, אָנגעלענט אויף זיין קוליע, מורמלענדיק אַזעלכע רייד, וואָס נישט לאַנג האָט ער זיי געהערט רעדן דורך אַ קול, וואָס איז אים אייביק געווען ליב :

— איך הייס מאַרגעריט ! טאָ שיינער פאַרשוין, ווי געפעלט דיר מיין נאָמען ?

איצט איז ער אָט די רייד ווי נאָכגעגאַנגען מיט זיין אָנגע־שטרענגטן אויער... ווייט, ווייט... נאָכגעיאָגט מיט זיין בלינד אויג די קלאַנגען, גענוי ווי מיט זיין זעעוודיק אויג אירע לעצטע מבול־בלדיקע טריט, אַזוי לאַנג, ווי זיין בליק האָט מער נישט געקענט דערגרייכן. שפּעטער האָט מאַרסעל אויף ס'ניי אַרויסגענומען פון קע־שענע זיין שפּיגעלע, וואו פון דער צווייטער זייט דעקל האָט אַראָפּגע־לאַכט אַ צופרידן פּנים, געזונטע אברים, צעשמייכלטע און שיינע, טאַקע אייגענע, נישט ווי זיין צוגעשטיקעוועטע פיס־קוליע פון האַלץ. דער אַמאָל האָט זיך צו אים געלאַשטשעט, זיין גאַנצער עבר איז געלעגן פאַרגליווערט אויפן שפּיגעלע, ווי אַ מאָנומענט פון זיינע יונגע, שיינע גליקלעכע יאָרן, וואָס וועלן זיך שוין נישט מער צו אים צוריקקערן, גענוי ווי אַ תבואה־זאַנג פון פעלד, ווען אַ ווינט פאַרשלעפּט אים ערגעץ אין אַ מידבר. אָט דאָס האָט מאַרסעל גע־טראַכט, אין וועג גייענדיק צו זיין אַמאָליקער היים מיט אַ טיפן ווי־דערזען־אומרו אין האַרץ.

אין זיין פאָרשטעלונג האָט ער געזען דאָס הויז, וואָס ער האָט אויסגעקוקט אַזוי פיל יאָרן אין בענקשאַפט, ליגנדיק אויף פאַרשי־דענע גרויזאַמע שלאַכטפעלדער. צוקומענדיק נאָענט צום הויז, האָט די יונגע מיאוסע הויפּקערערין, זיינע אַ נאָענטע קרובה, וואָס פלעגט שטענדיק צו אים וואַרפן אויגן, אים נישט דערקענט. זי האָט אים פאַרהאַלטן אין וועג, פרעגנדיק, וואו ער גייט, און ווען זי האָט זיך דערוווסט, אַז דער אויף דער קוליע, אָט דער מיאוסער קאַליקע אָן אַן אויג, איז נישט קיין אַנדערער נאָר פון אַ מאָל דער געוועזענער שיינער מאַרסעל גיבור, האָט זי זיך געוואָרפן אויף דער ערד אַ פאַר־חלושטע. פאַרבייגייער האָבן זי אויפגעמונטערט. דעמאָלט האָט זי זיך אַזוי פונאַנדערגעוויינט אויפן הויכן קול, אַז אַלע שכנים זענען זיך צונויפגעקומען, און זי האָט כליפּענדיק פאַר אַלעמען דערמאַנט מאַרסעלס אַמאָליקע גבורה.

ביי אַ געלעגנהייט האָט זי אים איבערגעגעבן, אַז זיינע עלטערן זענען אין די לעצטע מלחמה־יאָרן אַוועק אויף דער נחלה, וועגן וועל־כער זיי האָבן אייביקע יאָרן געפירט פּראָצעסן קעגן אַנדערע קרובים.

אויף דערווייל איז מאַרסעל געבליבן וווינען אין אַ זייטיקן שטיבל ביי זיין קרובה, די הויפּטקערערין. כאָטש ער האָט איר צו־געזאָגט אין די נאָענטסטע טעג אַוועקצופאָרן אין דאָרף צו זיינע עלטערן, איז מאַרסעל נישט געווען בכוח צו פאַרלאָזן פּאַריז, נישט האָבנדיק געזען נאָך אַ מאָל זיין כלה.

אין גאַס האָט מאַרסעל זיך אָנגעטראָפן מיט פריינד, שול־חברים, יוגנט פון די טאַנצזאַלן, וועלכע זענען איצט אויך געגאַנגען אָנגלענט

אויף קוליעס, אָדער מיט אויסגעבראָכענע אויגן דורך די מלחמה־גאַזן, פון וואַנען ס'האָט אַ מאָל אַרויסגעקוקט אַן אַפּל־בלישטש, ביי איינעם אַ גראַנאַט־בלויער, ביי אַ צווייטן אַ קאַשטאַן־ברוינער, ביי אַ דריטן אַ סאַמעט־שוואַרצער, וואָס דערמאָנט דעם פונקל־שפּיל ביי קאַרשן, פון טוי נאַסע, אָדער באַרעגנטע פלוימען אין פרימאָרגן־סעדער. איצט האָט געקוקט איין קוליע צו אַ צווייטער קוליע, איין בלינד אויג מיטן צווייטן בלינד אויג האָבן זיך ווי צעגויפגערעדט און מיט לצנות געפרעגט:

— אוי אַ בראָך! דיין כלה איז פון דיר אויך אַנטלאָפן?

די אַהיימגעקומענע פון מלחמה האָבן געהאַט צווישן זיך זייער אַ סך צו רעדן. איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן פון נאָענטע פריינד, געפאַלענע אויף די שלאַכטפעלדער. נאָר מאַרסעל האָט זיי אַלעמען אויסגעמיטן און אַרומגעזוכט מאַרגעריטן ווו נאָר אַן אונ־טערוועלט, אַן אַפּאַשן־נעסט, אַ באַל־מיזעט, אַ שיכורים־קנייפּע, וויל אויפן ראַנדעוו־פּלאַץ ביים פּאָבורג־די־טאַמפּל האָט ער נישט געקאָנט זי מער דאָרט טרעפן.

אַזוי איז לאַנגזאַם, חודש נאָך חודש, פאַרשוווּנדן דער ווינטער. וואָס מער צייט ס'איז אַוועק, אַלץ פאַרעקשנטער איז ער געוואָרן מאַרגעריטן אויסצוגעפינען.

איבער דער וועלט איז דעמאָלט געהאָנגען אַ פולער, רייפער זומער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

שוין מיט אַ לענגערער צייט פריער האָבן מאַרסעלס עלטערן זיך דערוווּסט דורך מענטשן, אַז קיין גאַנצער פון דער מלחמה איז ער נישט אַהיימגעקומען. צוליב זיין כסדר זיך אַרומוואַלגערן אין שפּיטעלער זענען צו זיי קיין בריוו און גענויע פּרטים נישט דער־גאַנגען. ראַפּטאָם האָבן זיי אים איצט דערזען. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין גאַנצן אומגעריכט. אַקסל נעבן אַקסל, נישט אפילו זיך אומקוקנדיק ביזן שטוב, איז מאַרסעל געגאַנגען לעבן זיין מו־טער, אין דער רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ לאָפּאַטע, אין דער לינקער האַנט אַ פול פאַרטעך מיט קאַרטאָפל, וואָס זי האָט געהאַט אָט נאָר אויסגעקאָפּעט פון פעלד. און פּלוצעם, ווי אַ מענטש, ווען ער דערשרעקט זיך, האָבן די קאַרטאָפל זיך געגעבן אַ צעשיט

איבער דעם שטיינערנעם ברוק פון דער כאַטע, אַז דער גאַנצער געביי האָט מיט זיך אַ טרייסל געטאָן, דער סופיט, די ווענט און אַלץ, וואָס איז געווען דערין, האָט אָנטייל גענומען און צוזאַמען זיך באַוויגן.

לאַנג, זייער לאַנג האָט אָפּגעהילכט דער צעשיט פון די קאַרטאָפל אין אַלעמענס אויערן, ווי זיי וואָלטן זיך בכיוון אַרויסגעריסן פון דער פויערטעס האַנט און אויפן העכסטן קול זיך צעשריגן:

— מיין גאָט, זעטס נאָר, ווער ס'איז דאָ!

אַ צעטומלטע האָט די אומגליקלעכע מאַמע גענומען קוקן אויף איר צעממיתטן זון און האַסטיק פון האַנט אַ שליידער געטאָן די פאַרבלאָטיקטע לאַפּאַטע און זיך פונאַנדערגעוויינט אויף אַ יאָמערדיק קול ווי אַ וויינענדיקער הונט איבער ערגעץ אַן איינזאַם פעלד אין אַ גרויזאַם פראָסטיקער נאַכט. און ווי אַן עוף, ווען ס'טריפט אין בלוט נאָך דער שחיטה, האָט זי איר באַקודלטן שאַרבן, צוזאַמען מיט די רונצלען אין שטערן און מאַטע אויגן, פאַרוואָרפן אויף הינטן און דערזען טרויעריק אַרומשפּרייזן מאַרסעלס שיינע יונגע יאָרן.

זיי האָבן זיך פאַר אירע אויגן אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי ווי די ווייסע קווייטן אויפן פעלד און נידעריק געוואַקסענע בלימעלעך אויף די זוניקע פּאַרדרימלטע לאָנקעס. אַ קליין ייִנגעלע האָט זי אים איצט דערקענט, בעת זי צוואָגט אים זיין קעפל, וואַשט אים אַרום אַ נאַקעטן, גלעט אים יעדעס אבר באַזונדער און דערפילט זיך מוטערלעך גליקלעך, ווייל איר קינד איז אויסגעוואַקסן שיין און געראָטן, גלייך-ליניק ווי אַ פאַרקאַן מיט אַ תּנים אַ פאַררויטלטס, ווי יענע שיינע בלומען, וואָס זי ווייסט נישט געגני זייערע נעמען. און באַלד דערזעט זי מאַרסעלן אַ קאַליקע מיט אַ פּנים פון אַ פאַרזעעניש, די צענויפגעוואַקסענע שניטן אין זיינע באַקן זעען אויס ווי אַ צוגעסטריגעוועטער רים אויף פויערישע העמדער. מיט אַ זאַקנאָדל צענויפגענייט, און אַלץ ווייגט אין איר לייב טראַכטנדיק:

— ווייַ, וויי, ער איז דאָך אַזוי מיאוס!

פון דער קורצער ווײַלע איז די מוטער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, אַ בינטל גרויע האָר ווי זילבער-פעדעם האָבן גענומען אַרויסבלישטשען פון איר פויערישן קאָפּטיכל, מיט וועלכן זי איז געווען שטרענג פאַרבונדן אין אַ בולטן דרייעק, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען איבער איר ברוסט. טיפע אַקער-רונצלען זענען געווען צעלייגט איבערן שטח פון איר פלאַכן שטערן. זיי האָבן מיט זיך דערמאָנט

אָן איבערגעוואָרפענע ערד, וואָס אין זומערצייט די זון צעבאַקט אַזוי היים און מאַכט זי האַרט ווי די דאָרפישע הילצערנע שיך, וואָס פּויערים טראָגן אין וואָכנטעג, אָדער לעדער־כאָליעוועס ביי שטיוול, מיט וועלכע זיי צירן זיך נאָר אין די זונטיקדיקע פּרימאָרגנס בעתן געבעט אין די קלויסטערס.

מאַרסעלס מאַמע האָט איצט אויסגעזען ענלעך צו אַ בוים, וואָס אַ ווינט האָט אויסגעריסן ביזן טיפן וואָרצל. אויך מאַרסעלן האָבן די לעצטע שווער איבערגעלעבטע מינוטן אויפגעשווידערט און איבערגעוועקט פון אַ טיפן, זייער לאַנג דויערנדיקן שלאָף.

ביז איצט האָט ער גאָרנישט געוווסט, אַז אויף דער גאָרער וועלט איז פאַראַן עמעצער נאָך אַ באַטייליקטער אין זיין אומגליק־לעכן גורל. דערפאַר האָט דאָס געוויין פון זיין מאַמע אים אַזוי שטאַרק צעגומען, אַז ער האָט אויך געוואָלט זיך שטיקנדיק פון טרערן צעוויינען ווי אַ קינד.

פריער, ביז מאַרסעלס באַווייזן זיך אין שטוב, איז זיין טאַטע געזעסן אַ פאַרנומענער ביים טיש און האָט לאַנגזאַם צו זיך אין מויל געלייגט גרויסע ביסנס ברויט, וואָס ער האָט זאָרג־זאַם צעשניטן מיט אַ קליין פּויעריש מעסערל, וועלכעס האָט געהאַט גרעסערע און קלענערע קלינגלעך און אַ פּראָפּנציער פאַר די פלעשער אָ־דע־ווי, וואָס פּויערים אין סעזאָנצייט מאַכן אַליין, אַז ס׳זאָל גענוגן צו פּראַווען שימחות און שיכרות־סעודות אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. געלאַסן און בנעימותדיק האָט ער אונטער־געדוקט די קלינעס ברויט אין מויל אריין, ווי מען לייגט אונטער צעהאַקטע קלעצעלעך האָלץ אין אַ ברענענדיקן אויוון, איינגעביסן די ציין אין זיי, ווי געשליפענע העק אָדער ווי שאַרפע זעגן שניידן זיך איין מיט עקשנות אין אַ שוצלאָזן בוים.

איצט איז דער פּויער גרייט געווען מיט זיין גאַנצער הויכקייט און ברייטקייט פון זיין גוף אַנטקעגנגיין דעם זון, דעם אינוואַליד, וואָס איז נאָר אָט וואָס צוריקגעקומען פון דער מלחמה. ער האָט געוואָלט אים אָפּגעבן זיין ערלעך פאַרדינטן כבוד. נאָר עפּעס אַ קראַמפּט האָט אים צוריקגעצויגן און אַוועקגעזעצט אויף זיין פריער־דיקן אָרט: אַ קאָנוווּלסיע איז אים באַפאַלן, צעבויגן זיין גוף אין דרייען.

ס׳איז גאָרנישט געווען קענטיק, אַז דעם זעלבן פּויער, וואָס איז בכוח צו באַאַרבעטן די גרעסטע ערד־שטחים אָן שום מאַטערניש, באַאַקערן און באַזייען אייגענע און פרעמדע פעלדער, בעת ער פאַר־דינגט זיך אויף טעג, האָט מיט איין מאָל זיין גבורה פאַרלאָזט און ער האָט מיט זיך דערמאַנט אָן אַ פאַרציטערט שעפעלע, ווענען

ס'איז באַפאַלן אַ גרויזאַמע חיה. דערפאַר איז ער געבליבן זיצן מיטן מעסערל אין האַנט און מאַטערנדיקע רעיונות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים און אַ גרויסע רונדיקע טרער, ווי אַ ווייסע אַרבעס, האָט זיך צעוואַקלט אויף זיינע וויעס.

בשום אופן האָט דער פּאַרעקשנטער פויער נישט געוואָלט איינגיין אויף דער פּשרה, אַז דער אינוואַליד אויף דער קוליע מיטן בלינדן אויג איז נישט קיין אַנדערער ווי זיין איינציקער נחת מאַרסעל, וועלכער האָט ביי אַלעמען דערוועקט זכרונות, ווי ער פלעגט אַ מאָל אין די דאָרפישע גראָזן דאָ טרעטן מיט זיינע גרויסשטעטישע שיך אויף זיינע קרעפּטיקע פיס מיט לאַנגע געפּרעסטע הויזן גאַנץ צום אָפּצאַם. דער שענסטער און גרעסטער פון אַלע חברים פלעגט מאַרסעל אויסזען אין די אויגן פון זיין טאַטן. איצט האָט ער בלויז מיט זיך דערמאַנט אַן אָפּשפּיגלונג פון אַמאָל: דער געזונטער מיט די רויטע באַקן ווי די קווייטן אויפן פעלד, וועלכע בליען און לאַכן אַקעגן דער העלער זון פון בייטאָג, וואָס איז ביים פויער אַזוי טיף איינגעבאַקן אין האַרץ, טייער און ליב...

דער טרויעריקער אונטערשיד פון געוועזענעם אַמאָל ביז איצט האָט ביי מאַרסעלס טאַטע אַרויסגערופן זייער פיל שווערע געדאַנקען, אַז דאָס איז אַלץ אפשר אַ שטראָף פון גאָט פאַר באַוווסטע און אומבאַוווסטע יוגנטזינד, און מיט אַ טריבן צער אין די אויגן האָט ער אומבאַהאָלפן געקוקט אויף זיין ווייב, דאָס רויע פעלד־באַשעפעניש, ווי זי שטייט אַזוי און גאַפּיעט, געגנוי ווי זיין בהמה אין שטאַל, בעת זי קייט פון קאָריטע די פאַשע אָדער די גראָזן אויף די לאָנקעס.

— מערד' אַלאָר! — גיט דער פויער מיט רוגזה אַ געשריי — וואָס שטייסטו אַזוי כסדר און דו קוקסט? ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווער דאָס איז? אויב ס'איז נייטיק, וועל איך דיר אויפקלערן.

— דאָס איז דאָך מאַרסעל, אונדזער מאַרסעל!

ווי מיט אַן עמער קאַלט וואַסער, ווען מען גיט אַ פלוצעמדיקן גאָס אויף אַ הייסן מענטשלעכן שאַרבן, אַזוי האָבן דעם פויערס רייד געווירקט אויף זיין ווייב. ער האָט זי ווי אויפגעוועקט פון שלאָף. און די אומגליקלעכע האָט אַבריזג געטאָן מיט ביידע אויגן, צעוואַקלט איר גוף אויף הין און צוריק, אַריינכאַפּנדיק אין אירע צעהאָרעוועטע אָרעמס דעם צעמזיקטן זון, איר איינציקער נחת.

אַזוי אַ היפּשע ווילע האָבן זיי זיך ביידע געהוידעט, געקושט.

— מאַמע — האָט מאַרסעל אין פאַרלעגנהייט אַרויסגעשטאַמלט ווי עפּעס אַ פרעמד וואָרט און זיך דערמאָנט, אַז אַזוי

פלעגט ער זי רופן, בעת ער איז נאָך געווען קליין, נאָר מיט זייער פיל פרייד אין האַרץ.

איצט האָט מאַרסעלס טאַטע זיך אַליין אַ כוח אָנגעטאָן, כדי זיין שווערן גוף אויפצוהייבן פון אָרט, און ער האָט אַלץ געלאָזט שטיין אויפן טיש, די וויס געבלומטע וואַזע מיט סאַלאַט, די פּאַ־טעלניע מיט חזיר־קאָטלעטן, די שיסל מיט שוימיקער זופּ, און ווע־מענס געדיכטעניש עס איז געבליבן שטעקן דער צינערנער לעפל ווי אַ גליוועער נישט זיך צו רירן פון אָרט. דער פֿויער האָט אין יענעם מאָ־מענט דעם גאַנצן טיש פאַרשעמט און מיט איין שפּרייז איז ער גע־שטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט זיין נחת און האָט מאַרסעלן ווי אַריינגע־נעגלט אין זיינע אָרעמס, צוגעטוליעט צו זיך מיט דער האַרטקייט פון אַ פּור־קלאָניצע און אויפן הויכן קול געיאָמערט:

— כי־כי־כי, מיין טייערער מאַרסעל!

אַ פאַטערלעכער צער האָט אָפּגעהילכט אין זיין געוויין ווי אַ געבריל פון אַ לייב, ווען די קויל פון אַ יעגער האָט אים דערגרייכט אין סאַמע האַרץ.

אויך דער כאַטע־זייגער מיט זיינע צוויי מעשענע וואָגעס, וואָס רוקן זיך אַרויף און אַראָפּ ווי די שאָטנס אין דער אומבאַלויכטנקייט שפּעט אָוונט אויפן סופיט און ער צעשפּילט זיך ווי אַ ספּעציעל באַשטעלטער אָרקעסטער מיט לוסטיקייט און געליאַרעם קלאָר דייט־לעך יעדע אָקטאַווע, גלין־גלין־גלין, און זיינע רושיקע טענער דער־מאַנען אָז יענעם חודש פון האַרבסט, ווען פּויערים צינדן אונטער די לעצטע מיסטרעשטן אין די פעלדער, ווען פלאַמען טראָגן זיך קנוילנווייז העט־העט אין הימל, אָננעמענדיק זיך אין אַ רעדל טאַנצן זיי אַרום דעם פייער מיט הילכיקע געזאַנגען, ווי הפקר־שיכורים... אויך איצט האָט זיך דער דאָזיקער כאַטע־זייגער דער־מאַנט, אַז ער איז אויך אַ מיטגליד אין דער דאָזיקער פּויערים־משפחה, און ער האָט זיך אַזוי יאָמערלעך פונאַנדערגעוויינט אויפן הויכן קול: גלין־גלין־גלין — ווי אַ סאָליסט אָדער קירכע־אָרגעל ביי אַ גאָטגעבעט. שפּעטער האָט ער זיך איבערגעוואונקען אויך מיט דער קליידערשאַנק אין כאַטע פון אַקאַזשו־קאָליר, ועמענס צעפינקלטער מעטאַלשלאָס דערמאַנט אָז אַ באַנקקאַסע. אויך די שאַנק האָט אונטערגעהאַלטן דעם זייגערס טרויעריקן ניגון, וואָס האָט אָפּגע־הילכט אין כאַטע: גלין־גלין־גלין, וואָס האָט באַדייט ווי מענטשלע־כע רייד:

— אוי אַ בראָך! דאָס איז מאַרסעל? ווי און ווינד איז מיר, מאַרסעל איז דאָס?

דער גאַסט האָט אַרויסגערופן נייגעריקייט אין דאָרף נישט בלויז ביי נאָענטע אין דער משפּחה, נאָר אפילו ביי פרעמדע פויערים פון אַלע אַרומיקע געגנטן.

זיי זענען געקומען אויף באַזוך אין באַגלייט פון הינט פון כלערליי מינים: שוואַרצע, ווייסע, געל־געפלעקטע, קודלאַטע, וואָס האָבן מיט רציחה און געביל פונאַנדערגעיאָגט די עופות אין הויף, אַרויסגערופן פאַרדראָס ביי היימישע הינט, געבונדענע צו נידעריקע דאָרפישע פּלויטן, ווען עמעצנס שטאַכעטן האָבן זיך אַזש צעהוידעט און אַן עכאָ האָט זיך צעטראָגן איבער די פעלדער: הו־הו־הו! — ווי אַן ענטפער אויף די פיינטלעכע קולות. מעגלעך, אַז די הינט האָבן זיך אויך משמח געווען און מיט גרויס חשיבות געוואָלט אַקעגנלויפן די אָנגעקומענע געסט.

דער ערשטער איז געגאַנגען דער דאָרפסמילנער זשאַן — הויך, איינגעבויגן, וואָס ווענן אים זאָגן אַלע, אַז ער און די מיל זענען אויס ווי איין בשותפותדיק באַשעפעניש. צוזאַמען שפּייען זיי אויס אָט די אַלע קופּעס מיט זעק אָנגעפּילטע פון ווייץ, גערשטן און קאָרן, וואָס מען פירט שפּעטער אויף פורן און לייטער־וועגענער אַריבער צו די פויערים פון די פּאָלוואַרקן. אייביק, פון באַגין ביז נאַכט, ווען ס׳פּאַלט צו און פאַרהילט די וועלט מיט אַן אומהיימלעכן אומעט, רוישן די וואַלצן פון מיל, זשומען די טרייבמאַטאָרן, געיאָגט דורך די כוואַליעס פון אַ טייכל, וועמענס אייבערפלאַך זעט אויס אונטער דער זון־ליכטיקייט ווי אַ פּאָלירט מעטאַל.

די תבואה־זאַנגען אין געיעג צעפּאַלן ווי שטויב, דרייען זיך מיט אין דער מיל מיט זייער גאַנצער גאָלדיקייט, וואָס דער מאָרגנרויט האָט אים אַזוי שיין באַפּאַרבט, און קאָלירטע פייגעלעך שוועבן אין דער לופט, שפּיגלען זיך אונטער דער צעהעלטער זון אין וואַסער מיט זייער גאָלדיקייט, ווו עס שווימען אַרום דאָרט עופות פון כלערליי פאַווע־פעדערן. טייל מאָל, אַז די דאָזיקע מאַשין בלייבט שטיין, ווען פון אַלטקייט האָט אַ רימען געפּלאַצט אָדער אַ שרויף און מען מוז לויפן אין אַ נאָענט שטעטל צום קאָוואַל, דער מייסטער אויף כלערליי מלאכות פאַרן דאָרף, דעמאָלט דאַכט זיך אויס, אַז די וועלט איז אָפּגעטרעטן פון איר סדר.

דאָס באַוועגלעכע לעבן איז געוואָרן אַנטשוויגן, ס׳האָט אויפגעהערט דאָס מעקען פון די בהימות, דאָס קוואַקען פון די עופות און דער הימל האָט אויפגעהערט זיך צו חנדלען מיט זיין לויטערער בלוילעכקייט, נישט עס טאָגט מער אין דער ריכטיקער צייט און

נישט עם רויטלען זיך די האָריזאָנטן געפּוצטע אין גאָלד־לאַמפּאַסן, וואָס פירן אַריין אין אַ נעץ פון כישוף־לאַנדשאַפטן צווישן בלויע בערג און הויכע סטויגן צירונגען גאָלד, וואָס פאַרבלאַנקען די הימל־וואָלקנס מיט צעלויכטענע זון־שפּיגלען, טייטלענדיקע צלמים־שפּיצן איבער רויט־צעצונדענע הויכקייטן ווי פייער־לאַמטערן אויף שטילע איינזאַמע וועגן פון וואַנגלער.

און ווען די מיל נעמט ווידער זיך באַוועגן, ווערט פריילעך אין אַלע אַרומיקע פּאָלוואַרקן און שכנישע פעלדער. די מיל נעמט דע־מאָלט אויף ס'נייַ דורך אירע כוואַליעס יאָגן די מאָטאָרן. ס'ווערט צע־שטראַלט דעם מילנערס פּנים, ער הערט זיך איין אין יעדן שרויף־גרימאַס ווי די טרוימער אין פייגל־געזאַנג.

ער גייט קיין מאָל נישט אין קלויסטער, נישט אין שענק, אַחוץ אויף אַ נאָענטער לוויה. און ס'דאַכט זיך, ווי לאַנג וועלט וועט זיין וועלט, וועלן זיך אייביק דרייען די מילוואַלצן, טומלען די שרויפן, רוישן די רימענס און דער מילנער וועט פאַרבינדן די זעק, אַרויפ־לאָדעווען אויף פורן און וועגענער צום אָפּפאָרן אין די פּאָלוואַרקן.

פּלוצעם, צוליב מאַרסעלן, איז די מיל געבליבן שטיין, איר באַ־לעבאָס האָט זיך איבערגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער, אויפן קאָפּ אַ שוואַרץ פילצענעם הוט, וואָס איז הויך ווי אַ דאַכקוימען, און אָבגעבליאַקעוועט, ווי ער וואָלט געווען באַדעקט מיט אַ געלן מאָך. אָט אַזוי איז געגאַנגען דער מילנער צו מאַרסעלן אויף קבלת־פּנים. ביי זיין רעכטער האַנט איז געגאַנגען זיין שטאָטיש ווייב, אַ קליינע אין וווקס, וואָס איר גוטסקייט איז אין גאַנצן דאָרף באַקאַנט געווען; אין שניטצייט אין די מאָרגן־שעהן, ווען די גראָזן שטייען באַהאָנ־גענע מיט זילבער־פּערל, כאַפּט זי זיך אויף אַ פאַרדרימלטע נאָך מיטן שלאָף אין די אויגן, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל און אַ הייווידלע אין האַנט, גייט זי אונטערהעלפן, אָן אַ פּרוטה באַצאָלט, די אָרעמע פּויערים צונויפקלייבן די סנאָפּעס תבואה פון די פעלדער.

איצט איז זי מער נישט געווען צו דערקענען: אַן אויסגעשליי־ערטע, מיט אַ געבלומט טיכל אויפן קאָפּ, אין אַ שוואַרץ אַלפּאַגע־קלייד, מיט אַ לעדערן פאַרצייטישן בייטל אין האַנט, וואָס זיין שלאָס שטייט שטענדיק אָפן. פאָרויס איז געלאָפן אַ גרויסער שוואַרץ־קור־לאַטער הונט מיט אַן אויסזען פון אַ צעפּאַשעטן זאַטן לייב. ער האָט אַריבערגעוואָרפן פון איין מוילווינקל אין צווייטן אַן אייזערנע פּאַרקאָווע, בילנדיק הילכיק הו־הו־הו, ווי ער וואָלט מיט פרייד גע־וואָלט געבן צו וויסן אַלע פעלדער אָט די גוטע בשורה, אַז דער מילנער זשאַן און די מילנערקע זשערמען שפּאַנען איצט צו גאַסט.

אויפן וועג גייענדיק האָבן זיי זיך באַגעגנט מיטן אַלטן פויער שעוואַליע.

— האָ, האָ, האָ! וועמען מען זעט דאָ? — האָט דער מילנער זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט זיין ברייטן, ציינלאָזן מויל, וואָס דער־מאַנט אַן אויסגעשטשערבעטע זעג.

דער פויער איז גראָד אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקייט. אין זעלבן טאָג גאַנץ באַגינען, ווען עס קלינגען ווי גלעקלעך די ערשטע פויגל־געזאַנגען און עס סודען זיך אין מאָרגן־תפילה די גרעזער אויף די סטעזשקעס, די זאַנגען אויף די פעלדער, דעמאָלט האָבן די צוויי יונגע פויערטעס, דעם אַלטן שעוואַליעס נאָך נישט חתונה־געהאַטע טעכטער, זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצע מאַנטלען פון קרעפּ אויפגענייטע, לאַנגע ביז די פוסטריט, אָנגעהאָנגענע אויף די איינ־געדאַרטע, פון דער זון אָפּגעברענטע העלדזער היפּשוואַגיקע צלמים, צונויפגעפלאָכטענע מיט גרויסע שוואַרצע קרעלן. אַזוי האָבן ביידע דורך פאַרקירצטע אונטערוועגן שטילשווייגנדיק ווי שאָטנס זיך דערשלייכט צום בית־עלמין, וווּ עס ליגט זייער מאַמע. אַריינגוויי־נענדיק אין קבר, האָבן זיי איר אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אַז אין די נאָענטסטע טעג ריכט זיך זייער אַלטער טאַטע נעבן ווייב אויסצוגעפינען זיין אייביקע רו. אין איין וועגס האָבן זיי אָפּגעטראָטן אין שטעטלדיקן קלויסטער, אָנידערגעקניט פאַרן הייליקן ליכט, וואָס ברענט פאַרן בילד פון גאָטס מאַמע, האָבן זיך פרום איבערגעצלמט און געמורמלט אַ שטיל געבעט פאַרן קראַנקן שעוואַליע, זייער טאַ־טע, וואָס ליגט אין דער היים אונטער אַ מענגע פּעדער־איבערבעטן, אַז זיי ווינקען זיך אַזש איבער מיט די צלמים אויף די ווענט און דאַכבאַלקן אין דער כאַטע.

אַהיימקומענדיק האָבן די צוויי פויערטעס פון זיך אַראָפּגע־וואָרפן אָט דאָס אַלץ, מיט וואָס מען סטראָיעט זיך נאָר פאַר דער שטאָט, און זיי זענען צוריק אַריין אין די הילצערנע שיך און אין די קליידער פון וואָכעדיקייט און אַרבעט. איידער זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט די הייווידלעס אין פעלד, האָט די עלטערע שוועס־טער זיך אָוועקגעשטעלט פאַר אַ ברויט, רונדיק און גרויס ווי אַ וועשבאַליע. אונטערשפּאַרנדיק עס מיטן אייבערשטן טייל פון גוף, האָט זי קודם געמאַכט אַ צלם־צייכן מיטן מעסער און ס'האָבן גע־נומען פאַלן די רונדיקע מוצאות אויפן דעמבאָוון טיש, מיט אַ היל־כיקן טראַסק ווי אַ ווידער־קול פון אַ געשליידערטן בוים אויף דער ערד נאָכן אָפּהאַקן פון שטאַם.

שלינגענדיק די גרויסע ביסנס מיט אַפּעטיט, האָט יעדע באַ־זונדער פון זיי נאָכגעטראַכט וועגן דעם צומאָרגנס נאָך זייער

טאַטנס טויט, אַז זיי אַליין וועלן נישט זיין בכוח צו באַאַרבעטן אַזוי פיל ערד און אַז זיי וועלן מוזן זי אָפּטרעטן צו אַנדערע פּויערים. אַחוץ דעם געסקריפּ פוןביידע שוועסטערס קייענדיקע ציינער האָט די שטילקייט איבערגעריסן זייער באַלעבטן שמועס וועגן מאַרסעל, דעם גאַסט אין דאָרף, דיבוק'ס איינציקער זון, פון וועמען אַלע פּויערים רעדן.

כמעט אַ האַלבער גוסס האָט שטילשווייגנדיק זייער אַלטער טאַטע צוגעהערט אָט די אַלע רייד. אַ קנייטש טוענדיק מיטן צעאַקערטן שטערן, האָט ער זיך אַ צופרידענער דערמאָנט וועגן דעם, וואָס איז פון ציימן צוריק פאַרשפּרייט אין דאָרף, אַז מאַרסעלס עלטער־זיידעס האָבן זיך באַטייליקט אין יענע יאָרן אויף דער זייט פון באַרימטן פראַנצויזישן מאַן גאַמבעטאַ. אָט דאָס האָט דעם מוח ביים חולה אַזוי צעהיצט, אַז ער איז מיט גרויס קוראַזש אַרויס פון בעט, אָנגעטאָן אויף זיך אַ שווער מלבוש, כאָטש אין זומער, און געגומען קריכן אויף אַלע פיר.

אין וועג האָט ער זיך באַגעגנט מיטן מילגער און דער מילנערין און ווי פּאָר אַלטע גוטע־פריינט זיך באַקלאָגט :

— מאָן דיע ! נישטאָ מער די ציימן פון אַמאָל. נאָך אַ שניט־סעזאָן פאַלט מען אַוועק אַ טויטער. אָ, מאָן דיע ! דאָס טירל פון בית־עולם וואַרט שוין אויף מיר.

אַזוי האָבן זיי זיך פאַרשמועסט און דאָס פעלד האָט זיך פאַר זיי צעוואַקסן אין אַ חלום פונעם ליכטיקן אַמאָל, ווען ביידע זענען נאָך געווען יונג און געהאָרעוועט אַלס שקלאַפן ביי רייכע גוטס־באַזיצער. פּלוצעם האָט זיך צעהאָנגען, ווי אַ ראָז געוועב, אַ רויטער זונשטרייף אין הימל געגוי איבער זייערע קעפּ מיט יענער נאָענטער היימישקייט ווי פאַרביקע געוואַשענע פרויענקליידער צום טריקענען אויף הוידענדיקע שטריק, געיאָגט דורכן ווינט.

ווען די פּויערים זענען אָנגעקומען צו דער כאַטע, ווו ס'האָבן געוווינט מאַרסעלס עלטערן, איז זיי אַקעגנגעלאָפן אויף רויטלעכע דינע פיסלעך אַ רייע קאַטשקעס. פון הינטן האָבן נאָכגעשפּאַנט קוואַקענדיקע הינער, פאַרביקע קליינע עופותלעך מיט די ערשטע פוכפעדערן דאָס יונגע לייב קוים באַדעקט.

אין שפּיץ איז געגאַנגען אַ האָן מיט אַ מאַנסבילשער דרייסטקייט און אַ רויטן קאַרק. ער האָט זיך צעשריגן אין אַ פיל־טענערדיקן קוקעריקו, ווי ער וואָלט אויך געוואָלט אָפּגעבן אַ ברייטן ברוך־הבא די געסט. אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן אויף דעם אָנלויף פון סאַמע פרעמדע פּנימער, האָט ער ווי אַ הערשער צו זיינע אונטערטאַנען געגעבן אַ באַפעל, אַז די עופות זאָלן זיך באַהאַלטן אין

תבואה־שייער, ווען מען דאַך קוקט אַרויף צום הימל מיט אַ פרומען שפּיץ פון אַ קלויסטער־צלם. און ווען די פויערים זענען שוין גע־שטאַנען אויפן שוועל פון כאַטע, האָבן זיי איינציקווייז געוואָלט זיך צוריקציען און אַהיימגיין, ווייל זיי האָבן דערזען, ווי מאַרסעל טאַ־טע ווישט זיך די אויגן פון טרערן מיט ביידע הענט, ביז די עלנ־בויגנס. די אויגן זיינע האָבן אויסגעזען, ווי דער צער אַליין וואָלט פון דאָרט אַרויסגעוויינט.

*

אזוי האָבן זיך געצויגן די וואָכן. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדע־רער פון די פויערים אים פאַרבעטן צו זיך. געשאָכטן אַ מאָל אַ קעלבל, געקוילעט אַ חזיר, געגרייט זאַטע מאָלצייטן אויף לאַנגע אַרומגעזעצטע, גאַסטפריינדלעכע טישן. געגעסן, געטרונקען, געריי־כערט פון גרויסע טאַבאַק־לולקעס, ווען מען אַוויר האָט זיך גע־שפּירט ווייט, גערעדט רכילות אויף וואָס די וועלט שטייט. און מאַר־סעל האָט אַלע מאָל דערציילט פון זיינע מלחמה־איבערלעבונגען. בעת מעשה האָט ער אומגעדולדיק צונויפגעדרייט זיין טאַבאַק־פּאַ־פּיראָסל, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זיינע זעלנעריאָרן און פאַר־שפּיצט קאָרק פאַרוואָרפן אין אַ מוילווינקל, ווען מען פייערל האָט געלויכטן, ווי ס'וואָלט פאַרנומען דעם אָרט פון זיין בלינדן אויג און מיט איין מאָל זעעוודיק געוואָרן, און ער פלעגט זיך אָפּט פאַרכלי־גיען ווי פון אַ זיסן וויין איבער זיינע אייגענע העלדישע מעשים. גערעדט מיט התלהבות, ווי ער וואָלט זיך אַליין איצט באַוווּנדערט. בעת מאַרסעל האָט דערציילט, האָט אין דער גאַנצער שימחה זיך בלויז באַטייליקט זיין איינציק זעעוודיק אויג, וואָס האָט ווי מיט אַ הסכמה צוגעשפּיגלט צאַרט אַרומגענומען ווי מיט אַ ברודערלע־כער וואַרעמער האַנט אַלע זיינע צוהערער און געקוקט אויף זיי מיט ליבשאַפט.

אין מאָמענט פון עקסטאַז פלעגן זיי איינציקווייז זיך צורוקן וואָס אַ מאָל נעענטער און נעענטער צום דערציילער, געקוקט אים אין פּנים און אין גאַנצן פאַרגעסן זיין מיאוסקייט, בשעת מעשה גע־קייט אַ ביסן אין מויל און געוואָרפן מיט די ציינלאָזע יאַסלעס און באַוואַקסענע וואַרצלדיקע גאָמבעס.

די עלטערע פויערטעס האָבן געהאַט אַרומגענומען די גרויע קעפּ מיט גרויסע טיכער, די יינגערע מיט טיכלעך, אויף וועמענס גרונט עס זענען געווען צעלייגט געצירטע בלומען־דעקאָראַציעס. די מאַנספּערשוינען זענען געגאַנגען פאַרשאַרצט די הויזן און ביזן טיפן אָרעם פאַרלייגט די העמדאַרבל, די טונקעלע פּנימער נישט ראַ־

זירט און אַ נאָגנדיקע מרה־שחורה האָט זיך געשאָטנט אויף די כאַ־מע־ווענט און אויף די הענגענדיקע צלמים און יעדע רגע האָט עמע־צער פון די שכנים זיך שטילשווייגנדיק אַריינגעשלייכט, האַסטיק זיך אָוועקגעזעצט אויף די האַרטע צעוויגטע בענק און מיט באַשיי־דענער אונטערטעניקייט צוגעהערט, ווי מאַרסעל דערציילט כלער־ליי פּאַסירונגען אויף די שלאַכטפעלדער. זיי האָבן כסדר געקוקט אויף זיין אַרונטערגעשאָסענעם פּוס ביז געזעס און אויף זיין בלינד פאַרוואַקסן אויג.

וואָס אַז אמת, האָט דאָס גאַנצע טרויעריקע בילד ביי קיינע־מען, אַ חוץ ביי זיין טאַטע־מאַמע, נישט אַרויסגערופן קיין שום אוי־סערגעוויינלעכן איינדרוק, ווייל אין גאַנצן דאָרף, אין אַלע אַרומיקע פּאָלוואַרקן פון דער געגנט זענען אַהיימגעקומען זין, מענער פון יונגע פרויען, טאַטעס פון קליינע קינדער אין אַזאַ ענלעכן צו־שטאַנד: אָן פיס, אָן הענט, אָן אַנדערע אברים, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין די שווערע קאַמפן קעגן גרויזאַמען שונא, וואָס האָט געוואָלט דערגיין ביז דער הויפטשטאָט פון פראַנקרייך — פּאַריז. דע־ריבער זענען שיטער געוואָרן די פרוכטיקע פעלדער איבערן גאַנצן לאַנד פון געזונטן מענלעכן מין, איבערפולט זענען געוואָרן פון אלמנות, עגונות, יתומים אַלע פּויערישע כאַטעס.

שוין אומזיסט וואַרטן איצט די פּאַרזעסענע כלות אויף זייערע חתנים אין די פּאַראומערטע אומעטיקע היימען. אומעטום ווו ס'פאַלט נאָר דער בליק פון מענטשלעכן אויג, זעט מען אַרומשלייכן יונגע מענער אינוואַלידן מיט נאָכוואָגלדיקע אַרבל אין דער לופט פון אַראָפּגעשאָסענע הענט, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַ מאָל טע־טיקייטס־קראַפט, געמאַכט אויפבליען פעלדער. און אונטערגעוואַק־סענע געכטיקע שולקינדער, נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, באַגעגנט מען מיט אונטערגעשפּאַרטע קוליעס ביי די געזעסן. אויף די ווענט פון אַלע מאַגיסטראַטן, קירכן־געביידעס און מוניצי־פּאַל־ערטער, און איבער אַלע וועגן, שאָסייען, דערפער און שטעט־לער זעט מען אויף טאָוולען פון ווייסן און טונקעלן מירמלשטיין מיט גאָלדשריפט איינגעקריצטע נעמען פון אומגעקומענע העלדן — סאַמע פּויערים, פאַר פראַנקרייכס רום און נצחון קעגן טיראַנישן דייטש, דעם „באָש“.

טאַקע דערפאַר האָט איצט מאַרסעלס דערציילונג אַזוי גרויזאַם געווירקט אויף זיינע צוהערער. ער האָט דערוועקט אַן אומענדלעכן האַס צו די באַווינער פון יענער זייט ריין, צו די דורות־לאַנגע פיינט זייערע.

פון גרויס כעס האָבן די פּויערים געשאָלטן און גע־

ביילט די פּויסטן, געשנייצט אין די גרויסע, פֿאַרביקע נאָז=
טיכער, געשפּיגן איבערן גאַנצן דיל פֿון כאַטע און זיך צע=
פּלאַקערט געני ווי דער רויטער פֿייער אין אויוון, ווען עמנס
פּלאַמען האָבן זיך צעשפּיגלט אויף די ווענט מיט אַ בלוט=
רויטן אָפּשיין, ווי די גאַנצע כאַטע, דער סופיט און דאַכבאַלקן וואָלטן
זיך געטונקט אין דער זון. פֿון אַ נאָענטן פֿעלד האָט זיך דערטראָגן
אַ לאַנג צעצויגענער מעעע! און פֿון אַ נישט ווייטן שטאַל האָט זיך
געהערט אַ האַסטיק געפּויק פֿון בהמה=קלאָען. גלייכגילטיק איז זיך
געגאַנגען אַ ביק פֿון שטאַל און געמאַכט זיין שתנה=געברויך אין די
אויגן פֿון די אַרומשטייענדיקע פּויערים. זיינע שריט זענען געווען
שווערע און זיינע הערנער אויסגעשטרעקט. ווען אים זענען געווען
פֿאַרנומען אַ קצב און אַ פּויער ביים פֿאַרהאַנדלען אַ מקח. די בה=
מה האָט געקוקט תמעוואַטע מיט אַרויסגעזעצטע גרויסע אַפּלען און
די אויגן ווי רעדער. פֿון ערגעץ אַ נאָענטן פּלויט האָט זיך געהערט
אַ היימישער הינט=געוווי.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

מען קאָן זאָגן, אַז כאַטש מאַרסעל איז אַהיימגעקומען אַ קאַ=
ליקע, איז ער פֿון דעסט וועגן פֿון זיינע עלטערן אויפֿגענומען גע=
וואָרן מיט גרויס חשיבות און ליבשאַפֿט. נאָענטע מענטשן, משפּחה,
קרובים האָבן זיך באַלד אַריינגעמישט וועגן אַ שידוך טאָן. ביי
עמעצן פֿון זיי אין סטאַדאָלע האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ מויד, אַ
יתומה, וואָס האָט באַקומען ירושה זייער אַ גרויס פֿעלד. זי איז גע=
ווען אַן אומעטיקע מיט ווילדע געדאַנקען אין קאָפּ, געוואָלט אָפּ=
שרייבן איר נחלה פֿאַר דער קירכע און אַליין זיך איבערגעבן אַלס
נאָנע אָדער באַדינערין פֿאַר קראַנקע מענטשן אין שטעטלשן שפּי=
טאָל. פֿון וווקס אַ הויכע ווי אַ סאָסנע מיט האַרטע האָר ווי סטרו=
נעס, וואָס זענען אייביק געלעגן פֿאַרוואָרפֿן אין אירע אויגן, אַרויס=
געזעצטע, מאַטע און פֿאַרלאָשענע ווי ביי קעלבער. אָפּט, אַז פֿרעמ=
דע פֿאַרבייגייער פֿלעגן אָט די מויד דערזען, איז געווען דער ערש=
טער איינדרוק: שרעק ווי פֿאַר אַ ווילדן שד אָדער אַן אויסטערליש
וואַלד=באַשעפֿעניש.

אָט די מויד האָט געהאַלטן אין איין קייכן פֿון געלעכטער, הוי=
דען זיך אַהין און צוריק מיט איר פֿעטן גרויסן בויך און קוקן מיט
אַ בליק פֿון אַ שטאַל=בריאה. בעת אַלע האָבן טרויעריק ביים סוף פֿון

מאַרסעלס דערציילונג אָפּגעזיפּצט, אויך מאַרסעל איז געבליבן שטיל, פּלעגט זיך פּלוצעם טראָגן אַ ווילד, הילכיק געלעכטער פון יענער מויד, וואָס נעכטיקט אין תבואה־שייער אָדער צווישן די בהמות אין שטאַל.

*

אין דרויסן איז זומער אין סאַמע ברען. עס גייט אָן אַ תבואה־דרעשונג איבער פעלדער דורך אַזוינע מאַשינען, וואָס מאַכן אָן אַ גערויש און צעשטערן די שטילקייט פון די מיט זון באַגאָסענע פעלדער. הינט בילן אַקעגן מיט פרייד, וואָס וואַקסט אַרויס פון פּוי־ערישע היימען, ווען זייער ערד איז אין דער ריכטיקער צייט געוואָרן פאַראַקערט און פאַרזייט. איצט קומען זיי אויפמאָנען ווי צו אַ בעל־חוב דעם שכר פון די פעלדער.

רויזנבערג בלאַנקן אַהער פון ווייט, פאַרביק געקראַטעטע טע־פּיכער חנדלען זיך אַקעגן די נידעריקע טאָלן. אומעטום ווו נאָר ער־גערץ אַ פעלד הייבן זיך פולע וועגענער באַלייגט מיט סנאָפּעס תבואה. פרויענקליידער מיט שרייענדיקע פאַרבן פאָכען אין דער לופט, בלוטיק רויטלט זיך דער הימל, פוצט זיך, גרינגט זיך, צירט זיך אין גאָלדפאַסן, שפּיל־גרילן פייפן שפּיציק און שאַרף, ביימערבלעטער רוישן מיט שיינקייט און געזאַנג און זייערע פאַרבן בלישטשען ווי פאַרחלומטע טורבאַנען אויף סאַמעט־געלאָקטע פרויען־קעפּ, בעת דער שעה פון זונפאַרגאַנג ווי אין אַ וויזיע צעפאָכלען זיך די רויזן אויף שטילע אַלייען און פאַרטרוימטע וועגן, זייער פאַרב גיסט זיך צו־נויף מיט דער שיינקייט פון צייטיקע פרוכטן, צעהאָנגענע אַרום שכנישע סעדער. דער יום־טוב פון שניט־סעזאָן איז צעלייגט ווו נאָר אַ וועג, ווו נאָר אַ לאָנקע...

אומעטום שטייען פּויערים מיט הייגאָפּלען אין די הענט, ווי פּיראַמידן בויען זיי אויס הויכע בערג פון סנאָפּעס תבואה. די פרייד פון דרעשסעזאָן טאַנצט אַרום איבער אַלע פעלדער. די פּויערים־פּנימער זענען גאָלדיק־רויט ווי די נאָך נישט געשניטענע זאַנגען, וואָס וואַרטן פאַרשפּעטיקטע אויף אַ מענטשלעכער האַנט.

פראַנקרייכס דערפער זענען באַלייגט מיט ברכה פון אַרבעט און שפע, די ערד לאַכט, די גאַנצע נאַטור אַרום זינגט...

פון נאָענט און ווייט טראָגן זיך הילכיקע איינטאָניקע קלאַנגען פון קירכנגלאָקן : גלין־גלין־גלאָן.

פון שטילן באַגינען אָן, בעת די פעלדער זענען נאָך געשלאָפן, האָבן שוין די פּויערים זיך אַרויסגעלאָזט איבער אַלע לאָנקעס, סטעזשקעס, שאָסייען ווו נאָר אַ וועג, וואָס פירט צום שטעטל, ווייל

היינט קומט דאָרט פאָר אַ הייליקע פּראָצעסיע. דאָס דאָזיקע רונד שטיקל ערד, וואָס זעט אויס אין דער ווייטקייט פון אַזוי פיל מיילן אַקערפעלד ווי אַ שוואַרץ באַוועגלעך פינטעלע, האָט היינט זיך באַגייט, האָט זיך אויסגעצירט און צעצוואָגן קלאָר, באַקומען אַ גליקלעך פּנים, אַ מיוחסדיקס אין דער וועלט פון נעכטן ביז היינט איז דאָס שטעטעלע נישט מער צו דערקענען. אויפן ברוק אונטער די פיס ליגן אויסגעשפּרייט דיוואַנען מיט גינגאָלדענע אויסהעפטונגען, בולטע געוועבן פון כלערליי בלומען. אין ווייסן אָנגעטאָן גייען יונגע צוולף-יעריקע כלות מיט צעצונדענע ליכטלעך אין די הענט, אַ שפּאַן ווייטער ליגן אויף די קניען אַ גרופּע הייליקע שוועסטער אין שוואַרצן געקליידט. איינטאָניק זינגען זיי פרומע פּסוקים פון תהי-לים. אַ שורה גלחים מיט בלישטשענדיקע צלמים אויף די הערצער, ווייסע שאַלן אויף די אַקסלען ווי טליתימלעך, שאַרן זיך אין דער מחנה פון דער געטלעכער פּראָצעסיע. זיי פאַרשטאַרקן דעם רעליגיעזן כאָר פון זיסע, פרומע שטימען דורך אייגענע באַריטאָנען און טע-נאָרן. זיי מאַרשירן פאַרביי דעם טריומף-טויער, אַז אויסגעפלאָכטע-נעם פון די שענסטע בלומען, אַ פאָרבילד פון שערי-רחמים אין הימל. פאָרויס שפּאַנט אַ קאָטש באַלייגט מיט כלערליי רויזן, לי-ליען און קווייטן, פון וואַגן עס קוקן אַרויס הייליקע פּאָרטרעטן — צווישן אַלע די מאַמע מאַרי מיט גאָטס קינד אין איר שויס. קניענ-דיק און פאַרצלמט ליגט אויף דער ערד דער פילפאַרביקער המון, פרויען, מענער, קינדער און אַלטע לייט, ווייל אַלע ווייסן, גרויס און קליין, גרוי און יונג, אַז נאָך דער דערשיינונג פון דער הייליקער פּראָצעסיע אין דער געגנט וועלן גרויסע וווּנדער געשען: בלינדע וועלן ווערן זעעוודיק, קראַנקע מענטשן און בעלי-מומים אויסגעהיילט.

צווישן די אַהערגעקומענע פּויערים פון אַלע אַרומיקע פאַל-וואַרקן און דערפער האָט זיך אויך אין זייערע רייען געפונען מאַר-סעל.

נאַריש: עפּעס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע פייער-לעכקייט, וואָס קומט פאָר דאָ אין שטעטל, ווערט געמאַכט לכבוד אים, אפילו דאָס מאָנאָטאָנע קלינגען פון די קירכנגלאָקן איז אַן איינפאַכער אויסדרוק פון פרייד לכבוד זיין אַהיימקומען צוריק אַ לעבעדיקער פון דער מלחמה. אָט אָ דאָס איז טאַקע געשען: עס איז געוואָרן געשיקט צו מאַרסעלן אַ דעלעגאַציע פון גרויסן ערד-באַזיצער מאַרסעלן צו פאַרבעטן צווישן אַנדערע חשובע געסט אין זיין פּאַלאַץ אויף אַ סעודה, וואָס וועט ווערן געפּייערט נאָך דער הייליקער פּראָצעסיע.

דער געשיקטער אין דער שליחות איז געווען דער בלומענפֿלאַנ־צער און גלייכצייטיק שלאָס־אַדמיניסטראַטאָר מישעל, אַ גרייז־גראָ־ער מאַן מיט אַן אייביק שמייכלענדיק פּנים און גוט האַרץ, וועגן וועמען מען קען זאָגן, אַז אויב מענטשן אין פֿאַרשידנסטע צייטן זענען געגאַנגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים אָדער קיין רוים, וואָלטן אין היינטיקע יאָרן געדאַרפֿן זיך געפֿינען אַזעלכע אין אַלע מדינות און לענדער, וואָס זאָלן קומען קיין פֿראַנקרייך צו דעם דאָזיקן זקן ביי אים צו דערלערנען גוטסקייט, ליבשאַפֿט און מענטשלעכקייט.

באַלד נאָכן אַרויסרעדן זיין ערשט וואָרט איז מאַרסעל געווען גרייט מיטצוגיין אויף דער סעודה מיטן אַלטן מישעל. נאָר פּלוצעם האָבן צוויי אַנדערע פּויערים איבערגעשניטן אין צווייען זיינע טריט. זיי האָבן זיך פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע ווי פֿאַר אַ היי־ליק בילד מיט אויסגעשפּרייטע בעטנדיקע הענט:

— אונזער סאָציאַליסטישער פּאַרטיישעף לעאָן בלום אויף זיין פּראָפּאַגאַנדע־טורנײ איבערן לאַנד געפֿינט זיך אויך דאָ ביי אונדז אין דאָרף. טאָ קומט מיט אונדז, וועט איר האָבן היינט דעם גרויסן כּבֿוד אים צו זען און צו הערן.

אַ צעטומלטער האָט דעמאָלט מאַרסעל געבן זיך אַוועקגעשטעלט זיין קוליע אויף אַזאַ ענלעכן אופֿן, ווי מען שפּאַנט אויס אַ פֿערד פֿון אַ כאָמעט נאָך אַ שווערן פֿאַרמאַטערטן וועג.

— וואָס אַזוינס וועט אייער שעף היינט פֿאַר אייך רעדן? — האָט מאַרסעל געפֿרעגט אַ נייגעריקער.

— אונדזער שעף לאָזט אָפּשטימען צווישן פֿאָלק אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די שווערע באַדינגונגען, וואָס מען טיילט צו פֿאַר דייטשלאַנד ביי די שלום־פֿאַרהאַנדלונגען אין ווערסאַיל — האָבן יע־נע אָפּגעענטפֿערט.

מיט צאָרן האָט מאַרסעל דעמאָלט זיך צעשריגן און מיט זיין קוליע אַ טופּע געטאָן אין ברוק:

— מיין גאָט! קיינער וועט נישט זיין שולדיק, אויב עס וועט קומען אַ צווייטע גרויזאַמע וועלט־מלחמה, חוץ נאָר די רחמנות־האָ־בער און מיטליידס־מענטשן! אַ מטושטושדיקער האָט ער פֿאַרלייגט צוויי פֿינגער אויפֿן סאַמע שפּיץ צונג און מיט אַ הילכיקן פֿייף אַוועק אין אַ נאָענטן שכנותדיקן פֿעלד...

ליגנדיק אויפֿן גראָז איז פֿאַר מאַרסעלן קלאָר געוואָרן, ווי אמת עס זענען געווען די רייד, וואָס ער האָט געזאָגט צו די צוויי פּויערים, און דערמאָנונגען פֿון מלחמה־פּאַסירונגען האָבן גענומען פֿליסן דורך אַלע קאַנאַלן און שפּאַלטן פֿון זיין פֿאַרגליווערט, פֿאַרשלאָסן לעבן. די קוליע איז געלעגן אויסגעצויגן נעבן אים ווי אַ נאָענטער

מענטש, מיט וועמען ער וויל איצט זיך אדורכרעדן וועגן זיין גאנצן וויטיק, וואס א מלחמה איז מיט זיך גורם.

— — — — — — — — — — — —

זייט דעמאלט האט קיינער נישט געוווסט די סיבה, וואס אלע אין דארף האבן זיך פון מארסעלן דערווייטערט. אויף דער צונג האבן אים געהאלטן נישט בלויז די פראסטע פויערים, נאר אפילו דער „מער", א מענטש וואס גייט נישט קיין טריט אן א הייגאפל אין האנט, דעם היטל-דאשעק מיט שטרוי באלייגט און די שווארצע קודלעס פארוואָרפן אין די נאך שווארצערע אויגן. אויך דער נאטער מיט א פאר גאלדענע ברילן און א שפיציק גרוי בערדל און דער גלח, דאר ווי א בוימצווייג — אלע האבן געמורמלט אונטער מארסעלס פלייצעס, אויף אים אויסגערעדט אל דאס בייז.

אין דארף האט זיך לאנגזאם אפגערוקט די זומער-פריילעכ-קייט. די פעלדער האבן זיך באשלייערט מיט וועלקנדיקע גראזן און אלץ האט זיך איבערגעאנדערשט: פון טונקל-גרין איז געווארן העל, מעש-קאליר. רעגנס האבן געגאסן, דאס וואסער אין די טייכלעך האט זעלטן זיך צעשפיגלט אונטער דער קאפריזנער זון, וואס האט דערמאנט אן א פנים, וואס וויינט און לאכט צוזאמען.

— וואס ליג איך דא אלץ נאך אין דעם העק? — האט מארסעל איין מאל צו זיך געזאגט און ער האט ארייגעשטעקט זיין רעכטע האנט אין קעשענע, אריבערגעפירט דאס בלינדע אויג איבער די פאר זילבערשטיק אין זיין דלאניע און זיך געפרעגט:

— וועט עס געגוגענען קיין פאריז אויף א רייזע-בילעט? — און זיין פנים האט אויפגעלויכטן פון צופרידנקייט און גליק.

קאפיטל פיר און צוואנציק

פון דעמאלט אן זענען אין דארף נאך לאנג פארבליבן מאר-סעלס טשיקאווע מעשהלעך וועגן העלדן-אקטן אויפן מלחמה-פלאץ קעגן טיראנישן דייטש, דער „באש", און כאטש די שיכורות האט אים פון דארף פארטריבן, האבן זיינע טאטע-מאמע צו אים געשיקט נישט בלויז בריוו מיט פוטערפלעקן אין די ברעגן, נאר אויך מזו-מנים געלט.

מארסעל איז איצט שוין געווען איבעריק די שטאטישע גע-פרעסטע הויזן, א קאפעליוש, גלאנציקע שיך ווי פון אמאל פאר דער

מלחמה; זיין איינציקער באַדאַרף איז פֿאַרבליבן אַ שווערער קאַש־קעט אויפֿן קאָפּ, אַ וואָלענער סוועטער מיט אַ הויכן קאָלנער, ווייט אין האַלדז אַריין, אויף ווינטער און אַ פּאָר פֿאַרביקע העמדלעך, וואָס זאַפּן איין אין זיך דעם קערפּערשווייס, אויף זומער און אַ בלעכן שאַכטעלע אויף די „מענגאַס", וואָס ער קלייבט צונויף אין די פּרייע גאַסן פֿון פּאַריז. בכלל האָט ער פֿיינט באַקומען די לעבנס־זאָרגן. אים איז געווען ליבער פּאַר אַלץ די פֿרייהייט ווי ביי דעם פֿיי־געלע אין וואַלד. איז געווען וואָס צו עסן — טאָ מהיכא־תיתא; און אויב נישט — איז אויך פֿאַרפֿאַלן...

און דאָך זייער אָפֿט פֿלעגט דער הונגער מאַרסעלן פֿאַרוואַנד־לען אין אַ ווילדן טיגער און ער איז גרייט געווען יעדן איינעם שלעכטס צו טאָן. עס האָט זיך אים דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן רייצן זיך מיט אים און ווילן אים פּייניקן... און דאָך איז אים ליבער געווען אין דער גרויסער שטאָט צו הונגערן ווי דער דאָרף מיט זיין גאַנצער שפע, ווערמענס איינציקע פֿרייד צווישן פּוי־ערים איז נאָכצוקוקן פֿרעמדע גענג און טרייבן רכילות, רעדן לשון־הרע.

און אַז מאַרסעל איז געווען זאַט, איז צו זיין גוטסקייט נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט זיינס גלייכן — איבערהויפּט אין שיכרות־צושטאַנד, וואָס איז לעצטנס געוואָרן זיין שוואַכקייט און נייגונג. טייל מאָל אין אָוונט, ווען די אַרבעטער לאָזן זיך אַרויס פֿון די ווערקשטעלן און ביורעס, פֿלעגט מאַרסעל ליב האָבן זיך אַוועק־צושטעלן נעבן אַ לאַמטערן־סלופּ אויף די גרעסטע באַוועגטע בול־וואַרן און זיך וויגן אויף זיין קוליע אַהין און צוריק ווי אַ לונאַטיקער אין שלאָף און פֿלוידערן אַלץ, וואָס ער פֿלעגט הערן אַ מאָל אין דאָרף פֿון די יונגע פּויערים, וועלכע האָבן אַ טבע צו רעדן אַזוי הילכיק, ווי זיי וואָלטן געשריגן אין אַ וואַלד, כדי אַ ווידערקול זאָל ענטפֿערן הו־הו־האַ.

מאַרסעל פֿלעגט זיך זייער גערן צוהערן צו דער דאָזיקער חברה מיט די פֿול באַלייגטע קליינן־פּנימער, די וואָס טראָגן אין די זונטיק־טעג אויפֿרייסנדיקע פֿאַרביקע שניפּסן אויף די ווייס געוואַ־שענע העמדער, וואָס טריקענען זיך אויף די זוניקע ווינטן פֿון די פֿעלדער און זיי גייען אין די יומא־דפּגרא און נאַציאָנאַלע יום־טו־בים מיט רויטע פּענער צום דאָרף־מאַגיסטראַט און לאַכן מיט מיי־לער פֿול מיט גרויסע קלאָרע ציינער, און זאָגן לצנות וועגן קירכן־צערעמאָניעס, און אַז עס קומט צו וואָלן אין דערפֿער, קאָכן זיי אַ וועלט.

אָט זייערע רייד חזרט אָפֿט איבער מאַרסעל, אַז נאָר די שטאָל־

מאַנגנאַטן, וואָס זוכן ריווח אין בלוט־פאַרגיסונגען, זענען די איינציקע שולדיקע אין אַלע מלחמה־אויסברוכן און טאַקע נאָר צוליב זיי איז מאַרסעל אַהיימגעקומען אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן זיינעם.

מאַרסעל שטייט תמיד צווישן אַ כמאַרע מענטשנקעפּ און פּאַ־כעט אין דער לופט מיט זיין קוליע. זיין גרילצנדיק קול שטייגט העכער און העכער פון מינוט צו מינוט און טרינקט זיך אָן מיטן עקס־טאַז פון די אייגענע רייד... בשעת מעשה באַדעקט זיינע ליפּן אַ ווייסער שוימראַנד ווי ביי אַ גלאָז אָנגעצאַפּט ביר פון אַ קראַן.

מיט ליבע קוקט ער דעמאָלט און וויל אַריינדרינגען אין זיינע צוהערער מיט זיין בלינד פאַרוואַקסן אויג, ווי נאָר טאַקע פון יענעם פינצטערן לאָך וואָלט אַרויסגעשטאַמט מאַרסעלס גאַנצע חכמה. אפילו זיין קוליע שמייכלט דעמאָלט צופרידן, ווי זי וואָלט געפרעגט:

— האַ! טאַקע אַריינגעטראָפן אין סאַמע ריכטיקן פּינטל פון אמתדיקן אמת?...

פּלוצעם קומען אָן אויף שטילע וועליסאָפּעדן די ברייט־פּאַלע־רינטע אָרדענונגס־היטער און נעמען מאַרסעלן אויף אַ נאַכט־אַרעסט אונטער די אָרעמס ווי אַ צעשטערער פון דער עפנטלעכער רו.

צו מאָרגנס באַגינען, ווען אַ שוידער ציטערט אויף זיין לייב, דערפילט ער זיך דעמאָלט אָן אַרויסגעוואָרפענער אין שטילן גרויען, פאַרדרימלטן דרויסן. אין איין אָטעם לויפט מאַרסעל אויפזוכן די ערשטע אויפגעוואַכטע ביסטראָ אין שטאָט און אַז עס פאַלט אוים גראָד אין טעג פון באַקומענעם חודש־אינוואַלידן־געהאַלט, צעלייגט ער ווי אויסגעשפּרייטע טיבער איבער די קאַפּע־קאָנטואַרן די שיינע, קנאַקנדיקע באַנקנאָטן מיט די פראַנצויזישע גראַציעזע פרויען־פיגורלעך, טוישט זיי אוים אויף קליין ניקלגעלט, מיט וועלכע ער פילט אָן פון זיינע יום־טובדיקע גרינע סאַמעטענע הויזן די לאַנגע קעשענעס, וואָס גרייכן ביז די קניען, און גיסט זיך אין קעל אַריין די פאַרביקע אַפּעריטיוון מיט אַ האַסטיקן כליוסק, ווי מען וואַרפט אַריין אין אַ קעלער־לאַבירינט אַ קליין קוים אָנזעעוודיק שפּענדל האָליץ, און די אויסגעליידיקטע גלעזלעך שטעלט ער אַוועק בריהדיק אויפן קאָנטואַר מיט אַ הילכיקן קלונג פון גלאָז און מעטאַל, זינגנדיק אין געברום:

— מאָן פּאַרי, שער פּאַרי!

אָפּט בלייבט ליגן מאַרסעל אַ שיכורער נעבן דער סטאַטוע פון רעפּובליק־פּלאַץ, די קוליע נעבן אים, ווי זי וואָלט זיך געשעמט, פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל. און טריב בלאָנדזעט איבערן הימל אַ בלייכע לבנה, ווי זי וואָלט אויך נישט געפונען קיין תיקון.

אַט אַזוי פאַרשווענדט מאַרסעל זיין גאַנצן חודש־אינוואַלידן־געהאַלט אין משך פון טעג. דעמאָלט דרייט ער זיך אַרום אַ ניכטער, אַ פאַרצווייפלטער און אַ הונגעריקער. טאַקע אין אַזאַ יאוש־צייט איז מאַרסעל געגאַנגען וווינען מיט דער הויפקערערין מאַרי־נעט.

באַלד אויף צו מאָרגנס נאָכן אויסטרינקען אַ גלעזל ביי מאַרי־נעטס אַן אָרעמער קרובה איז מאַרסעל שוין אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף מיט אַ גרויסן בעזעם אין האַנט, איבערגענומען אַלע שליסלען פון די ליידיקע קוילן־קעלערס און שמאַטע־קאַמערן, געלאָפן מיט אַ פרייד איבער אַלע הויז־עטאַזשן מיט שאַכטעלער געלן וואַקס און אַ ווייכן טוך אין האַנט, מיט וועלכן ער האָט געפּוצט די אָנלענען ביי די טרעפּ און די געהילצער ביי די ווענט, די סופיטן און די שטיינער־אַספאַלטן.

מאַרסעל האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַזוי פיל צופרידנקייט און גבורה, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט מיט איין מאָל גענומען עטע־מען מיט פרישקייט. זיין האַרץ האָט זיך פאַרבענקט צוריק צו זיין אַמאָליקער פליסיקייט.

אַ מאָל אין אַן אָוונט פון יענע טעג, וואָס מאַרסעל איז ווידער אַריין אין שיכרות, איז ער פאַרשוונדן אין גאַנצן פון דער היים און זיין ווייב מאַרינעט האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף אַ פאַרצוקטע מיטן גרויסן בעזעם אין האַנט און אויף אים געוואַרט, אַז ער זאָל צוריק אַהיימקומען. די בעזעם־ריטער זענען געווען נאַסע, ווי זיי וואָלטן מיטגעוויינט אין איר צער. און ראַבערט, דאָס דרייצניעריקע יינגל אירס, האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט נאָר גרעסער ווערן, וועט ער דעם שיכור אין גאַנצן פאַרטרייבן פון שטוב, ווייל ער ברענגט אָפּט דערצו, אַז זיין גוטע מאַמע זאָל וויינען.

אַ וואַקלדיקער איז מאַרסעל דעמאָלט געשטאַנען נאָענט פון רעפּובליק־פּלאַץ און געשלאָגן זיך מיט דער דעה, וווהין ער זאָל איצט גיין. אפשר צוריק אין ביסטראָ, כדי פאַרן שלאָף נאָך באַווייזן צו נעמען אַ מחיהדיקן טראָפּן, אָדער גאָר זיך אַהיימשלייכן צו דער ברוגזער מאַרינעט, וועלכע האַלט אים אין איין מאַטערן מיט סאַמע פּרעטענציעס, ער זאָל ווערן מיט לייטן גלייך און אויפהערן צו שי־כורן...

און עס האָט זיך אים ווי אויסגעדאַכט, אַז מאַרינעט האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַ בעטנדיקע.

פּלוצעם דערהערט מאַרסעל אַ געזאַנג און ער ווערט אויפגעוואַכט

ווי פון אַ חלום, דערזעט אַ ריזן=המון אין צעגלאַנצטע אַרבעטער=קליידער. היטלען האָבן זיך געהויבן איבער אַ מחנה מענטשנקעפּ, קאַפּעליושן זענען געפלויגן אין דער לופטן, פאַררעגנטע פאַראַסאָלן האָבן געפינקלט אין דער אָוונט=טונקלקייט ווי שוואַרצע נעגער=אַפּלען, קאַסקעטן=דאַשקעס, בלויע בערעטן, האַרטע היט ווי רונדיקע באַלאָנען — אַלץ האָט זיך שנעל באַוויגן אין אַ פיבערטאַנץ. לאָזונגען קעגן מלחמה האָבן צעשפּאָלטן דעם ווייטן הימל=האָריזאָנט, וואָס האָט זיך געפלעקט בלוטרויט. אַ מענגע טראַנספּאַרענטן, אַ געפלעכט פון פּענער=טיולן האָבן מיט גאווה זיך פאַרריסן אין הימל.

נאָך דער ערשטער אַדורכמאַרשירנדיקער מחנה איז אָנגעקומען אַ צווייטע — ווי אַ ים־געוויטער האָבן געפּלייצט רייען נאָך רייען מלחמה=אינוואַלידן: שוידערלעכע פּנימער, מענער מיט שטעקנס, אָנגעלענט אויף קוליעס און מיט פאַרבונדענע הויזן=גאָגעוויצעס ביזן געזעס, נאָכהענגענדיקע אַרבל אָן הענט זענען אין דער לופט געפלויגן ווי אין פּראָטעסט. אַ טייל מיטן רעשט פון פאַרבליבענעם גוף זענען געפירט געוואָרן אין וועגעלעך. אַ גרויזאַמע אויסשטעלונג פון סאַמע בעלי=מומים, אַן עקספּאָזיציע פון קברים=געשפּענסטער, זיך קוים באַוועגנדיקע סקעלעטן. נישט ווייניק זענען געווען אין גאַנצן אָן אויגן, מיט ווייסע שטעקנס אין די הענט, מיט באַקן און שטערנס ביזן האַלבן קאָפּשייטל אויסגעברענט פון קריגסגאַזן.

מאַרסעל האָט געקוקט אויף זיי מיט ליבשאַפט, מיט ברודערגעפיל און רחמנות. ער האָט זיך איינגעגלידערט אין זייערע רייען. און געלאָזט אויך הערן צווישן אַנדערע זיין טענאָר=קול:

מיר ווילן נישט מער פרעמד בלוט פאַרגיסן און אויך אייגן בלוט שוינען!

— הוראַ! הוראַ!

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

זייט יענעם אָוונט האָבן אַלע הויף=שכנים מאַרסעלן מער נישט דערקענט. יעדער האָט געהויבן די הענט און זיך געחידושט, די אייגענע אויגן נישט געגלייבט, דערזעענדיק אים גיין אויף נייע וועגן צווישן יונגע חברה אין די זונטיקן פאַר מיטאָג מיט פולע אָרעמס צייטונגען.

מאַרסעל אונטערגעשפּאַרט אויף זיין קוליע, וועלכע ער האָט אַרויסגעשטופּט פאָרויס מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי טאַקע זי וואָלט געווען

זיין אויסצייכענונגס־גראַד, זיין ברוסט־מעדאַל, וואָס פראַנקרייך האָט אים באַשאָנקען.

ראָבערט — אין אַן אויסגעוואַקסן רעקל, פון וואַנען די עלנבויגנס האָבן זיך פּלאַץ געמאַכט פּאַר גרויס ענגשאַפט, מיט אַרבעטס־מאַזאָליעס אין די נאָך יונגע הענט, האָט אַלע מאָל מיטגעשפּאַנט מיט זיין שטיפּטאַטן. ער האָט נישט מער געחלומט מאַרסעלן פון שטוב צו פאַרטרייבן, נאָר גענומען גיין אין זיינע דרכים. ס'איז אים געפעלן, ווי דער שוין באַיאָרטער הויפקערער מאַרסעל זעצט זיך אוועק פּאַר זיינע חברים אָפט מאָל אָוונטצייט, געננוי ווי אַ געהאָרכזאַם שולייגל פּאַר זיין לערער, און זיי קלערן אים אויף די שעדלעכקייט פון שיכרות. אַ סברא, אַז זייערע רייד געפעלן אים, ווייל ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אַ צייכן פון הסכמה. און אויף די באַליגטע ווענט פון שאָטנס שפּיגלט זיך דעמאָלט אָפּ מאַרסעלס סקעלעט־צייכענונג, דאָס בלינדע אויג אין פּנים און עס דאַכט זיך, אַז אפילו דער קראַנקער אבר האָט שוין אויך אָנגעהויבן באַנעמען זיינע נייע פּירונגען.

— — — — — — — — — — —

אַנומלט, ווען מאַרסעל האָט אַרויסגעקוקט פון זיין קאָנסיערזשפענצטערל, האָט ער דערזען לאַזאַר וויטעלזאָן אַרויסגייענדיק פון זיין פאַריזער קרוב און ביידע פּנימער האָבן זיך צעשטראַלט פון פרייד. זענען זיי צוגעלאָפן איינער קעגן אַנדערן און זיך געדריקט די הענט. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אַנטציקונג האָט לאַזאַר געקוקט מאַרסעלן אין מויל אַריין, אין די אויגן, נישט ווי אויף אַ פריינד, נאָר ווי אויף אַ קונסטווערק. ער איז געווען אין גאַנצן באַלויכטן פון אַ נשמה־גליק: ער האָט דערזען אין אים דעם הויפּט־טיפּ פון זיין ערשט פּראָזאַיש בוך „דער מאַרטירער פון ווערדען”, וואָס ער האָט שוין מיט יאָרן צוריק פאַרטראַכט אָנצושרייבן. ער האָט אים אויסגעחלומט נאָך אַ יונגער גימנאַזיסט, שפּאַצירנדיק אין זיין שטעטל אַרום דעם שטילן פּיאַרסקער טייכל, אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה נאָכן איבערלייענען גרויליקע באַריכטן פון די שלאַכטפעלדער.

דאָרט איז געווען אַ פאַרחלומט וואַסערל, אַ פאַרוועבטס מיט שטעטלשע לעגענדן וועגן דערטרונקענע גליטשערס אין פראָסטיקן גליוועך אַ מאָל אין ווינטער, ווען דאָס אייז האָט איינגעבראָכן אונטער טאַנצנדיקע פיס פון יונג־פריילעכע חברה — אָט דאָרט, וווּ ס'האָבן געוווינט לאַזאַרס עלטערן אַ מאָל ביים טייכברעג אין אַ הויז און זיין מאַמע פלעגט ליב האָבן פאַר די בלויע כוואַליעס און פאַר אים אַלס קינד צו דערציילן ווונדערלעכע מעשׂות וועגן זיין זיידן ר' משה

פאַיאַנס־הענדלער, בעת זיין אויפשטייג און אונטערגאַנג, און ווי פּי־שער פלעגן דאָרט שטיין מיט זייערע פאַנגעצן איבערגעפילט מיט גאָלדענע און זילבערנע הויטשיפּן פון כלערליי פיש, וואָס מ׳האָט געפירט אויפן מאַרק לכבוד שבת צו פאַרקויפן. איצט, אַזוי דערמאַנענדיק זיך, איז ווי אומגעריכט פון לאַזאַרס פנים דער פריערדיקער צעבלישטשעטער שמייכל געוואָרן פאַרלאָשן. די גאַנצע פרייד איז ווי מיט אַ האַנט געוואָרן אָפּגעווישט. ווייל וויפל פּאַטאָס, קינסטלעריש וויזיע, קראַפט און שאַפונגס־פאַרשטעלונג לאַזאַר האָט אין זיך דערפילט, האָט זיך אים איצט אויסגעדאַכט, וועט ווערן פאַרבלאַסט פנים אל פנים דעם לעבעדיקן העלד און מאַרטירער ביי ווערדען זיין הויפקערער מאַרסעל.

*

דאָס הויז, וווּ מאַרסעל האָט געדינט אַלס הויפקערער, איז אונטערגעשפּאַרט מיט רושטאַוואַניעס און קלעצער, אַז די מויערן זיינען זאָלן נישט איינפאַלן. פאַרנט ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, וואָס הגם עס איז שוין געבליבן אויף איר דער חותם פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, איז זי ווידער יונג געוואָרן און באַלעבט ביזן לעצטן בוידעמשטיבל, ווו עס האָבן זיך לעצטנס אַריינגעצויגן יידישע שניידערס, שטריקערס, הענטשקע־נייערס און קאַמאַשן־מאַכערס, וואָס זייערע געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן ביזן שפּעטן אָוונט.

נאָך דער וועלט־מלחמה פון 1914—1918 האָט פראַנקרייך זיך גענייטיקט אין פרעמדע אַרבעטס־כוחות. צוליב דעם האָט זי געעפנט רעקרוטירונגס־ביוראָען אין אַלע פאַראָרעמטע לענדער, פון וואַנען ס׳האָבן געשטראָמט אַהער מאַסן עמיגראַנטן. די מענער האָבן מיטגעבראַכט זייערע פרויען, חתנים זייערע כלות, דערנאָך האָבן די בריוו אַהערגעצויגן גוטע פריינד און קרובים און די סביבה איז גרעסער געוואָרן.

מיט אַ מאָל זענען אין שוין לאַנג פאַרגעסענע חורבות אויף פּלאַס־ד׳איטאַלי, רי־דע־לאַ־ראָקעט, מאָנמאַרטר, בעלוויל געגעבן אַ וואַקס אויס פרישע יידישע היימען, אַטעליעס און פאַבריקלעך. און ווי מען גיסט אַריין פריש, יונג בלוט אין אַלטע אָדערן, זענען די שטילע פאַרוואָרלאָזטע געסלעך און פּאַסאַזשן און סיטעס געוואָרן איבערגעפולט מיט פרישע געלעכטערס, אַרבעטס־געזאַנגען, קינדער־געטומעל. אָט די דאָזיקע כוואַליע פון יידישע עמיגראַנטן האָט מיט זיך געבראַכט פרישע אינדוסטריע־קוואַלן און גלייכצייטיק נישט קיין קאַפּע פּראָפיטן פאַרן גאַסטפריינדלעכן פראַנקרייך.

זיי זענען אַהער געקומען נאָך זייער יונג, ווילעריש און צע־לאָזט, און זענען געווען נייגעריק אַלץ מיט די אייגענע אויגן צו זען — האָבן זיי אַרומגעבלאָנדזשעט ביז אין די טיפע נעכט איבערן שיינעם פּאַריז. ווו נאָר עס האָט זיך געפונען אַ מאָנומענט, אַ קונסט־אַרכיוו, אַ מוזיי, זענען זיי געווען. זיי האָבן באַזוכט אַלע גרויסע בי־נעס, טעאַטערן, טאַנץ־סאַלאָנען, זיך אויסגעלײדיקט ביזן לעצטן פראַנק און אויף ס'ניי מיט פרישן קוראַזש געאַרבעט ביז העט־העט אין די שפּעטע נעכט, כדי ווידער צו קענען פאַרברענגען אויף אַלע סעזאָן־פאַרווייַלונגען, צווישן בלערליי סאַקסאָפאָנען־ און דזשאַז־באַנד־אָרקעסטערס. אַז דאָס אַלץ איז נימאס געוואָרן, האָט זיך יע־דער פון זיי דערמאַנט אין אַ שיינקייט פון זיין שטעטל, אַ מיידל, און זי אַהערגעבראַכט ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען, און אפילו אָן אַ חופּה זענען זיי געוואָרן מאַן־און־ווייב. אַ טייל פון די קליין־שטעטלדיקע מיידלעך האָבן זיך איינגעעקשנט — האָט מען פאַר־בעטן אַ פּאָר געציילטע נאָענטע פריינד, אַ זייטיקן רב און מען האָט בחפזון געשטעלט אַ חופּה.

אָט אַזוי איז געוואָרן געפּראַוועט אָן אַ שיעור שטילע, אָרעמע און אויך הויך־אויפגעשפּילטע חתונות אין די סינאַגאָגעס און ביי רייך־געדעקטע טישן אין די באַרימטע סאַלאָנען. און מיט דער צייט זענען אין פּאַריז אַנטשטאַנען פאַרצווייגטע יידישע משפחות, פון וועמענס שטובנפענצטער עס האָבן פון יאָר צו יאָר געגומען אַרויס־קוקן נייע, פרישע פּנימלעך פון באַחנטע, שוואַרץ־אויגיקע יידישע יינגעלעך און מיידעלעך.

און דאָרט, צווישן די מאַשינען און פּרעסאייזנס, זענען זיי אונ־טערגעוואַקסן, געזאָרגט, געבענקט און געשטרעבט ווי זייערע טאַטע־מאַמע אויפצובויען פאַר זיך אַ גליקלעכע היים.

פון די צעהויקערטע און צעקרימטע איינציקע שטיבלעך האָבן זיי זיך ביסלעכוויַיז צעשפּרייט איבער די פּאַריזער יחוסדיקע רייכע, הויכע הייזער, די וואָנט געלאָזט אויסקלעפּן מיט די טייערסטע טאַ־פּעטן, באַמאָלן די סופיטן מיט איילפאַרב און האָבן די דילן מיט העלן בלישטשענדיקן וואַקס אויסקאַסטיקירט, אַז זיי האָבן געלויכטן ווי די שפּיגלען.

שפּעטער, נאָך אַ פּאָר שטאַרקע סעזאָנען פון שווערער אַרבעט, אַז אין גוף האָבן אַלע ביינער געבראָכן, האָט מען דורך שליחים, טרעגערס, געלאָזט ברענגען אין די שטובן גרויסע, פיין־געשניצטע קרעדענצן און קליידערשענק מיט פּאָלירטע באַבלומטע טירן און בלערליי באַגילדעטע און באַבראָנדזטע באַפּוצונגען, שפּיגלען פון דיל

ביזן סופיט פון דורכלייכטנדיקן געשליפענעם גלאָז, און וואַנטזייגערס, וואָס האָבן זיך צעשפּילט יעדע פערטל שעה.

דאָס אַלץ האָבן די יידן געגומען אין די געשעפטן אויף קורצ־טערמיניקע וועקסלען, אויסצוצאָלן ראַטעסווייז, זיך געקאַרגט אין מויל דעם ביסן, די נעכט נישט געקענט רואיק איינשלאָפן אויף די ווייכע וואָלענע מאַטראַצן פון די געשמאַקע געלעגערס, געדאַרט זיך דעם מוח און בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק און פאַרשעמט צווישן פריינד און אַזוי לאַנגע יאָרן זיך געמאַטערט, ביז סוף־כל־סוף באַצאָלט אַלע חובות צו אַ פּרוטה, רעגולירט ביזן לעצטן פּראָלאָנגירטן וועקסל, כדי די נשמה זאָל זיין ריין, און שפּעטער אויף ס'ניי זיך פאַרחובעט, גענומען אויף קרעדיט גרויסע מעטאַלענע זשיראַנדאָלן, וועלכע האָבן צעהאָנגענע געבלישטשעט פון די סופיטן מיט העלע ליכטיקע פייערן, אויך די גרויסע פענצטערס באַצירט מיט טאָפּלטע גאַרדינען און פון רויט־גרינעם פּליוש צעשפּרייט די־וואַנען איבער די דילן און אויף די בעטן, קאַפּעס מיט אויסגעהאַפּ־טענע רייכע מוסטערן, אַזוי אויך אויף די טישן. נאָך יעדן וויזיט פון אַ פריינד, אַ קרוב זענען צוגעקומען אין די יידישע שטובן פריש איינגעקויפטע חפצים, ווערטפולע זאַכן. שטילערהייט איז אָנגעגאַנ־גען אַ געיעג איינער מיטן אַנדערן. דערפאַר האָבן זיי נישט געהאַלטן פון זיך אָפּרוען און האָבן געיאָגט די מאַשינען אפילו אין די זונטיק־טעג און ימים־טובים.

*

אין זעלבן הויף האָט אויך געוווינט לייבקע מאַרשאַן, לאַזאַר וויטעלזאָנס קרוב אין פּאַריז. צו אים טאַקע איז לאַזאַר צום ערשט פאַרפאָרן, אַראָפּקומענדיק פון גאַר־די־נאָר.

לייבקע, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע זיינע דריי טעכטער, האָט צו זיך קיין פּאַריז אַראָפּגענומען אַן עלטערן ברוי־דערס אַ מיידל פון פּוילן, וועלכע מ'האָט גערופן מילי. אָט זיי ביידע, לייבקע און מילי, זענען פון פרימאָרגן ביז שפּעט אָוונט דריי טעג אין דער וואָך געווען פאַרנומען מיט מיסחר אויף דער מאַרשע־קלי־ניאַנקור. די קופּעס שמאַטעס, וואָס לייבקע פלעגט ברענגען צום פּאַרקויף, האָט ער ביליק איינגעהאַנדלט אַ גאַנצע וואָך. געגאַנגען איז ער אין די פרימאָרגנס מיט אַ מעשענעם מעדאַל אָנגעהאָנגען אויפן האַרץ פאַר אַ פירערדלדיק פאַרזשאַווערט וועגעלע און האָט הייזעריק גערופן:

— „מאַרשאַן ד'אַבי! שיפאָן!“

מילי האָט כמעט דאָס גרעסטע חלק פון דער פּרנסה אַריינגע־

ברענגט אין שטוב. ביז דעמאָלט האָט איר משפחה געווינט אין אַ בוידעמשטיבל אויף יענעם הויף, וואָס זיי האָבן עס שפּעטער אי־בערגעגעבן לאַזאַר וויטעלזאָנען, און ס׳האָט פּשוט פאַר די קינדער ברויט אויסגעפעלט צו דער זעט, ווי איר פּעטער לייבקע מאַרשאַן פלעגט דערציילן.

אַן אָפּגעברענטער פון דער זון איז געווען לייבקע מאַרשאַן, אַ שווייגנדיקער, און פלעגט אַ טבע האָבן ברומען שטענדיק צווישן די ציין אָפּגעהאַקטע ווערטער; געגנוי אַזוי האָט אויך מילי פיינט גע־האַט איבעריקע רייד. זי איז געווען אַ שווייגנדיקע פון קינדווייז אָן. זי האָט ליבער געהאַט ביי מיסחר צו וואַרפן בלויז אַ סאַמעטענעם בלישטש פון אירע רונדיקע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן גע־קענט מער פועלן אפילו פון איר מומע פייגעס ריידעלער און אייביק־גרייטע חנופהדיק געלעכטערל אויף די ליפּן — צוליב וואָס מען האָט זי טאַקע גערופן פייגעלע די טשאַקערין. אָט זי, פייגעלע, האָט איר גאַסט פון פוילן, לאַזאַר וויטעלזאָנען, שנעל פון איר שטוב פאַרטריבן און ער האָט אָנגעהויבן ציען חיונה פון אייגענע פאַרדינסטן, געגעבן לעק־ציעס פון מאַטעמאַטיק פאַר קינדער אין יידישע היימען און אַליין אויך זיך געלערנט. אין די אָוונטן האָט ער געשריבן אַ בוך, געחלומט צו ווערן ווער ווייס וואָס.

אַ צייט שפּעטער האָט נישט בלויז לייבקע מאַרשאַן, נאָר יעדער האָט שוין געזען, אַז לאַזאַר איז נישט גלייכגילטיק צום מיידל. ער האָט גרוים הנאה געהאַט צוצוקוקן זיך, ווי זי שטייט אויף דער מאַרשע־קליניאַנקור ביי אַ שטעל פון אַלטוואַרג, פון וואַנען זי האָט אַנומלט געהאַט אויסגעפונען אַ צעבויגענעם צאַגלאַנצט צילינדער און אים זיך זייטיק איבערן ווייסן לאַכנדיקן פּנימל מיטן חן־גריבעלע אין באַק טיף פאַררוקט אין די אויגן, און אַזוי גערופן בריהש און ווילעריש :

פויע ! פויע ! מיסיו־דאַם !

און ווי נאָר אַ פאַרבייגייער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו קויפן ביי איר אַ מציאה, זיך נישט געדונגען, געצאָלט דעם געבאָטענעם פּרייז. אָט אַזוי האָט מילי געהאָלפן אַריינברענגען אין שטוב די פּרנסה. שפּעטער־צו האָבן אירע פעטער און מומע זיך געקויפט אַן אייגן הייזל פון ברעטער, טאַקע דאָרטן ביי דער מאַרשע־קליניאַנקור, ווו אַלטע חורבות פון פאַרצייטיקע פעסטונגען זענען געוואָרן אָפּגע־רייניקט און ס׳האָט זיך דאָרט געצויגן אַ לייריקער לאַנגער פּלאַץ מיט פריש אויפגעשטעלטע שמאַטע־קאַמערן פאַר די מאַרשאַנעס און נעסטן פאַר זייערע גרויסע משפחות מיט אַ סך קינדער.

מילי האָט פון יעדן שמאַטקעלע געמאַכט אַ גאָלדרענדל. אַלץ,

וואָס איז נאָר אַריינגעפאַלן אין אירע הענט, איז געוואָרן שנעל פאַרצוקערט. דערפאַר האָבן זיך נאָך איר געיאָגט מאַרשאַנעס פון קליבּיאַנקור, מיט שטייפע קאַסקעטן פאַררוקט איבער די אויגן.

נאָר לאַזאַר וויטעלזאָן איז געווען דערהויבענער ביי מילין פון די אַלע מאַרשאַן־יונגען, כאָטש זיי האָבן איר צוגעזאָגט נאָך דער חתונה אַ פירשטלעך לעבן, יעדן דינסטיק און דאָנערשטיק, צוויי מאָל אין דער וואָך, צו גיין מיט איר אין סינעמאַ, און איר פונדעווען פולע גלעזער ליאָדעס. די שטאָלצע מאַרשאַנקע האָט פון אַלע צוזאָגן געלאַכט און נאָך מער צעשויבערט איר געקרויזלטן שאַטיןלאָק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון איר צעגלאַנצטן אַלטן צילינדער אַפּער, און נישט געוואָלט הערן אפילו זייערע רייד. פון כעס פלעגן זיי בורטשען צווישן די ציין, נאָך אַ פליענדיקן שפּיי אין דער לופט:

— אַ כאָליערע! אַ מויד ווי אַ זאַפּטיקע באַרנע! נאָר בלויז דער אינטעליגענט געפעלט איר!

אַ פאַרקעמטע, אַן אויסגעפּוצטע זעט מילי אויס אין אָוונטצייט, ווען זי שטעלט זיך אַוועק כאַפּן לופט פאַרן צעוואַקלטן פּעטערס כאַטע־פורטקעלע אָנגעטאָן אין אַ לייכט געבלומט זומערקליידל, און ס'שמייכלט אַראָפּ דעמאָלט צו מילי אונטערטעניק דער הויכער מאַרשאַן יצחק פון לאָדזש, וואָס שדכנט זיך צו איר.

דער סאַמע ערשטער פאַר יצחק פון לאָדזש, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין מילי, איז געווען דער שוואַרצער דוד. ער איז געווען אַ ברונעטער, ברייט־פּלייציקער בחור פון „פּלעצל“. אַנומלט, ווען מילי איז איין מאָל געקומען אויף רי־דע־ראָזיע ערב ראש־השנה קויפן אַ ווינטשקאַרטל, האָט ער זי דערזען און שוין נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר קיין אויג. ער האָט טאַקע גלייך איבערגעשיקט צו איר אַ שדכן; און ער האָט פאַרמאָגט געלט, מיט וואָס אַרויסצושטעלן זיך: ער איז געווען אַ קאַסקעטער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע אַטעליע מיט אַרבעטער און גרויסע באַלן סחורה — מיט איין וואָרט, אַ פאַרדינער, אַ „גאָלדשפּינער“. נאָר לאַזאַר, מיט זיין געשליפן צינגל, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

— נאַרעלע, האָט ער געזאָגט, דו ווילסט דווקא צו זיבעצן יאָר זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ, ווערן אַ מאַמע און ביי ציטנס ניאַנטשען אַ קינד? קום בעסער מיט מיר, וועסט זיך געפינען צווישן לייטישע מענטשן. האָסט דאָך נישט קיין שלעכט שטימעלע, וועל איך דיך איינשרייבן אין אַ ניי געשאַפענעם יידישן כאָר פון קולטור־ליגע, ווו דו וועסט זינגען. פאָלג מיך. אַזאַ מציאה ווי דער שוואַרצער דוד וועסטו נאָך צו יעדער צייט באַקומען.

און מילי האָט געפּאָלגט לאַזאַרס רייד. זי האָט אָנגעהויבן קו־מען מיט לאַזאַרן אין קולטור־ליגע, וווּ ער פּלעגט פאָרלייענען זיינע פּאָעמען, און נישט לאַנג האָט געדויערט, האָט זי אָנגעהויבן זינגען אין דאָרטיקן כאָר.

פון דעמאָלט אָן, דערציילן מענטשן, אַז דער שוואַרצער דוד האָט ווי אין אַ שיכרות זיך געוואָרפן צום פערדשפּיל. ער האָט פאַרטאַכלעוועט זיין קאַסקעטער־אַטעליע און צוגענומען פרעמדע געלטער. איצט דרייט ער זיך אַרום, אָפט נישט ראַזירט, די הויזן פאַרצירעוועט, דער ראָק צעגלאַנצט, און שעמט זיך צו גיין אַרבעטן צו פרעמדע מענטשן. ער האָט שוין באַקומען אפילו היתר־ראו צווישן אַלע פערדשפּילער, צו געבן יעדן עצות: ער ווייס אַלע מעלות פון יעדן זשאָקעי, לייענט כלערליי קורסן־זשורנאַלן און אַליין האָט ער אָפט נישט אויף קיין בילעט אַהיימצופאָרן נאָך אַ פאַרלוי־רענעם פערד־געיעג, פון וועלכן ער קען ברענגען, שווערט ער זיך, פאַר איין פראַנק ממש אַ פאַרמעגן.

פון פאַרצווייפלונג איז ער געוואָרן שפּעטער אַ מעקלער אין די קאַפעהייזער פון רו־ד'אַבוקיר, וווּ ס'זענען פאַראַן די וואָל־בערזעס און דאָרט וואַרט ער אָפּ האַלבע טעג, ווען עס קומט אָן צו פאָרן דער גרעסטער שטריקער פון פאַריז אין אַן אייגענעם אויטאָ פון דער רייכסטער מאַרקע מיטן דיקן ציגאַר אין מויל. אָט ביי אים, אַז דער שוואַרצער דוד פאַרדינט אַ מעקלעריי, כאַפּט ער זיך אויף אַן אויטאָ־קאַר און קומט ביי נאַכט אַהיים פון פערד־קורס אָן אַ פרוטה — אַ פאַרשפּילטער. ער דרייט זיך דעמאָלט אַרום אַ צעדולטער און וואַרט, אַז עמעצער זאָל אים מכבד זיין מיט אַ קאַפע אָדער באָרגן אויף אַ קילאָ ברויט, און כדי צו פאַרשטעלן זיין געפאַלנקייט פאַר באַקאַנ־טע, דערציילט ער, אַז עס איז אים פשוט פאַר דער נאָז געלעגן אַן אוצר, אַז ער וואָלט זיך מער נישט געדאַרפט פאַרנעמען מיט קיין קאַסקעטעריי־מלאכה און קיין מיסחרים, ווען זיין אָנגעצייכנטער „טיאָ", וואָס ער האָט באַקומען פון אַ באַקאַנטן זשאָקעי, וואָלט אים אָפּגעגליקט און דאָס פערד וואָלט דער ערשטער צוגעקומען צו דער מעטע.

יצחק פון לאָדזש גלייבט נישט אין די אַלע פוסטע רייד. ער זאָגט, מסתמא איז דער שוואַרצער דוד געווען אַ פערדלשפּילער נאָך פון פריער אָן — טאָ וואָס וועט יצחק פון לאָדזש דען נישט זאָגן צוליב דער שיינער מילי? טאַקע צוליב איר, כדי צו האָבן מיט וואָס זיך פאַרצושטעלן, האָט ער זיך געקויפט אָט דאָס פערד, מיט וועלכן ער פירט שמאַטעס אַ גאַנצן טאָג איינגעשפּאַנט אין וואָגן. נאָר אין אָוונט שפּאַנט ער עס אויס פון וואָגן און קומט דערויף צו רייטן אי־

בערן אומהיימלעכן קליניאַנקור־שטח, ווו עס ציען זיך אָן אַ שיעור הייזלעך און קאַמערן מיט אַלטוואַרג. ער איז הויך און דאָס פערד איז נידעריק און זיינע לאַנגע פיס שלעפּן זיך נאָך. אַזוי רייט ער ווי אַ פּירשט איבער זיין פּירשטנטום, ביז ער קומט צו צום אָרט, ווו עס ווינט לייבקע מאַרשאַן און פייגע די טשאַקערין, און ווען ער דערזעט זייער כאַטע, שפּרינגט ער אַראָפּ פון זיין פערד זייער פלינק און שטאָלץ, בינדט עס צו צום פּלויט און פאַרנייגט זיך פאַרן טירל, פון וואַנען עס גייט אים אַנטקעגן זיין אויסגעבענקטע מילי מיט אַ פולן קאַסטן מיסט פון אייגענעם רעמיז, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אי־בערן גאַנצן טאָג. ער נעמט אָן ביי איין אויער פון מיסט־קובעל און זי ביים צווייטן אויער און שיטן עס אויס אויף אַ הויכן באַרג.

אַנומלט איז גראָד מיט אימפּעט אָנגעלאָפן פון מעטראָ אַרויס דער האַסטיק טרעטנדיקער לאַזאַר וויטעלזאָן, פאַר וועמען אַלע מאַר־שאַנעס, וואָס האָבן געהאַט אַרומגערינגלט מילין, האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג. ער האָט איר עפּעס אויף שנעל אַ זאָג געטאָן און זי איז באַלד בלייך געוואָרן, אַז אויפן קאָנצערט איז אפילו דער זאַל שוין געדונגען.

אין יענער צייט איז פאַרגעקומען טאַקע באַלד דער קאָר־אַרויסטריט. דער דיריגענט, אַ לאַנגער, בלאַסער בחור, מיט גאָלדענע פּאַסמען האָר, וואָס האָבן דערמאַנט אָן העל צעפּוצטן מעש, און וואָס זענען אים געלעגן פאַרוואָרפן אין זיינע בלויע פאַר־חלומטע אויגן, איז געשטאַנען פאַר אַ גרופּע יונגע כאָריסטקעס אין ווייסן אָנגעטאָן, ווי חופּה־כּלות, צווישן זיי די שיינע מילי. ער האָט זיך באַוויגן ווי אין אַ היפּנאָז. דערנאָך האָט רעציטירט דער שרייבער לאַזאַר וויטעלזאָן אייניקע פון זיינע פּאָעמען, וועמענס דערפּאָלג האָט מילין פאַרשיכורט און נאָך מער פאַרליבט געמאַכט.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

נאָך קיין מאָל האָבן די איינוווינער פון רי־דע־קאַטר־פּיס געפּיי־ערט דעם יום־טוב „קאַטאַרז זשויע" ווי היי־יאָר. דאָס איז געווען אַ שטיל בכבודיק אָרט, כמעט פון גאַנצן רוישיקן פּאַריז דאָס רו־איקסטע ווינקעלע, וואָס האָט געלעבט אַלע יאָרן מיט אַנדערע פּי־רונגען און אַנדערע געננ. דער געפּילדער פון די גרויסע פּלעצער און בולוואַרן איז דאָ אַהער נישט דערגאַנגען.

נאָך דאָס מאָל האָט די גאַס דערהערט אַזעלכע הילכיקע געלעב־

טערם און געזאַנגען ווי קיין מאָל נישט. דער יום־טוב „קאַטאָרז זשויע“ האָט דערצו גורם געווען, אַז פון גאָלדיקן טאָג־אויפגאַנג ביז העט־העט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן זאָל מען דאָ טאַנצן, הוליען און זינגען.

אַלע האָבן געוווסט, אַז דערין איז געלעגן די האַנט פונעם קאַנ־סיערזש מאַרסעל און זיין ווייב מאַרינעט. זיי האָבן דאָס באַשלאָסן, אַז זייער גאַס זאָל נישט זיין פאַרשעמט, נישט בלייבן הינטערשטע־ליק לגבי אַלע אַנדערע גאַסן און געסלעך פון פּאַריז. זיי האָבן גע־פועלט ביי די בעלי־בתים פון די קאַפעהייזער, אַז זיי זאָלן אָנדינגען מוזיקאַנטן, לוסטיקע חברה, און אַרויסשטעלן טישלעך אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער גאַס. פּאָרלעך, יונגע און אַלטע, האָבן זיך באַוויגן אין כלערליי טענץ, פרויען, מיידלעך אין ענג גע־פּאַסטע זשיפּן, געבלומטע בלוזקעלעך און קורצע, באַחנטע קליידלעך ווי ביי שילערינס. איבערן גאַנצן לאַנגן דרויסן האָבן געווירבלט פּאָרלעך מיט צעלויכטענע אויגן, חן־גריבעלעך אין די באַקן. ס'האָבן געבליאַסקעט, שעמערירט און געבלאַנקט בלאָער מוסלין, ברוינער וועלור, ראָזע באַטיסט, שוואַרצער טאַפט, גרינער זייד, באָרדאָ טריקאָ, פון וואַנען ס'האָט זיך בולט אַרויסגעפּאָרעמט די גאַנצע מיידלשע קערפּערלעכע מאַיעסטעט. און די גאַנצע גאַס איז געווען באַ־גאָסן מיט פולע עמערס גינגאָלד זונליכט. עס האָבן געבלישטשעט אַלערליי פאַרביקע פלימערלעך אין אַ רעגנבויגן איבערן הימל און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גאָט אַליין שטייט ערגעץ אין ווייטן בלאָלעכן הימל־האָריזאָנט און לאַכט, קוועלט פון זיין שיינער באַ־שאַפענער וועלט, וועלכע פאַרמאָגט אַזאַ וווּנדערשטאָט פּאַריז און אַזעלכע גליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי פיל שפּילעוודיקייט אין זיך ווי יונגע שולקינדער. איבער דער גאַנצער לענג פון גאַס זענען געווען צעהאָנגען פאַרביקע לעמפּעלעך, פאַרשלייפט פון כלערליי פּאַ־פּירלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שנורן צעלויכטענע קרעלן, קינסט־לעכע קווייטן, רויזן, ליליען. זיי האָבן פאַרריסן דעם גאַנצן דרויסן מיט זייער ליכטיקייט.

דאָס יונגוואַרג האָט געטאַנצט מיט טאַקט, זיך פלינק באַוויגן, מיט אַלערליי חנדלעך און זשעסטן. נישט בלויז זיי, די אונטערגע־וואַקסענע, נאָר אויך גראָ־באַזילבערטע זקנים און זקנות האָבן זיך באַטייליקט אין דעם יום־טוב.

מאַרסעל און זיין ווייב מאַרינעט זענען דאָ געזעסן מיט גרויס חשיבות. אַרום זיי זענען געזעסן אַ סך יידישע באַפריינדעטע שכנים.

מאַרינעט איז איצט גליקלעך. איר דאַכט זיך אויס, אַז דאָס שיינדל פון די טאַנצנדיקע איז נאָר איר זון ראָבערט, וואָס זוכן אים,

אויף זיין מאַמעס בליקן צווישן גאַנצן עולם. זי מעסט אים פון אַלע זייטן מיט ליבשאַפט, ער איז אין אירע אויגן דער שענסטער פון אַלע אַנדערע. פון גרויסער היץ איז ראָבערטס גוף צעווייקט פון שווייס. זיין מאַמע שטעלט אים אָפּ אין מיטן טאַנצן יעדע ווײַלע און ווישט אַרום מיט איר ווייס טיכל דעם האַלדז, דעם שטערן. יעדן אבר פון איר ראָבערטן קושט זי אויס מיט איר וואַרעמען בליק. די פרייד לאַכט אַראָפּ פון אַלע דעכער און פון בשכנותדיקן טייך טען דערזעט זיך, ווי איבערן הימל פליען באַלאָנען אין אַלערליי קאָלירן. די געשרייען פאַרהילכן די לופט, עס איז לעבעדיק און פריילעך.

די עלטערע, מיטליאָריקע מענטשן האָבן צווישן זיך פאַרבראַכט אין אַ שמועס ביי אַ גלעזל, נאָר די יוגנט האָט געטאַנצט, נאָכגעוואָרפן אויגן צו זייער שכן פון לעצטן פּאַציאַטל, דעם שרייבער אָדער לערער לאַזאַר וויטעלזאָן, ווי ער האָט דאָ מיט זיך אָהערגעברענגט די שיינע מאַרשאַנקע מילי פון קליניאַנקור און האַלט אין איין טאַנצן מיטן מיידל.

די שיינע שאַטינענע קרויזלען זענען צעוואָרפן איבער אירע אַקסלען און ביים האַלדז פאַרקניפּט איז איר פאַרביק שאַלעכל. נישט בלויז אייגענע קוועלן פון אירע געשיקטע טענץ, נאָר אפילו די פראַנצויזן, זיצנדיק ביי זייערע טישלעך, רעדן פון איר מיט התפּעלות און האָבן איר גלייך אַ נאָמען געגעבן „לאַ בעל פּאָלאָנעז". זיי נעמען נישט אַראָפּ פון איר קיין אויג, אפשר נאָר דערפאַר, ווייל מילי טאַנצט אָפּט אויך מיטן הויפקערערס זונדל ראָבערט. און מאַרינעט, זיין מאַמע, שרייט אויס יעדע רגע זיין נאָמען.

אַלע הויף־איינוווינער זענען דאָ געווען, קיינער האָט נישט פאַרפעלט.

אפילו לאַזאַר וויטעלזאָן, ער האָט אויך היי־יאָר פאַרברענגט מיט אַלע, געזעסן ביי אַ טישל און זיך צוגעהערט צו די שכנים בעלי־מלאכות, וואָס האָבן דערציילט מעשיות, זכרונות פון דער אַלטער היים.

און אַ שכן, וואָס מען רופט אים דודל שוסטער, האָט זיך געהאַלטן אין איין חידושן:

— טאַקע אַזוי?

אַ צווייטער, מרדכי קצב, האָט צוגעגעבן:

— אָוואַ־וואַ, וואָס איך הער — און געפּאַטשט דערביי מיט די פליישיקע ליפּן.

אָט די צוויי שכנים יידן זענען געווען גוטע פריינד נאָך אין פּוילן.ביידע האָבן אין זייער שטעטל געהאַט אַ מאָל זייער גוטע צייטן. מרדכי איז געווען אַ גביר, אַ באַלעבאָס פון אַן אייגע־

נער פלייש־אַטקע אין מיטן מאַרק און אויף דער פּרינציפּאַלנער גאַס אַ דריישטאָקיק הויז. און דודל שוסטער איז געווען אַ שיך־פאַבריקאַנט, געהאַלטן מענטשן.

שפּעטער, ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָבן אים די גרויסע שטייערן, באַיקאָטן פאַריאָגט צוזאַמען מיט זיין גוטן פריינד מרדכי קצב פון זייער היים, פון זייער שטעטל, פון זייע־רע פרויען און קינדער. אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, האָט די רעגירונג קאָנפיסקירט און מיט די לעצטע פּרוטות האָבן זיי מיט דער הילף פון אַ באַנדע שמוגלערס אַהערגעלאָזט זיך קיין פראַנ־קרייך.

איצט... זענען זיי איינגוויינער פון דער רי־דע־קאַטר־פּיס, אויפן לעצטן שטאָק אין דער חורבה.

אין דרויסן איז יום־טוב, די מענטשן טאַנצן און דודל שוס־טער מיט מרדכי קצב זיצן צוזאַמען ביי אַ טישל און, טרינקענדיק אַ גלעזל אַפּעריטיוו, דערמאַנען זיי זיך אין יענעם אַמאָל. גענוי ווי היינט פלעגן זיי אין דעם חודש אָוועקשיקן די ווייבער און קינדער אויף פרישע לופט אין די באַרימטסטע ערטער אין פּוילן.

און עס שווימט אויף אין זייער זכרון אויך ווינטערצייט: שבת נאָך דער סעודה, זיי כאַפּן זיך אויף פון שלאָף מיט אַ ברייטן, גבירישן זאָרגלאָזן גענעץ. אין מויל ליגן נאָך אַלע זיסע טעמים פון די פעטע קוגלען און טשאָלנטס. אַנדערע יידן זאָגן „ברכי נפשי" אָדער לערנען אַרויס פון אַ ספר, זיי אָבער, די צוויי ווילע־יונגען פון שטאָט, לאָזן זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר — זייערע ווייבער, אָנגעטאָן אין קאַראַקולנע פּאַלטאָס און זיי אַליין אין שאָרכנדיקע פוטערס מיט ברייטע קעלנער, ערשט ניי פון דער נאָדל אַוועק. אָט אַזוי זענען זיי געגאַנגען מיט פאַררייסענע קעפּ העט־העט ביז נאָכן נייעם גאָרטן. זייערע טיפע גומענע קאַלאָשן האָבן געסקריפּעט טרעטנדיק אין די הויכע ווייסע שנייען, צעלייגטע איבער דער שטאָט. דער פראָסט האָט געקנאַקט און פון אַלעמענס פּנימער און פאַר־רויטלטע באַקן האָט אַראָפּגעלויכטן די זאַטקייט און שבתדיקע אויס־גערוטקייט.

אָט דאָס אַלץ האָבן מרדכי קצב און דודל שוסטער אין די יאָרן פון גראַבסקים ממשלה זייער שנעל פאַרלוירן און זיי האָבן געמוזט זיך לאָזן זוכן ברויט אין דער פרעמד. די שמוגלערס, וואָס האָבן זיי פאַר אַ גוטן לוין אַראָפּגעבראַכט קיין פראַנקרייך, האָבןביידע אָן אַ פּרוטה אין קעשענע געלאָזט שטיין אויפן בעלוויל אין פּאַריז, פאַרן גוט־באַקאַנטן חיל מילמאַנס רעסטאָראַן, פון וואַנען ס'איז באַלד אַרויסגעקומען אַ הויך, שיין געוואַקסענער

גלייכליניקער מאַן מיט אַ קאָפּ טונקעלע האָר און אַ יוגנט־פּלאַם אין גוטן לאַכנדיקן פּנים. ער האָט גלייך דערקענט די גרינע און, ווי זיין שטייגער, געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— באָנזשור! וואָס? די שטיפּמאַמע פּוילן פּאַריאָגט אירע קינדער אין דער פּרעמד?

און ער האָט ברייט אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשע־נעס און אַרויסגעגראַבלט אַ פּאַרוויקלט באַנקנאָטל מיט אַ מענטשע־לע און עס דערלאַנגט זיינע לאַנדסלייט. די צוויי געוועזענע גבירים האָבן דערביי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך אַ ביסל געשעמט: זיי האָבן נישט געקענט ביי זיך פּועלן נישט צו נעמען דאָס געלט, וואָס האָט זיי טאַקע שפּעטער געניצט אויפן ערשטן מיטאָג און אויף דער ערשטער נאַכט אין האָטעל איבערצושלאָפן.

ווי אַ סך אַנדערע פּריש אַהערגעקומענע עמיגראַנטן האָבן דודל שוסטער און מרדכי קצב זיך אויך גענומען דרייען אַהין און צוריק איבער די לאַנגע בולוואַר־טראָטואַרן.

כאָטש עס איז שוין געווען אין סאַמע הייסן זומער, האָבן אַלע נאָך געטראָגן טוכענע, שווערע ווינטער־פּאַלטנס מיט אויסגע־קראָכענע קעלנער און האַרטע קאַפּעליושן. מען האָט געקנאַקט ווייסע געטריקנטע באַני־קערן און ניסלעך פון די פולע טיפע טאַשן, די שאָלן געוואָרפן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון גאַס און יעדעס מאָל האָט זיך געהערט אַן אַנדער אויסגעשריי:

— אַ כאָליערע! זעטס נאָר, ער איז דאָך אויך דאָ אַהער געקומען!

האַסטיק האָט דאָ דערקענט אַ לאַנדסמאַן זיינעם אַ גוטן פריינד צווישן אַ סך פּנימער, מען האָט זיך לאַנג געדריקט די הענט און גוטברודעריש געקלאַפּט אין די פּלייצעס.

די ערשטע אַהערגעקומענע עמיגראַציע איז באַשטאַנען פון דער לייכטער אינדוסטריע: שניידערס, שוסטערס, קאַמאַשן־מאַכערס און דערנאָך איז אָנגעקומען די שווערע אינדוסטריע: טעכניקער, שלאָ־סער, בלעכער, מעטאַליסטן. די לעצטע זענען גלייך אַריינגעטראָטן צו דער אַרבעט אין די אויטאָ־פאַבריקן. נאָר דודל שוסטער איז נישט אַזוי לייכט אָנגעגאַנגען צו באַקומען אַרבעט ביי זיין פאַך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דערצו מוז מען האָבן אַ באַשטעטי־קונג פון דער רעגירונג. קיין פאַבריקאַנט האָט נישט געוואָלט איינ־רייסן מיטן געזעץ און ריזיקירן אויף אַ שטראָף. איז דודל געפאַלן אויף אַ המצאה, אָפּגעדונגען אַ האָטעלשטיבל אויפן בעלוויל און די אַרבעט אַהיימגענומען. ער האָט פאַרשאַרצט די אַרבל מיט גרויס קוראַזש און ס'האָבן גענומען אַרויסוואַקסן איבער דער גאַנ־

צער לענג פון זיין האַטעלשטיבל גאַנצע רייען מיט אויפגעטשוועַ-קעטע שיך. ער האָט דאָס געהאַט אַ גבורה אין זיינע הענט. אַז ער האָט אַ כאַפּ געטאָן בריהש מיט צוויי פאַרסמאָלעטע פינגער זיינס אַ פאַרטשוועקעוועט שיכל, האָט עס ממש געטאַנצט ביי אים. די שיך זענען אַרויסגעקומען ביי אים אַזוי לייכט ווי די שפּרינג-פעדערס, זיין האַמער האָט אים אויסגעקלאַפּט פרייד אין זיין אַו-מעטיקן האַטעלשטיבל. עס האָט פון אים אָפּגעקלונגען זיין בענ-קען און האָפן מיט טענער פון געזאַנג.

נאָך יעדן קלאַפּ מיטן האַמער איז דודל געוואָרן האַפערדיקער, גלייך ווי יעדער קלאַפּ וואָלט דערנעענטערט זיין געגאַרטן ציל: צו האָבן לעבן זיך זיין ווייב און קינד.

שפּעטער, ווען דודל שוסטער האָט זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אין דער חורבה אַן אייגענע וווינונג, האָט ער פאַרבעטן זיין יונגט-פריינד מרדכי קצב אַלס אומזיסטן ביישלעפער. און אַז עס איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטער טאָג, ווען ער האָט אָנגעהויבן אין זיין אויסגעפּוצטער בוידעמשטוב דערוואַרטן דאָס אַהערקומען פון זיין משפחה, האָט ער מרדכין איינגעלאַדן אויפן „פּלעצל" אין אַ יידישן רעסטאָראַן, וועמענס שילדל האָט זיך פאַרריסן מיט דריי רונדיקע גרויסע אותיות „כשר", און האָט אים געשטעלט אַ גלעזל רוסישן אָקעוויט און צום פאַרבייסן אַ שטיקל יידיש געהאַקטע פיש און אַ מאָנפּלעצל, וואָס האָט געקנאַקט צווישן זייערע טונקעלע ציי-נער.

מרדכי קצב איז אין פּאַריז ערגער געגאַנגען ווי זיין פריינד דודל שוסטער. אָן רעכט צו אַרבעטן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרוואָגלטער אין דער פרעמד. פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק געשטאַנען זיין פלייש-אַטקע אויפן סאַמע מאַרק און זיין דריישטאָ-קיק הויז אויף דער מוניציפּאַל-גאַס, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט קאָנפיסקירט און פאַרקויפט.

אַהיימגעמען צו זיך אין שטוב אַרבעט, ווי דודל שוסטער האָט געטאָן, דאָס איז ביי זיין מלאכה געווען אוממעגלעך. און טאָג-איין, טאָג-אויס זענען צו מרדכין אָנגעקומען בריוו פון פּוילן, גע-שריבן דורך די דערוואַקסענע טעכטער און זין, וועלכע האָבן גע-מאָנט:

„טאַטע, נעם אונדז אַהין צו זיך וואָס שנעלער!"

נאָר איצט איז מרדכי קצב, זיצנדיק מיט יידן, טרינקענדיק אַן אַפּעריטיוו, גוט אויפגעלייגט און דערציילט אויפן הויכן קול, אַז ער האָט באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין פּוילן, און לייבקע מאַרשאַנס ווייב, פייגעלע די טשאַקעריין, ענטפערט מיט אַ וויץ:

— רב ייד, אויב איר וועט נישט זיין בייז, וועל איך און אַט יענע, וואָס טאַנצט דאָרט, מילי הייסט זי,ביידע וועלן מיר אייך אין אייער רייזע באַגלייטן, ווייל אויך מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין פוילן באַזוכן אונדזערע משפחות.

און אַלע לאַכן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

די קולטור־ליגע האָט געפירט איר טעטיקייט אפילו אין די הייסע חדשים פון סאַמע זומער, נישט פאַרפעלט מיט ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס און פאָרלייענונגען אַ חוץ אַ גאַנצער וואָך אויך אין די זונטיקן. זי האָט זיך געפונען אויסאָגאָם אַליין אין אַ בנין פון צוויי עטאַזשן מיט אַ סך קלענערע און גרעסערע זאַלן. לינקס האָט מען איינשטודירט אַ כאָר, רעכטס אַן אינסטרומענטן־אָרקעסטער, אין צענטער האָט מען צוגעגרייט אַ בינע־פאָרשטעלונג, און פון הויפּט־זאַל האָט זיך געטראָגן אַן אָפּהילך פון אַפּלאָדיסמענטן נאָך אַ פאַרענדיקטן רעפעראַט.

אַ שטילקייט האָט געהערשט נאָר אין לייענזאַל. אַלע זענען דאָרט געזעסן מיט געזונקענע קעפּ אין די צייטונגען אַריין, די האָר פאַרוואָרפן אין די שטערנס, לרוב יונגעלייט און מיידלעך באַשיידן געקליידטע. גייענדיק אין זאַל פאַרגעסט מען אַן אָרט, האָבן זיי געשוועבט אויף די שפּיץ פינגער, אַז מען זאָל נישט הערן דעם שאָרך פון זייערע שיך. בלויז דער געפּלאַפּטער פון צייטונגען האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

לרוב זענען זיי געווען אָרעמע טאָג־אַרבעטער פון די מעטאַל־פאַבריקן.

אויך דורך לאַזאַר ווײטעלזאָנס השפעה איז די קולטור־ליגע געוואָרן מילים צווייטע היים. זי האָט ליב באַקומען יעדן אָוונט דאָרט צו פאַרברענגען.

זי איז אַהערגעקומען נישט אַליין, נאָר מיט חברטעס פון אַטעליעס, זיך אָוועקגעשטעלט לרוב ביי די שטיגן נעבן די אָנלען־פאָרענטשן, ווו עס פאַרזאַמלען זיך דאָרט כלערליי באַקאַנטע.

אירע באַטיסטענע העמדלעך האָבן דאָרט אַרומגעטאַנצט אויף אַלע יינגלישע אַקסלען און אַזוי טענצלענדיק און זינגענדיק איז זי זעלטן אַ מאָל אַהיימגעגאַנגען אַליין. קיין באַגלייטער האָבן איר

קיין מאָל נישט אויסגעפעלט. אַזוי זענען פאַרגאַנגען אָוונטן נאָך אָוונטן.

די צוגעבונדנקייט צו דער קולטור־ליגע האָט אויך מילין צו־געפירט צו טעטיקייט. זי האָט פאַרשאַרצט די אַרבל און געשריבן אַדרעסן פאַר די איינגעלאַדענע חברים צו גענעראַל־פאַרזאַמלונגען און אַז מען האָט איינגעאָרדנט אַ יאָר־באַל, איז מילי געזעסן ביים בילעטן־פאַרקויף ביי דער קאַסע, און אַז חברה האָט דערקענט, אַז זי געפינט זיך אויפן באַל, איז מען געקומען מיט מער חשק. שפּע־טער נאָכן קאַסעשלוס האָט זיך מילי אַוועקגעזעצט ביי אַ בופעט־טישל אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג און חברה יונגוואַרג האָבן גע־נומען אַרום איר זשומען און רוישן.

מיט אַ מאָל האָט מען מילין אויפגעהערט צו זען אין דער קולטור־ליגע און אַלע האָבן כּסדר געהאַלטן אין איין איבערפרעגן זיך, דווקא נאָר ביי לאַזאַר וויטעלזאָנען: וווּ זי געפינט זיך.

לאַזאַר וויטעלזאָן איז אויך געווען שטאַרק אומעטיק אָן מילין. פלעגט ער אין די אָוונטן, ווען ס'איז נישט געווען קיין זיצונגען אין קולטור־ליגע, גיין אויף מאָנפּאַרנאַס־געגנט אין די קינסטלער־קאַפייען, וווּ מען קען דאָרט טרעפן כּלערליי טיפּן מיט לאַנגע האָר ביז די אַקסלען און מיט שוואַרצע פּעלערינען, קונסט־מאָדעלקעס יונגע מיידלעך, וואָס פאַרדינגען זייער נאַקעטן גוף אין די אַטעליעס פאַר מאָלער און סקולפּטאָרן. יעדער פון יענע קינסטלער פלעגט קוקן אויפן צווייטן מיט ביטול, בלויז זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט און זיך באַוווּנדערט. דערווייל האָבן זיי אַלע געהונגערט, געלעבט אויף קרעדיט, אַז עס וועט אַ מאָל קומען אַ טאָג, ווען די מענטשהייט וועט דערקענען זייער גרויסקייט און באַוואַרפן זיי מיט בלומען.

לאַזאַר פלעגט פירן מיט זיי וויכּוחים. אויף דער קריטיק פלעגן זיי אַוועקמאַכן מיט די הענט און זאָגן: אַז קיינער פון די דאָזיקע דעה־זאָגער האָט נישט קיין ריינעם מענטשלעכן געוויסן, אַז אַלע זענען אונטערגעקויפטע קנעכט, וואָס דרייען זיך, קנוילן זיך אין כּלערליי געבויגענע פּאָזעס ווי אַקראָבאַטן אויף די שטריק אין די צירקן. עס איז נישטאָ פון זיי וואָס צו לערנען, מעג דאָס פראַנ־צויזישע פאָלק לייענען זייערע צייטונג־מאמרים מיט קעלבערנע, אַרויס־געזעצטע אויגן פול מיט באַוווּנדערונג און מיינען, אַז עס איז היי־ליק ווי די קריסטוס־לערע אַליין.

לאַזאַר וויטעלזאָן האָט וועגן דער קונסטקריטיק געהאַט זיין איי־גענע מיינונג.

דאָס לעצטע מאָל איז ער אַריינגעקומען אין קאַפע „ראָטאָנד"

און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, ווו ס'איז געזעסן דער מאָלער פראַנץ פישער, אַ מיטל־יעריקער מאַן מיט אַ שפּיציק, בלאָנד, פלאַקסן בערדל, און מיט אַ הויקער אויף דער פּלייצע, און גע־שמועסט מיט זיינעם אַ פריינד, אַ מענטש פון גלייכן וווקס, מיט שאַטען געקרויזלטע לאָקן, מיט געדיכטע ווייסע ברעמען איבער די פאַרזשמורעטע קורצזיכטיקע אויגן, וועמען מ'האָט גערופן יאַנוש בלינץ. ער האָט געווענדט זיין פּנים אויך צו לאַזאַרן און געזאָגט:

— הערטס, ברידער קינסטלער, זייטס ווּיסן, אַז איך באַדויער מיינע יאָרן, וואָס איך האָב אַוועקגעגעבן אַ קרבן פאַר אַזאַ אוטאָפּיע, וואָס רופט זיך קונסט. אין דער ווירקלעכקייט איז זי באַשטימט פאַר גייסטיק קראַנקע מאַניאַקן, סוגעסטיקער, וואָס ווילן קיינעם נישט שענקען קיין וואָרט אָנערקענונג, נאָר זענען בלויז פאַרליבט אין זיך אַליין. אין גרונט איז די קונסט בלויז אַ פאַראָבעק פאַרן רייכן סאַלאָנ־מענטש, אַ קלינגנדיקע שיינע פראַזע פאַר אָראַטאָרן און טייל מאָל, ווען עס איז נוצלעך, אַן אויסרייד פאַר פּאָליטישע צוועקן און אַליין פאַר זיך איז די קונסט אַ קוואַל פון ליידן און דערנידערונג און אויב עס זענען פאַראַן אַזוינע, וואָס מיינען, אַז אַ קינסטלער איז אַ גאָט־געבענטשטער, איז גאָר דער היפּוך: אַ קינסטלער איז אַ גאָט־פאַרשאָלטענער, וואָס מוז אָנקומען צו מענטשלעכע חסדים.

לאַזאַר האָט איינגעביסן דאָס רעפּטל ברויט, וואָס דער קעלנער האָט אים דערלאַנגט, און אַ זופּ געטאָן פון טאָס קאַווע, וואָס האָט פון הייסקייט אים אָפּגעבריט די ליפּן, און פראַנץ פישער האָט זיך טיפער איינגעהילט מיט זיין באַנעצטן רעגן־מאַנטל, ווו זיין הויקער האָט אַרויסגעשטאַרצט. אויך זיין פּנים האָט זיך פאַרכמאַ־רעט און פאַסן קנייטשן האָבן זיך איינגראַווירט אין ברייטן קאַר־בירטן שטערן. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף די אָרומיקע, ווי ער וואָלט אויפגעפאָדערט, אַז עמעצער זאָל פאַרענטפערן די פראַגע. ווען אַלע האָבן געשוויגן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— פריינד יאַנוש, זייט ווּיסן, אַז אייער פאַרצווייפלטע רעדע שטייט אין פולן קאָנטראַסט צו די מיינונגען פון אַמעריקאַנער קונסטקריטיקער סעמו האַל, וועלכער וווינט לעצטנס אין בערלין. איך ראַט אייך ווי אַ גוטער חבר, לייענט בלויז איבער די הקדמה צו זיין ניי דערשינענעם בוך וועגן קונסט און קינסטלער: „דער היכל פון דער מוזע“.

אַלע אָרומיקע האָבן אים אונטערגעהאַלטן און אויך לאַזאַר האָט גענומען ווי דעקלאַמירן:

— דער קונסט־קריטיקער סעמו האַל האָט אין זיין בוך גע־

זאָגט: ביי אַן עכטן קינסטלער זענען אפילו ליב די שווערסטע ליידן און ווען מען וואָלט זיי פאַרגלייכט צו דעם גליק פון שאַפן, דעמאָלט וואָלט עס געווען ווי אַ טראָפּן אין ים. למשל — אָפּט הערט מען זינגען אַ פייגעלע פאַר אַ פענצטער, וואָס וואָלט זיך באַנוגנט בלויז מיט אַ ברויטשטויבעלע, כדי דעם הונגער איינצושטילן, און קען עס נישט לייכט דערגרייכן. פון דעסט וועגן איז דאָס פייגעלע איבערגליקלעך און איז קיין מאָל נישט מקנא דעם טיגער, דעם העלפאַנט, דעם וואָלף, דעם לייב, פאַר וועמען עס איז גענוג, כדי צו דערגרייכן אַ לעבן פון ווילטאַג, רחבות און שפע, בלויז נאָר אַ מויל מיט שאַרפע ציינער צו פאַרצוקן דעם שוואַכן. און דאָך הערט נישט אויף דאָס פייגעלע ווייטער צו דערקוויקן מענטשלעכע הערצער מיט דינע, איידעלע טענער און פרעגט נישט צו מאָל ביי קיינעם וועגן אַ שכר, גענוי ווי די ערד, וואָס גיט פון זיך אַרויס רויזן און די מוטערלעכע אינגעווייד טראָגן אויס דורות, כאָטש ס'איז באַוווסט, אַז בלומען רייסט מען אַרונטער פריצייטיק אין שענסטן בליאונג. און קינדער פאַרטיליקן בייזע קריגספירער אין די מלחמות, נאָר דאָס איז דער כוח פון שאַפן און איז אויך די געטלעכע מוזע פון קינסטלער.

אָט די דאָזיקע דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט און איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דער פילאָזאָפיע פון קונסט און זיך לאַנג פאַרצויגן ביז העט, העט, ווען דער קעלנער האָט אָנגעהויבן צושליסן די טירן.

*

אויפן הימל אין דרויסן האָבן שטערן טריב געבלאָנדזשעט און די דריי פריינד האָבן זיך געזעגנט, גייענדיק יעדערער אין זיין אָרעמער היים.

נאָר לאַזאַר איז געגאַנגען צום וואָקזאַל. פאַר זיינע אויגן האָט שוין איצט געשוועבט די אויסגעבענקטע באַגעגעניש מיט מילי. ס'איז איצט געווען גענוי די שעה לויטן בריוו, וואָס זי האָט אים געשריבן צו גיין זי אָפּוואַרטן ביים גאַר־די־נאָר. ער האָט זי געזען אין זיין פאַרשטעלונג אָנגעטאָן אין זעלבן קליידל פון גלאַנציקן הימלבלויפאַרביקן וועלור־שיפאָן, אין וועלכן זי האָט געטאַנצט מיט אים אויפן לעצטן נייי־אָרבאַל פון קולטור־ליגע. זי האָט אים אייפערזיכטיק געמאַכט אין יענער נאַכט מיט איר גרויסן דערפאָלג: אַלע יונגעלייט האָבן זי פאַרבעטן צום טאַנץ. אָט מיט די פריילעכע מחשבות איז ער צוגעקומען אין דער גענויער מינוט צום גאַר־די־נאָר, וואָס האָט אים דערמאַנט אין אַ פאַבריק־קוימען, פון וואַנען ס'זעצט אַ שטענדי־

קער רויך. באַלד האָט פון אַ באַנפּענצטערל אַ פּאַכע געטאָן אַ בלוי פּילצן קאַפּעליושל מיט אַ שיין מיידלש פּנים אין באַגליי־טונג פון אַ גראַבפּיסיקער פּרוי, וואָס האָט זיך מיט שוים צעבעסט:

— מילי, ווי איז מיר, קוק דיך נאָר אָן; כ'האָב אויך געהאַט חתו־נה צו מאַכן טעכטער, טאָ וווּ איז נאָך געהערט געוואָרן, אַז אַ חתן זאָל קומען אָפּנעמען זיין כלה ביים וואָקזאָל אָן אַ בוקעט בלומען? טאָ אויב דו וועסט נישט אַ סוף מאַכן מיט דיין דלות־יונג, זאָלסטו מער נישט מיין שוועל איבערטרעטן; פאַרבלייב מיט אים.

די ווערטער האָבן גורם געווען דרייסטקייט ביי ביידע און מילי, אַ בלייכע, אַ צעטומלטע, האָט אַנטשלאָסן אויסגערופן:

— מומע, כ'וועל טאַקע מיט אים פאַרבלייבן! — און אַ צאַרטן פּאַכע געטאָן לאַזאַרן איבער די בלאָנד צעפּלאָנטערטע טשופּ־רינעז, דרייסט אַ כאַפּ געגעבן אים אונטערן אָרעם.

קושנדיק זיך זענען זיי געגאַנגען דעם גאַנצן ווייטן וועג צו פוס, ווי זיי וואָלטן זיך געריימט מיט דער פון הינטן גייענדיקער מומע פייגע, וואָס האָט צו זיך אַליין געזעדט מיט כעס:

— ס'איז געבער אַ רחמנות אויף דער מויד!

מיט אַ צעפּלאַמט פּנים פון גליק האָט מילי איבערן גאַנצן וועג ביז צו לאַזאַרס היים אים דערציילט וועגן אירע גוטע עלטערן און פון די אונטערגעוואַקסענע שוועסטערלעך און דעם איינציקן ברודערל. אָט אַזוי גוף צו גוף צוגעטוליעט זענען שפּעטער ביידע געקראָכן איף די הויכע עטאַזשן ווי אויף אַ לייטער און דער וועג איז זיי געווען ליב און געוואָלט האָבן זיי וואָס שנעלער דערגרייכן אָט דאָס אָרעמע שטיבל, וואָס דער גורל האָט באַשטימט, אַז זיי זאָלן דאָרט פאַרלייגן זייער פאַמיליע־נעסט. פאַרסאַפּעטע זענען זיי שוין אַרויפגעקומען און מילי איז פון גרוים מידקייט געווען די ערשטע, וואָס האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ צו דער סטעליע און גיך איינגעשלאָפן. לאַזאַר האָט מיט אַ ווייכן גלעט איבער מילים באַק זי ווי איינגעוויגט און מיט זיין אַלטער צעדריוולטער קאָלדרע אַרומגעהילט. עפּעס איז אים אויך היינט געווען אַזוי קאַלט, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט זיך דערוואַרעמען, געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. נאָר זיין גאַנצע זאָרג איז געווען וועגן מילי. האָט ער זי אַרומגעדעקט מיט זיין וועסט און וואַרעם, מיט ליבשאַפט, גע־קוקט איר אין פּנים און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט, ווי ס'וויקלען זיך אַרוים פון אירע לאָקן אַפּער קינדערשע פּיטשיקע גופימלעך, אָט די מסתמא, וואָס מילי וועט שפּעטער פאַר לאַזאַרן געבוירן.

אַזוי האָט ער זיך אַ גליקלעכער פאַרגעשטעלט.

מילי האָט אין טיפן שלאָף גאָרנישט געוווסט, אַז לאַזאַר באַטראַכט זי אַזוי שאַרף.

זי האָט איצט אויף ס'ניי אַדורכגעלעבט אין חלום אָט די בילדער, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אין יענעם טאָג, ווען זי איז מיט איר מומע פייגעלע בכיוון אויסגעשטיגן אין בערלין און געוואָלט זיך שאַפן אַ באַגריף פון אָט דער באַרימטער דייטשער הויפּטשטאָט. נאָר דאָס ביסל פרייד, וואָס זי האָט זיך אין איר רייזע מיט דער מומע פייגעלע געוואָלט פאַרשאַפן, האָט זיך גאָר פאַרוואַנדלט אין צער. זיי ביידע, פאַרבייגייענדיק אַ הויפּטשטראַסע, האָבן פּלוצעם דערזען אין דער לופט צעפלאַטערטע רויטע פענער מיט שוואַרצע האַקנקרייצן, וואָס זענען געווען אַריינגעוועבט אין דיקע טיולן, און נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען מיט מושטירנדיקע טריט מחנות פון כלערליי פראַפעסיעס: מויערער מיט ליימיקע פאַרשמירטע הויזן, ברוק-קערער, וועשינס, דינסטן, סטודענטן, גאַסנפרויען, מלוכה-באַאַמטע, דאָקטוירים און סתם יונגע שולייגלער. אַן אָנלויף פון פאַרשידענע מענטשנשיכטן און קלאַסן זענען דאָ איין מאַסע געוואָרן פון כלערליי קליידונגס-גוסטן, איין געוועב. מחנות נאָך מחנות יונגע און אַלטע האָבן מאַרשירט אין אַן אומאָרדענונג: איין פּוס האָט אַ צונויפגעפלאָנטערטער פאַרטשעפּעט דעם אַנדערנס פּוס, געלאָפן ווי אויף בייזע ווונדער צו קוקן. אין סאַמע מיט האָט מען געפירט מענטשן מיט פאַרבלוטיקטע פּנימער, וועמענס פּלייצעס זענען געווען באַהאָנגען מיט באַשריבענע טאָוולען:

אַ טויט די יידן!

אָט אַזעלכע קאָשמאַרן האָבן זיך איצט געדרייט פאַר מילים אויגן אַ גאַנצע נאַכט. אין פרימאָרגן, ווען לאַזאַר האָט זיך איבערגעוועקט, איז זי נאָך געשלאָפן אַ מידע פון איר לאַנגער רייזע און ער האָט שטיל זיך אַרויסגעשלייכט אין דרויסן, איינגעקויפט אין קראָם כלערליי הויז-פּראָדוקטן און זיי אויפן טיש אַוועקגעלייגט, אויך דערנעבן אַ קליין אָנגעשריבן בריוועלע:

— טייערע, זיי נישט אומרואיק, ווען דו וועסט מיך נישט טרעפן אין שטוב; כ'גיי אָפּגעבן מיינע טעגלעכע לעקציעס. אַדיע!

און ער האָט אַ קוש געגעבן אין איר צעפלאַמטן פּנים און שטיל דורך דער טיר זיך אָרויסגעשאַרט אין דרויסן.

מיטאָגצייט, ווען לאַזאַר איז אַהיימגעקומען, איז זיין שטיבל געווען נישט צו דערקענען. די גאַזמאַשינקע, וואָס פלעגט זיין

באוואָרפן מיט פאַרפעצטע אַלטע זשורנאַלן, איז געווען ווי אַ צעפּוצט מעש און אויך ווי זיך באַטייליקט צו באַצירן די שטוב. און אַ ווייס פאַרהענגל האָט אָראָפּגעפּאָכט פון פענצטערשויב. צוויי ווייסע געבלימלטע טעלערס זענען געשטאַנען פאַר ביידע געגרייט אויפן טיש מיט אָנגענעמע ריחות פון אַ מיטאָג־געריכט, וואָס האָבן פאַרריסן לאַזאַרס הונגעריקן אָטעם, און צעפּלאָכטע־נע חלות און אַנדערע געבעקסן זענען געלעגן צעלייגט אויף אַ געבלימלט טישטעכל, וואָס מילים מאַמע האָט איר מיטגעגעבן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט איצט פאַרגעקומען די פייער־לעכע סעודה פון זייער אָרעמער חתונה. און לאַזאַר האָט אויסגערופן מיט פרייד:

— מילי, איצט בין איך גליקלעך!

ער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס און היים געקושט.

*

אין דרויסן איז געווען פרילינג. די העלע זון און זיסע לופט האָבן אים באַהאַפטן מיט וויזיע, אים געגעבן פליגלען פון מלאכים.

פון באַגין ביז שפּעט אָוונט האָבן זיינע זעונגען אים פאַרטראָגן אין די בלויע רוימען, וווּ עס האָט זיך געשפּינט אין גילדענע פעדעם פון די שענסטע חלומות, וואָס רופט זיך קונסט. דאָס האָט אים פאַר־כישופט, און ווי אַ קאַרגער קלייבט צונויף אין אַן אייזערנער קאַסע ביז דער לעצטער פּרוטה פון זיין פאַרמעגן, האָט לאַזאַר באַוואַכט יעדע שטימונג, יעדעס געפיל איבערגעגאָסן אין זיינע שענסטע מע־לאָדיעס און טענער, אין אַ שלל פון געזאַנגען, געזאַמלט און גע־קליבן, געמייסטערט און אָפט דערציילט פאַר מילי זיינע פּלענער פון אַרויסגעבן אַ בוך, געשמועסט מיט איר ביז אין דער האַלבער נאַכט.

אַנומלט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שניידער־אַטעליע אַלס האַנט־נייערין, האָט מילי זיך געאײַלט צו גיין אויף דער רע־פּעטיציע אין כאָר פון קולטור־ליגע. אָט דאָס איז געווען איר פרייד זייט די יאָרן פון איר צוזאַמענלעבן מיט לאַזאַר וויטעלזאָן.

ס'איז געווען אין אָוונט. אַ גאָלדענער אָקרענט האָט זיך גע־וויגט פאַרנאַכטלעך אין לויטערן הימל. לאַזאַר איז אויפגע־שטאַנען פון זיין שרייבטיש, עפּעס אָפּגעענטפערט זיין פרוי און נעקוקט אין פינצטערן חלל דורכן פּאַציאַט־פענצטער. פּלוצעם האָט זיינע מחשבות מילי איבערגעריסן: זי האָט אים עפּעס אַ זאָג געגעבן און ער האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן גוף און אַ צעשטראַלטער אויסגערופן:

— וואָס? — איך אַ טאַטע?

און ער האָט איר פֿול מיט ליבשאַפֿט געגעבן אַ קוש אין שטערן, ווו אַ לעקעלע האָט זיך ווי אַ שוואַרץ סאַמעטל פֿאַרבלאָנדזעט. און ווען מילי איז אַרויס אין דרויסן, האָט לאַזאַר מיט בענקשאַפֿט איר נאָכגעקוקט, ביז ס'האָט זיך פֿאַרבלייכט דער לעצטער טונקעלער פֿלעק פֿון אירע טריט.

די כאָר־רעפּעטיציע האָט זיך היינט מילין נישט איינגעגעבן. זי האָט פֿאַלש געזונגען און אַ צעפּלאָמטע איז זי צוריק אַהיימגעקומען און פֿאַרענדיקט אויף איר געלעגער אירע מחשבות, וואָס זי האָט פֿאַרטראַכט אויפֿן וועג: אַז אויב זי וועט געבוירן אַ מיידעלע, וועט זי איר אַ נאָמען געבן נאָך איר פֿאַרשטאָרבענער באָבעשי, גיטעלע. זי האָט זיך דערמאָנט אָן טשיקאַווע פֿאַרגאַנגענע יאָרן פֿון איר קינדהייט.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

מילים באָבעשי האָט געהאַט אַ מאַרקקויש, אין וועלכן זי פֿלעגט אין די יאַרידים־טעג איינקויפֿן עופֿות פֿאַר שטאָטישע גבירים. אויך איז דער קויש געווען שטאַרק באַליבט צווישן אַלע אירע אייניקלעך. ווען זיי האָבן נאָר דערזען אַריינקומען די באָבעשי אין שטוב, פֿלעגן זיי אַרומרינגלען אָט די קליינע, חנעוודיקע, איינגעבויגענע יידענע פֿון אַלע פֿיר זייטן און טאַנצן און זינגען:

— די באָבעשי איז דאָ!
— די באָבעשי איז דאָ!

און זיי פֿלעגן מיט נייגעריקע בליקן נעמען נאָכפֿאָרשן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין איר קויש. דאָרט האָבן די אייניקלעך אירע תמיד אויסגעפֿונען אַלערליי נאַשוואַרגן און גוטע אויפּסן. ביי זיי איז נישט געווען פֿאַרהאַן קיין שענערער חלום, ווי אַריינקוקן אין דער באָבעשי גיטעלעס קויש, וואָס האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן די איידלסטע טעמים אין גן־עדן — ריחות פֿון אייער־בייגעלעך, מאָנפּלעצלעך, האָניק־קיכעלעך, פֿלוימען, יאַגדעס, עפּל, באַרן.

די באָבע גיטעלע איז בטבע געווען זייער אַ גוטע, קיין איינציק מאכל, וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט ביי זיך אין שטוב, פֿלעגט זי אַליין נישט עסן, ביז זי האָט דערפֿון צעטראָגן צו יעדער שנור איר חלק פֿאַר יעדן זון און אייניקל, איידעם און טאָכטער אַ באַזונדער

טעפּעלע. פון דער באָבעס קויש האָט שמעגדיק אַרויסגעשמעקט אַן אָנגענעמער ריח פון אַ געקעכטס אָדער שבת־פיש, קוגל, טשאָלנט.

וווּנדערלעכע אַנטדעקונגען פלעגן אירע אייניקלעך מאַכן אין דער באָבעשיס קויש. ווי זיי האָבן זי נאָר דערזען גיין פון מאַרק פון דער ווייטנס, האָבן זיי שוין פאָרויס דערפילט דעם טעם פון גוטס. יעדן פון זיי איז געווען באַקאַנט, אַז דער באָבעשיס גע־בעקסן, געבראָטנס און געקעכטסן זענען תמיד געראָטענע און אַז זי איז נאָך געווען אויף דער גאַס, האָבן די אייניקלעך שוין גע־שלונגען דעם צערייצטן שליים אויפן גומען. זי פלעגט אַלעמען איינטיילן חלקים פון דער פולער האַנט, קיינעמען נישט באַוואָלט, אַזוי ווי זי פלעגט אַלס חתונה־מחותנתטע טיילן, ווען דער זיידע האָט נאָך געלעבט, אין די חופּה־נעכט פון זייערע זין און טעכ־טער און אַז עמעצער פלעגט פלוצעם פרעגן פאַרזאָרגט:

— אוי, די באָבעשי האָט שוין אַלץ פאַרטיילט און וואָס וועט זי נעבעך עסן? —

דעמאָלט פלעגט זי נעמען זיך שווערן די הייליקסטע שבועות: אַז קודם כל איז זי לחלוטין נישט הונגעריק, אַז ס׳וואָלט איר נישט געשמעקט אַפילו די טייערסטע מאַנדלען־יויך; און צווייטנס האָט זי זיך פריער אַזוי אָנגעגעסן, אַז ס׳וועט איר שוין היינט נישט מער הונגערן. די גוטע באָבעשי האָט דעמאָלט זיך געמוזט זייער אַ סך פאַרענטפערן, כדי אירע שנורן און איידעמס, וואָס האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט און איר כבוד צוגעטיילט, זאָלן באַוויליקן אָנצונעמען איר כיבוד. אירע מאַטע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט גלאַנץ און פרייד, ווען קיינער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט און וואָס מער טועם געווען פון דעם געבעקס און געקעכטס, וואָס זי האָט יעדן געברענגט זיין צוגעטיילטן חלק אונטער דער נאָז אַהיים. און ווען די באָבעשי האָט געגוי און פּינקטלעך ווי אַ הייליקן מוטערלעכן חוב אויסגעפילט איר ראָלע, פלעגט זי אַהיים־ גיין אַן איבערגליקלעכע צו זיך אין שטוב און דערכאַפּן זיך דאָס חיות פון לעצטן רעשט, וואָס זי האָט זאָרגעוודיק אַרויס־געשאַרט פון די בעקנס, פון די טעפּ, אַרויסגעקראַצט אַ ברעקע־לע פון אַ פּאַטעלנע און מיט די קליינע כזיתן אויפגעמונטערט איר איינגעפאַלן פאַרחלושט האַרץ, געגוי ווי אין יענער צייט, ווען אַלע אירע אויסגעגעבענע זין און טעכטער זענען נאָך גע־ווען קליינע קינדער. שפּעטער אויסגעוואַקסענע גרויסע האָט די באָבעשי געהאַט אַ הנאה צו קאָכן גרויסע טעפּ מיט עופות, פּאַנען מיט פיש לכבוד שבת און אויף אַ יום־טוב אַוועקטראָגן

צום בעקער הויכע פולע בעקנס מיט פערפל, אייער־קיכלעך און פארפלאָכטענע פייגעלעך אויף די סעודה־חלות, כדי צו האָבן פון וואָס געגנוג איינצוטיילן צווישן אירע אייניקלעך, שנורן און איי־דעמס, זין און טעכטער און אַליין דערפון קיין ביסן נישט טועם זיין. דאָס וואָס די באָבעשי האָט באַדינט אַנדערע מענטשן און געברענגט זיי פרייד, האָט געמאַכט גליקלעך איר גוט, איידל האַרץ. איר גרעסטער תענוג איז געווען דעמאָלט, ווען איר פילקעפּיקער משפחה האָבן געסמאַקעוועט פון אירע געבראָטענע שבת־קוגלען און שלוש־סעודות־קאָמפּאָטן. שטענדיק ווען די באָבעשי גיטע־לע איז נאָר אַריינגעקומען צו אירע קינדער אין שטוב אַ מי־דע, זיך אָוועקגעזעצט אָפּרוען אויף אַ שטול, זענען די אייניקלעך פון גרויס און קליין שוין געשטאַנען פון אַלע פיר זייטן אַרום איר טשיקאַווען קויש און אַריינגעוואָרפן קינדעריש־צעשטראַלטע נייגעריקע בליקן פון קוועלנדיקע אויגן, און ווען ס'איז אָנגעקומען די שרעקלעכע מינוט, די באָבעשי איז געשטאָרבן, איז פאַרבליבן אין איר פאַציאַט־שטיבל ערגעץ אין אַ ווינקל שטיין איר קויש פאַרלאָזט און איינזאַם. ס'האָט נישט מער פון אים אַרויסגעפּאַ־רעוועט דער געשמאַקער ריח פון דער באָבעשיס קוגלען לכבוד שבת, דער פעפער פון געפילטע פיש און דער סאָק פון די קאָמפּאָטן. נאָר פון דעסט וועגן איז נאָך עפּעס פאַרבליבן פון אַמאָל: דאָס איז געווען דער גוטער געדעכעניש פון די איידעלע אָרעמס, וואָס פלעגן דעם קויש טראָגן אויף די מערק, כדי צו פאַרדינען אויף איר קנאַפּער חיונה און אויף שבת־ליכט און חלות און עפּעס אויך אונטער דער יויך פאַר אירע אָרעמע זין, וואָס זענען די לעצטע יאָרן פון פוילישן יידן־באַיקאָט פאַרבליבן אָן פרנסה. אָט דער קויש האָט איצט מיטגעוויינט אויפן טויט פון דער גוטער באָבעשי, ווי ער וואָלט אויך געווען איינער פון אירע אין טרוי־ער פאַרבליבענע אייניקלעך, איידעמס און שנורן, זין און טעכטער, וואָס זענען שפּעטער אַריינגעטרעטן אין אַ גרויסער מחלוקה, נישט וועגן אַ ירושה פון הייזער, גיטער, פערל און גאָלד, וואָס זיי האָבן נישט געקענט צווישן זיך חלילה אַנטיילן, וואָס די באָבעשי האָט איבערגעלאָזט — נאָר וועגן איר קויש.

*

מילי האָט אַזוי פאַר לאַזאַרן וואָרט ביי וואָרט געשילדערט די הייליקע באָבעשי, נאָך ווען זי וויל אַ נאָמען געבן, אויב זי וועט געבוירן אַ טעכטערל, און לאַזאַר האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: אַז קודם כל גלייבט ער, אַז מילי וועט געבוירן נישט

קיין טעכטער געגוי ווי זיין מאַמע, נאָר זין, און דעמאָלט וויל ער אַ נאָמען געבן דעם קינד דווקא נאָך זיין יחוסדיקן זיידן ר׳ משה פּאַיאַנס־הענדלער. און לאַזאַר האָט געגומען ברחבות פאַר מילין דערציילן פון זיין זיידן, גלייך ווי אין לאַזאַרס זכרון וואָלט שוין פון לאַנגע יאָרן געלעגן גרייט אַ פּאַרטיק אָנגעשריבן בוך. און פון רגע צו רגע האָבן זיך וואָס מער בלויער זייגע אויגן צעצונדן און זייַנע רייד האָבן אָפּגעקלונגען מיט עקסטאַז און אומגעהייערן שטאָלץ. נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט, גענומען זיך אַליין מוסר זאָגן:

— אָרעמער וויטעלזאָן געבעך, וואָס איז דען פון דיר אַזוינס געוואָרן, אַז דו דאַרפסט זיך נאָך כסדר פאַררופן אויפן יחוס פונעם זיידן און קיין אייגענעם נאָמען האָסטו זיך נאָך נישט דערוואָרבן... דאָס גרויסע פּאָעטישע ווערק, וואָס האָסט געהאָפט אָנצושרייבן, איז געוואָרן בלויז אַ חלום... כאַ־כאַ־כאַ! — האָט לאַזאַר זיך צעלאַכט דעמאָלט מיט גאַל און ווייטיק.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

ס׳איז געווען אין פרילינג, ווען מילין זענען באַפאַלן די געבורטס־ווייען. אין פריען אָוונט איז לאַזאַר מיט איר פאַרפאָרן אין אַ טאַקסי צום באַשטימטן קליניק. אין דרויסן איז געווען פריילעך. פאַריז מיט איר כישוף האָט אַ פאָכע געטאָן פאַר אירע אויגן, מענער און פרויען האָבן געאײַלט אַהיים פון די ביוראָס, אַטע־ליעס און געשעפטן. אין אַ ווינקל ביי אַ מעטראָ האָט זיך אויס־געדאַכט, ווי אַ יונג פּאָרל ווערגן זיך ביי די העלדזער, נאָר ס׳איז געווען אַ טעות: זיי האָבן זיך תאוותדיק דעמאָלט געקושט און מילין איז געוואָרן אַ שאָד אָט דאָס שייגע גליקלעכע לעבן, וואָס זי גייט פאַרלאָזן, ווייל ס׳איז זי באַפאַלן אַ שטילער פחד, אַז זי וועט איצט ביים קימפּעט שטאַרבן, ווי ס׳האָט פּאַסירט מיט אירס אַ חברטע. אין דעם מאָמענט האָט זיך מילין אַזוי פאַר־גליסט צו לעבן און צו זיין נאָענט פון איר היים, פון איר טאַטן ר׳ אברהם יונה מיטן שיינעם שפּיציקן פאַרשווירענעם בלאָנדן בערדעלע און מיט גרויסע בלויע הימלאויגן; זען ווי ער זיצט זיך אויבנאָן ביים טיש שבת צו דער סעודה, אָנגעטאָן אין שוואַרצן סאַמעט־קאַפּעלע אויפן קאָפּ, און זינגט זמירות. זי וואָלט זיך איצט געוואָלט צוטוליען צו איר מאַמע שרהלע מיט די צוויי רויזן־וואַ־

זאָגנען און די שיינע באַקן, וואָס האָבן זי געמאַכט אויסזען שמעג־דיק מיידליש יונג, אפילו ווען אין איר טונקעלן קאָפּ ווי אין אַ שוואַרצן טוך האָבן גענומען זיך אַריינוועבן זילבערנע ווייסע פעדעם, און די קינדער פלעגן זיך דערקוויקן אַריינקוקנדיק אין די חנעוודיקע טונקעלע סאַמעטלעך פון דער מאַמעס אויגן־שפּיגעלער, וואָס מען רופט אַפּלען. מילי וואָלט אויך געוואָלט איצט אַ קוק טאָן אויף איר שוועסטער בעלאַ, דאָס שיינע אונטערגעוואַקסענע כלה־מיידל מיט די דינע, צאַרטע שמייכלען ביי אירע מוילווינקלען און מיט דער שטאָלץ פּאַרריסענער אָדלערנאָז, די אידעאַלע הכשרה־טוערין אין שטעטל, וואָס פלעגט פון אַלע אירע יום־טוב־דיקע קליידלעך צום ליבסטן זיך צירן אין איר השומר־אוניפאָרם.

און ווי שטאַרק וואָלט איצט אויך מילי געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר מיטלסט שוועסטערל טאָבעלע מיטן געקרויזלטן שאַטען־לעקעלע פּאַרקעמט אין שטערן און ווי גערן וואָלט זי אַ קוש געגעבן איר קליין שוועסטערל יוכבדל אין שמאָלן פּיסקעלע מיטן שפּיציקן גאָמבקעלע; אָט די דרייסטע שטיפערקע מיטן איבערגעקליגלט שמייכעלע, וואָס פלעגט מיט אירע ווילדע המצאהלעך מאַכן לאַכן אפילו די שטובוואַנט.

און מילי וואָלט איצט אַזוי גערן געוואָלט אויף אירע אַקסלען

אָנלענען דאָס קליינע קעפּעלע פון איר ברודערל גאָגאָל, דאָס קויב אויסגעבעטענע קינד ביי גאָט און שטאַרק אָפּגעציטערטע ביי טאַטע־מאַמע, דאָס איידעלע בן־יחידל מיטן דורכזיכטיקן פּאָרצעליי־ראָז־פּנימל.

און זיך אַוועקשטעלן וואָלט זי געוואָלט אויפן גראָזיקן זאַמלינער טראַקט, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס דאָרפישע כאַטקעלע פון איר מומע חנה, די האָראָפּאַשנע יונגע פרוי פון אַ סך געראָטענע זינדלעך און טעכטערלעך, אַלע באַזייטע מיט זומער־שפּרענקעלעך איבער די קינדערשע, חנעוודיקע פּנימלעך, מיט די טיפע קאַרבן ווי מעסערשניטן אין די הויכע בלאָנדע צעפּאַטלטע טשופּרינעס, מיט גופים גלייכע, שטאָלצע, ווי ליליען אויסגעוואַקסענע.

און זי וואָלט געוואָלט איצט אַ קוק טאָן אויפן ייִנגסטן פעטער גרשון־דוד מיטן געלן באָרדשפּראָץ אויף די באַקן, און מיט אַן אַמביציע ביז גיין אין פייער פאַרן נאַציאָנאַלן כבוד.

מילי וואָלט אויך איצט געוואָלט זען איר געליבטע מומע מאַליע, ווי זי שטייט שבת נאָך דער סעודה, יאָר איין יאָר אויס, צוגעטוליעט צום הויזטויער אין איר געקראַטלט בלוי־ווייסן טוך און קוקט,

א פאַרבענקטע, צום ווייטן טראַקט, פון וואַנען ס׳וועט צו איר קומען דער באַשערטער; און שפּעטער, נאָך איר חתונה, ווי זי שטייט ווידער ווי אַריינגעוואַקסן אין מויער ביים הויזטויער, אַרומגעטוליעט אין איר בלוי־ווייסן שבת־טוך, מיט וועלכן זי פאַרדעקט דאָס פאַר־שעמטע פּנימל פון איר טעכטערל בלימעלע, דאָס טאַנצנדיקע, זינגענ־דיקע מיידעלע אויף אַלע שול־פאַרשטעלונגען, דאָס מיידעלע, וואָס קוקט צוזאַמען מיט איר מאַמען אין די ווייטקייטן פון שליאַך, אויף וועלכן ס׳איז אַוועק איר טאַטע, וואָס האָט צוגעזאָגט גאָלדענע בערג און איז פאַרבליבן אין דער ווייטער פרעמד, אָפּגענאַרט און פאַרגעסן זיי שוין אויף אייביק.

מילי וואָלט אויך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר מומע לאה, די שטילע ציכטיקע ווירטין, און אויפן פעטער לייביש, ווי ער זיצט אויבנאָן ביים טיש, איינגעטונקען אין אַ ים יידישע אותיות פון צעבלעטערטע ביכער און צייטונגען. דער ייד מיט דער פאַררונ־דיקטער פּלייצע פון פּראַצעווען. דער נחת־קלייבער פון זיי־נע יונגע זינדעלעך און טעכטערלעך מיט צעווינטלטע העלע פאַסמען האָר איבער די שטערנס און מיט בלויען סאַמעט־געבלישטש אין די גרויסע בלויע הימלאויגן.

*

באַגינען אין יענער שעה, ווען דער גאָלדענער מאָרגן־שטערן האָט צעשמייכלט אַריינגעבליאַסקעט אין פענצטער פון קליניק, איז לאַ־זאַר וויטעליזאָן געשטאַנען אונטערטעניק אַ צעלויכטענער ביים בעט פון דער קימפּעטאָרין און פאַטערלעך זי געצערטלט, בעת זי האָט אַ פאַרמאַטערטע זיך געקלאָגט, אַז דאָס יונגע משהלע, וואָס לאַ־זאַר האָט אויסגעחלומט, איז מיאוס און גאַרנישט געראָטן אין דער מאַמען: ס׳האָט בלאָנדע הערעלעך, פלאַקסענע, ווייסע ברעמען ביי די בלאָע אייגעלעך, און לאַזאַר וויטעליזאָן האָט מיט פרייד איר פאַרזיכערט, אַז, לויט זיין מאַמע פלעגט אים דערציילן און אָפּשילדערן געגנוי זיין זיידן ר׳ משה פאַיאַנס־הענדלער, זענען זיי ביידע געווען געראָטן איינס אין ס׳אַנדערע ווי צוויי טראָפּנס וואַ־סער — און ער האָט פון הנאה זיך פונאַנדערגעלאַכט.

אַ גליקלעכער איז לאַזאַר אַוועק אין קאַפע ראָטאָנד, צוגערוקט אַ שטול ביי אַ טישל, וואָס איז געווען באַזעצט פון קינסטלער. זיין מאַנטל איז געווען צעקנעפּלט, דער קאַפּעליוש פאַררוקט אָן אַ זייט, די באַקן איינגעפאַלן, זיין שטערן פאַרטראַכט, דער קראַ־וואַט פאַרשלעפּט אין אַ ווינקל און אַ לעצטער רעשט פון אַ

פאפיראָסל, שוין פאַרלאָשן, איז געלעגן אויפן שפּיץ פון זיין ליפּ. ער האָט באַגעגנט די זעלבע גרופּע זיצן אַרום דעם קליינעם מאַרמאָרטישל אין אַ ווינקל געגנוי אין די זעלבע אָוונט־שעהן ווי נעכטן בעת אַ הייסער דיסקוסיע, ווען לאַזאַר וויטעלזאָן האָט אויסגעדריקט שאַרף זיין מיינונג :

— ס'זענען פאַראַן פעלקער כמעט פאַרשטייער — האָט ער געזאָגט — וואָס באַשאַפן קונסט גראָד נאָך יעדער פאַרענדיקטער מלחמה, כדי מיט איר צו פאַרשטעלן די אויגן, מען זאָל נישט באַמערקן, ווי זיי גרייטן צו אַ פרישע מלחמה.

נאָר איצט, ווען לאַזאַר וויטעלזאָן האָט זיינע קאָלעגן באַגריסט, האָט איינער פון די באַגריסטע דרייסט פאַר זיי געערדט סתם אין דער וועלט. נאָר ס'איז געווען אַן אָפענער ענטפער פאַר לאַזאַרן, פאַר זיינע דרייסטע מיינונגען פון נעכטן. ער האָט געהייסן שולץ, אַנדערע פלעגן אים רופן היימיש רודאָלף. ער איז געווען רייך געקליידט און געטיילט זייער אָפט הלוואות צווישן קינסטלער און ציגאַרעטן פון דער פולער האַנט, כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט, נאָך וואָס ער קומט דאָ אַהער מיט זיין גרויסן, ווייסן, ריין געפלעגטן הונט אין די קאַפייען פון קינסטלער און צו וועלכן געביט פון מייסטערשאַפט ער רעכנט זיך, האָבן אַלע רודאָלף שולץ באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם מענטש. איצט האָט ער זיך צעפלאַמט :

— וואָס האָט איר יידן זיך אַזוי אָפּגעלייגט אויף דער קונסט ? ס'איז ווייניק, וואָס איר זייט פאַרטראָטן אין דער פינאַנץ און אין דער אינדוסטריעלער וועלט, שטרעבט איר נאָך אוודאי צו ווערן קונסט־אַפּאָסטאָלן, בעת אייער אייגענע ביבל האָט עס אייך פאַרבאָטן.

לאַזאַר וויטעלזאָן איז זיצן געבליבן אויפן אָרט, כאָטש ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, ווייל שוין פון לאַנג האָט ער באַטראַכט אָט יענעם פון דער דייטשער חברה, וואָס לאָזן זיך הערן איבער דער וועלט... און זיין פנים האָט זיך פאַרוואָלקנט און ער האָט אים אָפּגעענטפערט האַסטיק :

— מיין הער, ליידער האָט די ווירקלעכקייט נקמה גענומען גרויזאַם אין אונדזער ביבל און נישט בלויז, וואָס זי האָט געמאַכט פון מיין פאָלק קינסטלער, נאָר דעם גאַנצן תוכן פון דער קונסט. מיר זענען געוואָרן דער סוזשעט פון רחמנות, טראַגעדיע, גרויל, האַס, דראַמע, מיט וועלכע ס'באַנוצט זיך דער מאָלער, דער דראַמע־שרייבער, דער נאָוועליסט און פּאָעט. נאָר אויב ס'זענען פאַראַן פעלקער, וואָס זענען אונדז דערפאַר מקנא, זענען מיר גרייט

פאַר זיי אָפּצוטרעטן אונדזער טראַגיש אָרט צווישן דער מענטש־הייט, אַז אַנדערע זאָלן ווערן דאָס צילברעט פון האַס, דאָס גע־פּיעשטשעטע קינד פון רחמנות, דער מעכטיקער געשפּענסט פון בייזן גורל, דער צענטראַלער העלד פון אַלע גרויזאַמע טראַגעדיעס.

ביים סוף פון דער דיסקוסיע האָט לאַזאַר וויטעליזאָן אַלע אי־בעריקע קינסטלער געזעגנט און ער איז אַוועק אין זיין היים.

קאַפּיטל דרייסיק

אין אַ פרימאָרגן איז דאָס געווען, ווען דער הויפּקערער האָט פונאַנדערגעטראָגן בריוו צווישן די איינוווינער און, ווי זיין שטייגער, מיט זיי געשמועסט ביי די שוועלן פון זייערע אָפענע טירן און ווייטער געקלעטערט איבער די עטאַזשן און יעדן דערציילט פון אַ לעצטן ראַדיאָ־נייעס, וואָס אַלע האָבן צוגעהערט מיט חידוש: אַז דייטשלאַנד האָט אויפגעשטעלט עפנטלעך איבער גאַסן שייטער־הויפנס, ווו מען האָט פאַרברענט יידישע ביכער.

מאַרסעלס קול האָט האַרט און טעמפּ אָפּגעקלונגען אין ליידיקן הויז־חלל מיט אַווידערקלאַנג, וואָס האָט איבערגעוועקט לאַזאַר וויטעליזאָנען פון זיין האַסטיקן שלאָף. ער האָט אַלץ געהערט און נאָך מער אויפגעהאָנגען אין דער לופט זיינע אויערן, געוואָלט נאָך עפּעס זיך דערוויסן. שפּעטער האָט ער צוריק אַרונטערגע־שאַרט זיינע הענט אונטער דער קאָלדרע. כאָטש אַ גאָלדענער מאָרגן האָט שוין געבלענדט אין די קליינע שייבלעך פון די פענצטער, האָט ער געוואָלט נאָך שלאָפן און פאַרמאַכט די אויגן, נאָר זיי האָבן זיך אַליין געעפנט. ער האָט דערזען אַזוי געגנוי, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען אין דייטשלאַנד ביי די שייטער־הויפנס און אי־בערגעלעבט די דראַמע פון זיין פאָלק. געקוקט, ווי אין רויטן פלאַ־קער קנוילן זיך בלעטער פון שפּינאָזאַ, פון אַלבערט איינשטיין, פון הייגריך היינע, פון רמבם, פון זוהר און פון אַנדערע הייליקע ספרי־תורות. געזען, ווי זיי צעפּאַלן זיך אין אַש, קרעכצן פון ווייַ־טיק, ראַנגלען זיך אין גסיסה און ווילן נישט שטאַרבן. ביי יעדן ברי צאַפּלען די אותותלעך פון אַ שרעקלעכן ווייטיק, ווי מען שניידט איין מיט אַ מעסערשאַרף אין אַ מענטשלעכן לעבעדיקן פלייש.

לאַזאַר וויטעלזאָן האָט פאַרוואָרפן די אויגן צום סופיט, דאָרט באַהאַלטן זיין צעשראָקענעם בליק און געשעפּטשעט שטיל, ווי ער וואָלט זיך מיטן סופיט פונאַנדערגעשמועסט:

— דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך, כאָטש ער איז נאָך אַ יונגער, וואָלט אין אַזעלכע היסטאָרישע טעג געדאַרפט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון צונויפרופן אין פּאַריז אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס וואָלט קודם כל געדינט פאַר דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן חשיבות און זעלבסט־דערהויבונג ווי אַן ענט־פער קעגן זייערע שונאים, וואָס כיטרעווען דעם יידנטום צו באַזיגן דורך דערנידעריקן עס אין די אייגענע אויגן און אויך שפּעטער אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

— דער קיום פון אונדזער פאָלק איז אין סכנה אָן אונטערשיד פון קלאַסן!

— — — — — — — — — — —

טעג לאַנג איז לאַזאַר וויטעלזאָן אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצערטער ביז אין אַ לעצטן אָוונט, ווען אין די פענצטער פון קולטור־ליגע האָבן העלער פון אַלע מאָל די עלעקטרישע לאָמפּן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין געלויכטן, דעמאָלט האָט לאַזארס צעשוי־בערטע טשופּרינע געפלאַטערט איבער זיין פאַרטראַכטן שטערן ווי אַ פאָן אין אַן ענדגילטיקער גרויסער שלאַכט אויף אַ ספּעציעל צונויפגערופענער זיצונג פון חברים, וו זיין קול האָט הילכיק ווי אַ האַמער איבער שטאָל אין אַ קוזשניע געקלאַפּט. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַ פייערפונק, רויט און הייס. און אַלע האָבן אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם:

— אַן אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס איז אין דער איצטיקער היסטאָרישער שעה נייטיק ווי אַ מאָביליזאַציע־סיגנאַל קעגן דער סכנה, וואָס לויערט אויפן יידישן פאָלק, און מוז ווערן דער סימבאָל פון אייניקייט און קאַמף פאַר אונדזער קיום און קול־טור, אַן אויסגעחלומטער פון לאַנגע דורות, ווי ס'האָט אויסגע־שפּינט אונדזער פאָלקס־לעגענדע פון אַלע: אַ געהייליקטער איינ־ציקער שבת.

ווי שאָטנס אויף ווענט האָבן זיך קאַנוואַלסיוו באַוועגן די קעפּ פון לאַזאַר וויטעלזאָנס חברים־גרופּע, בעת ער האָט גערעדט וועגן דער ראָלע פון קולטור־קאָנגרעס, און זיך צונויפגעוויקלט אין אַ קנויל, ווען זיי האָבן מיט פולער הסכמה אָנגענומען באַשלוסן און מידע זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

זינט דער לעצטער סעסיע פון קולטור־ליגע איז ראַפּטאָם פאַרשווונדן געוואָרן פון לאַזאַרס איינגעפאַלענע באַקן זיין לעצטנס איינגעגעסענע מרה־שחורה. ער האָט אויסגעזען איצט ווי ייִנגער און ס'זענען געוואָרן אויפגעפרישט ביי זיינע נאָענטסטע אין זכרון אָט יענע נישט לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען לאַזאַר האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ צעמענט־מויער פאַר דער זעלביקער גרופּע ווי היינט געגוי און געטענהט:

— אַ פאָלקס־טריבונע איז נייטיק פאַרן יידישן וואָרט אין פראַנקרייך! — און ער האָט זיך אַליין באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר, פּאָעט, נאָוועליסט, געשריבן גאַנצע נעכט און צוגעשטעלט מאַטעריאַלן פאַר דער צייטונג.

אויך איצט האָט לאַזאַר וויטעלזאָן, מיט אָט אַזאַ ברען און התלהבות אויף ס'גיי זיך אַ נעם געטאָן צוצוגרייטן דעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. פון זיין קליינעם רעדאַקציע־שטיבל האָט זיך געגעבן אַ צעשאָט מענגעס פאַרשטענדיקונגס־בריוו איבער דער גאָרער וועלט, פאָרמעלע קולטור־קאָנגרעס־צירקולאַרן, ווו נאָר אַ לאַנד און ווו נאָר אַ הויפּטשטאָט.

אין ערגעץ האָט מען לאַזאַרן שוין מער נישט געזען, אויך זעלטן אין זיין היים געטראָפן. אפילו מיט זיין ייִנגעלע, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער מער זיך שוין נישט פאַרנומען. ווייניק האָט ער אויך געשמועסט מיט מילי. האָט זי געדאָרפט אים עפּעס פרעגן וועגן אַ פאַמיליע־ענין, האָט זי מאָריסלען אָנגענומען ביים הענטל און געקומען לאַזאַרן אויפזוכן אין זיין רעדאַקציע־קאַנצעלאַריע, אַ קליין שטיבל אין קולטור־ליגע, ווו ער איז דאָרט טאָג און נאַכט געזעסן אַ פאַרפאָרעטער, אַ נישט־צייטיקער, אָפּגעענטפערט קורץ און ווייטער געשריבן, געקוקט פאַרטראַכט אין די פּאַפּיר־בויגנס. די צייט איז געוואָרן וואָס אַ מאָל נעענטער צום קולטור־קאָנגרעס, אויך די דיסקוסיעס פון קעגנער הייסער און פּלאַמיקער. ער האָט געדאַרפט אין זיינע צייטונגס־אַרטיקלען יעדן אָפּענטפערן מיט חשיבות.

חיים גרין, דער ערשטער טענאָר אין כאָר פון דער קולטור־ליגע, וואָס האָט מילין געקענט אין אירע מיידליאָרן, דערזעענדיק זי היינט אַזוי אָפט אַהינקומען שוין מיט אַ קינד אויף דער האַנט, ווינקט זיך איבער מיט זיין חבר און נעמט דערציילן, ווי שיין זי איז פריער געוועזן.

דער ביבליאָטעקאַר פון קולטור־ליגע הערט זיך צו צום שמועס

פון די צוויי כאַריסטן מיט אַ ברעקל אויער און שמייכלט פון יוצא וועגן ,בעת ער סדרט איין די ביכער אין פּאָליצע פאַר די לייענער ריי נאָך ריי און ברומט אונטער דער נאָז פון הסכמה און זאָגט אויך אַריין אַ וואָרט נישט מיט ווייניק קינאה צו לאַזאַרן :

— אויך היינט האָט ער נישט צו איר קיין ברעקעלע פרייע צייט, שטענדיק איז ער פאַרנומען מיט פרישע אויפטוען און געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. די סאַמע לעצטע געשעעניש פון טאָג איז טאַקע דער יידישער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. ס'פעלט אים שוין אוים צייט אפילו צו גיין אַהיים שלאָפן, אַזוי באַוואַכט ער די קולטור־ליגע, ווייל ס'האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן גרויסע און קלענערע גרופּן דעלעגאַטן פון אויסלאַנד און לאַזאַר פירט זיך מיט זיי אַרום געאַרעמט, ווי זיין שטייגער.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

דורך די פענצטער פון קולטור־קאָנגרעס קוקט אַריין דער דרויסן מיט שמעקנדיקן זומער. פּאַריז זעט אוים צעלויכטן ווי אַ שיינע יונגפרוי מיט ראָזלעכן באַטיסטן לייב. יעדער פון די דעלעגאַטן וואָלט געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויף דער שיינער וווּנדערשטאָט. נאָר ס'פעלט דערצו אוים צייט. אַזוי פיל וואָגיקן אינהאַלט קען מען דאָרטן הערן אויפן קאָנגרעס.

אָט באַווייזט זיך אויף דער טריבונע אַ דעלעגאַט. זיין פּנים איז פון אַ מאַטער בלייכקייט, זיין גוף איז הויך, און די הענט זענען דאַרע, דינע און לאַנגע. זיין צעצויגענער האַלדז געפינט נישט עפעס קיין תיקון אין ווייסן קראַגן מיט פאַרשלייפטן קינסטלער־קראַוואַט. זיין קול קלינגט אָפּ הייזעריק און פאַרשטיקט ווי ביי אַ קראַנקן מענטש אָן לונגען. ער הוסט, קורטשעט זיך איין און ווערט קליין. נאָר באַלד, לויט זיין שילדערונג, וואַקסט אוים פאַר אַלעמענס אויגן אַ באַוועגלעכע פּאַנאָראַמע מיט שווימענדיקע אָקרענטן און ווייטע ימים און אַ תקופה פון אַ ווילדן דור, וואָס שניידט איין אַ וועג צום לאַנד אופיר וועגן האַנדל וואַנדל, ווי עס פירן בשותפות אַלט־ישראל מיט צור וצידון. און דער רעדנער שרייט אוים :

— איצט ! אָט מיר זאָלן גאָר אָנקומען צום מענטש, וואָס האָט אין יענער צייט נאָך געלעבט האַלב נאַקעט, מיט אַ האַריקער פעל צוגעדעקט פון אַ וואַלד־חיה און מיט אַ בלוטיקער רציחה פון אַ

טינער — אַט ביי אים זאָלן די אור־אייניקלעך פון די אַלטע העב־רעער אָנפרעגן אונדזער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, מיר וואָס האָבן דער וועלט געגעבן אַ מאָראַל, אַ גאָטהייט! מיר זאָלן אָפּטרעטן אונדזער פּלאַץ פאַר דעם כוח פון קאַנאָנען און אַעראָפּלאַנען? און כאָטש מיר זענען אַ פאָלק אָן כלי־זין, איז נאָך פון דעסט וועגן פאַרבליבן איין און איינציק געווער אין אונדזערע אַלטע אַרסענאַלן, דאָס בוך, וואָס לערנט:

— האָב ליב דיין מיטמענטש ווי דיך אַליין!

מען אַפּלאָדירט דעם רעדנער פון אַלע לאָזשעס און גאַלעריעס. עס אַפּלאָדירן אויך די גאָלד־געזימסן און די מויערן, די האָלץ־שניצערייען און די ציגל־געמעלן. אפילו דער פּאָרזיצער, דער באַ־ווסטער, גרויסער יידישער פּאָעט, אַפּלאָדירט צוזאַמען מיט אַלע און זיין זילבערווייסער קאָפּ, וואָס רופט אַרויס יראת־הכבוד, בלאַנקט אַראָפּ פון פּרעזידיום־ריי ווי אַ צעלויכטענער עמוד־האש. דער גאַנצער בנין פון קולטור־קאָנגרעס זעט אויס ווי אַ לייכט־טורעם איבער אַ שוואַרצן פאַרשוימטן ביינאַכטיקן ים:

אַ ים פון ווייסע קעפּ, גלאַטיקע שאַרבנס, ברייטע שטערנס, ווייסע קראַגנס און אַלערליי פאַרבן קראַוואַטן, צעווינטלטע טשופּרינעס, צעפלויגענע געניאַבעס איבער אויערן און מכל המינים האָר: גע־לע ווי צעבלישטשעטער מעש, ברוינע ווי הארבסט־קאַשטאַנעס, בלאָנדע ווי שטראַלן אין תמוז און שוואַרצע ווי צעפינקלטער סאַ־מעט, און אַלערליי בערד און פּאָרמען אויגן מיט כלערליי ברילן, בינאָקלען און קוועטש־גלעזער, און גאָלד־לאָרנעטן אויף נעזער און אַלע סאָרטן געזיכטער און געשטאַלטן, מיט די פאַרשידנסטע גרי־מאַסן און תנועות באַוועגלעכע, פּריילעכע, אויפברויזנדיקע, אויך שטאַרק אומעטיקע. אָט די לעצטע זענען געווען דעלעגאַטן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט טויזנטער יידישע משפחות, וואָס זענען אין איין העמד אויפן לייב אין מיטן דער נאַכט צו פוס איבער גרענעצן פאַרצווייפלטע אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, דאָרט איבערגעלאָזט קולטור־פּאָזיציעס, וויסנשאַפטלעכע קאַטעדרעס, זיך באַזעצט אין פּאַריזער פאַרוואָרפנסטע האָטעל־לעכלעך מיט קליי־נע פענצטערלעך ווי ביי אַ טויבנשלאַק, און אַריינגעהוסט אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווי זיי וואָלטן אַריינגעווײנט זייער פרעמדקייט און נע־ונד־זיין אין דער טרייסטלאָזער פינצטערער וועלט.

דער קאָנגרעס ציט זיך כסדר. ס'גייען אַרויף און אַראָפּ רעד־נערס פון דער טריבונע, וואָס לייענען אַרויס זייערע רעדעס פון גרויסע ווייסע בויגנס. און אָט באַוויזן זיך פרישע פּנימער פון דעלעגאַטן מיט כלערליי שרייענדיקע קראַוואַטן. אַ טייל צוליב

הייסקייט זעצן זיך אַוועק מיט צעקנעפּלטע העמדער ביי די העל־
דזער. אָט איז אָנגעקומען איינער אין אַ שפּיץ פון אַ גרופּע,
וואָס טראָגן געלע לעדערנע טעקעס אונטער די אָרעמס. אין קאָנ־
גרעס־זאַל ברעכט אויס אַן אָוואַציע און דער דעלעגאַט, וואָס זיי־
נע באַגלייטער רופן אים : „אונדזער לערער", טרעט אַרויס אויף
דער טריבונע. פאַרוואָרפן די שוואַרצע לאָקן איבער די נאָך שוואַר־
צערע אויגן, דערמאָנט ער מיט זיך אַ געשטאַלט פון אַ נביא.
ער רעדט וועגן דער ביזער וועלט, וואָס שטרעבט צוריקצופירן
די מענטשהייט צו דער אור־געשיכטע פון מענטשן־פרעסערס און
ער שילדערט די גייסטיקע ראָלע פון זיין פאָלק אין אַלע צייטן
און דורות. מען שושקעט זיך אויף די גאַלעריעס אין דער שטיל :
— ער איז דאָס דער אָרגאַניזאַטאָר קעגן ענגלישן מאַנדאַט
אין ארץ־ישראל. ער איז אַהינגעקומען מיט טאַטע־מאַמע אין סאַ־
מע אויפשפּראָץ אין לאַנד און געגומען זיך אין קאָפּ אַריין נאָר
די אָרעמע, די געליטענע.

אַלע אויגן פון קאָנגרעס זענען צו אים געווענדט. אויך מילי
וויטעלזאָן, וואָס איז אויך דאָ אַהערגעקומען מיט איר קליין ייִנגע־
לע, וואַרפט אַהין אירע בליקן, וואָס בויערן אַדורך זיין פּנים.
פּלוצלינג רופט אויס דער פּאָרזיצער :

— אַלס רעדנער דער דעלעגאַט פון פראַנקרייך — לאַזאַר וויטעל־
זאָן.

זיין פרוי, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט אַרומגעזוכט אין זאַל,
האָט אים איצט דערזען. זי איז געווען באַזאָרגט, וואָס גראָד אין
טאָג ביי דער דערעפענונג פון קולטור־קאָנגרעס איז ער געוואָרן
קראַנק פון מידקייט און זיך קוים דאָ אַהערגעשלעפּט. דערפאַר
האָט זיין פּנים טאַקע איצט אויסגעזען אַזוי בלאַס. זיין גאָלדע־
נער טשופּרין האָט נישט מער געפלאַטערט ווי שטענדיק.

— וואָס וועט ער דאָ זאָגן פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון תלמידי־
חכמים מיט טיטלען ? — האָט לאַזאַר אַ טראַכט געטאָן און זיך
ווי פאַרלוירן צווישן די ווייסע קעפּ, צעשפּיגלטע שאַרבנס, ברייטע
שטערנס. פּלוצעם רופט אויס ערגעץ פון אַ ווינקל־גאַלעריע אַ
ווייך קינדעריש קולעכל : — פּאַפּאַ! — וואָס האָט לאַזאַרן נאָך
מער צעטומלט. ער האָט פאַרוואָרפן זיין בליק און דערזען צווישן
אַ געפלעכט פון קעפּ מילי מיט מאַריסלען אויפן שויס, ווי זיי
קוקן צו אים. לאַזאַר הייבט אָן מיט אַ ווייכן ציטער אין זיין שטימע.

— איר קענט מסתמא דאָס קליינע קינדערישע מעשהלע וועגן
ביבלישן לעגענדאַרן קריגסמאַן יפתח הגלעדי. בעת ער איז נאָך
אַ געווונענער שלאַכט צוריקגעגאַנגען צו זיך אין לאַנד, האָט ער

זיך געגעבן אַ שבועה צו טויטן דעם ערשטן, וואָס וועט אים דאָרט אַנטקעגנקומען. גראָד איז זיין שיין טעכטערל פול מיט פרייד און לוסטיקע טענץ די ערשטע אים אַנטקעגנגעקומען און דער טאַטע האָט געטויט זיין אייגן קינד...

לאַזאַרס קול איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און באַלד ווי אַ מדבר־ווינט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ שטורעם פון אַ זאַוויערוכע:

— דאָס יידישע פאָלק איז דאָס געטויטע קינד דורכן אייגענעם טאַטן — איירָאפּע!

אַ קעלט איז אַדורך איבער יעדערנס לייב און דער רעדנער האָט ראַפּטאָם, ווי אַ כישוף־וויזיע וואָלט אים ערגעץ פאַרגאַרט, פאַרוואָרפן זיין בליק אין חלל, אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט איבערן רוים פאַרטראַכט. ס'האָט זיך אויסגעזען, ווי ער נישטערט אין זיין מוח אַ געדאַנק, ער צעקניפּט דעם פּלאָנטער פון רעיונות און ער האָט שפּיציק ווי אַ שפּיז אויסגעשטאַרט פון זיין רעכטער שמאָל געשניטענער האַנט דעם וויַיז־פינגער, וואָס איז געווען קלאָרער ווי פריש געפאַלענער שניי. די דאָזיקע ווייסקייט האָט זיך פאַראייניקט מיט דער דערשראָקנקייט פון זיין בלאַס פאַר־חלומט פנים און ער האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ צווישן די צוויי דאַרע אַקסלען, ווי ער וואָלט איצט איבערגעלעבט אַ מינוט פון נבואה, און ער האָט אויסגעשריגן מיט קראַפט:

— די היינטיקע יפתח הגלעדים זענען די מלוכה־מענער פון דער גרויסער וועלט, וואָס קוקן צו מיט קאַלטע געפיללאָזע אויגן און רחמנותלאָזע הערצער, ווי מען באַליידיקט און מען באַעוולט מיין יידיש פאָלק, און יעדער אין זיין לאַנד טראַכט מסתמא אין דער שטיל ביי זיך צו דערווערבן עשירות און ווילטאָג. נאָר פאַר די דאָ־זיקע באַגאַנגענע זינד וועט די גערעכטיקייט פון דער וועלט זיי האַרב באַשטראָפן און אפשר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועלן זיי אַליין אויך ווערן געצווונגען צו אַנטלויפן פון אייגענעם לאַנד און וואַנדערן ווי די שלעפּערס אין גלות געגוי ווי מיר, ווייל דער מוילוואָרף, וואָס האָט זיך אַריינגעגראָבן טיף אין אונדזער ערד, וועט אויך מאַכן אויפציטערן אַלע לענדער. אַלע שטאַרקסטע פאָלקס־עקזיסטענצן וועלן אויפטרייסלען און ס'וועט אויסוואַקסן פאַר זייערע אויגן אַ קראַפט, וואָס איך רוף עס אַן מוילוואָרף, און זיי וועלן עס נישט ווײַסן אַנצורופן ביים נאָמען און זיי וועלן זוכן אַ רעטונג און נישט געפינען!

— — — — — — — — — — —

ווי הימלען באַהאַנגענע מיט שטערן — אָט אַזוי פיל אויגן צעהאַנגענע איבער די קאַנגרעס־מויערן קוקן איצט צום רעדנער

עס שטעלן זיך אויף פון די ערטער אַלע קאָנגרעס־דעלעגאַטן און ס'פּאַכעט דער שנייווייסער קאָפּ פון באַרימטן פּאָעט ביי יידן, דער פּאָרזיצער פון קאָנגרעס, און ער רעדט מיט פּאַטאָס :

— אונזער פאָלק, ווייזט אויס, איז מיט די טיפסטע פונדאַ־מענטן פון דער וועלטמאָראַל צונויפגעגלידערט און ווי איין פלייש צונויפגעוואַקסן, אַז די שונאים זאָלן אונדז נישט קענען מנצח זיין. אדרבה — אָ קוקט, כאָטש ס'זענען שוין טויזנטער יאָרן ווייט פון אונדזער נביאים־עפּאָכע, לעבן נאָך היינט צווישן אונדזער פאָלק נבי־אים... גלייבנדיקע אין דער גערעכטיקייט !

אַלע דעלעגאַטן אינעם קאָנגרעסזאַל זענען איצט געווען פול מיט עקסטאַז, אַ חוץ לאַזאַר וויטעליזאַן. ער האָט אויסגעזען עפּעס ווי צעטומלט און אומרואיק. זיין פּנים איז געווען גרימאַסיק צעקרימט, ס'האָט דערפון אַראָפּגעקוקט אַ צער, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער האָט נישט דערזאָגט דאָס גרויסע, וואָגיקע וואָרט, פון וועלכן ער האָט געטראַכט די גאַנצע צייט. נאָר מילי האָט אים געטרייסט :

— באַרואיק זיך, לאַזאַר, דו וועסט עס באַווייזן אין דער קונסט לייכטער, אויב דו וועסט זיך דערצו איבערגעבן.

— כ'בעט דיך, מילי, זיי נישט מגזם מיט מיין טאַלאַנט, ווייל סוף כל סוף היים איך נאָך אַ יונגער שרייבער — האָט לאַזאַר ביי זיין פרוי זיך געבעטן און זי האָט אויסגעבראָכן כמעט וויינענדיק מיט שטורעם :

— טאָקע אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון אַ יונגן יידישן שרייבער : אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבן און גאָרנישט...

דער מאָלער לאַריאַ שטיין, וועלכער איז געזעסן ערגעץ אין אַ שטובווינקל פון קיינעם באַמערקט, איז אַריינגעפאַלן אין מילים רייד, ווענדנדיק זיך מיטן גאַנצן פּנים צו לאַזאַרן :

— באמת, איז עס דען נישט קיין לצנות ? אַ גאַנץ לעבן צו שאַפן ווערק און צוליב פּאַרלאַג־סיבות נישט קענען מיט זיי אין דער עפנטלעכקייט דערשיינען און ביז דער גרויער עלטער גערופן צו ווערן אַ יונגער שרייבער, כאַ, כאַ, כאַ !

לאַזאַר האָט געענטפערט פאַרטראַכט און געלאַסן :

— יאָ, מיין מילי ! אַ קינסטלער מוז אַ האַלב לעבן אוועקגעבן אויף קרעדיט... און אויב עס קלעקט אים כוחות אויף דער צווייטער העלפט לעבן, באַשאַפט ער דאַן עפּעס אַזוינס, וואָס ווערט זיין קרוינ־ווערק און פאַרדינט אין זיין אייביקן דערוואַרטעניש אָנערקענונג.

ער האָט צום סוף צוגעגעבן :

— פריצייטיקע ווערק — זענען מפּלונגען...

קאפיטל צוויי און דרייסיק

צוליבן קולטור־קאָנגרעס האָט די פּרנסה ביי וויטעלזאָנען זיך פאַרערגערט, ווייל ער האָט פאַרנאַכלעסיקט די לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן יונגע שילער. אַנומלט האָט די זאָרג אים ביי נאַכט פון שלאָף איבערגעוועקט. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אַ חוץ, וואָס ער האָט נישט קיין געלט צו געבן זיין פרוי צו גיין אין גאַס אַריין איינקויפן, וועט אַ שוועבעלע אויספעלן אין שטוב אונטערצוצינדן דעם גאַז, ווען מילי וועט וועלן אויפקאָכן אַ טעפּעלע טיי פאַרן קינד, נאָכן דערוואַכן פון שלאָף. זי וועט לאַזאַרן דעמאָלט אומבאַהאָלפן אָנקוקן און גאָרנישט זאָגן און ער האָט פאַרויס דערזען זיין פאַרשעמונג.

זייער באַגין איז לאַזאַר אַרויס פון שטוב. אין דרויסן איז געווען קאַלט, האָט ער זיך אַרומגעהילט מיט זיין אָפּגעטראָגענעם, לייכטן רעגנמאַנטל, פאַרצויגן מיט זייער אַ סך קנייטשן זיין פאַרזאָרגטן שטערן און געלאָזט זיך איבער גאַסן, ווו ער האָט אויסגערעכנט צו באַגעגענען אַ גאַענטן, ביי וועמען ער וועט כאַפּן די פּאָר פּרוטות אויף אַ שאַכטל שוועבעלעך צו קויפן. מענטשן האָבן געאיילט צו זייער אַרבעט, קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מיט אים אָפּשטעלן, ווייל דער זייגער איז געלאָפן אַזוי שנעל ווי די איבערגעפילטע אויטאָבוסן מיט פאַרסאַפּעטע פּאַסאַזשירן.

לאַזאַר איז פּלוצעם אַ פאַרצווייפלטער אַריינגעלאָפן אין אַן אומבאַקאַנטער קראָם, וואָס מ'האָט געהאַלטן גראָד ביים אויפשליסן די טיר, און ער האָט צעשמייכלט אַ זאָג געטאָן:

— אָט גיי איך פאַררייכערן אַ ציגאַרעט און דערזע פּלוצעם, אַז ס'פעלט מיר אויס אַן אַלימעט און דעם פּאָרטפעל האָב איך אויך אין דער היים פאַרגעסן.

די קראָם־אייגנטימערין האָט שנעל אַ וואָרף געגעבן פאַר לאַזאַרס נאָז אַ קליין שאַכטל שוועבעלעך, וואָרטשענדיק בייז אין דער שטיל:

— נאַ דיר אַ קליענט אָן געלט באַלד באַגין — אַך, סאַראַ מזל!

כאָטש לאַזאַר האָט געפילט, אַז אַלץ דרייט זיך אים פאַר די אויגן, די קניען ווילן זיך איינברעכן נישט צום שטיין און ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר אַ מהומה פון ווערטער פאַרפּלייצן אים, האָט ער מיט אַלע כוחות זיך געפּלייסט, אַז זיין פּנים זאָל ביי אים שמייכלען און ער האָט אַ צופרידענער זיך צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ, כ'קום באַלד, כ'בין קראַנט!

ער איז שנעל, מיט גרויסע שפרייזן, אַוועק צו זיך אַהיים. מילי איז אַלץ נאָך געשלאָפן, ווייל דאָס יינגעלע האָט זי פאַרמאַטערט: דעם קינד איז געגאַנגען אַ פריש ציינדל אין מיילעכל און ס׳האָט כסדר געוויינט פון ווייטאָג. לאַזאַר האָט געוואָלט פאַרווישן זיין צער, אַז ס׳האָט אויסגעפעלט אַ שוועבעלע אין שטוב, האָט ער בכיוון גענומען צוגרייטן פאַר זיך אַ גלעזל טיי, אַזוי ווי ס׳וואָלט פריער גאָרנישט פאָרגעקומען, און אַז מילי זאָל הערן, האָט ער געריבן איין אַלימעט נאָך דער צווייטער, נאָר עפעס האָט דער גאַז נישט געוואָלט, ווי אויף להכעיס, זיך אָנצינדן. האָט לאַזאַר זיך באַלד משער געווען, אַז די „געזעלשאַפט פון גאַז" האָט, ווייזט אויס, געשלאָסן דעם שטראָם, ווייל נאָכן לעצטן קאָנטראָל האָט ער צום באַשטימטן טערמין נישט באַצאָלט די רעכענונג, איז אים געקומען אין זכרון. מיט צעפלאָשעטע האָר, וואָס האָבן ווילד אָפּגעשטאַרט פון קאַפעליוש, האָט ער איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין זיין מאַנטל. ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער האָט דעם קאָלנער אין האַדלז אַריין אויפגעשטעלט. ס׳האָבן אים עפעס ווי דערשראָקן די געפרוירענע בלעטער און זילבערנע בלומען־גראַווירן אויף זיינע פענצטערשויבן, וואָס ער האָט שוין געזען פאַרן אַוועקגיין אין גאַס אַריין. נאָר אַנשטאָט קעלט האָט לאַזאַר געפילט אין גאַנצן לייב אַ דערהיצונג.

— וו באַקומט מען אַ הלוואה? — האָט אַ געדאַנק ביי אים אין מוח געגעבערט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שוסטער אַ בעל־טובה, ביי וועמען ער האָט אין אַ טאָג פון נויט זיך אויסגעלערנט אייגענע שיך צו פאַרריכטן. אין מיטן וועג האָט לאַזאַר פלוצעם זיך איבערגעלייגט, אַז ס׳איז נישט דערצו די פאַסנדיקע שעה, און ער איז צוריקגעגאַנגען און געטראַכט ביי זיך:

— היינט וועט אַדורך אַ טאָג אָן מזל. כ׳וועל קיין פרוטה נישט באַקומען פון מיינע שילער, אפילו אַ פאַרעלטערטן חוב, אויף וועלכן כ׳האָב זיכער אויסגערעכנט.

נאָר אומגעריכט האָט עפעס אַ קלונג געטאָן אין זיינע הויזקעשענעס איין מטבע אָן דער צווייטער. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַהער פאַרוואַלגערט. ער האָט זיי באַלד איבערגעציילט צווישן די פינגער און אַריינגעגאַנגען אין אַ בעקעריי, אַ דרייסטן שמייכל געטאָן צו דער פאַרקויפערין און אָנגעוויזן אויפן קלענסטן חלק ברויט, וואָס איז געלעגן אין אַ זייט, אַ לעצט פאַרבליבענער. אירע פוכיקע זאַטע הענטלעך האָבן פינקטלעך איבערגעציילט דעם גאָרשט קליינע מטבעות, וואָס איר קליענט האָט

אַ וואָרף געגעבן איבערן צעפּוצטן קאָנטואַר, און צעשמייכלט אַ שעפּטשע געטאָן:

— ס'פעלט נאָך צום חשבון פינף סענט.

כאַטש לאַזאַר האָט געוווסט, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער נאָך כלומרשט געזוכט אין די קעשענעס און גאָרנישט מער געפונען. דעמאָלט האָט ער אַ פאַרשעמטער איבערגעלאָזט דאָס ברויט אויפן קאָנטואַר און דאָס געלט און איז פאַרשוווּנדן. ער האָט ערגעץ געוואָרפן זיין בליק און ער האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער איז געבליבן שטיין ביי אַ הויז, ווו ס'איז געווען דאָרט אַ טונקל באַלויכטענער, האַלב־איינגעפאַלענער ביסטראָ און אַ קליין פאַרלאָשן פענצטערל פון אַ שאַפּ צו פאַרריכטן אַלטע שיך, וואָס האָט בלינד אַריינגעקוקט אין חשכות מיט אַן אויפגעקלעפּט פאַרפּעצט באַשריבן פּאַפּירל:

דער שאַפּ שטייט פריי און ביליק צו פאַרדינגען.

לאַזאַר האָט עס איבערגעלייענט און זיך דערמאַנט, אַז ער פלעגט אָפט אין יענעם פענצטערל זען אַן אַלטן גרויען שוסטער מיט רויטע פאַסקעלעך אין די האַלב פאַרלאָשענע אויגן.

— מסתמא איז ער שוין טויט — האָט לאַזאַר זיך פאַרטראַכט און געריערט צו זיך אַליין:

— למשל, אַז איך קען פאַרריכטן מיינע אייגענע שיך אַלס אָרעמער שרייבער, אפשר וואָלט איך אויך געקענט אַלס לאַטשאַזש פאַרריכטן פרעמדע אַלטע שיך?

און אַ פּלאַן האָט זיך צעלייגט אין זיין מוח און אַ האַסטיקער איז ער אין ביסטראָ אַריינגעגאַנגען און שנעל, כדי דער אייגנטימער זאָל נישט דערזען לאַזאַרס געפּאַלנקיים, האָט ער גענומען רעדן, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט:

— מיסיע, אפשר וואָלט איר דערלויבט אויסצופּרווון אייער שאַפּ?

אַ סברה, אַז דער אייגנטימער האָט ווי געוואָרט אויף אַזאַ פאָרשלאַג און באַלד אים אין האַנט דערלאַנגט די שליסל און אַליין אים צוגעהאָלפן אַרויסהענגען פאַרן פענצטערל אַ גרויסן פּאַפּיר מיט דיקע אותיות געשריבן: ס'ווערט דאָ פאַרריכט ביליק און שנעל אַלטע שיך.

אינעווייניק אויפן קליינעם וואַרשטאַטל איז געלעגן אַ לעדערנער פאַרטעך און אַן אַלט רעקל און כלעריליי פאַך־אינסטרומענטן: אַ צוואַנג, אַן אָל, אַ האַמער און אַ פּאָר זוילן און באַזונדער לעדערפּאַפּאַל. ס'ווייזט אויס, אַז דער אַלטער שוסטער, וואָס האָט דאָ פריער געאַרבעט, האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים, ווייל אַלץ

איז פאַרבליבן הפקר און לאַזאַר האָט געקוקט אויף זיין ירושה ווי אויף אַן אייגנטום.

באַלד איז שטיין געבליבן ביים שאַפּ־פענצטערל אַ יונגע פרוי, נאָך אַנגעטאָן אין מאָרגן־פּיזשאַמע, וואָס האָט געבראַכט אַ פּאָר שיך צו פאַרריכטן. זי האָט דערציילט, אַז זי איז אַ טענצערין. מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט זי שוין געהאַט פאַרטיק איר אַרבעט און די ניקל־מטבעות, וואָס זי האָט לאַזאַרן באַצאָלט, האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן ווי די טייערסטע איידל־שטיינער.

— הייסט עס, אַז איך קען אויך פאַרדינען געלט! האָט ער צו זיך גערעדט מיט פרייד און געשטוינט, ווען עס האָט זיך באַוויזן פאַר זיין שאַפּ־פענצטערל אַ מאַטראָז און געבעטן אים צו פאַר־ריכטן אַ פּאָר זוילן.

דאָס גאַנצע פאַרדינטע געלט האָט ער מיט אַ הויף־ייִנגעלע אי־בערגעשיקט צו מילין, אים נאָך באַצאָלט פאַר זיין שליחות. נאָר מילי האָט דאָס געלט נישט צוגענומען, אויף שנעל געכאַפּט דאָס קינד אויפן האַנט און געלאָזט זיך פירן פון ייִנגל, ווו עס געפינט זיך איר מאַן. ווען מילי האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון שוסטער־שאַפּ, האָט דעמאָלט לאַזאַר געזאָגט צעשמייכלט דעם גאַנצן אמת פאַר זיין פרוי און מילי איז געבליבן שטיין פאַר אים פאַרחידושט און טרערן האָבן געגעבן אַ פלייץ פון אירע אויגן. זי האָט אים אַריינגע־כאַפּט אין אירע אָרעמס און געשעפּטשעט צאַרט:

— צוליב מיר טוסטו דאָס אַלץ! לאַזאַר! סאַראַ גוטער דו ביסט! כ'האָב דיך ליב....

— — — — — — — — — — — —

אַזוי לאַנגזאַם האָט לאַזאַרס מיאוסע מלאכה געוואונען אויך חן אין זיינע אויגן. קלאַפּנדיק אין די זוילן מיט זיין האַמער ביים פאַרריכטן אַלטע שיך האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט דאָ עמעצן אָנגעטאָן אַ להכעיס, זיך געריייצט מיט דער גאַנצער מענטשהייט, וועלכע לאָזט מגולגל ווערן פון אַ פּאָעט אויף אַ לאַ־טשאַזש פון אַלטע שיך און איז מסכים, אַז קינסטלער זאָלן אויסגיין פון הונגער.

נאָר טייל מאָל, ווען אין זיין שאַפּ־פענצטערל צעשפּריצן זיך עמערס גאָלד, דערמאַנט זיך דעמאָלט לאַזאַר וויטעלזאָן אין זיינע בחורישע זאָרגלאָזע יאָרן, ווען ער פלעגט ליב האָבן אַרומצושפּאַצירן אין די בלומען־אַלייען פון זשאַרדען־לוקסעמבורג, קוקן אַ פאַרטרוימ־טער אויף די זילבערנע פאָנטאַנען פון טיולערי אָדער קלעטערן אין די הויכקייטן פון דער נאָטרע־דאַם־קירך און אָט דאָרטן באַוווּנ־

דערן די שיינקייט פון פּאַריז, און אַלע מאָל אויסרופן מיט נייעם עקסטאַז:

— דער גרעסטער פּאָעט פון אַלע צייטן איז זיכער געווען אָט יענער מענטש, וואָס האָט געלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט־שטיין ביים אויפבוי פון אַזאַ רחבות און פּראַכט, וואָס רופט זיך פּאַריז און פון וועמענס טראָטואַרן־שטיינער, דאַכט זיך, ווי עס שפּיגלען זיך אַרויס ליכטיקע מיידל־פּנימער ווי נימפן־שיינקייטן אין די ים־לעגענדעס.

אין יענע צייטן פלעגט וויטעלזאָן ליב האָבן אַהיימצוקומען שפּעט ביי נאַכט, ווען די גאַסן זענען שוין געווען ליידיק אָן מענטשן און אַלץ, וואָס איז באַוועגלעך, איז שוין געלעגן אין טיפן דרימל. און איבערגעוועקט האָט דעם דרויסן נאָר רייד פון שיכורים, וועלכע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף עלעקטרע־סלופּעס און פּאַרטשעפּעט זיך אָן די ווענט; זידלענדיק זיך דערביי און די גאַנצע וועלט מיט אים צוזאַמען. אין אַזוינע שפּעטע שעהן האָט מען געקאָנט באַגעגענען נאָר אַזוינע און ענלעכע פאַרבייגייער אָדער פאַרשפּע־טיקטע אַהיימגייער און הונגעריקע וואַגאַבונדן, זוכנדיק ערגעץ ווו אַ פּאַסיק שטיקל אָרט ווו אַוועקצולייגן דעם מידן גוף. ס'רוב פון זיי האָבן אָבער געהאַט זייערע „באַשטימטע געלעגערס" ביי שוועלן פון טויערן, ביי די וואַרעמע אַריינגאַנגען פון די מעטראָס. צוגויפגעלייגט טרעפט מען זיי אַזוי ווי בערגלעך מיסט אָדער קוי־טיקע שמאַטעס, וואָס פּאַריז נעמט צונויף אַלע פרימאָרגן אין שטאָטישע ווענענער און שלײדערט זיי אַריין אין די פאַרבאָרגענע טיפעניש פון דער סען.

אָט אין די שפּעטע פאַרנאַכטן־שעהן, ווען וויטעלזאָן פלעגט אַהיימקומען, פלעגט ער זיך אַנידערוואַרפן אַ מידער אויף זיין בעטל און קוקן מיט וואַכע, אָפענע אויגן ערגעץ ווייט, ווייט אַהין צום אָרעמען שטיבל אויף דער מאַרשע קליניאַנקור, וואָס איז געווען פאַרוועבט מיט זיין חלום — מילי.

איצט איז זי שוין זיין פרוי, וואָס האָט אים געבוירן אַ שיין ייִנגעלע, — האָט לאַזאַר געטראַכט און דערביי געגעבן איינעם פון זיינע קלוגע שמייכלעך צו דעם אַלטן שוך, וואָס איז געלעגן אויף זיי־נע קניען, און ער האָט געהויבן זיין האַמער וואָס העכער און הע־כער, קלאַפּנדיק ווי צום טאַקט איבערן זוילן־לעדער און געזונגען:

J'attendrai
Le jour et la nuit...
J'attendrai toujours...

אַט דעם פּערז צעציט לאַזאַר מיט געפּיל, ווי ער וואָלט מיטגע־וויינט איבערן גורל פון יענעם טויטן סאָלדאַט פון ליד, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט, און זיין געליבטע זינגט אויס צו אים פאַר־בענקט איר קראַנק האַרץ, ווי מיטן ליד וואָלט זי פאַרשאָלטן שוין אויף אייביק אַלע מלחמות אויף דער וועלט. לאַזאַר דערזעט זי אין זיין דימיון אין אַ קליין שטיבל זיצן ביי אַ ניימאַשין, אַ שיי־נע פּראָווינציזין, אַ צאַרטע, אַ יונגע, און וואַרט אויף איר געליבטן טעג און נעכט און ער קומט נישט מער צו גיין. זי רופט אָן זיין נאָמען צווישן אַלע שענסטע פּראָווינציזישע נעמען, זי דערמאָנט זיך אין זיינע רייד און אין זיין פּנים, ווי זי האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזען פאַרן גיין אין שלאַכט, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַרויס־רופן צווישן די מיליאָנען שאָטנס, מיט וועלכע ער ליגט ערגעץ צונויפגעטוליעט גלידערווייז אין אַ מאַסן־קבר.

נישט צופעליק איז לאַזאַרן געקומען אָט דאָס ליד אויפן געדאַנק, נאָר וויל ער האָט געלייענט אין אַ פרימאָרגן־צייטונג, אַז דייטש־לאַנד האָט שוין ווידער פּראָקלאַמירט אירע גרויסע תרעומות צו דער וועלט און פאָכעט מיט דער אַלט־פּרייסישער קריגסשווערד נאָענט אין פּנים פון פעלקער און שלעפּט אויך מיט אומעטום די פאַר־בלאָנדזשעטע איטאַליע.

לאַזאַר האָט איצט אַ מידער צונויפגעקליבן אַלערליי פּאַרטיקע אַרבעטן פון טאָג, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן ווי פּגרים איבערן דיל, און ער האָט אויף ס׳ניי אָנגעהויבן זינגען דעם ערשטן פּערז פון ליד.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אָוונט. אין זיין שוסטערשאַפּ האָט שוין אַלץ גערוט. דאָס מאַטע אַרונטערגעדרייטע פייער פון לעמפּל אויף דער וואַנט און אַלע שוסטער־געצייג, וועמען לאַזאַר האָט מיט ליבשאַפט געזאָגט אין מחשבה „אַרעוואַר“, געשלאָסן די שאַפּ־טיר און אַוועק.

אין זיין היים האָט ער באַגריסט זיין פרוי, זי געקושט. זי האָט אים ליבלעך אָנגעקוקט און דערזען, אַז זיין פּנים איז אין אַ ווינקל פאַרריסט מיט אַ סמאָלעפּלעק. דווקא אויף דעם אָרט האָט זיך מילין פאַרגלוסט מיטן זאַפט פון אירע ליפּן דעם סמאָלעפּלעק אָפּצווווישן און לאַנג געקושט.

זי האָט אויסגעזען בלייך און צאַרט געוואָרפן בליקן אויפן פאַר־רויטלטן פּנימל פון שלאָפנדיקן יינגעלע אין בעטל און אַליין איז זי געזעסן ביי אַ קליין, צעווייגט אָרעם טישל און האָט עפּעס פאַר

זיך א בלוזקעלע אויפגעגייט פון א ווייסן ציידשטאף, וואס זי האט איינגעקויפט א קופּאן אין מאַרשע, און פלינק געוואָרפן מיט אירע שמאָלע, ווייסע הענט, ווי זיי וואָלטן געצאַפּלט.

לאַזאַרס מאַלצייט האָט אויף אים געוואַרט אַן אויפגעגעבענער אויפן טיש. ער האָט פּנים אל פּנים זיך אָוועקגעזעצט פאַר מילין און אַזוי רעדנדיק האָסטיק געשלונגען די ביסנס. ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט פּלוצעם אַ שכנישער זייגער זיך צעקלונגען און איבערגעריסן זייער שמועס, ווי ער וואָלט זיי געזאָגט:

— קינדער, ס'איז שוין אַצינד צייט צו גיין שלאָפן, ווייל באַגינען מוז לאַזאַר עפּעס אַ שרייב טאָן אין זיין בוך.

מילי האָט גענומען אויפרודערן דאָס קאַלטע בעטגעוואַנט, שוין מיט האַלב געשלאָסענע אויגן, ווי זי וואָלט שוין געפילט דעם תענוג פון שלאָף און רו. אויך לאַזאַר האָט שוין אָנגעהויבן זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן, כדי אַריינצוקריכן אין זיין בעט ווי אַ קאַץ אין דער נאָרע. ער האָט געהאַט דעם באַגער אין געלעגער געבן אַ צעלייג יעדן גליד באַזונדער: די הענט, די פיס, דעם קאָפּ, ווייל אַלע אברים זענען געווען ביי אים מיד און צעבראָכן.

— לאַזאַר, וואָס באַטראַכסטו מיך היינט אַזוי מער ווי אַלע מאָל? זאָג מיר, געפעל איך דיר שוין נישט מער? דו גייסט דיר מסתמא שוין אויסזוכן אַ מעטרעסעלע — האָט זיין פרוי גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן, ווען זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און האָט געטראָפן איבער זיך הענגען לאַזאַרס ערנסטע בליקן.

— דו ווייסט דען נישט, אַז צו מעטרעסעלעך דאַרף מען האָבן פולע טאַשן מיט געלט? ערשטנס דאַרף מען איר קויפן געשענקען, צווייטנס דאַרף מען סתם האָבן געלט צו איר — האָט לאַזאַר פונקט אַזוי גוטמוטיק געענטפערט.

דער שמועס האָט זייער לייכט פאַרטריבן דעם שלאָף פון מילים שלעפעריקע אויגן און זי האָט אויסגערופן אַ מונטערע:

— אויב פאַר אַ מעטרעסע מוז מען בלויז שאַפן פאַרגעניגן, וואָלט איך דיך געבעטן זיך אויסצוזוכן אַן אַנדער ווייב און מיך נעמען פאַר אַ מעטרעסע. כאַ, כאַ, כאַ — האָט זיך פרעמד צעקלונגען איר געלעכטער צווישן די איינגעדרימלטע ווענט.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

אָט אַזוי גייט דאָס לעבן אַ גאַנצע וואָך ביי לאַזאַר וויטעלזאָן אין שטוב. נאָר שבת, זונטיק זענען ביי אים אָפּט פאַרהאַן געסט. ס'איז דאָרט היימלעך ביז העט אין דער נאַכט, מען פאַרבעט היימיש צום טיש אויף אָוונטברויט, אויף מיטאָג פריינד. מילי געפינט די יונגע שרייבער אין דער טומלדיקער קאַפע אויף פּלאַץ רעפּובליק, ווו מען קען זיי שטענדיק טרעפן. זיי רופן זי „די מאַמע פון די שרייבער", הגם לויט די יאָרן פּאַסט איר גיכער צו זיין זייערס אַ יונגע שוועסטער. איר מאַן זיצט אויבנאָן און קלייבט נחת, ווען קאָלעגן קינסטלער רופן אוים מיט וואַרעמ־קייט:

— מאַדאַם מילי! זעצט זיך אָט דאָ לעבן אונדז און גיט עפּעס אַ זינג.

און כאָטש זי איז לעצטנס אין די גאָר הויכע חדשים, איז זי העפלעך מיט איר מאַנס פריינד און זינגט אויף יעדערנס פאַר־לאַנג. מאָריסל איז שוין אַ גרעסער ייִנגעלע. זיין גוטע מאַמע פירט אים יעדן טאָג אין שול, וואָס געפינט זיך נאָענט פון זייער הויז, און וואַרט אים אָפּ ביים אַהיימגיין אין די געוויסע שעהן.

*

לעצטנס, אין אַ הייסן זומער־נאָכמיטאָג, ווען לאַזאַר וויטעלזאָן איז פאַרפאָרן מיט אַ טאַקסי פאַר זיין טויער און מילין אַוועקגע־פירט אין קליניק צו געבוירן אַ צווייט קינד, האָבן ביידע, ער און זי, אין גאַנצן פאַרגעסן אָן מאָריסלען, אַז קיינער פון די שכנים וועט נישט וויסן אָפּצוואַרטן ביים שולטויער דעם ייִנגעלע און אַהיימפירן אים. דעמאָלט, אין יענעם אָוונט, האָט גאָר אומגעריכט אַדורכגעאיילט מילים מומע פייגעלע די טשאַקערין, מיט וועלכער ס'פירט זיך שוין יאָרן לאַנג אַ פאַמיליע־ברוגז, און זי האָט באַלד דערקענט מאָריסלען לויטן טאַטנס ענלעכע גאָלד־טשופרין, פאַר־וואָרפן איבערן קליינעם שטערנדל, און די רויטע פלעמלעך אין די יונגע בעקלעך. מאָריסל איז געגאַנגען פון שול מיטן קליינעם העפטל אין האַנט אַליין אַהיים און זי האָט גענומען רעדן צום ייִנגעלע מיט אירע זיסע ריידעלעך, דערלאַנגט אים אַ שאָקאָלאַד־קע אין הענטעלע און געפּועלט, אַז ער זאָל מיטגיין מיט איר. פייגעלען איז איצט פּשוט געגאַנגען אין לעבן, אַז לייבקע מאַר־

שאַן זאָל זיך אויך אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן און זען מילים קינד, וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט געהאַט די זכיה צו קענען. גראָד אין יענעם טאָג האָט מען אין שטוב ביי פייגעלע די טשאַקערין געגרייט אַ חתונה־סעודה פון אַז אָרעם מיידל אין דער משפחה. מען האָט דאָרט געקאָכט און געבאַקן, איינגעקויפט בלעכליי זים־וואַרגן, פון וועלכע לייבקע האָט געטיילט מאָריסלען פולע גאָרשטן, און געוואָרטשעט צווישן די ציין פון צופרידנקייט:

— יינגעלע, ביי נאַכט קום מיטן טאַטן. ביסט אויך פאַרבעטן אויף דער חתונה. — און ער האָט געקניפּט אים אין זיין בעקל מיט ליבשאַפט. שנעל האָט ער מאָריסלען צוריק אַהיימגעפירט און אויף ס'ניי אַ סך זיסוואַרגן אים אין קעשענע אַריינגעלייגט און פּלוצעם אים אָפּגעזעגנט ביים טויער, ווען לאַזאַר איז גראָד פאַר־ בייגעגאַנגען. דאָס קינד האָט מיט פרייד פאַר זיין פאַפּאַ אַלץ דער־ ציילט און זיך געבעטן, אַז ער זאָל מיט אים גיין צוזאַמען צו דער טאַנטע פייגעלע אויף דער חתונה. לאַזאַר האָט אַ צעשטראַלטער פון נחת גוטמוטיק זיך פאַרענטפערט און געלאַכט:

— נאַריש קינדעלע! אַ פאַפּאַ, אַז מען פאַרבעט אים נישט אויף קיין חתונה, טאָר נישט גיין; ס'איז נישט שיין!

נאָר מאָריסל האָט נישט אָפּגעטראָטן און אַזוי לאַנג געוויינט, ביז ער איז איינגעשלאָפן אָן נאַכטעסן. צו מאָרגנס האָט לאַזאַר אים געפירט באַזוכן זיין מאַמע און זיין ניי־געבוירן ברודערל דודל, וואָס זי האָט געבוירן אין קליניק פאַר טאָג. אַהינקומענדיק האָט די באַדינערין גראָד אונטערגעטראָגן דאָס קליינע פאַרשלאָפענע קינד, אַז די מאַמע זאָל עס אָנזויגן. האָט מאָריסל דערזען זיין ברודערל, וואָס האָט אין יענער רגע געעפנט ברייט די אייגעלעך, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט צוויי בלויע שפּעלטעלעך. איז דאָס אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. נאָר ער האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס זיין מאַמע וויינט אַזוי כסדר, בעת זי נעמט דאָס קינד אָנזויגן, און טרערן שטראָמען פון אירע אויגן, און דער פאַפּאַ צערטלט זי און רעדט צו איר אַזוי זיס און ליבלעך און זי וויינט, טרייבט אַלעמען אַוועק פון זיך און טרערן הערן נישט אויף צו גיסן איבער איר קרענקלעך בלאַסן פּנים. האָט ער גע־ וואָלט עפּעס דערציילן, וואָס זאָל זיין מאַמע געפעלן. טראַכטנדיק כסדר פון דער געכטיקער חתונה ביי דער טאַנטע פייגעלע, האָט מאָריסל אויסגערופן מיט אַ וויך קינדעריש קולעכל:

— מאַמאַ, ווען כ'וועל חתונה האָבן, כ'וועל שוין זיין גרויס, וועל איך דיך און דעם פאַפּאַ און דאָס ברודערל די ערשטע פאַרבעטן... די ערשטע... די ערשטע!...

פון גליק האָט זיך איר פּנים צעלויכטן און זי האָט מאָריסלען צוגעכאַפּט נאָענט צו זיך און אים אַ קוש געגעבן אין שיינעם, דינעם מיילעכל און אַ ווייכן גלעט אין קעפּעלע, שעפּטשענדיק שטיל:

— הלוואי זאָלן מיר דערלעבן! — און געבעטן דעם פּאַפּאַ, אַז ער זאָל אים אַהיימפירן..

*

געווען איז עס אין די שוואַרצע שעהן פון יענע אומגליקלעכע טעג, ווען אַלע טעלעגראַף־סטאַנציעס האָבן צעטראָגן די גרויליקע נייעס איבער דער וועלט:

די דייטשע אַרמיי איז אומגעריכט פאַר טאָג אַריבער די גרע־נעצן פון פּוילן.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה.

דעמאָלט האָט מילי פאַרוואָרפן אירע דינע מידע הענט און אויסגערופן אויף אַ יאָמערדיק קול:

— ס'איז ענדלעך אָנגעקומען אָט דאָס שלעכטס, מיט וועלכן דייטשלאַנד האָט שוין אַזוי פיל יאָרן די וועלט אין איין מאַטערן, פאָכנדיק כסדר מיט איר קריגסשווערד... די מלחמה איז דאָ!

און ס'האָט דער שוואַכער מילין איצט אַזוי שטאַרק ווי נאָך קיין מאָל נישט זיך פאַרגלוסט זען פּוילנס גורל, אַ קוק טאָן אין די פענצטער פון אַלע אירע פעטערס און מומעס, ווי איר געוווינהייט איז געווען, פון דאָרט צו הערן פרייד און געלעכטער. איצט דאַכט זיך איר, ווי די טויטע שויבן אָן לשון דערציילן פון טרויער איבער אַלע יידישע היימען אין פּוילן, שטעט און שטעטלעך. זי דערקענט היימישע גאַסן, וואָס האָבן אַ מאָל פאַרמאָגט באַלויכטענע פריילע־כע פענצטער אין דרויסן אַרויס. דאָרט פון אומעטום הערט זי היינט באַקאַנטע קולות מיט לוויה־געיאָמערן, ענלעכע צו איר מאַ־מעס קול, צום קול פון איר טאַטן, צו די פּישטשענדיקע, וויינענ־דיקע קולעכלעך פון אירע שוועסטערלעך און אייניניקלעך אייניקלעך ברו־דערל. מילי דערזעט דעם זיידן אירן, ווי איצט וואָלט עס פאַרגע־קומען:

שבת, זומערלעב אין בין־השמשות, בעת די באָבע האָט זיך געגרייט צו זאָגן די תפילה, „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב", פלעגט דער זיידע זיך אַוועקזעצן צווישן די אייניקלעך אין אַ רונדיקן קרייז פאַרן אָפענעם פענצטער. אַ הימל מיט שטערן האָט אַריינגע־קוקט פון דער שכנותדיקער אַלטער שטאָט און ער האָט אָנגעהויבן

דערציילן מעשהלעך פון חומש. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז גאַרנישט איז געווען אין הייליקן לאַנד פון ציון, נאָר דאָ אין שטעטל אויפן שולפלאַץ אָדער אויפן ראַטשעלפלאַץ, ווו ס'פלעגן פאָרקומען די יאַרידים און די מאַרקטעג, די כהנים־פייערלעכקייטן, לוויים־גע־זאַנגען אין בית המקדש. אַלץ האָט דער זיידע אויסגעוועבט ווי אַ פּאַסירונג פון אָט, אָט נישט ווייט פאַר דער גאַז אין זיין ראַדאָמער געסל. אַלע הייליקייטן זענען ביי אים פאָרגעקומען וואָכעדיק און היימיש.

מילין האָט איצט זיך פאַרגלוסט אַליין זיך אויך צו דערזען אַ קליין בלאָנד מיידעלע, אַ דאַרינקע מיט אַ בלייך קרענקלעך פנימל, טאַ־קע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַלע אירע פעטערס און איר אייגענער טאַטע זענען אַוועק אַלס רוסישע זעל־נער אויף די שלאַכטפעלדער און די גוטע באָבעשי גיטעלע האָט פאַרבעטן צו זיך אַלע אירע שנורן און אייניקלעך אויף די פסח־דיקע סדר־נעכט און מילי האָט פאַרטראַכט, דעם זיידן צו פרעגן די פיר קשיות.

ביי נאַכט, ווען ס'האָבן געבלישטשעט די געפעס אויפן טיש, די באַגילדעטע אותיות אויפן בלאָען אליהו־הנביא־כוס, האָט פּלוצעם מילים ווייך קולעכל זיך צעקלונגען און אַ ליד, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אומטערהערנדיק ביי אַ שולמיידל בעתן איינחזרן זיך די לעקציע לכבוד חנוכה:

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך פון אַמאָל!

און ווען מילי האָט פייערלעך אויסגערופן אַ פערז פון יענעם ליד:

— מיר זענען אַמאָל אַ פאָלק געווען! — האָט דעם זיידנס געל־מעשענע באָרד נאָך רויטער פון פייער אַ פלאַקער געטאָן און די קלוגע אויגן אין זיין צעשטראַלטן פּנים האָבן געקוקט עפּעס ווי פאַרחידושט און ווי נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „געווען"...

איצט ווען דער דייטשער אָקופּאַנט האָט אויף ס'ניי פאַרכאַפּט פּוילן, נאָך אַזוי פיל פרייִלעכע און טרויעריקע פאַרגאַנגענע צייטן און יאָרן, אין אַ מאָמענט פון אירע קינדהייטס־זכרונות, ווען מילי וויל מיטן זעלבן ציטער אין האַרץ איבערחזרן דעם פערז פון יע־נעם חנוכה־ליד פון אַמאָל, פאַרבלייבט זי שטיין מיט אַ פאַרהאַקטן

אָטעם און ברייט פונאַנדערגעעפנט מויל, ווי ס'וואָלט איר אויס־געפעלט לופט, שעפּטשענדיק :

— און איצט וואָס קען ווערן פון מיין פאָלק ?

איבער די גאַסן פון פּאַריז האָבן שוין געהילכט די הויכשפּרעכערס:

— פראַנקרייך און ענגלאַנד דערקלערן מלחמה דייטשלאַנד.

און לאַזאַר איז אַוועק אין רעקרוטירונגס־ביוראָ צו אַנגאַזשירן זיך אין דער אַרמיי. דער ביוראָ האָט זיך געפונען אין טעאַטער לאַנקרי. דאָרט האָט מען זיך איצט געשטופּט קאָפּ אויף קאָפּ. די מאַרשאַנעס פון „קאַראָ" און פון „קליניאַנקור" זענען היינט מיט זייערע צעקרימטע אויטאָס נישט פאַרפאָרן אויף די מאַרשעס, נאָר דאָ אַהער. יידישע אַרבעטער פון בעלוויל, שוסטערס, שטע־פּערס, זוילן־שטאַמסערס און פאַרטשוועקערס זענען אַהער געקו־מען גרופּנווייז. גאַנצע שניידער־אַטעליעס, מאַשינערס, ליווערערס און פּרעסערס פון ריי־דע־ריוואָלי און מאָנמאַרטר. די סטאָליערס פון רי־דע־לאַ־ראָקעט, מיט האָלץ־זעגעכץ אין די הויזן פאַרטשע־פּעט, די מעבל־ווערגירערס פון סאַנט־אַנטואַן אין בלאָע לייוונטענע בלוזעס, מיט פאַרשמירטע הענט פון פּאָליטור טיף ביז די עלנ־בויגנס ; די מאַראָקינעריסטן, הענטשקע־מאַכערס פון רעפּובליק־געגנט. אפילו די סטודענטן פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, קינסטלער פון מאָנפּאַרנאַס ; דאָקטוירים פון גאַנץ פּאַריז האָבן נישט פאַר־פעלט דאָ אונטערצושרייבן אַ דעקלאַראַציע־בויגן אַלס פּרייווויליקע אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

אויך לאַזאַר וויטעלזאָן האָט זיך דאָ געפונען.

*

אין דרויסן האָט שוין געגרויט מיט מאָרגן. אַ העלער אויפגייענ־די־קער בליאַסק האָט זיך ווי אַריינגעשניטן אין טונקלען געפּל, ווען לאַזאַר וויטעלזאָן איז שפּעטער געגאַנגען צום וואָקזאַל מיט אַ קליין וואַליזקעלע אין האַנט אָפּצופאָרן אין דער אַרמיי..

זייט דעמאָלט איז מאַדאַם וויטעלזאָן נישט מער צו דערקענען :

דער אומעט טרייבט זי אַרויס פון איר פּאַראיינזאַמט געוואָרע־נער היים. מיט אַן ענדלאָזן צער אין די אויגן קוקט זי אויס פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט דעם פּאָסטטרעגער. ער איז איצט איר נאָענטסטער מענטש, דער חשובסטער, ווען זי דערוואַרט.

די קאָנסיערזש מאַרינעט, וועמענס איינציקער זון ראָבערט איז אויך אַוועק אויף דער מלחמה, קוקט אויף פּרוי מילי מיט רחמנות. זי רינגלט זי אַרום מיט גרויס ליבשאַפט. זי הערט זיך איין, ווי אין

די טיפע נעכט אריין יאָמערט פרוי מילי אין איר היים. זי זינגט אַן אומעטיקן ניגון ביים איינוויגן דאָס ייִנגערע קינד צום שלאָפנ־גיין, און ווען מען וועקט זי אויף, פלעכט זי אַלע מאָל איר מאַנס נאָמען. אויך מאַרינעט שטעלט זיך אַוועק ביים טויער אויסקוקן דעם פּאָסטטרעגער מיט אַ בריוו פון איר זון. אַזוי שטייען ביידע פרויען צוזאַמען יעדן טאָג אין דרויסן מיט געדולד און עקשנות און דערציילן זיך זייער ווייטאָג.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

שווער מיט מאַטערניש צוליב דוחק אין קוילן איז פאַר־גאַנגען דער בייזער היי־יעריקער ווינטער. אפילו איצט איז נאָך אומ־מעגלעך איינצוזיצן אין שטוב... עס איז קאַלט און פייכט, כאָטש ס׳איז שוין מערץ; אין דרויסן אויף די גאַסן ליגן אָנגעלייגט בערג מיט שניי; שוין פון זינט דריי מעת־לעת פאַלן איבער דער שטאָט ווייסע פלאַכטעס; זיי קאָלערן זיך פון הימל ווי מתים־געשפּענ־סטער און מילי קוקט צו דורכן פענצטער און עס געפעלט איר דער דאָזיקער הימל־קאָנצערט איבער דער פאַרבלוטיקטער זינ־דיקער ערד, וואָס גיט אַרויס פון זיך אַזוי פיל טרויער.

ווידער האָט זיך געגעבן אַ באַווייז דער פרילינג. דער דרויסן האָט זיך אין גאַנצן פאַרענדערט.

ער איז געוואָרן שענער און ליכטיקער...

גרעזער האָבן גענומען ווייזן סימנים. מילד און צוגעלאָזט איז געוואָרן אַרום די גאַנצע נאַטור... די אויסגעצערטע שיינע וועלט האָט גענומען בליען. ווייסע און אַלערליי פאַרביקע בעזן האָבן זיך צעהאַנגען איבער די ביימער.

פּלוצעם... וויכטיקע טעלעגראַמעס אין די צייטונגען:

„די נאָרוועגער זענען באַפאַלן געוואָרן דורך דער דייטשער אַר־מיי... און דענעמערקער האָבן זיי גוטוויליק אַליין צו זיך אַריינגע־לאָזט אין לאַנד אַלס ציווילע טוריסטן...“

ווען מילי וויטעלזאָן האָט פון לעצטן מלחמה־גיים זיך דערוווסט, איז יעדע באַוועגונג פון איר גוף געוואָרן פאַרגליווערט און דער לע־בעדיקער שמייכל אויף איר פּנים פאַרלאָשן. איר איינציקע פריינדין דאָראַ שפּיראָ, וואָס איז גראָד מיט אַ קליין טעכטערל צו איר געקו־מען, האָט מילין געטרייסט. זי האָט זיך היינט געפילט בעסער ווי

איר חברטע מילי, ווייל סאַלאָמאָן, איר מאַן, האָט צו איר געשריבן, אַז ער קומט אַהיים אויף אורלויב אין די נאָענטסטע טעג. און מילי וויטעלזאָן האָט איר דערציילט וועגן לעצטן בריוו, וואָס לאַזאַר האָט צו איר געשריבן, אַז ער האָט פאַרדינט אַ מלחמה־אויסצייכענונג; ער האָט איין מאָל באַמערקט, ווי קוסטן־צווייגלער אויפן פעלד דער־נעענטערן זיך צו די פּאָזיציעס פון זיין אָפּטיילונג. הינטער די צוויי־גלער איז אָבער געווען באַהאַלטן דער שונא... אַ סברה, אַז דער שונא האָט זיי געוואָלט נעמען אין אַ שרעקלעכן פייער פון אַלע זייטן. לאַזאַרס שאַרפער בליק האָט זייער פּלאַן צעשטערט און אויפן אָרט פון נצחון געברענגט פאַרן פיינט אַ גרויסע מפּלה.

ווען מאַדאַם וויטעלזאָן איז פאַרבליבן אַליין אין הויז, האָט זי געטראַכט מיט ווייטאָג אין האַרצן ווידער וועגן לאַזאַרן. שוין לאַנג, ווי ער וואָגלט ערגעץ אין דער וועלט, אָן אַ היים, און לעצטנס זע־נען די נעכט אין פּאַריז פול מיט אַלאַרם־סיגנאַלן פון סירענעס. אין דער טיפער פינצטערניש זעט מען געדיכטע כמאַרעס מענטשן־קעפּ... צעשראָקענע פּנימער, פאַרסאַפּעטע, שוצלאָזע בלאָנדזשען אין די אונטערערדישע טונעלן, וואָס רופן זיך מעטראָ, וועלכער ציט זיך ווייט אין די איינגעווייידן פון דער ריזנשטאָט פּאַריז... אַ טונקל פּייערל בלישטשעט דאָרט צווישן די ווענט, ווו עס באַוועגט זיך אַ הויכער באַרג פון מענטשלעכע גופים, קעפּ, טשופּרינעס, פּלייצעס. אַ מויער, פון וואַנען עס קוקן אַרויס אויגן. עס ווייזן זיך בלייכע, צעשראָקענע פּנימער, גרוי־בערדיקע זקנים מיט צעקנייטשטע שטערנס, צווישן וועלכע ס'איז אָפּט ווי אַריינגעפּלאָכטן מילי וויטעלזאָן מיט אירע צוויי קינדער, וואָס זענען צו איר צוגעטוליעט נאָענט ווי אַריינ־געקלעבט אויפן לייב. זי זעט אויס מאָגער און פאַרצערט.

פּלוצעם האָבן ציימונגען געברענגט פרישע איבעראַשנדיקע נייס:

„די דייטשע אַרמיי איז באַפאַלן האָלאַנד, לוקסעמבורג, בעלגיע, און דער טיכטיקער פּאָל רעינאָ האָט איבערגענומען די ראָלע פון אַ פּרעמיער־מיניסטער אויפן אָרט פון דאַלאַדיע."

„דער העכסטער גענעראַל גאַמלען האָט דעמיסיאָנירט, זיין אָרט האָט פאַרנומען גענעראַל ווייגאַן און מאַרשאַל פּעטען."

„די רעגירונג וועט שטרענג מישפּטן די גרעסטע קריגס־פאַרזענ־לעכקייטן פאַר פאַרראַט און אַ גרויסע צאָל אָפיצירן זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן."

— — — — — — — — — — —

אין פּאַריזער דרויסן באַוועגן זיך פיל אָנגעפּאַקטע וועגענער,

קאמיאָנען מיט באַלעבאַטישקייט פאָרן פון פראַנקרייכס פאַרנומענע שטעט דורכן שונא...

די קאַטאַסטראָפע צעוואַקסט זיך גרעסער און גרעסער פון טאָג צו טאָג. דאָס אומגליק וויינט אַראָפּ פון אַלע דעכער, פון אַלע ווענט, פון אַלע צייטונגס־קיאָסקן און פּלאַקאַטן. אויפן פאָדערבלאַט פון יעדן זשורנאַל קוקן גרוילעך אַראָפּ די נעמען פון פריש פאַר־נומענע שטעט דורכן שונא, וועלכער דערנעענטערט זיך שוין צו די טויערן פון פּאַריז. פון פראַנקרייכס שטאָלצער הויפּטשטאָט אַנט־לויפן די מענטשן פון זייערע היימען און זייערע אויגן בליצן מיט חידוש:

— האָט עמעצער אונדזער לאַנד צום שונא פאַרקויפט?

אין פראַנקרייך וויינען אַלע שטובן, אַלע גאַסן... פון בולוואַר־קערער ביזן שטיינברוקער איז אַלץ אין אבלות. פראַנקרייכס גרוי־סע ליכט האָט זיך מיט איין מאָל פאַרלאָשן. ס'וואַלגערט צער אויף אַלע וועגן. פעלדער ברענען... הפקר און פריי ציגדט מען זיי אונ־טער... גאַנצע סטאַדעס שאָף, מחנות עופות, פערד בלאָנדזשען נע־ווגד אָן אַ היים... אַלע פּלעצער שטייען אויפגעריסן... אַלע לאַנד־עשירות זענען צעשיט איבער דער ערד ווי האָבער, וואָס יעדער קען עס אויפקלויבן.

דער שיינער בלומענטעפּיך פון אַלט־פראַנקרייך ליגט איצט צע־טרעטן.

אין יענע טעג האָט מילי וויטעלזאָן געגומען אירע צוויי ייִנגלעך אויף די אָרעמס און זיך פאַרנומען צום וואָקזאַל, כדי צו פאַרלאָזן פּאַריז. מאַדאַם מילי איז געטריבן געוואָרן דורך דער זעלביקער פּאַניק פון דער הויפּטשטאָט, צו וועלכער דער שונא האָט זיך דער־נענטערט.

פאַר וועגענער, אין וועלכע מען פירט מיסט, וואָס מענטשן האָבן אויפגעדונגען, האָט מען געצאָלט אוצרות; פאַר קאַמיאָנען פון פייער־לעשער און שוואַרצע עגלות פון די באַגרעבעניש־אַנשטאַלטן האָט מען ווי בעת אַן אויספּלעטונג פאַרפּילפּאַכט דעם מקח... אַלט און יונג, פרוי און קינד, אפילו קראַנקע פון שפּיטעלער האָבן אין איין אָטעם געיאָגט צו די פאָרטן, וועלנדיק אַנטלויפן פון פּאַריז, וואָס עס דאַרף פאַרנעמען דער פאַרהאַסטער פיינט. עס האָט אויסגע־דאַכט, אַז די מיליאָנען־שטאָט וועט פאַרבלייבן אָן איינוווינער, זעלטן וועט מען ערגעץ איבער אַ טראָטואַר הערן אַ מענטשלעכן טראָט... אַלע וואָקזאַלן זענען געווען באַלאַגערט פון פּליטים, וואָס וואַרטן

אויף באַנען, וועלכע גייען אָבער נישט. זיי וואַרטן פאַרעקשנט מיט געדולד ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. אפשר וועלן זיי פאָרט דערהערן דעם פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו אַן אויסלייזער. טייל ווילן מער נישט וואַרטן און לאָזן זיך צו פוס, ווו די אויגן טראָגן זיי.

אויך מאַדאַם ווימעלזאָן מיט אירע צוויי קינדער זענען געווען צווישן זיי.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

אין דעם לעצטן טאָג האָט די זון אין פּאַריז ווי להכעיס אַזוי גיל־דיק און העל געברענט אין פּנים, אַז ס'האָט ביי מאַרסעלן אויפגערייצט אַ כעס און ער האָט זיך געקריגט מיט אַלע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיי קוקן צו מיט גלייכגילטיקייט צו פראַנקרייכס אומגליק. ער האָט געזידלט מיט גראָבע רייד די פאַרקויפערינס פון בלומען און פון לאָטערי־נאַציאָנאַל, ווי זיי זענען געזעסן געמיטלעך ביי זייערע שטעלן אין אַלע גאַסן און אָפּגעוואַרט קונים. איצט איז געווען ביי נאַכט.

— מאַרינעט, דו שלאָפסט ? — האָט מאַרסעל כסדר געמונטערט זיין ווייב.

ניין, זי איז נישט געשלאָפן. ביידע זענען היינט מידע אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער און יעדערער באַזונדער האָט מיט געשלאָסענע אויגן באַוואַכט די געשעענישן פון דער נאַכט, מאָמענטנווייז אויפגעכאַפּט דעם קאָפּ פון קישן, בעת העלע עקספּלאָזן־פייערן ווי בליצן האָבן זיך אויפגעריסן אין הימל און אַדורכגעפלויגן פאַרן פענצטערל. אַ גרויער שטויב האָט זיך אַ טראָג געטאָן, ווי אַ ווינט וואָלט אים מיטגעריסן פון דער ערד. ס'האָט זיך געפילט אַ שוועבל פון דרויסן, וועלכער האָט מיט זיך דערמאָנט אָן אַ פאַרנעפּלטן ווינטער־פריימאָרגן, ווען אַ גרויקייט פאַרווישט די וועגן און קאָנטורן פון שטאָט, אַז מען זעט נישט ווו צו גיין.

ס'איז שוין געווען אַזוי שפּעט און ביי אַ שכן ערגעץ האָט נאָך געשפּילט דער ראַדיאָ דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן הימן, עפּעס אַזוי צעצויגן, פול מיט אומעט.

— מאַרסעל, דו הערסט דאָס שפּילן ? — האָט מאַרינעט מיט אַ קול, וואָס דערציילט פון אַ טיפן ווייטאָג, אַ זאָג געטאָן. און ער האָט געשוויגן, ווייל זיין מוח איז איצט געווען שטאַרק פאַרנומען

מיטן דרויסן, פון וואַנען ס'איז דערגאַנגען אַ געסקריפּ פון פאַרנדיקע ווענעלער מיט שלאָפנדיקע קינדער, וואָס האָבן מאָמענטנווייז זיך איבערגעוועקט און געוויינט מיט אַ יאָמערלער, גרויליק געוויין אי־בער גאַסן. ס'האָט זיך געהערט אַ געטופּ פון אַ סך גייענדיקע פיס איבערן אויסברוקירטן, באַשטיינערטן וועג צו די ערטער, ווו ס'גע־פינען זיך וואָקזאַלן.

מאַרסעל איז אַראָפּ פון געלעגער און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ דורך זיין איינגעבויגן קליין קאַנסיערזש־פענצטערל. ער האָט געזען די שוואַרצקייט און טרויער פון יענער נאַכט און געזאָגט:

— מאַרינעט, אפשר זאָלן מיר אויך אַוועק פון פּאַריז? — און זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ הייזעריקן פאַרשלאָפן קול:

— וואָס דולסטו אַ קאָפּ! וואָס גלייכסטו זיך צו מענטשן מיט געזונטע כוחות און גאַנצע אברים? דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָך דער מאַרסעל גיבור פון אַמאָל? היינט קען מען נישט אויסרעכענען אויף פאָרן מיט באַנען, נאָר אויף גיין צו פוס און דו מיט דיין קוליע וועסטו נישט דערגיין... וועסט בלייבן שטעקן ערגעץ אין וועג.

— אָך, פאַר וואָס איז פּאַריז נישט געוואָרן קיין ווערדען, ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה? פאַר וואָס לאָזן די פאַרשאָלטענע מלחמה־פירער פון היינט אונדזערע שטאָלצע ערד פון פיינט באַ־טרעטן? פאַר וואָס?

ווען מאַרסעל האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער גענומען רעדן שוין רואיקער:

— מאַרינעט, דו זאָגסט, אַז כ'וועל נישט קענען דערגיין. וועל איך זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנרעלס, אַ דורכפאָרנדיקער צוג זאָל מיך צעקוועטשן, כדי נישט צו דערלעבן אַזאַ שאַנד, אַז פּאַריז זאָל ווערן פאַרנומען דורכן דייטש, דער דורות־לאַנגער שונא פון פראַנקרייך!

און מאַרסעל האָט אַזוי רעדנדיק שנעל זיך אָנגעטאָן און געגרייט זיך אין וועג. נאָר מאַרינעט האָט זיך ביי אים שטיל געבעטן:

— דו ביסט קראַנק, ווו גייסטו, מאַרסעל? ראָבערט וועט אַהיים־קומען און וועט טרעפן די טיר אונדזערע געשלאָסן, וואָס ווילסטו טאָן? איך יעדנפאַלס קען נישט מיטגיין!

ער האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט און פאַרשווונדן געוואָרן אין דער נאַכט־פינצטערניש צווישן אַ סך וואַנדערנדיקע שאָטנס און אָפּגייענ־דיקע פיס. איבערן ברוק האָט אָפּגעהילכט זיין קוליע.

פּלוצעם האָט מאַרסעל דערזען אַ פול אָנגעפּאַקטע קאַפע מיט אַ פריילעך פּובליקום און פאַר דער האַלב צעפראַלטער טיר, פון וואַנען ס'האָט אַרויסגעלויכטן אַ שפּאַרע ליכט, האָט דער פּאַטראָן פון קאַפעהויז אַרויסגעוואָרפן צוויי שיכורע גאַסנפרויען, וואָס האָבן

געהאַלטן אין סאַמע ברען פון געשלעג. דער זעלבער פּאַטראָן האָט זיי שפּעטער פונאַנדערגעריסן, ווייל זיי האָבן זיך פאַרפלאָכטן מיט ביידע הענט איינע אין דער אַנדערערס קאָפּ האָר, און ווען אַלץ האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט, האָט די שטאַרקערע זיך געריצט מיט דער שוואַכערער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אַ געשלאָגענע מיט וואַקל-דיקע, אונטערגעהאַקטע טריט און געזען, ווי יענע טריאומפירט און שרייט:

— נאַ, זע דיינע קנוילן קלאַקעס, ווי זיי ליגן פאַרבלוטיקט אין מיינע הענט! דו וועסט נאָך צונעמען אַ חתן פון אַ כלה, זאָג?

מאַרסעל האָט דער דאָזיקער נאָכגעקוקט, ווי זי שטעלט אָפּ אַ פאַר-בייגייענדיקע מענער, וואָס בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש געגוי ווי ער צום וואָקזאַל, כדי צו אַנטלויפן פון פּאַריז, און יעדער שטופּט זי אָפּ מיט עקל און גייט ווייטער.

נאָר פּלוצעם האָט די פרוי זיך אָפּגעשטעלט און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָסל און דאָס פּיטשינקע פייערל האָט אַ בליאַסק געטאָן אין דער פינצטערניש און ער האָט ראַפּטאָם דערקענט אין יענעם אַלט אָפּגעלעבטן פּנים פון דער פרוי מאַרגעריטן — זיין כלה פון דער יוגנט!

ער האָט אַ שפּיי געטאָן און געגאַנגען ווייטער.

מאַרסעל איז צוגעקומען צו אַ לאַנגן מויער פון וואַליזן און באַוועגנדיקע גופים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט פאַרצווייפלט מיט קאַל-טע צעשראָקענע טויטע בליקן אויף אַן אָפּפאָרנדיקער באַן ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט צו אַנטלויפן פאַרן שונא.

און ער האָט זיך אויסגעמישט צווישן דער מענגע נאַכטשאָטנס, ווי אַ צובאַהאָפּטענער שאָטן פון דער לאַנגער קייט צונויפגעטוליעטע מע-נער, פרויען און קינדער.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

אין יענער צייט האָבן געשטראָמט האָרדעס דיסציפּלינלאָזע זעל-נער איבער פעלדער, טעג און נעכט. זיי האָבן געוואָגלט איבערן גאַנצן לאַנד פון אַלע איינגעבראָכענע פאַרנומענע פראָנטן דורכן שונא. און לאַזאַר וויטעלזאָן, אויך איינער צווישן אַלע, מיט נישט ראַזירטע באַקן און אַ ווילדער בליק ווי פון אַ צעטומלטער חיה, וואָס זוכט אַ רעטונג, אין די צעשראָקענע אויגן. אַ טייל מיט צעפלויגענע פּאַ-לעס ביי די צעעפנטע מונדירן, אַנדערע מיט פאַרשאַרצטע פּאָלעס ביז

דער העלפט, אז ס'זאל זיי זיין לייכטער צו לויפן, און צעקודלטע טשופרינעס און ווייטן שטערן פארוואָרפן, געטריבן פון ווינט, גע־פענדזשעט אין גרוים שרעק אין איין אָטעם, אז דער שונא זאל נישט איבעריאָגן און כאַפּן אין געפאנגענשאַפט.

לאַזאר וויטעלזאָן האָט געטאַפּט אין דער נאַכט־פינצטערניש, נישט געוווסט, צי ער נעמט די ריכטונג פון רעטונג אָדער ער לויפט גאָר אין די הענט פון די קעגנער, און ווי געגוי פון אַ סטויג היי אַפּער האָט זיך פלוצעם גענומען אויסוועבן אַ העלרויכיקער וואָלקן אין הימל און אַ קו־קו־רי־קו האָט זיך געטראָגן ערגעץ פון אַ פויערים־נעסט: דער ערשטער פריילעכער גרוס פון אָנקומענדיקן טאָג. שפּעטער האָט פון געפל אַרוים אַ בלישטש געטאָן אַ זוניקער באַגילדעטער באַרג און אַ גרינער טוי־פייכטער דיוואַן, פון וואַנען ס'האָבן זיך אויפגע־הויבן, ווי פון וויגעלעך קינדערישע קעפּלעך, אַלערליי פאַרבן בלומען, פריש אויפגעוואַכטע פון נאַכטשלאָף.

לאַזאר וויטעלזאָן האָט זיך געווישט דעם גערדיכטן שוויים פון שטערן און ווייטער געלאָפן. פלוצעם האָט ער דערזען ווי פון אַ תהום קוקט אַרויס אַן איבערגעדרייטער אויטאָ מיט די רעדער אַרויף, פאַרזונקען אין אַ שפּאַלט פון אַ באַרג. דער אויטאָ איז גע־ווען אַן אויסגעטריקנטער אָן אַ טראָפּן בענזין, אַ צעבויגענער, נאָר אַ ברייטער, אַ רחבותדיקער, ווי ער וואָלט מיט אַ כוונה דאָ גע־וואַרט אויף עמעצן. נאָך אַ רגע פון איבערקלערן איז לאַזאר וויטעל־זאָן צוגעלאָפן צו דער נאָענטער לאָנקע און צוגעפירט פיר אָקסן, וואָס זענען געלעגן הפקר אין גראָז מיט ברוינע און שוואַרץ־געפלעק־טע פעל, און זיי איינגעשפּאַנט, מיט שטריק פאַרוואָרפן איבער די העלדזער און באַלד האָט דער אויטאָ זיך גערירט פון אָרט און דער־הימל האָט אָהער געקוקט, ווי ער וואָלט געשפּעט פון דעם לאַנגווייליקן אָקסנמאַרש, טריט ביי טריט, ביז ס'האָט זיך אַ ווייז געטאָן אַ סימן פון אַ פויערישן ישוב. איז ער שנעל צוגעלאָפן אויס־זוכן אַ ביסל בענזין און באַלד האָט ער געטראָגן אַ פולן בידאָן אויפן אַקסל און געשריגן צו די פאַרביילויפנדיקע זעלנער:

— חברה, ווער קען פירן פון אייך אַן אויטאָ?

אַ סך האָבן זיך איינגעהאַלטן פון פאַרסאַפּעטן לויף און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג, באַהאַנגען דעם אויטאָ פון אַלע פיר זייטן און איינער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. באַלד האָבן זיך איינגעשניטן אַ געדיכטע מחנה זעלנערישע קעפּ אין דער וויים־קייט פון פעלדער צווישן באַוועגלעכע צעווינטלטע קאָרנזאַנגען. און די פיר אָקסן, פון וועמען דער הימל האָט פריער געשפּעט מיט לצ־נות, זענען פון הינטן שטיין געבליבן און פאַרגאַפּעט נאָכגעקוקט

דעם אויטאָס שנעלן פאַרקירעווען זיך צווישן זוניקע קזשאַקעס און לאָנ־קעס, ווו ס'האָט זיך בלויז געהערט אַ שפּיל פון פייגל, אַ געזשום פון בינען, אַ שפּיציקער געפייף פון גרילן און ס'האָבן זיך גע־פילט פאַררייסנדיקע ריחות פון ברייט צעפלאַכטענע נאָדלביימער. אַלץ, וואָס לעבט אין וואַלד, האָט פון זיך אַרויסגעגעבן סמנים פון לעבן אַ חוץ די אַנטלאָפענע זעלנער פון די פראָנטן, וואָס האָבן אין זיך איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי זענען געזעסן אין אויטאָ איינגע־קאָרטשעטע, כדי צו פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט, פאַרפלאָכטן גוף צו גוף, געשוויגן פון מורא, אַז ס'זאָל זיך נישט אַ וויז טאָן פּלוצעם אַ לויערנדיקער טיגער אין וואַלד, אַ שפּרונג געבן פון ער־גער אַ לייב, אַ וואָלף, אַ גיפטיקער שלאַנג אָנגעטאָן אין אַ בלאָס־גרינעם אוניפאָרם פון אַ דייטשן באַוואָפנטן זעלנער, און ס'זאָל זיך נישט אַ טראָג טאָן פון ווייט אַ פאַרטויבנדיק גרילצנדיק קול ווי אַ שאָס פון אַ האַרמאַט:

— האַלט!

דער געניטער שאָפער האָט געטריבן דעם אויטאָ מיט דער גרעסטער שנעלקייט און פאַרהאַנענעם אימפּעט.

פּלוצעם האָט לאַזאַר וויטעלזאָן דערזען ליגן אין פעלד אַ מענטש און לעבן אים אַ קוליע און דער שוד פון זיין געזונטן פוס איז געווען אַוועקגעוואָרפן לעבן אַ בוים. און מיט אַמאָל האָט יענער זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט און אַנטקעגנגעלאָפן דעם אויטאָ. ער האָט געפאָכעט אין דער לופטן מיט איין האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן די קוליע, און מיט דער צווייטער דעם שוד, געגעבן סמנים, אַז דער אויטאָ זאָל זיך אָפּשטעלן. שנעל האָט לאַזאַר וויטעלזאָן זיך אַדורכגעשטופּט דורך אַלע זעלנערישע עלנבויגנס און פּלייצעס צום שאָפער, פאַר וועמען ער איז געבליבן שטיין אין אַ בעטנדיקער פּאָזע:

— ברודערל, טו אַ טובה, נעם אויף אָט דעם קאַליקע, וואָס ליגט אפשר פון אַ סך גיין דאָ אַ פאַרמאַטערטער אין פעלד און ער קאָן דאָך אויסגיין פון נויט און עלנט.

און ווען דער פון אַלעמען אומבאַקאַנטער איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאַפּעטער אין אויטאָ, האָבן זיך דערהערט צוויי פריידיקע אויס־געשרייען:

— מאַרסעל!

— לאַזאַר!

ביידע שכנים האָבן זיך אין יענעם מאָמענט דערקענט און ווי ברידער זיך צעקושט. דער אויטאָ האָט גענומען אין אַ גלייכער ריכ־טונג זיך וואָס טיפער איינשניידן און וואָס מער דערווייטערן זיך פון

געפאַר, זיך אַדורכרייסן דורך אַ קייט פון בערג און וועלדער, ווו פרישקייט האָט געבלאָזן און געאָטעמט פון אַלע זייטן. ווינטן האָבן צעשויבערט לאַזאַרס בלאָנדע משופרין, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעשמייכלט זיינע צופרידענע אויגן, פול מיט גליק פון דער איצטיקער צופעליקער באַגעגעניש. ביידע האָבן געהאַט פיל זיך צו דערציילן, מייגסטנס מאַרסעל פון אַלע זיינע לעצטע שווערע איבערגעלעבטע טעג אין פּאַריז און פון ראָבערט, וואָס ער שרייבט אין זיינע בריוו:

— מיין איינציקע שטרעבונג איז צו קענען צוריקפאָרן קיין פּאַריז און ווידער זען מיין טרייען שטיפטאַטן און מיין גוטע מאַמע.

*

די זון האָט ווי מיט פּעכער אַ גאָלדנקייט אויסגעשפּרייט אויף די וועגן. אַ געפלעקטער כישוף־שיין ווי אַ רואיקער געפל האָט זיך געשאָטנט. נאָר גאָרנישט האָט געפרייט די אַנטלאָפענע זעלנער פון די איינגעבראָכענע פראָנטן, ווייל אַלץ האָט זיי איצט געשראָקן, יעדן האָט זיך ווי אויסגעדאַכט, אַז אפילו די בערג און די וועלדער, די גרעזער און בלומען — אַלע יאָגן זיך נאָך זייער פענדרזשענדיקן אויטאָ. יעדער שאָרך פון אַ פליענדיקן פייגעלע, יעדער קו־קו, יעדער געפּייף און יעדעס זשאַבע־קוואַקען אין די זומפּן — אַלץ גיט האָסלע דעם שונא, אַז ער זאָל קענען די מענטשן דעריאָגן און נעמען געפאַנגען.

— ניין, דאָ אַהער וועט שוין דער שונא נישט קומען! — זאָגט דער שאָפער מיט אַן ערנסט, נאָר זיין פּנים איז פריילעך.

ער פאַרשליסט די ליפּן מיט זיכערקייט און ס'הייבן אָן אַרויסשפּרינגען פון אויטאָ איינער ווי איינער הויכע פראַנצויזישע זעלנער, וואָס פריער אַ ווײַלע, ליגנדיק צונויפגעוויקלט אין אַ קנויל, האָט מען גאָרנישט געזען זייערע פּרעכטיקע געוואוקסן, און צווישן זיי לאַזאַר וויטעלזאָן און דער ציווילער מיט דער קוליע, וואָס מען רופט מאַרסעל. אַלע האָבן אָנגעהויבן קלעטערן אויף אַ באַרג, וואָס האָט צו זיי אַרונטערגעקוקט מיט אַ צעפלאַקערטן פלאַם, אויף וועמענס שפּיץ ס'האָט אַן אויסגעצוואָגענע, נאַסע גרינקייט געפּאַכלט צום וויאָלעט־אָקרענט און גענאָלדיקטן הימל. ס'ווייזט אויס, אַז ס'האָט געהאַט גערעגנט און קיינער האָט נישט באַמערקט די פאַלנדיקע טראָפּנס.

די זעלנער האָבן אַרויסגענומען פון זייערע רוקזעק דאַרע פאַרברענטע ברויטן און זאָרגזאַם צעשניטן פּענעצווייז, אַז ס'זאָל גענוגענען פאַר אַלע כאָטש אַ ביסן, און געגעסן פאַרטראַכט. נאָר איינער,

וואָס האָט נישט טועם געווען פון זיין פּאָרציע, איז געווען לאַזאַר וויטעלזאָן. ער האָט אַראָפּגענידערט זיין קאָפּ ווי אין אַ ישוב־הדעת און אים צוריק אַ הייב געטאָן אין דער לופט, אַ פלאַטער געגעבן מיט זיין גאָלדענער, בלאָנדער טשופּרין און אויסגערופן אַזוי הויך, חי ער וואָלט געוואָלט, אַז אויך דער באַרג זאָל אים דערהערן:

— זאָגט מיר, זעלנער, קאָלעגן מיינע, ווען למשל אין אַ קריג דעם שונא געלינגט צו פאַנגען דעם גענעראַל פון אַן אַרמיי — צי מוזן זיינע סאָלדאַטן שוין קאַפּיטולירן, אַוועקלייגן דאָס געווער? אָדער ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צווישן די אייגענע פּראָסטע זעלנער באַשטימען אַ צווייטן גענעראַל און וויטער פאָרזעצן די מלחמה?

אַלע פּנימער האָבן זיך מיט איין מאָל אָנגעקוקט און איינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— חברל, זאָג קלאָר, וואָס דו מיינסט?

און אַ צווייטער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אויסגעזען אַזוי הויך, ווי זיין קאָפּ וואָלט זיך פאַררריסן אין הימל, און ער איז נערוועאיש אַריינגעפאָרן מיט ביידע הענט אין זיינע הויזן־קעשענעס און געריעדט ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, פאַר מיר איז אַלץ פאַרשטענדלעך און ריכטיק...

און וויטעלזאָן האָט גענומען רעדן:

— פראַנצויזן, קאָלעגן, איך טראַכט, אַז מיר, וואָס געפינען זיך דאָ אויפן באַרג, אָט די קליינע גרופּע וואָלטן געקאָנט מיט זיך מיטרייסן דעם גאַנצן פאָלק און אויפוועקן צו ווידערשטאַנד, ווען מיר וועלן נאָר באַווייזן דעם ערשטן ביישפּיל פון העלדישקייט.

— — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט נאָך אַלץ אויפן באַרג זיך אין גאָלדסטענגעס צעשפּינט און די מענגע קעפּ און גופים האָבן זיך ענג צונויפגערוקט און לאַזאַר וויטעלזאָן האָט לאַנג נאָך פאַר זיי גערעדט. איצט האָט קיינער פון דער גרופּע נישט מער געזען ווי פריער אַ טרויעריקן פרילינג, נאָר ווי אינעם טונקעלן נעפּל ס'אַנטפּלעקט זיך אַ זאַפטיקע פאַרחלומטע נאַכט.

מאַרסעל האָט שטום צוגעהערט זיין שכן וויטעלזאָן, געקוקט אין מויל, דאַנקבאַר און אונטערטעניק, ווי מען קוקט אויף אַ דאָקטער, וואָס פאַרשרייבט אַ זיכערן רעטונגס־רעצעפּט פאַר אַ גוסס, און ס'זענען אויפגעשווומען אין זיין זכרון די טעג פון דער ערשטער, אָט נאָר ווי פאַרענדיקטער וועלט־מלחמה, ווו ער האָט לאַזאַרן אין בערלין דערזען צום ערשטן מאָל מיט אַ צעפלויגן שוואַרץ קאַפּעליושל איבער זיין בלאָנדער אַרויסהענגענדיקער טשופּרין, נאָך כמעט אַ ייִנגל געווען, און איצט, ווי ער איז אויסגעוואַקסן צו אַ

מוטיקן זעלנער מיט אַזוי פיל ליבע צו פראַנקרייך. ער זאָגט רייד, וואָס ליגן יעדן ערלעכן פראַנצויז אויף דער צונג.

שפּעטער, ווען מאַרסעל איז צווישן דער גרופּע מידע, מיט די קעפּ אַנגעלענטע איינער אויפן אַנדערנס אַקסל, איינגעשלאָפן און אַ צע־לויכטענע לבנה אויפן הימל האָט זיי באַוואַכט, האָט איינער ווי אַ טרייער פּאַסטעך איבער זיין סטאַדע געהאַלטן אָפן זיינע אויגן, אַז קיין וואָלף זאָל קיינעמען נישט פאַרצוקן — דאָס איז געווען לאַ־זאַר וויטעלזאָן. ער האָט געשפּינט אַ חלום וועגן טעג, ווען אין פראַנקרייך וועלן ווידער די מענטשן פריי זיין.

די נאַכט האָט טרויעריק געקוקט אויף לאַזאַר וויטעלזאָנס פּנים, וואָס האָט אויסגעזען פאַרשאָטנט מיט מרה־שחורה, און געהערט, ווען ער האָט געריידט שטיל און פאַרזאָרגט צו זיך אַליין:

— כ׳האָב אויך צו ווענען צו פאָרן, פּונקט און גענוי ווי אַלע מענטשן אין דער גאָרער וועלט פאַרמאָג איך אויך וועמען ליב צו האָבן: צוויי שיינע יינגעלער, וואָס זענען מיין גאַנץ לעבן! און אַ פרוי, אַ יונגע, אַ קלוגע, אַ האַרציקע. נאָר כ׳קען נישט מער קו־מען צו זיי קיין פּאַריז, ווייל כ׳בין נישט בכוח איבערצוטראָגן אַזאַ מיפּן צער צו זען, ווי אָט די שיינע וונדערשטאָט, דער שטאָלץ פון פראַנקרייך, ליגט געשענדט, צעטראָטן אונטער די פיס פון זיגרייכן שונא.

ביים לעצטן וואָרט האָט אין לאַזארס אויגן זיך געזען אַן ענדלאָ־זער אומעט, וואָס האָט זיך געשוואַרצט אונטער אַ זילבערטרער.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

אין אַ לעצטן זומער־באַגינען איז לאַזאַר וויטעלזאָן געגאַנגען אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג צווישן אַ געקריי פון העגער און אַרום איבער פעלדער האָט זיך געטראָגן אַ געריוש פון כלערליי וואַלד־באַשעפע־נישן, אַ געשפּיל פון פייגל, אַ געגריל, ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ שטעטל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג און האָט אויסגעזען ווי אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ אין די מעשה־ביכלעך פון פאַרצייטיקע פּירשטן. דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון אַ קלויסטערל, אַ מערי, אַ וואָקזאַל און אַ בלומענפּאַרק. נאָר אַלץ האָט געעטעמט מיט דורות־דיקער אַלטקייט און פאַרלאָזקייט. דאָס בילד אַליין האָט דערציילט, אַז ס׳לעבן דאָ נאָר רייכע און גליקלעכע מענטשן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען, אַ חוץ, וואָס אַלע האָבן דאָ געקענט איינע אַן אָרעמע

אלמנה זשאַנעט. זי פלעגט וואַשן וועש פאַר אַלטע פויערים, וועמענס ווייבער זענען געווען שוין טויט. זי פלעגט פאַרריכטן אַ העמד, פאַרצירעווען און צונייען אַ קנעפּל. פאַר דער אַרבעט האָט מען איר באַצאָלט מזומן געלט. נאָר אַז זי האָט אַ פולע נאַכט איבערגענעכטיקט ביי אַ פויער אויף אַ פרעמד געלעגער, איז די אלמנה זשאַנעט אַרויס פון יענעמס כאַטע גאַנץ באַגינען און ס׳האָט שוין אויף איר געוואַרט דער לוין: אַ ביסל מייערן, קאַרטאָפל, אפילו אַן עוף — דערפון האָט זי דערנערט איר איינציק טעכטערל פאָלעט. די דאָזיקע אלמנה האָט זיך אויסגעלערנט שיין צו רעדן און נאָך שענער צו שמייכלען, אַז אַלע אברים אויף איר גערונצלט פנים, אַזש ביז וווייט אין האַלדז אַריין, האָבן מיטגעלאַכט מיט חניפה. אין די שכנישע היימען האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַ זינדיקער פרוי. זי האָט זיך קיין מאָל נישט מתוודה געווען פאַרן גלח, מען האָט זי קיין מאָל נישט געזען אין דער קירך. מען האָט אפילו נישט געקענט דעם מאַן, פון וועמען זי האָט געהאַט געבוירן איר טעכטערל פאָלעט, וואָס האָט געהאַט אַ קאַלכוויים פנים און קאַלכווייסע אויגן און אפילו שטאַר ווי קאַלך זענען ביי איר געווען די אַפּלען אָן אַ באַוועגונג. אויך אירע האָר זענען געווען שטאַרע, ווייסע, וואָס פלעגן זיך אונטערן געבלישטש פון דער זון צעלייכטן ווי גאָלד. ווען פאָלעט איז נאָך געווען גאַנץ יונג, האָט זיך אין איר איינגעליבט אַ בראָנדז־פנימדיקער שפּאַניער, וואָס פלעגט שטיל אַראָפּשלינגען אַלע פאַרדראָסן אויף זיין פרוי — און איז געווען צו איר אונטערטעניק ווי אַ קנעכט. ער פלעגט צוקוקן מיט פאַרביסענע ליפּן, ווי עס גלעט זי דער אַלטער רייכער גאַסטאָן, אַ מענטש שוין אין דער טיפסטער זיקנה, וואָס איז געגאַנגען איינגעבויגן אין צווייען, נאָר אַ בעל־תאווה איז ער געווען. זיינע דינסטן האָבן ביי אים צו ביסלעכווייז צוגערויבט זיין גאַנץ פאַרמעגן. און טאַקע דערפאַר האָט די וועשין זשאַנעט אונטערגעשיקט איר יונגע פאָלעט, אַז זי זאָל ביי אים פועלן, וויל סיי ווי סיי האָט ער נישט קיין יורשים, זאָל ער אָנשרייבן אַ צוואה, אַז אַלץ זאָל איר געהערן נאָך זיין טויט. געוווינט האָט פאָלעט מיט איר מאַן אין גאַסטאָנס רייכן הויז, טיר ביי טיר. ווען דער שפּאַניער פלעגט נאָך דער שווערער אַרבעט אין פעלד כראַפּען אין שלאָף, פלעגט זי אַוועק צו גאַסטאָנען. דער אַלטער האָט געהאַט חוץ זיינע אוצרות געלט אַ ביסטראָ מיט אַ רעסטאָראַן אויפן ברייטן טראַקט, וועמענס דרויסנדיקע מויערן זענען געווען איינגעטונקען אין בלומען. זעקס ברייטע טרעפּ פון ווייסן מירמלשטיין האָבן אַרויפגעפירט צום רעסטאָראַן. אין די פרידלעכע יאָרן פלעגן אַהין אַריינקומען אַלע טענים־שפּי־

לערם פון נאָענטן שטח, אויך די זשאָקיים פון פערדגעיעגן. אַ באַזונדערער רוים איז דאָרט געווען פאַרהאַן פאַר די גאָלפשפּילער פונעם שכנותדיקן גאָלפפּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען צווישן פעלדער און גערטנער, ווו ס'האָבן דאָרט אַ מאָל געוווינט מאַרקיזן, פּרינצן, קרובים פון די פראַנצויזישע קיניגן. נאָר היינט, אין די מלחמה־יאָרן, פון זינט דאָס פראַנצויזישע לאַנד איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון די דייטשן, האָבן די ווייסע מירמלשטיינערנע טרעפּ פון אַלטן ביסטראָ ווי כישוף צוגעצויגן צו זיך די שטאָלצע הויכראַנגיקע דייטשע מיליטער־לייט. דער ווירט האָט געהאַט דעם געשמאַק פון אַ פּאַריזער און האָט אַוועקגעשטעלט ביים סאַמע אַריינגאַנג אויף די טרעפּ אַ וואַזע פון פיינסטן קרישטאָל פול מיט קאָלירפולע בלומען, און ווי צעשמייכלטע וועכטער צוויי בלויע פּאַראַסאָלן, וואָס האָבן זיך צעפּאָכעט אין דער ברייט, איינער לינקס, איינער רעכטס, און געגעבן אַ פּרעכטיקן אָפּשיין, באַזונדערס אין די שעהן פון פאַר־מיטאָג, ווען די פילפאַרביקע צעגאָסנקייט פון גערטנער און פאַרקן אַרום האָבן אַהערגעבלישטשעט אונטער דער גאָלדענער זון.

פון ערשטן טאָג אָן, וואָס דייטשלאַנד האָט פאַרכאַפּט פראַנקרייך, איז גאַסטאָנס ביסטראָ געוואָרן דאָס ליבסטע אָרט פאַר זייערע מיליטער־לייט. זיי אַליין האָבן אים געגעבן דעם נאָמען „דאָס פראַנצויזישע פּאַראַדיז“. דאָרט אַהין פלעגן זיי קומען נישט אַליין, נאָר אויך מיט זייערע פרויען און געליבטעס. גאַסטאָן האָט אָבער געגלייבט, אַז זיי ציט אַהער נאָר פּאָלעט מיט אירע צעבלישטשעטע ווייסע האָר, זי, וואָס האָט זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט צום אַרישן ראַסן־פּרינציפּ. זי האָט איצט פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי דער קאַסע און האָט באַדאַנקט דעם אַלטן מיט אַלעמען, וואָס זי האָט נאָר געקענט. זי האָט צו אים געלאַכט מיט אירע צעלויכטענע האָר, — ס'איז נאָר געווען אַ וווּנדער, ווי ס'האָט זיך גענומען צו פּאָלעטס שטאַרן בליק אַזוי פיל שמייכל. זי פלעגט זיך אַוועקשטעלן ביים ברייטן אַריינגאַנג, אין אַלע מאָל נייע און אַנדערע קליידער, און דערמיט צוציען די הויכראַנגיקע שלאַנקע מענער מיט גאָלד־ און זילבער־עפּאָלעטן. פון באַגינען ביז ביינאַכט האָבן זיי געשורעוועט אַריין און אַרויס.

לעצטנס האָבן זיך אויך ביים ביסטראָ־אַריינגאַנג געיאַוועט צוויי דאָרפישע שנאָרערם מיט אָפּבלאַקירטע, אָפּגעטראָגענע מלבושים — מסתמא איינוווינער פון די שכנישע ערטער: איינער אַ הויכער, מיט בלויע איבערגעדרייטע אויגן און מיט אַ ווייסן שטעקן אין דער האַנט — אַ צייכן, אַז ער איז בלינד. געפירט און געוויזן אים דעם וועג האָט אַן עלטערער פון אים. אַנגעלענט אויף אַ קוליע — ער האָט גע־

האט א ווילד פאַרוואַקסן אויג. א טייל מיליטער־לייט פלעגן גלייכגילד־טיק א ווארף טאָן א נדבה, נישט צומאָל געבנדיק א בליק אויף זייע־רע מיאוסע פּנימער. לעצטנס איז אין יענעם ביסטראָ־רעסטאָראַן געווען א נאַכט פון שיכרות, ביזן בלויען באַגינען, און די געזאַנגען, סיי מיליטערישע סיי אַנדערע פאַרבענקטע מעלאָדיעס, האָבן זיך גע־טראָגן איבער נאָענטע און ווייטע פעלדער און וועלדער.

אויך פּאַלעט מיט אירע קאַלכשטאַרע אויגן האָט דעם אַלטן גאַסטאָן געהאָלפן אַרומגענומען און געקושט.

אומגעריכט האָט אויסגעבראָכן א באָמבן־עקספּלאָזיע פון אַלע פיר זייטן און אַרומגענומען ביזן דאַך דעם גאַנצן בנין אין איין גרויסן פלאַם, פון וואַנען קיין מענטש האָט נישט געפונען קיין אַרויסגאַנג. א גרויער נעפּל פון רויך און וועגט פון פאַרע האָבן פאַרשטעלט אַלע וועגן.

— — — — — — — — — — —

אָט דעמאָלט האָבן אַלע פון יענער גרופּע קעמפער, וועמען עמע־צער האָט גענומען אָנרופן מיטן נאָמען „מאַקיזאַנער", שוין באמת געגלייבט אָן די געהערטע רייד פון זייער שעף לאַזאַר וויטעלזאָן, ווען ער האָט גערעדט מיט זיך אַליין אין יענער היסטאָרישער גריג־דונגס־נאַכט, אז ער קען נישט צוזען, ווי דער שטאָלץ פון פראַנק־רייך ליגט געשענדט אונטער די פיס פון אָקופּאַנט. נאָר לאַזאַר האָט זיך איצט אַליין גענומען באַטראַכטן פאַר אַן אַנטרונענעם פון אייגענע הייליקע פּרינציפּן, וועלכע ער האָט פריער אין די שלום־יאָרן געשטאַלטיקט אין זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אָט צו די דאָזיקע געדאַנקען האָט גורם געווען, בעת ס'איז לאַ־זאַרן אויפן זכרון געקומען די רייד, וואָס זיין פרוי מילי האָט צו אים געשריבן אין לעצטן בריוו ערב די גרויסע געשעענישן:

„טייערער לאַזאַר!

— כדי שטענדיק וועגן דיר צו טראַכטן ביי נאַכט, ווען כ'שלעף איין די קינדער, און ביי טאָג, ווען כ'פיר זיי אין גאָרטן אויף שפּאַ־ציר, — אומעטום, ווו כ'בין נאָר און ווו כ'געפין זיך, טראָג איך ביי זיך מיט דעם מאַנוסקריפּט פון דיין אָנגעשריבענער נאָוועלע „דער שאָטן פון אוריה החיתי" און איך לייען די נאָוועלע שוין צום וויפלטן מאָל! כ'האָב מורא, אז כ'זאָל זי נישט ערגעץ פאַר־לירן אָדער פאַרגעסן, ווייל זי איז ביי מיר טייער און כ'וויל זי אָפּ־היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און ס'דאַכט זיך מיר, אז כ'וועל קיין מאָל נישט מיד ווערן פון לייענען אָט די נאָוועלע, ווייל זי פאַרקערפּערט אַלע דיינע שיינע אידעאַלן: פּאַציפיזם און מענטשן־ליבע.

טייערער לאַזאַר מיינער!"

לאזאר וויטעלזאן

דער שאטן פון אוריה החיתי

א.

— כי־כי־כי, האָט דער אַלטער פֿויער זבלון זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און פֿון זיינע טריבע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט נישט קיין זעאַפּלען, נאָר צוויי אַרויסגעזעצטע רויטע שטיקער בלוט.

— נישקשה, צו מיינע הונדערט יאָר וואָלט איך זיך נאָך געקאָנט גוט אַן עצה געבן מיט אַזאַ נישטיקן פֿעלד־שריץ, טע־טע־טע־טע! נאָר ס'איז טאַקע אמת, אַז דו, אוריה, ביסט פֿלינקער, דו האָסט אים באַלד געגעבן אַ דורס מיט דיין לאָפּאַטע, אַז דער עקדיש האָט זיך צומאָל נישט געקענט אַ ריר טאָן פֿון אָרט. — האָט ער געזאָגט צום צווייטן מיטשמועסער. ער איז געווען דער יונגער פֿויער אוריה החיתי. דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער געהייסן לויטן אָרט, פֿון וואַנען ער האָט געשטאַמט. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ גיבור פֿון דער דאָזיקער געגנט. אַזוי גייענדיק מיט קאָסעס אויף די אַקסלען אָנגעלענט, טוקנדיק זיך אין די הויכע גראָזן, האָבן זיי אויסגעזען וואָס אַ מאָל קלענער ווי פֿינטעלעך איבערן ברייטן לאַנגן גרינעם שטח.

איבערן פֿעלד האָט זיך געטראָגן אַ געזשום פֿון פֿאַרשידענע פֿליגן, בינען, פֿייגל, זשאַבעס. יעדעס באַשעפֿעניש האָט אַנדערע קלאַנגען איבערן ברייטן גרינעם פֿלאַך פֿון זיך געלאָזט הערן. צוויי טייכלעך אינעם מידן זומער־פֿאַרנאַכט האָבן ווי ערנסט זיך איבערגעווונקען מיט די פֿעלדזן, וואָס זענען געווען ערטערווייז באַוואַקסן מיט ווילדע קזשאַקעס. זיי האָבן אונטערגעשפּאַרט אַ מויער, אַ האַלב פֿאַרזונקענעם אין דער ערד, פֿון וועלכן מען דערציילט, אַז דאָס איז אַ מאָל געווען אַ הייל פֿון די אַמאָליקע כנענישע רויבער.

— אָ, ווי דער שלאַנג האָט אַ בלישטש געטאָן מיט די גיפֿטאייגעלעך, האָט אוריה אונטערגעהאַלטן דעם אַלטנס רייד, דערביי האָבן זיי זיך צעשיידט יעדער אין אַן אַנדערער ריכטונג.

אוריה האָט זיך פֿאַרקירעוועט צום אַקער־שטח פֿון חיתי און זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווי די לעצטע ליכטפּלעקן פֿון פֿאַרגייענדיקן מידן טאָג פֿאַרלעשן זיך הינטער אים.

שפּעטער האָט ער פאַרוואָרפן זיינע אויגן צו אַ נידעריק גע־בויגענע געצעלט און זיך פאַרטראַכט וועגן דער יונגער פּויערטע בת־שבע.

איבערן הימל האָט זיך געקאָלערט אַ פּיטשינקער שטערנדל און אויף דער ערד איז געווען אָנגעלייגט הויפנס מיסט, ווו ביי טאָג פּו־ליען זיך מוטער־נאַקעט, אָן פעדערן, ערשט געבוירענע יונגע עו־פעלער און ס'קרייען פון דאָרט אַרויס רויטשנאָבלדיקע הענער מיט אַ גבורהדיקן קו־קו־רי־קו!

נאָך די פאַרשווונדענע טריט פון יונגן פּויער אוריה החיתי האָט אַ הונט איינער אַליין קעגן דער גאַנצער וועלט זיך צעבילט: האַוו, האַוו, האַוו!, ווי ער וואָלט פון גרויס כעס זיך אַליין געוואָלט צע־רייסן און די גאַנצע וועלט אַרום, וועלכע איז געלעגן איינגעוויקלט אין דער טונקל צוגעפאַלענער נאַכט. שפּעטער האָט ער אַ סברה גע־נומען פאַרשטיין, אַז עס איז נישט באַקוועם צו זיין איינער אַליין קעגן אַלעמען, אפשר דערפאַר, ווייל זיין קול האָט נישט גוט גערינגט צום ציל, איז דער הונט צום סוף איבערגעגאַנגען אין אַ דין צעגאָסן געוויין, ווי ער וואָלט זיך געפּיעשטשעט פאַר דער וועלט: האַוו־האַוו־האַוו, ווי אַ קליין קינד פאַר אַ שלעכטער מאַמע.

די שמרוי פון די תבואה־דעכער האָט זיך געוויילט אין דער אָונט־טונקלקייט און די פּויערים־געסטן אַרום האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אַרויסגעוואַקסן פון די ברוין פאַרהאַרטעווטע בלאָ־טעס, וואָס ווינטן און חדשים לאַנגע רעגנס האָבן זיי דאָ אָנגע־וואָרפן, כדי מענטשן זאָלן משפחותווייז וווינען אין די דאָזיקע פלאַכע שטיבלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט סמנים פון אַמאָל, ווען די ערד איז געווען פון די אמורים, חיתים און אוראַלטע כנענים פאַרנומען. אָבער היינט זענען אונטערגעוואַקסן דרייסטע קאַמפּלוסטיקע עברים און זענען פאַרבליבן די לאַנד־באַלעבאַטים.

אין דרויסן נעבן זייערע צעפאַלטע טירשוועלן ליגן צעוואָרפן כלער־ליי וועגענער, רעדער און דישלעס, בראָכוואַרג פון האַלב ווילד אָרטיקער אָרעמקייט.

אוריה החיתי מיט זיין גאַנצער הויכקייט שטעלט זיך אַוועק ער־גען ביי אַ פּלויט און וויל דערזען אין אַ געצעלט־פענצטער דאָס שיי־נע פּנים פון דער יונגער פּויערטע בת־שבע און הייבט זיך אויף די שפּיץ נעגל און הערט אפילו די רייד פון איר מאַמע, ווי זי ביי־זערט זיך:

— אָווא! עס איז נישט אויסצוהאַלטן פון דער מויד! — און זי פאַרוואַרפט די פאַרבלאָטיקטע האַנט ביי אירע באַקעס און דאָס

באהארטע וואָרצל אויף איר גאָמבע שאָקלט זיך האסטיק בשעת זי טענהט:

— ניין, עס איז נישט אַנדערש, נאָר אַ רוח ליגט אין דער דאָזיקער בת־שבע! נאָר איין גאָט אין הימל ווייס, וואָס זי קען נאָר מיט איר פוסטן קאָפּ דערטראַכטן. אפשר גאָר איז זי נאָך שענער פון מלך דודס ווייב, די באַרימטע שיינקייט, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פון קעניג שאולס הויז?

בשעת עס הערן זיך די רייד, דאַכט זיך אוריהן, אַז דאָס האָר־וואָרצל אויף איר גאָמבע צוזאַמען מיט דער פּויערטע, בת־שבעס מאַמע, בייזערן זיך בשותפות. אָבער בת־שבעס שטאָלץ ווערט גאָר־נישט געמינערט און איר שיין פּאַרשניצט מויל גיט אַ בלישטש מיט העלפאַנדביין־ווייסקייט פון קליינע פּערלציין און זי צעלאַכט זיך:

— מאַמע, פאַר מיר איז געגוג, וואָס אוריה זאָגט, אַז איך בין די שענסטע פון אַלע מיידלעך אין גאַנץ חיתי.

זי לויפט אַרויס צום ברונעם און איר געלעכטער לויפט איר נאָך און דער ווידערקול טראָגט זיך אין דער ווייטקייט.

— בת־שבע! דו האָסט פאַרגעסן, אַז די נאַכט איז שוין צוגע־פאַלן. אין דער פינצטערניש ווילסטו זיך גאָר אָנשפּיגלען אין וואַ־סער, קענסטו נאָך חלילה אַריינפאַלן. קום בעסער העלפן צוגרייטן אַ געקעכטס. כ'ווייס גאָר נישט, פאַר וואָס דער טאַטע מיט די בנים זוימען זיך נאָך אין פעלד! קום אהער, שיינקייט מיינע, נעם צע־שניידן מייערן און בוריקעס אויף פּענעצן אין טאָפּ אַריין און איך וועל זיך אַ נעם טאָן אָנהאַקן האָלץ און מאַכן פייער. כ'האָב זיך מיט דיר אַזוי פאַרשמועסט און פאַרגעסן, אַז די פרעסערס דאַרפן אוודאי באַלד אָנקומען, און כ'וועל אויך דיר זאָגן, אַז כל זמן דיין טאַטע־מאַמע לעבן, וועלן מיר נישט דערלאָזן דעם שידוך מיט אוריהן, ווייל נאָך דער חתונה וועט ער דיך אַזוי שלאָגן ווי זיינע אייזלען, ער וועט דיך קיילן און שינדן דיין הויט פון לייב.

ביי די לעצטע ווערטער האָבן זיך איבערגעוואָרפן מאַמע און טאָכ־טער קעגנזייטיק מיט בליקן:

— ניין, עס איז גאָרנישט אמת, אַז אוריה איז אַזאַ שלעכטער, האָט בת־שבע גערעדט ווי צו זיך. — פאַרקערט, איך ווייס, אַז ער איז זייער אַ גוטער און די אַלע רייד זענען לשון הרע, ווייל דער רייכער שכן זאָגט צו מיין טאַטע־מאַמע גרויסע שטיקער פעלד, כדי זיי זאָלן מיך געבן צו זייער זון, דעם נישט געראָטענעם, פאַר אַ ווייב.

אַזוי האָט זי געטראַכט און געשניטן בוריקעס און מייערן אין

אַ גרויסן סאַגאַן אַריין. די רייד פון בת־שבען האָט די מוטער נישט געהערט, ווייל זי איז געלאָפן פון איין אָרט אין צווייטן, פונאַנדער־גערוקט די פייערקעס און געכאַפּט אין איין אָטעם שטיקער האָלץ און געוואָרפן אין אונטערגעהייצטן קיכל.

ראַפּטאָם האָבן אָנגעהויבן אָפּהילכן פון נאָענט טריט, וועלכע האָבן בת־שבעס מחשבות פאַריאָגט. דאָס איז געגאַנגען דער טאַטע מיטן צענדליק בנים — יונגע, הויכע ווי די דעמבעס, אָנגעלאָדע־נע מיט העק און לאָפּאַטעס. אַלע זענען געווען שוואַרץ באַוואַקסענע ווי פון ווילדער, רויער ערד אויסגעקנאָטן. מיט איין שפּרייז זענען זיי שוין אַלע געווען אין געצעלט: שנעל זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש, גענומען פליקן מיט די צייגער גרויסע רעפּטן ברויט, באַשאָטן מיט זאַלץ, און געוואָרטשעט:

— אַ חמסין איז היינט געווען, אַ שרפה נישט אויסצוהאַלטן! — האָבן זייערע רייד זיך ווי צונויפגעוואַקסן מיט די ביסנס ברויט.

— ווו איז דאָ די מויד? — האָט זיך דער אַלטער פויער גע־וואָרגן אַזש פון רציחה. — מסתמא שוין ווידער אַהינגעלאָפן צו אוריהן אין פעלד.

אַ דערשראָקענע האָט בת־שבע בלייך זיך אַרויסגערוקט, אַז אַלע זאָלן זי זען, און באַלד, ווי אַ פאַרשולדיקטע, אַוועקגעשלייכט זיך אין אַ ווינקל, ווי זי וואָלט געזוכט אַ מקום־מקלט זיך צו באַהאַלטן, און אָנגעטראָפן דער מאַמעס פלייצעס, צוגעטוליעט זיך צו זיי.

ב.

אַ צאַרטע און אַ שלאַנקע איז בת־שבע אויסגעוואַקסן ווי אַן איידל, ווונדערבאַר געוויקס אין אַ פאַרלאָזט פעלד, דער היפּוך צו די ברידער און צום טאַטן, די ווילד באַוואַקסענע פויערים. בלויז די מאַמע האָט זי פאַרשטאַנען און פלעגט זאָגן:

— נעבעך! וואָס פאַר אַ לייטיש קינד קען מען דאָ אויפבאָוועןאין די טיפע, גלע זאַמדן פון חיתי! — און דערביי פאַרריסן איר קאָפּ אין דער הייך מיט גאווה.

ס'איז טאַקע אמת, אַז די דאָזיקע פויערטע האָט אַלץ געטאָן, אַז בת־שבע זאָל אויסוואַקסן וואָס שענער און גראָטענער, און געוואָרן איז זי טאַקע אַן אויסנעם פון אַלע מיידלעך אין געגנט. אַז זי פלעגט טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד צווישן חברטעס אין די שניטטעג, ווען די תבואות זענען צייטיק געוואָרן, האָט זיך אויסגעדראַכט, ווי

אַלע גראָזן אוןביימער וואָלטן זיך מיטבאַוויגן אין ריטעם. שפּעטער נאָך אַזאַ שימחה האָט דאָס גאַנצע דאָרף גערעדט לשון הרע, דער־ציילט איין שכן פאַרן צווייטן וועגן בת־שבעס הילכיק געלעכטער, וואָס האָט אַזש אָפּגעקלונגען איבער די פעלדער. דערפאַר איז אוריה געוואָרן אין כעס אויף די מענטשן, וואָס זוכן זיין שיינער בת־שבען שלעכטס צו טאָן, און געוואָרטשעט צווישן די ציין:

— נישקשה! חברה האָבן מיט מיר אָנגעהויבן און פאַרגעסן אַ סברה, אַז איך הייס אוריה החיתי.

בת־שבע איז געווען גליקלעך, וואָס זי איז נישט אַליין אין קאַמף קעגן אַלע אירע נישט־פאַרגינער און עס נעמט זיך אָן פאַר איר אין יעדער נויט איר שוואַרץ באַהנטער אוריה, וועמענס פּנים איז אַזוי פון דער זון פאַרברענט, ווי ביי איינעם פון יענע וואַנדער־שבטים, וואָס רופן זיך כדרים.

נאָך אַזאַ מחלוקה צווישן די יונגע פּויערים האָט אַ מאָל בת־שבעס טאַטע זי קוים אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט אַ געשלאָגענע, אַ צעשויבערטע, די צעפּ צעוואָרפן, צעלאָזט אין די אויגן און בת־שבע האָט געהעשעט און די מוטער האָט ביי דער געלעגנהייט גע־פּענהט:

— אַלעמענס טעכטער האָבן חתונה אָן פאַרליבענישן און אויף מיר, נעבעך, איז אויסגעפאַלן אַזאַ בייזער גזר־דין, אַ מין אָנשיקע־ניש, אַז אַלע שכנים האַלטן אונדז אויף די ציינער און דאָס גאַנצע דאָרף האָט מיט אונדז צו טאָן.

אַ סברה אַז די פּויערטע האָט געוואָלט זיך איצט איבערבעטן מיט איר להכעיסדיקער טאָכטער, בעת זי האָט געמאַכט פאַר איר מאָן אַ פריש געלעגער, בריהדיק פונאַנדערוואַרפנדיק גרויסע בונטן שטרוי, איצט געבראַכטע פון פעלד, און דערביי זיך אַוועקגע־שטעלט טענהן צו בת־שבען מיט גוטן:

— זאָג מיר, קינד קרוין, פאַר וואָס געפעלט דיר נישט יששכר, דעם רייכן שכנס זינדל? ער וויל דיך באַגליקן מיט אייגענע וויינ־גערטנער און גרויסע נחלות און אַ חוץ אַלעמען איז ער אויך פיל איידעלער און שענער פון אוריהן.

פאַרענדיקנדיק די דאָזיקע רייד איז זי צוגעלאָפן צום האָלצקיכל, פונאַנדערגערוקט די פייערקעס און געכאַפּט אַ סענקעוואַטן קלאָץ, אַרי־בערגעלייגט איבער די קניען און בשעת מעשה האָט דאָס פלייש פון אירע פיס זיך פאַרוויטלט איבער די פאַסן אָדערן, וואָס איז געקו־מען פון אַ סך קימפּעטן. באַלד האָט גענומען שטאַרקער ווי פריער קאָכן אויפן האָלצקיכל דער גרויסער, פול אָנגעלאָדענער טאָפּ מיט געקעכטס. צוקוקנדיק ווי אַלץ ווערט ווי פאַרברענט אונטער דער

פויערטעס פלייסיקע הענט, האָט איר טאָכטער בת־שבע באַוווּנ־דערט דער מוטערס גבורה און בריהשקייט און געטראַכט, אַז ווען זי וועט זיין אוריהס ווייב און זי וועט אויך האָבן פון אים אַזוי פיל זין גרויסע פרעסערס געגוי ווי איר מאַמע, וועט זי אויך מוזן אַזוי פיל אַרבעטן און איין צייט מאַכן אַ געלעגער און אַ בייער ביים רוויכיקן קיכל פון צעבראָכענע קיניקע העלצער און זי וועט זיי בעתן צעברעכן אויך אָנשפּאַרן אויף די קניביינער, ביז דאָס באַ־אָדערטע פלייש וועט ווערן נאָך מער באַאָדערט און רויט.

און בת־שבע האָט געענטפערט:

— מאַמע, ס'איז אומזיסטע רייד! גאָרנישט קען מיך פון אוריהן צעשיידן, ווייל טרויעריק וועלן אויסזען אין מיינע אויגן אפילו די שענסטע, בליענדיקסטע וויינגערטנער און די קאָרנבאַזייטע פעלדער־שטחים, אויב אין זייערע בייטן וועט זיך נישט באַוועגן מיין ליכ־טיקער אוריה.

אַלע אַרום דעם טיש האָבן מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט בת־שבעס קלאָרן ענטפער, און גערעדט מיט כעס:

— דאָס גוטע מאַמעלע האָט די מויד צעלאָזט! זי געשווינגט, נישט צומאָל אין פעלד צו דער אַרבעט געטריבן.

— הערט נאָר, ווי די ריקים האָבן זיך דאָס אַ נעם געגעבן צו דעם אָפּגעציטערטן טעכטערל געבעך! זיי לאָזן זי נישט אויסן אויג — זיי האָבן דאָס צעלאָזט זייערע צעשרויפטע מיילער פול מיט לשון הרע! האַ? — האָט די פויערטע געשריגן און זייטיק זיך איבערגעוווּנקען צו בת־שבען.

— זענען זיי דען נישט גערעכט? אַ וויסט אָנטשעפעניש האָט דאָס געטראָפן די נאַרישע מויד מיט דעם תכשיט אוריה! כ'ווייס אַליין נישט, וואָס זי האָט אין אים געזען!

ג.

כאָטש בת־שבעס ברידער און באַזונדערס דעם טאַטנס בליקן האָבן באַוואַכט אַלע וועגן און סטעזשקעס, זיין צעפּלאָשעטע שוואַרצע באָרד איז ווי אַ מרגל נאָכגעגאַנגען אירע טריט, איז איר געלונגען זיך אַרויסצוגנבענען לעצטנס פון דער היים און לויפן צו אוריהן אין פעלד. זי איז נישט געגאַנגען, נאָר אַהער געשוועבט, זיך געשלייכט לעבן די פלויטן ווי אַ גנב אין אַ לויערהייל, און ווען אוריה האָט בת־שבען פלוצעם דערזען, האָט ער די צעבלישטשעטע קאָסע אַ

שלײדער געגעבן אין גראָז, אַ צייכן פון אַנטציקונג, און אַ הייב געטאָן בת־שבען אין זיינע פעסטע אָרעמס און שפּעטער ווי איינער פון די ווילדע עמונים זי צו זיך צוגעטוליעט. און בת־שבע ווי אַ באַגילדעטער זונשטראַל אויף אַ פּאַלמעבוים איז אין זיינע אָרעמס געהאָנגען לאַנג... לאַנג... אַ צעצונדענע, אַ צעשטראַלטע.

— דו וועסט שוין מער נישט אַהיימגיין צו דיין טאַטע־מאַמע, האָבן זיינע ווייסע ציינער מיט תענוג־זאַפט גערעדט.

ראַפּטאָם האָט אוריהס בליק זיך צוגענעגלט אויף בת־שבעס פאַר־ענדיקטן מיידלשן אויבערטייל פון גוף, וווּ עס איז געהאָנגען אַ צעדריוולטער בייוול־פאָדעם פון קלייד. זי האָט זיך דערמאָנט מיט ביי־דע הענט פאַר די באָקעס אַוועקגעשטעלט, וואָס האָט פאַרצענפאַכט איר מיידלשן חן, און זי האָט געקוקט צו אוריהן דרייסט.

— — — — — — — — — — — —

אין הימל האָט אויפן בלויען גרונט אין אַ צעגלאַנצטער זילבער־פאַרב זיך צעשפּיגלט די לבנה. זי איז געשוואומען פון אָרט צו אָרט אין אומרו און אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס וואַרט אָפּ עמעצן אויפן טראַקט. און ווען אוריה מיט בת־שבען האָבן זיך אַוועקגעזעצט מידע אויף אַ גרינעם, מיט מאָך באַוואַקסענעם שטיין, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז אויך די לבנה איז מיד געוואָרן פון אַזוי פיל אַרום־שווימען און אַרומשוועבן און אויך געגווי ווי זיי האָט זי זיך אַוועק־געזעצט אין הימלרוים אויף אַ שטיין זיך אָפּרוען.

און פּלוצעם, בעת אוריה און בת־שבע האָבן געהאַלטן פאַרוואָרפן אין דער הייך צום הימל זייערע אויגן, האָט פון ווייטן זיך דער־טראָגן אַ סיגנאַל פון שופרות. אַזוינס איז געווען אַ טרויעריקער סימן: קינד און קייט האָבן געוווּסט, אַז דאָס באַטייט אַ מלחמה־אויסברוך אין לאַנד ישראל און דער מלך דוד רופט צונויף דאָס פאָלק איסצוקלייבן די קריגספּעאיקע מענער און פון זיי איינטיילן מחנות אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל יואב אַנטקעגנצוגיין דעם שונא.

נישט לאַנג האָט געדויערט, ווי עס האָט זיך פּלוצעם גענומען אַהערטראָגן אַן אימפּעט אויפן טראַקט, אַ פערדגאַלאָפּ, פאַרמישט מיט אַ וואָלקן פון גדיכטן ערדשטויב. דאָס איז געריטן די קעניג־לעכע סוויטע און דער מלך דוד אין דער שפּיץ, אויף ווייסע פערד מיט ווייכע זאָטלען, און ווי אַן אָרקעסטער לכבוד דעם הערשער פון גאַנצן לאַנד ישראל און אומאויפהערלעכן זיגער אין אַלע מלחמות אין די געפערלעכסטע שלאַכטן קעגן כל המינים פיינט האָט אַ פאַר־שטאַרקטער געליאַרעם פאַרפילפאַכט דער יאָרמערלעכער סיגנאַל, ביז די העכסטע אָקטאַוון פון שופרות־סיגנאַלן.

אויף אַ פּאַרוים באַשטימטן צייכן האָבן די רייטער זיך אָפּגע־שטעלט. דער מלך איז געווען הויך ווי אַ טענענבוים געוואַקסן מיט אַ באַזילבערטן קאָפּ, וועמענס ווייסקייט האָט איבערגעשטיגן אַלע לייט פון זיין אַלטער הויכווירדיקער קריגס־גוואַרדיע און באַרימטסטע געמען אין לאַנד ישראל. אַלע האָבן געטראָגן אָנגעהאָנגען שפּיזן און פייל־און־בויגנס.

אַ פאַרחלשטע איז בת־שבע דאָן געפאַלן אין אוריהס אָרעמס און ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד זיך צעהעשעט אויפן הויכן קול:

— וואָס וועט איצט זיין?

אויפן רוף פון די שופרות זענען מענטשן אַרוים פון די בעטן, צעפּראַלט די טירן פון די הייזער, נאָך האַלב אין שלאָף אַרוים פון די שייערן, ווו קנעכט האָבן גענעכטיקט. מיט אַריינגעפלאַכטענער שטרוי אין די קודלעס זענען זיי אַרויסגעקומען. אַלע מיט צעעפנטע מיילער, פאַרסאַפּעטע, מיט צעבלאָזטע נאָזלעכער האָבן אין געלויף געאײַלט צום זאַמלאָרט. דאָס איז געווען אַ לאַנגער, ברייטער פּלאַץ, וואָס האָט זיך געטוקט צווישן אַ מענגע מענטשנקעפּ און נאָך מער פאַרטונקלט דעם פאַרנאַכטלעכן דרויסן.

דער מלך דוד, אויף זיין ווייס געפּוצט פערד, האָט אויסגעזען חשובער און פאָרנעמענער פון אַלע לאַנגע רייען באַגלייט־רייטער.

אין איין אָטעם האָבן מאַמעס געבראַנגט גרייט צו פירן זייערע יונגע דערכאָוועטע זין, פרויען זייערע קרעפטיקע מענער, כלות זייערע חתנים, באָבעס און זיידעס זייערע אייניקלעך. עלטערע מענער, וואָס האָבן נישט געהאַט וועמען צו ברענגען, האָבן באַ־גלייט זייערע נאָך יונגע שוואָגערס און איידעמס, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז אויב דער מלך דוד לאָזט שאַלן די שופרות, איז דאָס לאַנד אין אַ גרויסער סכנה.

געדיכטער פון מינוט צו מינוט איז די מאַסע זיך אויסגעוואַקסן אויפן גרויסן פּלאַץ. אַלע האָבן צווישן זיך געזעדט מיט גרוים גע־פילדער, געוואָרפן די הענט מיט אימפּעט:

— שוין ווידער אַן אַנשיקעניש אין לאַנד, אַ ווילדע מלחמה!

בת־שבע האָט נישט געוווסט, וואָס זי זאָל אָנהייבן צו טאָן. האָט זי ווי אַ ווילדער שריט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ צווייג פון אַ בוים אין דער פינצטערניש מיט טיפן כעס אויף איר גורל, הויך אויפן קול אַראָפּגעוויינט, אַז ס'איז אַזש דערגאַנגען צום מלך דודס אויערן.

— זאָל די פייַנפילנדיקע זעלנערפרוי נאָענט אַהערקומען און זאָגן איר פאַרלאַנג! האָט אַ שטרענגער באַפעל זיך צעטראָגן פון מויל צו מויל און באַלד האָט פאַרן קעניגס אויגן אַ צעבלישטשעטער נאַאיווער קינדערישער שמייכל אַ פינקל געגעבן אין אירע שיינע

מוילוווינקלען און ווי רויטע קרעלן האָבן צוויי ליפּעלעך אַלע וועלט־חנען איבערגעשריגן.

זי איז געפאַלן פאַרן מלך אונטערטעניק און געזאָגט:

— איך בין דאָס אייניקל פון אחיתופל און די פרוי פון אוריה־החיתי. מיר האָבן זיך געגעבן די שבועה זיך צו געהערן שוין אויף אייביק, גראָד אין דער זעלבער נאַכט פון מלחמה־אויסברוך. טאַ בעט איך, גרויסער מלך, דיין חסד און דערלויב אַהיימצוגיין מיך מיט מיין מאַן צו שלאָפן די ערשטע נאַכט אויף אונדזער אייגן געלעגער אין דער גליקלעכער צייט פון אונדזער חתונה. איך ווייס דאָס אַלץ פון מיין קלוגן געלערנטן זיידן אחיתופל, אַז אוריה החיתי איז געגליכן צו אַ גערטנער, וואָס האָט ערב מלחמה גענומען פאַר־פלאַנצן אַ נייעם גאָרטן און מען טאָר אים נישט אַוועקנעמען פון זיין פרישן פלאַנץ.

— שיינע טאָכטער פון לאַנד ישראל, דיין ערשטע בקשה איז דערפילט און דיין צווייטע בקשה מוז באַטראַכט ווערן דורך מיינע בעלי־יועצים, האָט דער מלך אַ צעשמייכלטער אָפּגעענטפערט.

און עס איז אויפגעשווומען ביי אים אין זכרון אַ געוויסער טאָג, ווען דער חמסין האָט פאַרשטיקט די לופט מיט דושנעקייט. איז דער מלך אין דער בערגעגנט געווען איינקוואַרטירט און פון יענער הויכ־קייט איבער פעלדער געקוקט און דערזען, ווי אַ וונדער ערגעץ אין אַ בלוי לויטער טייכל האָט אַ מיידל זיך געוואַשן דעם נאַקעטן גוף, געבאָדן זיך ביזן האַלדז צווישן די זילבערנע שוימיקע כוואַליעס, געשווומען, געשפּילט, געשפּרונגען פון איין וואַסער־זאַמלונג אין דער צווייטער און זי איז געווען אַזוי שיין, איר נאַקעטקייט האָט דעם מלכס אויג ווי פאַרכישופט. איר בראָנדזענע הויט פון לייב האָט זיינע בליקן געבלענדט.

ער האָט לאַנג געקוקט, ווען גילדענע זונפאַסן האָבן זיך אָנגעטאָן אויף איר קאָפּ ווי אַ צירונג. דאָס שיינע נאַקעטע לייב פונעם שוויי־מענדיקן מיידל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. נאָר פאַנגען דאָס מיידל אין זיין פּרויען־האַרעם ווי אַנדערע האָט דער מלך נישט געקענט, ווייל ער האָט נאָכגעשיקט זיינע שליחים און זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי איז טאַקע אויף אַן אמת דאָס אייניקל פון זיין קלוגן יועץ אחיתופל, אין וועמענס האַנט עס ליגט דער גאַנצער גורל פון לאַנד ישראל. צו זיין וואָרט הערט זיך צו דער מלך מיט גרויס איי־פער און אונטערטעניקייט, וואָס איז ווי גינגאָלד געווויגן און גע־מאָסטן.

און געגוי ווי דאָס מאָל, ווען דאָס מיידל האָט זיך געוואַשן אין וואַסער, האָט אויך איצט דער מלך נישט געקאָנט אַראָפּנעמען זיין

בליק פון איר און נאָכגעקוקט אירע פאַרשווונדענע טריט צוזאַמען מיט אוריה החיתי, איר מאַן, אויף וועמענס פּנים ס'איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ פאַרביסענער גרימאַס, און ער האָט געטענהט שטיל צו זיין פרוי:

— בת־שבע! פאַר וואָס האָסטו זיך געלאָזט זען פון מלך? אים האָט זיך אַלץ נאָר אויסגעדאַכט, אַז דעם מלכס בליק האָט עפּעס ביי איר צוגערויבט, וואָס וועט עס שוין קיין מאָל נישט אומקערן צוריק.

— — — — — — — — — — — — — —

דער וועג צו זייער פעלד איז געווען אַ לאַנגער. דערפאַר האָבן זיי דעריאָגט רייטער אויף פערד, שליחים פון מלך.

— אוריה! האָט איינער האָסטיק אַ זאָג געטאָן — מיר זענען געקומען דיך מיטנעמען צום גענעראַל יואב. נאָ דיר אַ געחתמעטן בריוו פאַר אים געשיקט פון מלכס האַנט, מסתמא וויל ער טאָן מיט דיר עפּעס אַ חסד...

— ווייט איז דער וועג צום גענעראַל יואב? האָט אוריה צעשראָקן געפרעגט די קעניגלעכע שליחים. און עס האָט אים אַ ווערג געטאָן אין האַלדז אַ געוויין.

און ווען דער ענטפער איז געקומען, אַז דער וועג איז אַ ווייטער, האָט אוריה גענומען זייער אייזל און טריט ביי טריט נאָכגעשפּאַנט דעם מלכס רייטער.

עס האָט שוין גענומען גרויען אויף באַגינען. די פולע גערשטןקאָרן און ווייצזאַנגען איבער פעלדער האָבן זיך באַוויגן אינעם ריטעם פון זיין אייזלס באַוועגנדיקע פיס, ווי אַלץ וואָלט מיטגעוויינט דאָס געוויין, ווען אַ מאַן פאַרלאָזט היים, שטוב און פרוי און גייט ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטן גאַנג.

ד.

לאַנגזאַם זענען פאַרגאַנגען די טעג, וואָכן, חדשים און בת־שבע האָט נישט געוווּסט, וווּ אַהין איז פאַרפאַלן געוואָרן איר מאַנס געבייןן. זי האָט פון ערגעץ נישט קיין שפּור און קיין ידיעה.

אין איינע פון יענע נעכט האָט בת־שבע געהאַט אַ שלעכטן חלום. זי האָט אוריהן געזען מיט טויטע פאַרמאַכטע אַפּלען ליגן אַ געהרגעטן ערגעץ אין אַ פעלד פון מלחמה־שלאַכט. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין שטייפע האַנט און זי אָנגעלענט אויף איר אַקסל

און זיין קאָפּ איז געוואָרן פון רגע צו רגע העכער און העכער. און פּלוצעם האָט זי געגומען דערשפּירן אַ קרעפּטיקע פויסט, וואָס האָט זיך מיט איר געראַנגלט, געבונדן מיט שטריק איר גוף און בת⸗שבען אויפן פערד אַרויפגעשליידערט, אַפּרייטנדיק ווייט, ווייט ביז צום מלכס פּאַלאַץ. דאָס לעצטע איז שוין נישט געווען קיין חלום, נאָר אַווירקלעכקייט.

פּלוצעם, אין אַ פרימאָרגן האָט זיך אַ באַוויזן געגעבן אין פענצטער פון מלכס פּאַלאַץ אַ פּנים מיט אַ צעקרימט בייזן גרימאַס. געווען איז דאָס דער אַלעמען באַקאַנטער שטרענגער נתן הנביא. קיינער האָט נישט געהערט זיינע אָנקומענדיקע טריט און אומגעריכט איז געווען זיין באַווייזן זיך פאַרן מלך. ווי אַ ווינט האָט ער זיך דאָ אַהערגעטראָגן און זיין קול האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עכאָ פון אַ שטורעם־זאַווערוכע אויף אַ ים און ער האָט אויסגעשריגן :

— מלך דוד ! העכסטער הערשער פון לאַנד ישראל, זאָג דיין מישפּט : עס זענען געווען צוויי שכנים אין אַ שטאָט, איינער רייך און דער צווייטער אָרעם. דער ערשטער האָט געהאַט פיל שאָף און רינדער און דער צווייטער בלויז אַ קליין שעפעלע. איז פּלוצעם אַ גאַסט געקומען אין רייכנס הויז, האָט ער געוואָלט מאַכן אַ מאָלצייט און אים דערפרייען, האָט ער צוגערויבט דאָס איינציקע שעפעלע פון זיין אָרעמען שכן.

אָט דער רייכער ביסטו, מלך דוד ! ביי אוריה החיתי האָסטו זיין איינציקע פרוי צוגענומען מיט קראַפט און אים פאַרנאַרט אין שלאַכטפעלד אין דער ערשטער ריי, כדי ער זאָל פאַלן פון די פיינטלעכע פיילן און שפּיזן מיט אַ יונגן פריציייטיקן טויט.

ווי אַ טרומייט האָט דעם נביאס קול געשאַלט. און ס'האָט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ געגומען אַריינקוקן אַ בלוטיקער רעגנבויגן פון אַ וואַסער⸗פאָנטאַן, וואָס האָט געוואָרפן אַן אָפּשפּיגלונג אויפן מלכס פּנים. ער האָט אויסגעזען ווי איין גרויסער בלוטפלאַם פון קאָפּ ביז די פיס און דער טויטער שאָטן פון אוריה החיתי האָט זיך אַ ווייז געטאָן פאַר אים, ווי ער וואָלט זיך געשטעלט מיט אים אויף אַ מישפּט. זיין גוף איז אין מלכס אויגן אויסגעקומען נאָך העכער ווי אַ מאָל און ליכטיקער זיין יונג פּנים.

— — — — — — — — — — —

בת⸗שבע איז כסדר נאָך געווען צעשראָקן. ס'האָבן אויף איר אַן אימה אָפּט אָנגעוואָרפן די צעהאָנגענע שפּיזן און שווערדן איבער די ווענט און די קריגס⸗שופרות, וועלכע האָבן איר דערמאָנט אָן יענער אומגליקלעכער שעה, ווען מ'האָט פון איר אַוועקגעריסן איר געליבטן מאַן אוריה החיתי. זייט דעמאָלט האָט בת⸗שבע נאָך

ביז היינט נישט אויפגעהערט צו וויינען, אפילו אין יענע טעג, ווען איר לייב האָט אויסגעטראָגן אַ קינד און דער מלך מיט אַלע זיינע מיניסטאָרן האָבן זיך געבוקט פאַר דער מוטער פון קינד, וואָס זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן שלמה.

אַ סברה, אַז שלמהלעס מאַמע האָט אייביק געבענקט נאָך די נישט לאַנג פאַרגאַנגענע גליקלעכע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען איינע פון פאָלק, און די פרייד איז געלעגן צעשאָטן איבער די בונטן זאַנגען נאָכן שניט, ווען די גילדענע זון האָט זיך צע־שטרייפט אין פאָסן איבער דער שפע פון לאַנד ישראל. ווייל זי האָט תמיד געבענקט נאָך די גערעטענישן פון די פעלדער און נאָך יענעם יום־טוב, ווען יונגע פויערטעס טאַנצן אויף אַלע וועגן מיט בלומען און בלעטער געצירט, און זי פלעגט אויך וועלן זיך אָנשליסן אין זייערע רייען און מיטטאַנצן. איר עבר פלעגט דעמאָלט פאַר איר אויפלייכטן מיט טויזנטער חנען און אַ סך מאָל פון בענקען פלעגט בת־שבע יאָמערן איינזאַם אין דער שטיל, פאַרשנירלען טעג לאַנג אירע דינע ליפעלעך און אויף איר אומעטיק פנים פלעגט זיך פאַרשפרייטן אַ שוואַרצער וואָלקן פון צער. דער איינציקער טרייסט איז פאַר בת־שבען געבליבן איר שלמהלע.

גאַנצע פאַרמיטאָג־שעהן האָט ער ליב געהאַט זיך אָן אויפהער אַרומצושפילן אין מלכס גאָרטן מיט כלערליי גינגאָלדענע ווערעמ־לעך, שרצים מיט אַזעלכע פאַרביקע פליגעלעך און וויאָלעטע, בלוי־ווייסע זומער־פייגעלעך, וואָס פליען פון בלום צו בלום, און מיט גע־לע קאַנאַרילקעך, וואָס זינגען שיין פון די ביימערצווייגן: טשפּי! טשפּי!

ער פלעגט זיי נאָכמאַכן און זיין מוטערס קול פלעגט אָפט הילכיק רופן:

— שלמהלע, שלמהלע! — ביז די קעל איז איר טרוקן געוואָרן פון שרייען. דאָס האָט באַטייט, אַז ער זאָל אַריינגיין עסן אין פּאַ־לאַץ. אין אַזאַ פאַל זענען אירע דינסטן געקומען צו הילף און גע־פרוווט מיט כלערליי צאַרטע ווערטלעך און רמזים דאָס יינגעלע צו פאַרנאַרן אין עסצימער אַריין. איינע האָט אים צוגעזאָגט שיינע וונדער־מעשהלעך דערפאַר צו דערציילן. אָט דאָס פלעגט ער שלינ־גען ווי זיסן ווין. אין יענע גליקלעכע שעהן האָט שלמה ליב געהאַט איינטוליען זיין קעפּל אין דער מאַמעס שויס און צום הימל פאַר־וואַרפן זיינע צעבלישטשעטע שוואַרצע אייגעלעך און אַן אַ מינדסטן באַוועג אַזוי זיצן און צוהערן זיך ביזן סוף. פאַר אַ שיין מעשהלע פלעגט דאָס יינגעלע אַלץ פאָלגן דער מאַמען און פינקטלעך דער־פילן אירע פאַרלאַנגען.

אַ מאָל אין אַ הייסן זומערטאָג, ווען שטיקער פייער זענען געפאַלן פון הימל, די זון האָט אַ צעפלאַקערטע געקלעטערט איבער ירושלים און העלע שטראַלן צעשיט פון דער פולער האַנט, ווי פאַקלען העלע ליכט וואָלטן געברענט איבער דער שטאָט, דעמאָלט האָט דעם מלכס געליבטע פרוי בת־שבע זיך אַוועקגעזעצט אין גאָרטן און באַפוילן איינע פון אירע דינערינס פאַרן קינד אַ שיין מעשהלע דערציילן און יענע האָט אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיק קול דערציילן:

אין לאַנד צור וצידון איז אַ מאָל געווען אַ בירגער, וועמען מ׳האָט גערופן דער מאַן מיט די גאָלדענע הענט, ווייל קיינער אין דער גאַנצער וועלט האָט נישט געקענט אויף אַ האַרף אַזוי זיס שפילן ווי ער. זיינע קאָנצערטן פלעגט ער געבן פאַר אַ געליבט פאַסטוך־מיידל אין די אָוונטן צווישן טונקעלע וועלדער, וווּ עס האָבן זיך געפאַשעט אין די זאַטע גרעזער סטאַדעס ווייסע, צעשראָקענע יונגע שעפעלעך. נאָר איין מאָל איז צווישן פעלקער אויסגעבראָכן אַ מלחמה און דער זעלבער פאַרבענקטער האַרפשפּילער איז אַוועק אַלץ סאָלדאַט צו פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד אויף די שלאַכטפעלדער קעגן פיינט און פון דאָרטן איז ער צוריקגעקומען שוין אָן זיינע צוויי גאָלדענע הענט, ווייל זיינע שיינע אברים האָט דער פיינט אָפּגעהאַקט. האָט דאָס פאַסטוך־מיידל ביטער און יאָמערלעך געוויינט און די ווינטן האָבן געטראָגן איר קול פאַר גאָט.

אַ ווײַלע האָט די דינערין איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערציילט. דאָס ייִנגעלע שלמהלע האָט פאַרנומען איר זיס קול און אָפּגעזיפצעט שווער.

*

גאָלדיק פאַרשפּיצט אין הימל אַריין זענען געווען די שטאַכעטן פונעם גרין געפאַרבטן פאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם מלכס גאָרטן, וווּ זיין שיינע פרוי בת־שבע איז געזעסן מיט איר איינגעדרימלט ייִנגעלע אין איר שויס. די גרעזער זענען געווען הויך געוואַקסן און פאַרשווירן גלייכליניק. אויף די ביימער זענען געהאָנגען צייטיקע רויטע פּירות ווי פייערשטראַלן פון דער זון אין אַ הייסן תמוז־טאָג און דערמאַנט מיט זיך די רויטקייט פון הימל אין דער שעה פון פאַרכישופטן זונפאַרגאַנג.

אַזעלכע מעשיות־דערציילערינס פאַרן יונגן שלמהלע האָט דער מלך אָנגעדונגען זייער אַ סך. יעדע פון זיי איז געווען פון אַן אַנדער לאַנד און פון אַן אַנדער לשון, כדי דאָס קינד זאָל דערלערנען אַלערליי חכמות און לשונות פון דער וועלט. לייגנדיק דאָס

קעפּל אין דער מאַמעס שויס, האָט שלמהלע אויסגעזען ווי אַ דין צווייגעלע, וואָס אַ שטורעם־זאַוויערוכע האָט פאַרבויגן. זיין פּנים איז געווען צעשראָקן בלאַס, אין זיין קינדערישן שיינעם שטערן, וואָס האָט זיך געפּאַרעמט אין טיפע חכמימדיקע ווינקלען, זענען געלעגן געשלענגלטע שוואַרצע פּאַסמען האָר, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ שוואַרצן וואָלקן אויף אַ בלויען הימל.

בת־שבעס אויגן האָבן גאָרנישט געזען אַ חוץ איר פאַרחלומט קליין יינגעלע און עס האָט זיך איר דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז אויף זיין פּנימל שאַטנט זיך ווי אַ געשפּענסט אוריה החיתים טויטער אָפּשיין. פון אירע אַלע דינערינס האָט קיין איינע נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס בת־שבע איז אַזוי שנעל פאַרשוווּנדן פון גאָרטן און זיך גאָר פאַרקוקט דורכן פּאַלאַץ־פענצטער ביחידות אין דרויסן אַרויס, ווי זי וואָלט בשום אופן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון איר פריערדיקער וויזיע. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן דער מלך פאַר בת־שבען און געזען, ווי טרערן זילבערן זיך אין אירע אויגן ווי טראָפּנס פון אַ שטילן פרילינג־רעגן. האָט ער זיין האַנט אָנגעלענט אויף איר שטערן און געזאָגט:

— בת־שבע! עס איז דיר נישט גענוג דער חסד, וואָס דער מלך האָט מיט דיר געטאָן, אַז איינפאַכע מאָכטער פון פאָלק געמאַכט פאַר אַ קעניגלעכער פרוי, ווענעמס זון וועט פאַרנעמען די קעניגלעכע שטול און ווערן דער הערשער פון גאַנצן לאַנד ישראל?

אונטערטעניק האָט בת־שבע אָוועקגעקניט פאַרן מלך דודס פיס און שפּעטער געקושט זיינע גרויע פּאַסמען האָר, וואָס זענען געפאַלן איבער זיינע אַקסלען.

ה.

די יונגע בת־שבע האָט איצט אַלע אירע האָפענונגען געגעבן אויף דער דערציאונג פון איר יינגעלע.

האָט זי אים איין מאָל געפירט איבערן צענטער פון דער הויפּט־שטאָט, געוויזן אים דעם מאַרק, וווּ עס האָבן געמוקעט די בהמות, וואָס פויערים האָבן אַהער געבראַכט צו פאַרהאַנדלען אין ירושלים, וווּ עס האָבן געהילכט האַמערס אין די קוזניעס פון שמידן און שלאָ־סערײ־וואַרשטאַטן און ס'האָבן געסקריפּעט זעגן און הובלען אין די הענט פון סטאָליאַרעס און אַלץ האָט זיך באַוועגט אין ריטעם פון שאַפן און האַסטיקן אימפּעט.

— מאַמע, ווער פירט דאָס אָן מיט דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן

געזען אין ירושלים ? — האָט דאָס ייִנגעלע איר פאַרטראַכט אַ פרעג געטאָן פאַרן שלאָפן גיין.

— דער מלך ! — איז שנעל געקומען אַן ענטפער.

— מאַמע, וואָס ניצט אַ מענטשן אַזוי פיל זאָרגן ? איך וואָלט נישט געוואָלט זיין קיין מלך...

— שלאָף, שלאָף, שלמהלע, צו וואָס דאַרפסטו אַלץ אַזוי נאָכ־טראַכטן ? — האָט די מאַמע אַ פאַרמאַטערטע צוליב זיין וואַכ־זאַמקייט זיך ביי אים צאָרט געבעטן, אַוועקגעשטעלט זיך ביי זיין געלעגער און אַריינגעדרייט דאָס אייל־לעמפל אויף דער וואַנט און גלייכצייטיק אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די נאַכט איז איצט איבער ירושלים געלעגן אין אַ זיסן שטילן דרימל און געכראָפעט פון האַסטיקן שלאָף האָט דער מלך. אַזוי איז לאַנגזאַם דעם קעניגלעכער פּאַלאַץ איינגעשלאָפן.

ו.

שלמה איז געוואָרן שענער פון טאָג צו טאָג און אויסגעוואַקסן שלאַנק ווי אַ סאָסנע אין וואַלד. אויך זיינע אויגן האָבן געבלענדט מיט אַ שוואַרצקייט און זיינע באַקן האָבן דערמאַנט מיט זייער ראָזע פאַרב די שמעקנדיקע קוויטן אין גאָרטן עין־גדי.

געשמועסט װעגן אים האָט שוין דאָס גאַנצע פאָלק, איבער הויפּט די מוטערס פון ירושלים זענען געזעסן אויף די שוועלן ביי זייערע הייזער און דערציילט אַלערליי וואונדער וועגן יונגן קרוינפּרינץ: ווי שיין געלאָקט ס'זענען זיינע האָר און פון די טייערסטע געוואַנטן זיינע קליידער און אַז ער קען זיבעציק לשונות, אפילו דאָס לשון פון פייגעלעך און פון בלומען. נישט ווייניק האָבן אים געהאַלטן אין די מיילער די יחוסדיקע אַריסטאָקראַטישע טעכטער פון רייכן ציון־קוואַרטאַל, ווו עס געפינען זיך די שענסטע אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן און פיינע געמויערטע הייזער, בעת זיי פלעגן צעקעמען ביי די שפּיג־לען די פעך־שוואַרצע לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן אין זיך דעם בויג גע־בלישטשעט פון כישוף־שלאַנגען אויף די וועגן. אָט דעמאָלט פלעגן זייערע דימיונות די מיידלעך פאַרטראָגן העט, העט אין חלום וועגן דעם געראָטענעם קרוינפּרינץ. אַלע האָבן זיינע מעלות געריסט, אפי־לו אין די שמאָלע געסלעך אַרום דעם מאַרק פון ירושלים, כאָטש דאָרט האָט מען אים קיין מאָל נישט געזען אַ חוץ אַ מאָל, ווען ער האָט נאָכגעיאָגט די טריט פון אַ קליינער פאַסטוכין, כמעט נאָך אַ

קינד, מיט אַזעלכע געמאַקטע אברים און מיט אַ פּייפל אין מויל, אַ קאַרנבלום פאַרפלאָכטן אין אירע האַרקרויזלען. זי האָט געהאַלטן אַ צווייג אין דער האַנט און געשריגן ווי אַ גענזאַנג, ווי אַזוי די שאָף זאָלן זיך אויסשטעלן אין רייען, נישט זיך שטופּן אָדער הינטערשטעליק בלייבן. דער קרוינפּרינץ האָט געהערט רופן ביים נאָמען אָט דאָס שיינע מיידל דורך איר פאַטערס מויל שולמית. ער איז געגאַנגען צווישן אַנדערע זונפאַרברענטע דאָרפסלייט, וואָס האָבן אויך געבראַכט צו פירן קיין ירושלים אויפן מאַרק כלערליי בהמות. אָט די שיינע פּאַסטוכין איז געווען די, נאָך וועמען דער יונגער קרוינפּרינץ האָט זיך דערפרעגט, ווו ער קען זי טרעפן. זייט דעמאָלט פּלעגט ער יעדן אָוונט געהיים זיך פאַרבלאָנדזשען צו יענע שטילע לאָנקעס, ווו די שולמית האָט געפירט אויף פּאַשע איר סטאַדע שאָף.

און זי מיט די צוויי צעגלאַנצטע סאַמעט־אַפּלען אין די אויגן און נאָך שוואַרצערע צעפּ, וואָס זענען שטענדיק צעשויבערט געלעגן און די ברעמען, פּלעגט קוקן אויפן שיינעם פאַרליבטן קרוינפּרינץ און זיך הידושן אויף זיינע קלוגע, ליבע ווערטער, וואָס האָבן צעפלאַמט איר בלוט.

אָפט ווערט זי ברוגז און אַליין זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ בוים און שלמה מוז אויך אַרויפגיין, ווייל פון הויכן בוים זעט זי, ווי אין דער נידער, אויף דער לאָנקע, עסן די שעפּסן די גראָז, און זי טראַכט, אַז איר טאַטע וועט זי מער נישט שלאָגן, ווייל אַלע מאָל ווערט פאַרבלאָנדזשעט אַ שעפּעלע פון איר סטאַדע און ס׳ווערן שיטערער די רייען, פון טאָג צו טאָג קלענער די מחנה און זי וויינט. זאָגט צו איר דער קרוינפּרינץ, אַז ער וועט איר אומקערן דעם שאָדן, ער איז רייך. גלייבט זי נישט אין זיינע צוזאָגן און גאָלדענע טרערן בלישטשען אין אירע שוואַרצע אויגן־אַפּלען, ווייל זי ווייסט נישט, אַז ער איז דער קרוינפּרינץ, פון וועמען עס רעדט דאָס גאַנצע לאַנד, און זי חלומט, אַז בעסער פון אַלץ איז, אַז ער זאָל ווערן אַ פּאַסטוך. — אָט אַזוינס איז טאַקע שענער, וואָס געפעלט אים און אויך שולמיתן. און געענוי ווי זי וועט ער טרייבן די סטאַדעס שאָף מיט אַ גרינער צווייג אין האַנט און אַ פּייפערל אין מויל איבער די שטילע פעלדלאָנקעס אין די שעהן פון טונקעלן בין־השמשות און לאָזן די שאָף זיך באָדן אין אַ קלאָרן וואַסער. טאַקע נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ באַרימטער טייך, אין וועלכע עס וועלן זיך דעמאָלט אָפּשפּיגלען די רויטע פלאַמען פון זון־אונטערגאַנג.

נאָר לעצטנס האָבן בייזע צונגען אַלץ דערטראָגן צו זיין שטרענגן טאַטן און ער האָט געזאָגט :

— מיין זון! איך האָב שוין געגוג צער געהאַט אין מיין הויז. עמ־נון, אַ יונגער צווייג, איז עפּעס דורך אַ ליבע ערגעץ געפונען געוואָרן אַ טויטער. איך האָב געהאַט אַ זון אבשלום, אַ שיינע פּאַלמע, וועמענס טויטן קאָפּ מען האָט מיר געבראַכט צו טראָגן — אַ באַזיגטער אין שלאַכט קעגן אייגענעם טאַטנס אַרמיי. און איצט דו, מיין שיינער שלמה, קוים דערלעבט דיך צו זען אַ גרויס אויסגעכאַוועטן, וואָס איז ראוי צו ווערן דעם טאַטנס יורש־עצר, פּאַרנעמסטו זיך גאָר מיט אַ בידנער פּאַסטוכין.

*

עס איז געווען אין אָוונט, בעת שלמה האָט אַרויסגעשטעקט דורכן פענצטער זיין שוואַרצן האָר־טשופּרין און דער זונפאַרגאַנג האָט זיך אָנגעשפּיגלט אין שויב. אַט דעמאָלט האָט די שיינע פּאַסטוכין פּלוצים דערזען, צו וועמען עס רייסט זיך איר האַרץ און לאָזט נישט צו דעם שלאָף ביי נאַכט אין אירע אויגן און גיט איר נישט קיין מנוחה ביי טאָג, וועמען זי זוכט אַרום ווי שטענדיק אויפן פעלד און ער באַווייזט זיך נישט מער און זי וויל אים אויסגעפינען אין הימל צווישן די שטערן און זעט אים נישט מער אין ערגעץ.

נאָר די וועכטער פון קיניגלעכן פּאַלאַץ האָבן דאָס יונגע פּאַס־טוך־מיידל מיט חוזק פאַרטריבן.

אויפן וועג האָט דאָס מיידל הילכיק געוויינט און דערזען זיצן אויף אַ צעקרישלטער, צעפאַלענער באַנק אַן אַלטן מאַן, אַ גרויער און איינגעבויגענער פון זיין משא יאָרן.

— וואָס וויינסטו, טעכטערל? — האָט ער צאַרט זי געפרעגט, וואָס גיסטו אַזוי פיל טרערן?

און זי האָט דערציילט פאַרן זקן דעם וווייטיק פון איר האַרץ. נאָר ער האָט נישט געהערט. האָט ער אויסגעשטרעקט דאָס לעפל פון ביידע אויערן און קוים דערגאַנגען, אַז די סיבה פון איר וויי־נען איז דער קרוינפּרינץ פון מלך דוד.

אין זיין זכרון איז אויפגעשוווּמען אַ ים מיט זכרונות פון זיין אייגן לעבן און ער האָט געזאָגט:

—טעכטערל, אַזוי אייביק, ווי עס בענקט פאַרליבט די לבנה אין הימל אין די באַשטימטע צייטן פון יאָר, אַזוי בענקען פאַרליבט די יונגע מענטשלעכע הערצער אויף דער ערד.

און דער זקן האָט דאָס מיידל געטרייסט.

ז.

דעמאָלט האָט מלך דוד געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט מיט אַ גאַנצער אָפיציעלער פייערלעכקייט פון אַ מלוכה־יום־טוב. פלאַ־מען פון אייל־לעמפלעך האָבן געשיינט אין אַלע פענצטער פון לאַנד. דער יונגער קרוינפרינץ האָט זיך באַוויזן אין אויפנעם־פּאַלאַץ מיט לאַנגע געקרויזלטע לאָקן, וועלכע זענען אַראָפּגעהאַנגען ווייט איבער זיינע שולטערן.

אויבן־אָן איז געזעסן דער מלך אַרומגערינגלט פון חשובע לייט און מיניסטאָרן און האָבן צוגעהערט די רייד פון יונגן חכם שלמה, ווי ער האָט געזאָגט:

„מענטשלעכער גליק הייסט: ריכטיק באַנעמען די וועלט... פאַרשטיין די שיינקייט פון דער נאַטור, די גרינקייט פון פעלדער, דעם פּראַכט פון מאָרגן־אויפגאַנג און זונפאַרגאַנג.“

„גליק הייסט: אַריינאָטעמען אין זיך די זיסע ריחות פון כלערליי בלומען אין די גערטנער און פעלדער, באַנעמען זייער וווּנדערלעכע פאַרבן־רייכקייט, צוהערן דעם פליגל־געפלאַטער פון בינען און דעם זיסן געטרעל פון פייגל.“

„גליק הייסט: תופס זיין די קראַפט פון ליבע, אויפנעמען די יוגנט דורך גרויסע מעשים און אידעאַלן. בענקען נאָך שיינע גע־זאַנגען, נאָך פידל־קלאַנגען און האַרפן־טענער, דערקוויקן זיך מיט דער לויטערקייט פון גאָטס בלויע שטחים — דער הימל, לבנה און שטערן.“

„גליק הייסט: שטרעבן צו טראָגן די העכסטע בערג אויפן אַקסל און די טיפסטע טאָלן, צו דערשעפן ימים און אומצוואַרפן אַלטע וועלטן און אויף זייער אָרט באַשאַפן נייע; אויסטרוימען האָריזאָנטן נאָך מער בלויערע און פאַרפוצטע מיט גילדענע פּאַסן־פלאַמען און עתידן גליקלעכע צו אַנטפּלעקן.“

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען דער קרוינפרינץ האָט פאַרענדיקט זיינע געדאַנקען, האָט זיין פּנים גליקלעך זיך צעשמייכלט און ער האָט געווענדט זיין פּנים צו די מענטשן. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אין מיטן אַלעמענס פרייד האָט פּלוצעם זיך אַ שטאַר אַריין געגעבן אין פענצטער אַ מענטש מיט אַ בייזיקער גרימאַסע אויפן פּנים, וואָס האָט ממש זיך אָנגעקלאַפּט אין מלכס קרוין, מחמת נאָענטקייט. דער שטרענגער נתן הנביא איז עס געווען און ער האָט אָן מורא גענומען רעדן:

— הער אוים גאָטס וואָרט, מלך פון ישראל: עס איז געוואָרן באַוווסט צווישן פאָלק, אַז דו גייסט אויסבויען אַ בית־המקדש. טאָ האָט גאָט אַזויגס דיר פאַרזאָגט, ווייל דיינע הענט זענען נישט ריין פון פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט. נאָר שלמה איז ראוי דאָס צו מאַכן.

אין דער רגע האָט זיך באַוויזן אוריה החיתים געשטאַלט פאַרן מלכס אויגן מיט זיין גאַנצן הויכן וווקס און ליכטיקן יונגן פּנים.. דעמאָלט האָט דער קעניג דוד אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אַראָפּגעכאַפּט די הענגענדיקע שווערד פון וואַנט, אַרויסצוציען דאָס מעסער פון שייד, וואָס האָט געבלישטשעט ווי זילבער. האָט ער אַ צעטומלטער געוואָלט מיט איר אַ פאָך טאָן קעגן געשפּענסט פון טויטן אוריה החיתי, ווי ער מאַכט דאָס אָפט, ווען עס באַווייזט זיך פאַר אים זיין געשטאַלט, אָדער די געשטאַלטן פון בית שאול, די קעניגלעכע דינאַסטיע, וועמענס בלוט ער טראָגט אויף זיינע הענט. האָט דאָס אים אין די אויגן פון די געסט נישט געפּאַסט און ער האָט די שווערד איבערגעגעבן אין רשות פון קרוינפּרינץ. דאָס האָט באַטייט, אַז די הערשאַפט פון מלך דוד איז פאַרענדיקט.

דעמאָלט איז דער קרוינפּרינץ נאָכגעלאָפן דעם הייליקן מאַן.

— הייליקער נביא! האָט דער קרוינפּרינץ אונטערטעניק זיך ביי אים געבעטן, איך וויל עפּעס פרעגן!

— קום אין דער שעה פון שפּעטסטן זונפאַרגאַנג צווישן די בערג אַרום ירושלים, וו גאָט אַנטפּלעקט זיין שליחות פאַרן נביא! — איז געווען דער ענטפער.

שלמה איז אַהינגעקומען אין דער באַשטימטער שעה, גראָד ווען אַ שטאַרקער ווינט האָט געברוישט צווישן די בערג, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין ווייטן מידבר, און ער האָט געזאָגט:

— הייליקער נביא, איך וויל נישט ווערן קיין מלך, כ׳וויל ליבער פאָרשן, כדי צו דערקענען גאָטס פראַכט און דערהויבנקייט.

אין דער רגע האָבן אַרום די גראָזן פון די פעלדער זיך צעהוידעט און ער האָט דערזען אַ קלאָר וואַסערל, וו די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך אין לעצטן בליאַסק רויט נאָך געשפּיגלט ווי אַ פייער פון גאָלד. און דער נביא האָט געענטפערט:

— שלמה! דיין שליחות איז באַשטימט אין הימל און דו מוזסט טאָן גאָטס ווילן.

שנעל האָט דער קרוינפּרינץ אַ פאַרסאַפּעטער אַהיים געאיילט. איבערטרעטנדיק די שוועלן פון פּאַלאַץ האָט אים אַקעגנגעווייעט אַ

טרויער און פון אַלע אַרומיקע געצעלטן האָבן זיך געטראָגן פרויען־געוויינען — דאָס האָבן געיאָמערט דעם מלכס ווייבער און צווישן זיי אויך די שיינע בת־שבע. אַלע זענען געזעסן מיט געזונקענע קעפּ און געמורמלט צו זיך אַליין:

— וואָס האָט דער נביא זיך אַזוי שטאַרק אָנגעלייגט אויפן מלך?

און פאַרן מלך דודס טריבע אויגן, וואָס האָבן לעצטנס פאַרלוירן די ריאה, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אין איין ריי יעדער טאָג פון זיין לעבן: זיין פיינלעך אַנטלויפן פאַרן מלך שאולס שווערד און שפּעטער נאָכן טרויעריקן סוף פון מלך שאול אויפן באַרג גלבוע מיט זיינע זין, ווו ער האָט מיט דער שווערד דעם אייגענעם גוף אדורכגעשטאָכן נאָך דער פאַרשפּילטער שלאַכט. און דערנאָך דעם מלך דודס אויפשטייג־יאָרן. ס'האָט אויפגעבליצט אין זיין זכרון די גרויסע פּאָזיציע ביי די טייכן פון גבעון, דער נצחון איבער די יבוסי, זיין מאַרשצוג אין טאַל רפאים, ווען ער האָט דעראָבערט די פעסטונג פרצים, די מיליטער־באַלאַגערונג און שפּעטער דאָס באַזעצן פון מתג־אַמה; דער זיג איבערן קיניג פון צובה און זיין אריינמאַרש־טריאומף אין אַרם דמשק. אָפּגעטיילטע בליצן פון מלך דודס פאַרגאַנגענהייט ווי רעפלעקסן פון אַ ליכטפּאַקל אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן איצט אין רעיון אַ פינקל געטאָן. נישט אַזוי לייכט איז אים אָנגעקומען זיין מלכות... זיין טראָן... דאָס ווערן פאַרוואַנדלט פון אַ פּאַסטוך־ייִנגל אין אַ באַרימטסטן מאַן אין דער וועלט. איצט... מוז ער אָפּטרעטן די זעלבע שיינע וועלט, וואָס געפעלט אים דווקא היינט נאָך מער פון אַלע מאָל, פריי־ווילינ, אָן קאַמף... אָן שלאַכט, פאַר דעם, וואָס איז יונג. און ער אַליין וועט פאַרשווינדן ווי אַ קליין, נישט אָנזעעוודיק שטויבעלע אויף דער ערד. און פון דעמאָלט אָן וועט דער גרויסער העלד מלך דוד געהערן צווישן די, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט, און דער איצט וועט זיין פאַר אים פאַרלוירן... ווי פאַר אַנדערע דורות פאַרן מלך, וואָס זענען מער נישטאָ.

— — — — — — — — — — —

ווי אַ פינצטערער שאָטן אין אַן אָפּגעזונדערט געצעלט האָט זיך באַוויזן דער צעקרימטער סקעלעט פון מלך דוד. פאַרלאָזט פון זיינע הכמים, בעלי־יועצים און מיניסטאָרן, מיטן פּנים געווענדט צו מיזרח, האָט ער אויף זיין האַרף, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, אויסגעשפּילט זייער אַ טרויעריקן זמר און אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן אויפן אַלטן צעקנאָדערטן פּנים.

פלוצעם האָט דער מלך דוד דערזען זיין זון שלמה אַריינקומען אין פּאַלאַץ. האָט ער אים אַ קוש געגעבן אין שטערן און געזאָגט מיט געבעט:

— מיין זון שלמה! הייב אויף דיינע אויגן און זע, ווי דיין טאַטנס שווערד האָט גרויס און ברייט געמאַכט אונדזערע גרענעצן, דעראַ־ בערט פון אונדזערע פיינט. מיר באַזיצן אַ לאַנד, וואָס איז רייך מיט אָן אַ שיעור וויינשטאָקן, גערטנער מיט פייגנביימער, מילגרוי־ מען און איילבירטן. אומעטום — אויף מיזרח, מערב, צפון און דרום, וווּ דו וואַרפסט נאָר אַ בליק, זענען צעשפּרייט אָן אַ שיעור פעלדער מיט זאַטע ווייצן, גערשטן, הירש און קאָרן. עס הייבן זיך ווייט אין הימל באַרגשפּיצן, אויף וועמענס רוקנס דרימלען צערויש־ טע פרייליכע וועלדער באַוווינטע פון פייגל.

גאָרנישט ווייניקער כישופדיק שפּרינגען די זילבערוועלן אין אונ־ דזער בלויען פאַרחלומטן ירדן, אין ים־כנרת, וואָס קען ענדערן דאָס געשטאַלט פון דער אומעטיקער ערד צו אַ גרויס גליק און עשירות פאַרן פאָלק. מיין זון! קוק אין הימל און זע, ווי דאָרט שוועבן אַרום גרויע, שוואַרצע און זילבערווייסע לאַמפּאַסן ווי שיפן אויפן ים. אָט דאָס זענען סמנים פון גליק און אומגליק: וועט זיין דער וועג פון מלך ישראל יושר און חכמה, וועט קומען אויף אונדזער לאַנד גליק, און אויב פאַרקערט, וועט קומען אומגליק.

מיט ווירדע און העפלעכקייט האָט דער קרוינפּרינץ זיך אויפ־ געשטעלט פון שטול און געזאָגט זייער פאַרטראַכט:

— כ'האָב אַ מאָל געהערט אַ מעשהלע, וואָס ס'האָט עס באַשריבן אין די ביכער אַ חכם, אַז עס איז אַ מאָל געווען אַ מלך, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דמיון, אַז זיין טויט וועט אַרויסרופן אַ גרויסן טרויער אין לאַנד. האָט ער געזאָגט צו זיין דינער, ער זאָל צעהענגען געשריפטסן אין אַלע שטעט מיט דער טרויעריקער ידיעה, אַז דער מלך איז געשטאָרבן, און זיין טויטן גוף זאָל ער אַרויסטראָגן אין אַ הייל, וואָס זאָל האָבן אַן אָפענע טיר אין גאַס אַריין. אָט דע־ מאָלט, ווען זיין דינער האָט אַלץ אַזוי געמאַכט, איז דער מלך אַרויס אין שטאָט, כדי צוצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם גרויסן טרויער, וואָס זיין טויט האָט גורם געווען אין לאַנד, ווי אַלע מענטשן וויינען און באַקלאָגן זיין אומקום. אָבער ווי דערשטוינט איז ער געבליבן, ווען ער האָט דערזען, אַז אַלץ גייט ווי פריער זיך זיין גאַנג: ווי שטענדיק קלאַפּט דער שמיד אין זיין קוזשניע, דער סטאָליער סקריי־ פּעט ביים צעשניידן די ברעטער מיט זיין זעג, דער פּויער שטייט

ווי אַלע מאָל ביי זיין אַקער אויפן פעלד, גאָרנישט האָט זיך פאַרענ־דערט. האָט דער מלך צו זיך געזאָגט:

— אַלץ איז אַן אומזין, אַפילו אַ געוואונענע מלחמה איז אויך אַ פאַרלוירענע. עס דאַכט זיך עמעצן, אַז ער איז אַ גיבור, ווייל ער דעראָבערט פרעמדע ערד, אָבער די ערד בלייבט אייביק פריי און אומדעראָבערט, קיינער דערגייט נישט זיין מלחמה־מאַרש ביזן סוף.

— — — — — — — — — — — —

און דעם מלך דודס פנים האָט זיך צעשטראַלט פון גליק און ער האָט געזאָגט:

— נאָטס נביא איז גערעכט... שלמה, דו ביסט איינציק ראוי צו פאַרנעמען דעם טראָן אין לאַנד ישראל. — און ער האָט געקושט זיין שטערן צאַרט און פאָטערלעך.

קאַפּיטל אכט און דרייסיק

— אַ הימלישע דערהייבונג... — האָט מילי ווימעלזאָן שטיל גע־שעפּטשעט, אַוועקלייגנדיק דעם דיקן העפט פון האַנט און ווי נאָך אַ חלום זיך אויסגעווישט די אויגן.

זי האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי האָט ביז איצט ווי אַ ווירקלעכקייט אַדורכגעלעבט, האָט זי אַרויסגעלייענט פון איר מאַנס אַן אָנגעשריבענער נאָוועלע מיטן נאָמען „דער שאָטן פון אוריה החיתי", אַ לעצט פאַרוואַלגערטן מאַנוסקריפּט אין איר היים פון וואַליז, וואָס זי האָט פול מיט איר מאַנס מאַנוסקריפּטן אָנגע־פּאַקט אין יענע בהלה־טעג און אַוועקגעפירט אין דאָרף סען־סולפּיס, ווו זי האָט זיך נישט געקענט מער אויפהאַלטן, כאָטש אין די זומערן איז זי געווען פאַרנומען אַלס פאַסטוכין ביי דער פּויערים־משפּחה קאָנסטאַנטין, וועלכע האָבן באַוויליקט, אַז זיי וועלן האַלטן אירע קינ־דער איבער דער גאַנצער מלחמה־צייט, נאָר אין ווינטער האָט איר געלאַנגווייליקט דאָרט דאָס לעבן: די איינזאַמקייט, די ווינטן, בלאָ־טעס און קעלטן האָבן זי פאַרפּייניקט. די איינציקע פרייד, וואָס פאַר איר איז נאָך פאַרבליבן, איז נאָר געווען דאָס אָפּטע פאָרן דאָ און דאָרט, ווו ס'געפינען זיך דעמאָביליזאַציע־צענטערס, מיט דער האָ־פענונג אויפצוזוכן איר מאַן. לײדער איז מילי שטענדיק צוריק אַהיימגעקומען אַ פאַרדראָסיקע, אַן אומגליקלעכע. ענדלעך האָט זי באַשלאָסן זיך אַריבערצוכאַפּן קיין פּאַריז, ווייל נאָר אין דער הויפּט־שטאָט וועט לאַזאַר צו איר צוריקקומען און קענען זי אויסגעפינען.

איצט טרייבט מילי די שרעק אַרויס פון איר אייגענער היים און זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ בוידעמשטיבל צוויישן נאָך זיבן איינ־ווינער פון זעלבן הויף, וואָס מאַרינעט, די גוטע קאָנסיערזשקע, האָט פאַר איר אויסגעפונען, און נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, לייענט זי שוין דאָס ווייפלטע מאָל די זעלבע נאָוועלע פון איר מאַן אָנגעשריבן, „דער שאָטן פון אוריה החיתי", כדי צו קענען אָפּט פון אים נאָכ־טראַכטן, און רופט אויס טייל מאָל:

— שיינער לאַזאַר, כ'האָב היינט דיך נאָך ליבער פון אַלע מאָל.

זי געדענקט אַזוי גענוי, ווי איצט וואָלט עס געווען, די דאַטע פון איר פיינלעך לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זייט יענעם פרי־מאָרגן פון 17טן יולי 1942, ווען די וועלט איז נאָך געשלאָפן אין אַ זיסן דרימל. הימל און ערד, פעלד און לאָנקע געאָרעמט ווי געליבטע האָבן דעמאָלט געקוקט מיט שטוינונג, ווי די דייטשן מיט

רצחישע ווייסאַפּלדיקע אויגן זענען באַפאַלן יידישע היימען איבער אַלע קוואַרטאַלן פון פּאַריז, ווי אין אַ ווילדן מידבר ביי נאַכט דורך אַ ווילדן שבט רויבער. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט מאַמעס מיט זייערע זויגנדיקע קינדער ביי דער ברוסט, זקנים, יונגע מיידלעך, חתנים, כלות, גרעסערע און קלענערע קינדערלעך, קימפּעטאָרינס פון קליניקעס און קראַנקע אויף טראַגעס פון די שפּיטעלער; יונג און אַלט מיט ווייס צעשראָקענע קאַלך-פּנימער און מיט כלערליי אויגן-אַפּלען, וועלכע האָבן זיך געבאָדן אין אַ ים פון טרערן. און אַלע האָט געוויינט איבער פאַריזער גאַסן, אויפגעוועקט דעם פאַרשלאָפענעם דרויסן, געשפּאָלטן הימלען און ווי די שוואַרצע עגלות האָבן זיך מיט זיי געצויגן קאַמיאָנען איבער אַלע עקן שטאָט, וועגענער, אין וועלכע מען פירט אין דער נאַכט געבאַפּטע אומלעגאַלע גאַסנפרויען אָדער אָקסן אויפן שחיטה-פּלאַץ.

די פאַרצווייפלטע מילי האָט באַלד גענומען איינזען איר טעות מיט איר קומען קיין פּאַריז אויסצוגעפינען איר לאַזאַר. די הויפּקערערין מאַרינעט האָט זיך געהאַלטן כסדר אין איין בייזערן, ווי זי וואָלט געוווען איר טאָכטער, געמאַכט פאַרווורפן מילין, פאַר וואָס אָן שום איבערפרעגן זיך פריער אין אַ בריוו, האָט זי לייכטזיניק אַהערגעטאַנצט. ס'וויזט אויס, אַז מילי האָט גאַרנישט געלייענט קיין ציימונגען וועגן די אַלע געזעצן, וואָס דער אָקופּאַנט האָט אין פראַנקרייך אַרויסגעגעבן פאַר יידן!

דאָס האָט מאַרינעט געזאָגט נישט פון שלעכטקייט, נאָר ווייל ס'איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ פרישער עול: נאָך אַ מענטש צו באַהאַלטן אַ חוץ די פריערדיקע, וואָס זי האָט זיך געשוווירן צו פאַרהיטן זייערע לעבנס, און ס'ווערט יעדעס מאָל פאַרגליווערט ביי איר דאָס בלוט פון טויטשרעק ביים אייגקוימן פאַר זייערע שפּייזקאַרטן אַ ביסל דערנערונג. מאַרינעט איז געשטאַנען גאַנצע טעג ביי די קראָמען אין די רייען און דאָרט איז איר אויסגעקומען צוצוהערן אויסטערלישע מעשיות, וואָס מענטשן פון דער אונטערוועלט האָבן צווישן זיך ווי באַצאָלטע, אָפּגעדונגענע לייט דערציילט, וואָס דער ט.ס.פ. פאַרשפּרייט וועגן די יידן שלעכטס, נישט געשטויגענע, נישט-געפלויגענע אויסטראַכטענישן, רכילותן און בייזע לשון הרע.

ניט איין מאָל איז מאַרינעט אַוועק פון איר רוי אַ טיף באַליידיקטע. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס דווקא איינענע פראַנצויזן שטייען אין דינסט פון די דייטשע שלאַנגען, וועלכע האָבן אויך זייער אייגענע פרייהייט צוגערויבט. איבער הויפּט איז פאַר איר

געווען אַ חרפּה, וואָס אויף דער פראַנצויזישער ערד, ווו יידן האָבן געבלוטיקט, איז מיט דער הסכמה פון דער ווישי־רעגירונג אַרויס־געגאַנגען דאָס געזעץ, אַז די יידן מוזן זייערע פּראָדוקטן פאַר זיך איינקויפן אין באַשטימטע שעהן פון טאָג און זייערע קינדער איז נישט דערלויבט זיך שפּילן אין די גערטנער, נישט פאָרן אויף די באַנען, נישט רעדן דורכן טעלעפאָן און נישט האָבן קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט ביי זיך אין הויז. אויך זייערע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן האָבן זיי אַראָפּגעזעצט פון די פּאָסטנס און געשטעלט אין שאָטן.

דאָס איז געווען ווי אַ פאַרבאַרייטונג פאַר דער גרויסער געשעעניש, ווען די דייטשע אַרמיי האָט פּלוצעם אָן שום קריגס־דערקלערונג אַ שפּריוז געטאָן אויף דער רוסישער ערד און אַריין טיף אין לאַנד.

*

גראָד אין יענער צייט, אין שפּעטן אָוונט האָבן ראָזע־וויאָלעטע פּאַסן זיך צעשפּיגלט און פאַרבלענדט מיט העלקייט די בערג, וואָס פירן צום שטעטל סען־סולפּיס, ווו צווישן אַ געדיכטן וואַלקן פון רויך און וואַסער־פּאַרע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צוג, פון וואַגען עס זענען אַרויסגעגאַנגען כלערליי פּאַסאַזשירן, ס'רוב פּויערים, און צווישן זיי האָט זיך אַרויסגעשטופּט אַן עלנבויגן, אַ פּלייצע און אַ לאַכנדיק, קוועלנדיק פּנים און צוויי געמיטלעכע הימלבלויע אויגן, גלאַט ראַזירטע באַקן פון אַ מאַן, שלאַנק געבויט און עלעגאַנט געקליידט, פון די מיטעלע יאָרן. ער האָט געטראָגן אַ בוך אין האַנט ווי אַן עקסקורסאַנט. אַ פייכטקייט האָט באַדעקט פּלוצעם זיין שטערן, ווייל ס'האָבן פאַר זיינע אויגן אַ בלישטשע געטאָן צוויי דייטשע זשאַנדאַרמען־אוניפאָרמען, וואָס האָבן אָנגעיאָגט אויף אים אַ שרעק. ער האָט שוין גענומען טראַכטן זיך צו כאַפּן צום געווער, וואָס ער האָט אַלע מאָל געהאַלטן גרייט צום קאַמף. ער האָט געוואָלט, ווי ער האָט אַלעמען געלערנט, זיין דער ערשטער, וואָס הייבט אָן, ביז די זשאַנדאַרמען וועלן באַווייזן זיך צו דערוויסן, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. ער האָט אָבער דערווייל זייער רואיק אַדורכ־געשפּרייזט פאַר זייער נאָז און אַרויף אויף אַ גאַניק פון אַ רייכן הויז, געטרעטן איבער די ווייסע מאַרמאָרענע טרעפּ, ווו ס'איז אים אַקעגנגעגאַנגען אַ גרוי־באַזילבערטע זקנה, מיט אַ גערונצלט געלן פּנים. זי האָט באַנוצט די בלומען־וואַזאָנען אויף דער הויז־גאַלע־ריע מיט אַ וואַסערקאַן, וואָס מען באַנוצט אָפט אין גערטנער.

— מאַדאַם! האָט ער אומשולדיק אַ זאָג געטאָן — איר זענט אפשר גאַסטפריינדלעך קעגנאיבער אַ דורכפאָרנדיקן פראַנצויז און

איר קענט מיר צוטיילן אַ געלעגער אויף געציילטע נעכט. מסתמא איז אייך נישט פרעמד די לאַגע אין לאַנד, אַז אַלע האָטעלן זענען פאַרנומען פון אָקופּאַנט!

די זקנה האָט אַ פּאָכל געטאָן מיט איר זילבערנעם קאָפּ און זי האָט זיך צעשמייכלט:

— מיין ליבער! אייער בקשה קען ליידער נישט ווערן דערפילט, ווייל מיין הויז מוז איך האַלטן געשלאָסן פאַר פרעמדע מענטשן, איינפאַך ווייל איך דערציִ פון זייט יאָרן אַ יונג מיידל אַ יתומה.

און דער גאַסט איז אַראָפּ פון די ווייס־בלאַנקענדיקע מאַרמאָר־טרעפּ און אַוועק צו אַ צווייט הויז, ווו ער האָט אויך באַקומען אַן ענלעכן אָפּזאָג. אַזוי האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ סך טירן. איבערן דרויסן האָט געפלאַטערט אַ לעצטער ווייסער אָפּשיין פון אָפּגייענדיקן טאָג, אַ טונקלקייט האָט ווי קראָען־פליגלען זיך פאַרשפּרייט.

דער פרעמדער האָט נאָך אַלץ כסדר אַרומגעבלאָנדזשעט און גע־זוכט אַ נאַכט־געלעגער, ביז ער איז אַ מידער פאַרקראָכן צום טייך פון סען־סולפּיס, ווו ס'האָבן זיך באַוויגן פאַרדרימלטע שפּאַציר־שיפלער. ער האָט מיט אַ ביטול געקוקט אויף די דרענגער, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אין וואַסער, צוגעטשעפּעט צו נייַ באַפאַרבטע געל־גרין־רויטע לאָדקעס, וואָס ס'האָבן זיי אָפּגעשפּיגלט ווי אַ פאַקל־ליכט אין העל־בלוילעכן הימלקאָליר דער לעצטער זונפאַרגאַנג. פון דאָרטן אַרויס האָט זיך געשאָטנט אַ יונג מיידלס פּנים, אַ מיידל מיט אַ רונדיקן גוף פון אַ מעוברתטער. דער פרעמדער האָט געוואָרפן צו איר אַ בליק, וועלכן זי האָט אויסגעמיטן מיט בייזקייט. זי האָט אויסגעזען זייער טרויעריק און אומגליקלעך, איר פּנים איז געווען צע־שראָקן און פאַרזאָרגט, אין אירע טריבע אויגן האָבן געוואָגלט ווייסע צעבלישטשעטע טרערן. אירע בליקן האָבן ווי אויסגעמאָסטן אין טייך צווישן די דראָבנע וועלן איר באַלדיקן קבר. דער מאַן האָט אַ פאָכע געטאָן מיטן הוט אין דער לופט און געזאָגט:

— איך באַגריס אייך, מאַדמואַזעל.

ער איז נענטער צו איר צוגעקומען און זיך אָנגעטראָפן אויף ביסטרע צעשראָקענע גרינגע שפּיזן, וואָס האָבן אים ווי אַדורכגע־שטאָכן, און ער האָט דאָך זיך דערדרייסט איר צו זאָגן אַ חניפה, אפילו ווינדיק פאַרויס, אַז זיינע רייד זענען ווי אַרויסגעוואָרפן.

ס'ווייזט אויס, אַז דעם מיידל איז געפעלן, בעת דער מאַן האָט זי באַגריסט, ווען זיין בלאָנדע טשופּרין איז אים ווי אַ כוואַליע גע־פאַלן אויפן שטערן.

דעמאָלט האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן פאַר אים דערציילן איר טרויער: אַז איר באָבע וויל זי פון הויז אַרויסטרייבן, ווייל זי קען נישט אויפווייזן דעם געזעצלעכן טאַטן פון דעם נפשל, וואָס זי טראָגט אין אירע אינגעווייד.

— מאַדמואַזעל! האָט דער אומבאַקאַנטער פאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין אירע באַפייכטע אויגן און פייערלעך אויסגעשריגן:

— א שטייגער ווען איך וואָלט שריפטלעך ביים מער זיך דערקלערט אַלס טאַטע פון אייער קינד, וואָלט איר נישט געוועדן דאַקעגן?

— מעסיע, איר מיינט עס ערנסט? — האָט זי האַלב וויינענדיק און האַלב לאַכנדיק זיך פאַר אים אוועקגעשטעלט ווי פאַרחלשט.

— איך שווער אייך ביי גאָט! — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט די האַנט אין האַרץ, און אַזוי אַרום האָט ער דאָס יונגע מיידל איבערצייגט אין דער אויפריכטיקייט פון זיינע רייד. און זי האָט געענטפערט:

— אָך, וואָס פאַר אַ גוטער מענטש איר זענט! זאָגט מיר באַטש, פאַר וועלכן פרייז ווילט איר מיט אייער כבוד צודעקן מיין שאַנד?

— פאַר קיין שום פרייז, האָט ער שטיל געזאָגט — איך וויל בלויז דינען מיט אַ טובה. מאָרגן גייען מיר באַלד באַגינען קיין סענלעזשע־לאַ־מאָנטאַניע, ווו דער מער איז מיינער אַ פריינד, און ער וועט עס מיר באַלד דערלעדיקן. נאָר איך מוז די היינטיקע נאַכט ביי אייך אין שטוב איבערנעכטיקן.

— מעסיע, וואָס איז אייער פּראָפעסיע? — האָט דאָס מיידל גייגעריק אַ פרעג געגעבן.

ער האָט געוואָלט זאָגן: אַ פּאָעט, אַ שריפטשטעלער, פּאַרטיזאַנער־אָנפירער, נאָר ער האָט אויף שנעל אויסגעפונען אַ צווייטן ענטפער:

— אייביקער סטודענט! — און ער האָט צאַרט פּאַטערלעך אויפן יונגן מיידל געקוקט און געטראַכט ווייטערע פּלענער.

זייט ביי זייט, ווי נאָענטע, זענען זיי ביידע געגאַנגען, נאָר יעדער איז געווען פאַרנומען מיט אייגענע מחשבות.

— מאַדמואַזעל, — האָט ער זי ווי פון אַ חלום איבערגעוועקט, זאָגט מיר, פאַר וואָס ווייס איך נאָך אַלץ נישט אייער נאָמען? מיינער איז זשאַן.

— זייער אַ שיינער נאָמען! אַ דאַנק. און מיר רופֿט מען טערעז!
— האָט זי נאָך פֿרייליכער אַ צאַפּל געטאָן, ווי די פֿרייד צוזאַמען מיטן קינד אין איר לייב וואָלטן געוואָלט אַרויסשפּרינגען. פֿון דאַנקבאַרקייט פֿאַר זיין צוגעזאָגטער טובה האָט טערעז אים צאַרט אָנגענומען ביים אָרעם.

זשאַן האָט צום ערשטן מאָל אַ קוש געגעבן איר אין שטערן און זיך דערמאָלט געטומען אַפּט אַרויסווייזן זיין קאַוואַלע־רישע צערטלעכקייט. ביידע זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די מאַרמאָ־רענע, בלאַנקענדיקע טרעפּ מיטן ווייסן גאַניק, פֿון וואַנען פֿריער די זקנה האָט זשאַנען, מיט גרויס חרפּה, אַוועקגעטריבן. ווי פֿאַר אַ היימישן מענטש האָט דאָס מיידל איצט פֿאַר אים אויפגעשלאָסן די די טיר, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ־זשעראַנדאָל און ער האָט דערזען אַ דייכע היים מיט ווערטפֿולע אַנטיקן, מיט בילדער אויף די ווענט, און ער האָט באַשלאָסן אָפּן צו שפּילן די ראָל פֿון טערעזעס חתן.

אין דער שטילקייט פֿון שלאָפֿנדיקן הויז האָט ער זי פֿריי, אומ־געשטערט געקושט.

— איז ווער אין שטוב דאָ? — האָט די באָבע געערדט ווי פֿון חלום.

— שלאָף, שלאָף, מאַמעלע! — האָט זי די אַלטע זקנה גע־פּיעטשטשעט, ווייסנדיק, אַז זי שלאָפֿט שוין סיי ווי סיי, און קיינער האָט נישט געהערט און געזען די אַרומאָרעמונג פֿון פֿאַרליבטן, שנעל היימיש געוואָרענעם פּאָרל.

*

אין יענעם גאַנצן טאָג איז פֿריילעכער פֿאָרגעקומען דאָס לעבן אין רייכן הויז פֿון דער יונגער טערעז. זשאַן איז שטאַרק געפֿעלן גע־וואָרן איר באָבען אַלס בדאָווער מאַן און זי האָט זיך בלויז געוווּנ־דערט, פֿאַר וואָס, ווען ער האָט ביי איר געבעטן צום ערשטן מאָל אַ נאַכט־געלעגער, האָט ער נישט געזאָגט, אַז ער איז טערעזעס חתן, און פֿאַר וועלכער סיבה האָט ער זי פֿאַרלאָזט, ווייסנדיק, אַז דאָס מיידל פֿאַרגייט שוין אין וווייטע חדשים און זי וועט ווערן אַ מאַמע פֿון אַן אומגעזעצלעך קינד, וואָס עס פּאַסט נישט פֿאַר איינער פֿון אַזאַ אָנשטענדיקן הויז.

זשאַן האָט פֿאַר דער באָבע אַלע קלינסטע תירוצים צוגעטראַכט און זי באַרואיקט.

צו מאָרגנס באַגינען האָט זשאַן געזאָגט טערעזען, אַז זיי גייען אין זייער באַשטימטן וועג, וווּ ער וועט זיך אונטערשרייבן אַלס טאַטע פֿון איר קינד.

קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק

גילדענע זונפֿאַסן האָבן זיך צעצונדן אין הימל מיט לייכטנדיקע פייער־פלעמלעך איבער די בערג פון סען־לעזשע־לאַ־מאָנטאַניע, ווי רויטע העלע געבלישטשן וואָלטן אַרויסגעקוקט דורך ברייט צעעפנטע פענצטערלעך פון אַ לייכטטורעם איבער אַ ווייטן גרינעם צעפלאָסענעם ים.

דאָ האָט זיך געצויגן אַ קייט פון מענטשן עולה־רגלניקעס, אָנגעטאָן אין מלבושים פון אַלערליי קאָלירן און ברייטע געלע הילן און שטרייפן פון צעגלאַנצטן שוויים האָבן געטריפט פון זייערע שטערנס.

עס האָט זיך געצויגן אַ הייליקע פּראָצעסיע פון פאַרמאַטערטע מענטשן, בעלי־תעניתים מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן, געניטערטע קעפּ, טריבע מאַטע אויגן און ווי רעדער פון וועגענער, גרויסע צעהאָנגענע צלמים אויף די הערצער. און געטראָגן האָבן זיי רייענווייז ווייסע ליכט אין די הענט און ס'האָבן געהילכט תהילים־געזאַנגען אין זייערע מיילער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו פרוכטבאַרקייט. זיי האָבן אויך מיטגענומען פון פויערים־פאָלק די שוואַנגערע פרויען, באַגלייט פון אייגענע מענער, און אויך די יונגע טערעז צווישן זיי, מיט איר ערשטלינג אין לייב. ווי אַ צייכן פון פייערלעכקייט אין יעזוס קריסטוסעס גייסט האָבן זיי די מעוברתטע אַריינגעפלאָכטן אין די פאָדערשטע רייען אין שפּיץ פון דער הייליקער פּראָצעסיע. אויך זשאַן אַלס טערעזעס געזעצלעכער מאַן איז געגאַנגען לעבן איר.

פּלוצעם האָט זיך די פּראָצעסיע ווי אָנגעקוקט מיט דער גרויער געביידע פון דער מערי אין שטעטל סען־לעזשע־לאַ־מאָנטאַניע, ווו אַהין עס איז פאַרשוווּנדן דאָס געאָרעמטע פּאָרל זשאַן און טערעז און זייערע באַגלייטער, דאָרט אויסצופירן דעם צוגעזאָגטן דאָקומענטאַלן אונטערשריפט. אונטערוואַרטנדיק ביז זיי האָבן זיך באַוויזן צוריק אויף דער שוועל פון דער שטעטלעכער מערי, האָט די פּראָצעסיע אונטערגעכאַפּט די פריערדיקע תפילה־געזאַנגען אין שפּעטער ריי נאָך ריי, שרעגנע נאָך שרעגנע ווייטער גענומען ציען. און די פרויען, מיידלעך אין קליידער ווי ווייסע כלות האָבן זיך אַריינגעבלאָנקעט אין די גרינע פעלדער, זייערע קלאָרע פאָרהאַנגען פאַר די פּנימער, האָבן געפאָכעט צווישן גרין, גאָלד און זיל־

בערנער זון־העלקייט און אויף ס'ניי זיך צונויפגעגאָסן אין אַנדערע פאַרבן — וויאָלעט, ראָז, פּורפּור — און אומעטום זענען מיט־געגאַנגען פעלדער מיט קאָרן און ווייץ. אויף אַלע שליאַכן און שטחים האָט געגלאַנצט די צייטיקייט פון שניט מיט די טיף גע־בויגענע זאַנגען.

עס זענען אויך מיטגעגאַנגען זקנים, זקנות מיט גרויע זילבערנע קעפּ, ווי סקעלעטן וואָלטן אַרויס פון די קברים. זייערע צעקנייטשטע הויטן אויף די איינגעפאַלענע פּנימער האָבן מיטגעזונגען די לי־דער פון פרוכטבאַרקייט, פאַרמישט מיט תפילה.

זשאַן האָט איצט ווי אַ קליין שפּילעוודיק יינגעלע זיך פאַרקוקט מיט זיינע צוויי בלויע, פאַרנעפּלטע אויגן אויף די באַוועגנדיקע קאָרנזאַנגען, איבער די פעלדער־לאַנקעס, וואָס אָטעמען מיטן חלום, אַז פראַנקרייך וועט נאָך אַ מאָל זיין פריי, פון קיינעמען נישט באַזיגט, זעלבסטשטענדיק און גליקלעך.

פּלוצעם האָט זיך אין יענער רגע פון אַלע פעלדער און סטויזן תבואה זיך אַ הייב געטאָן אַ מענגע גופים, וואָס זענען ביז איצט געלעגן באַהאַלטן און אַ כוואַליע הענט מיט שפּיזן, רעוואָלווערן און מעסערס האָבן געפאָכעט אין דער לופט מיט זילבער־גע־בלישטש פון הייליקע קירכן־קופּאָלן אונטער אַ גינגאָלדענער זון. זייער געזאַנג האָט זיך צונויפגעמישט מיטן געזאַנג פון דער פּראָ־צעסיע, ווי דער קאַמף וואָלט געהייליקט געוואָרן אין יענער גע־הויבענער מינוט.

זשאַן איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון הויכע בראָנדזענע יונגען מיט לאַכנדיקע אויגן און פרייליכע פּנימער, יונגע קרעפטיקע מאַ־קיזאַרן.

צווישן דעם גאַנצן מענטשן־געפּלעכט האָט פּלוצעם זיך באַוויזן אַ מאַן אויף אַ קוליע. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהיים אין באַזונדער נאָכגעגאַנגען די הייליקע פּראָצעסיע. זיין פּנים איז געווען צעקרימט און מיאוס מיט אַ פאַרוואַקסן אויג, וואָס האָט זיך אין יענער רגע צעשמייכלט, ווי אויך זיין בלינדקייט וואָלט זיך באַטייליקט און מיטגעלאַכט, בעת זיי ביידע האָבן זיך געוואָרפן איינער אין אַנדערנס אָרעמס און זיך צעקושט אַזוי הילכיק און ס'האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— לאַזאַר!

— מאַרסעל! — און די אַרומיקע בייקוקערס האָבן זיך פאַר־חידושט: ווי קען מען אַזאַ מיאוס פּנים קושן?

אין יענע מינוטן האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן געהיימע סיגנאַל־ידיעות איבער גאַנץ פראַנקרייך, אַז דער פּאַרטיזאַנער־פירער איז בשלום אָנגעקומען אויף זיין קאַמפּפּאָסטן אויפצוהייבן דעם מעמ־פאָ אין יענעם אָפּגעשטאַנענער, הינטערשטעליקער געגנט און גרייטן צום אויפשטאַנד קעגן אָקופּאַנט.

— — — — — — — — — — — — — —

פּאַריז איז נישט געווען מער צו דערקענען.

ווי די אומעטיקע נאַכטשאָטנס האָט מען געזען איבער גאַסן זיך אַדורכשלייכן יידן מיט פאַרשעמטע פּנימער און מיט אַן אָרעם פּעקעלע אונטערן אָרעם. דאָס איז געווען דאָס געלעגער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבעט ביי גוטהאַרציקע פראַנצויזן, פריינטלעך דער־לויבט די אומגליקלעכע געהיים אין זייער שטוב איבערצונעכטיקן. באַהאַלטענע אין די קאַמערן, אין די קעלערן, אויף די בוידעמער זענען פון פּחד פאַר יעדן שאָרך אַרויסגעקראָכן פון דער איינע־נער הוים. זיי זענען געווען גרייט אַרויסצושפּרינגען פון פענצטער, ווען צופעליק אַ בריוטרעגער האָט ערגעץ געקלאַפּט אין אַ טיר אָדער רעגנטראָפּן האָבן גענומען פּליסן איבער אַ דאַך, אַ ווינט האָט געטרייסלט אַ שויב פון אַ צעבראָכענעם פענצטער. אין די נעכט זענען זיי נישט געשלאָפן און די טעג נישט געגעסן, נאָר שטיל זיך געשלייכט פון איין ווינקל־באַהעלטעניש צום צווייטן און אין ערגעץ נישט געפונען קיין רו און כסדר געווײנט און אָנגע־פילט די אויגן מיט טרערן.

*

נאָענט צום דאַך אויפן לעצטן עטאַזש פון אַ הויף־חורבה, ווו קיין מענטשן האָבן פון לאַנג דאָרט שוין נישט געוווינט, האָט זיך אויפגעהאַלטן די מאַדאַם מילי צוזאַמען מיט אַ שכנ׳ישער פאַמיליע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ מאַן און ווייב און אַ פריש געבוירן קינד. שפּעטער איז אויך צוגעקומען אַן אַלטע מאַמע — די מאַדאַם שרהלע קעניגסבערג.

איבער דער שטוב איז געלעגן אַ שעניק, וואָס איז געווען אַלעמענס געלעגער. אַ שפּאַן ווייטער איז געשטאַנען אַ וואַקלדיק טישל און אָנשטאָט בענקלעך — פיר קליינע בירפעסלעך, וואָס האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט פון אַמאָליקע באַוווינער בעת די גוטע צייטן.

מאַרינעט לויפט פאַר זיי אַלע שליחותן און אַז זי באַווייזט זיך אין באַהעלטעניש, פילן זיך דאָ אַלע איין משפחה. זי מונטערט אויך אויף אַלע מאָל מיט נייע גוטע בשורות, וואָס די געהיימע ראַדיאָס זאָגן: אַז די דייטשע אַרמיי איז געוואָרן לעת־עתה אויף

אַ גאַנצן ווינטער פאַרהאַלטן ביי מאָסקווע און אונטער די טויערן גאָענט שוין פון לעניגראַד.

די ווינטן שפרייזן דאָ אַרום פראַנק און פריי, פון טירשפּאָלט אין דרויסן אַרויס און ווידער צוריק אין שטוב אַריין, און מישן זיך אויס צוזאַמען מיטן איילולו־ליד, מיט וועלכן די מאַמע פאַרווינגט איר עופהלע. דעם קינדס געוויין ווערט פאַר די באַהאַלטענע פון טאָג צו טאָג געפערלעכער. וואָס עלטער, וואָס קרעפטיקער ס׳קינד ווערט, אַלץ מער טרויער און אומרו וואַרפט עס אָן אויף די אַרו־מיקע, ווייל אַ מינדסטער שאָרך פון דער חורבה קען גורם זיין אויף אַן אומגליק, אַפּמסרן די באַהאַלטענע יידן.

אויף אַ שטיין, באַלייגט פון מאָך און שפינוועבס, זיצט די אַלטע מאַמע איינגעטוליעט אין אַ גראָען טוך און ווינט איר אַלטן איינ־געבויגענעם גוף. ביחידות, אָפּגעזונדערט פון אַלע מענטשן כליפּעט זי אין דער שטיל:

— ווייַ, ווייַ, ווו האָבן זיי פאַרשלעפּט מיין מאַן? ווו האָבן זיי אַהינגעטון מיינע קינדער?

אירע אויגן בלאָנדזשען איבער די חורבה־טויערן וויט, וויט. זי רופט אָן די נעמען פון יעדן קינד באַזונדער:

— שרהלע! — ביילעלע! — דינהלע!... זשאַק! ווייַ און ווינד! וואָס אַ מענטש קען אַלץ איבערטראָגן! — רעדט זי שטיל צו זיך, אַז אַלע, וואָס בעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל אַריינגיין אין דער חורבה, מוזן מיט איר צוזאַמען מיטווייַנען.

— לאָזט מיך דאָ אַליין! טענהט זי — ווועמען טשעפּע איך? און וועמען האָבן מיינע טייערע טעכטער געטשעפּעט? מיין טייַ־ערער זון? און מיין מאַן? וועמען האָבן זיי דען שלעכטס געטאָן?

לעצטנס האָט מאַרינעט געברענגט אין חורבה אַן אָפיציעלע צייַ־טונג־ידיעה, אַז די דייטשן האָבן די יידן אין וואַרשעווער געטאָ לע־בעדיקערהייט פאַרברענט, געגומען זיי אונטער אַ פייער פון אַלע פיר זייטן — ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן זייערע פאַרפייניקער מיט געווער אין די הענט. דאָ אין חורבה האָבן אַלע באַהאַלטענע געוויינט. מאַדאַם וויטעלזאָן מיט צוויי איבערגעפּילטע אויגן פון טרערן, האָט אַריינגעכליפּעט לאַנג, לאַנג אין זיך ביחידות.

— איך קען זיך פאַרשטעלן דעם גרויל — האָט זי געקלאָגט — ווי מאַמעס מיט קינדער גייען אויס צווישן פייערפלאַמען אין גרויַ־זאַמען טויט. זקנים, בחורים, מיידלעך נעמען אויף פרייוויליק דעם סוף פון זיך אַליין.

די אַלטע קעניגסבערג האָט אָנגעלאָרנט די ברילן אויף דער נאָז און געזאָגט עפּעס מיט א טאָן, ווי זי וואָלט אַרויסגעלייענט פון צאינה וראינה, דערביי געקלאַפּט איין ליפּ אין דער אַנדערער, אַ מין דערציילונגס־חנדל, בשעת מעשה פאַרוואָרפט זי איר בליק אינעם עבר און פאַרבלאָנדזשעט גאָר וועגן די מופּסים פון אַ רבין און דער־מאָנט זיך גלייכצייטיק אָן אירע מיידלשע יאָרן פון אירע באַקומע־נע חתן־געשאַנקען מיט פופציק יאָר צוריק. דערמיט מונטערט זי אויף אַלעמענס געמיט און עס דאַכט זיך, אַז יענע יאָרן שטייען פאַר דער אַלטער אַזוי נאָענט, בלויז נאָר אויסצושטרעקן די האַנט זיי ווידערצובערענגען. זשאַק קעניגסבערג גיט אָפּ דער מאַמען גרויס כבוד, זעצט זיך אַוועק אין אַ קרייז פון די פרויען און זייערע רייד הערט ער צו מיט גרויס שפּאַנונג. אָט ער איז דער איינצי־קער מאַן אין חורבה, דערפאַר איז ער שטאַרק געשעצט. אַלע עצות קומט מען פרעגן ביי אים. נאָר נאָך מבינות וועגן יידישקייט גייען אַלע צו זיין מאַמען. קודם־כל וועגן מלה זיין דאָס קינד און שפּע־טער דאָס פאַרהיילן די וווּנד.

— די שונאים אויף צעפּיקעניש! טענהט די אַלטע קעניגס־בערג — וועט מיין אייניקל דווקא זיך רופן ישראל און נישט פאַרציען אויף אַ גויאישן נאָמען!

דער יונגער קעניגסבערג איז געווען אַ רייכער. פון זיין טאַש זענען אַרויסגעגאַנגען אַלע הוצאות פאַר די באַהאַלטענע אין דער חורבה — פרוי מילי אַריינגערעכנט. — ווי אַ קינד אין דער משפחה האָט זי מיטגעגעסן, מיטגעלעבט זייער טרויעריק פאַרהאַקט לעבן, מיטגעוויינט, מער געטראַכט וועגן לאַזאַרן, געבענקט נאָך אים מיט די טיפסטע דינסטע געפילן און נישט ווייניקער וועגן אירע קינדער — מורא געהאַט פאַר זיי, אַז עמעצער מיט אַ לאַנגער צונג זאָל חלילה נישט טאָן קיין שלעכטס, אַז מען זאָל זיי פון איר נישט אַוועקרויבן, ווייל קלאַנגען זענען צו איר דערגאַנגען אין דער חורבה, אַז די דייטשן האָבן אפילו אין די פראַנצויזישע דערפער שפּיאָנען געשיקט אויסצוזוכן די יידישע קינדער אין די קריסט־לעכע פּאַטראָנאַזשן, דערציאונגס־היימען און שולן, אַ טייל פון די געזוכטע גענומען אין די לאַגערן און שפּעטער פאַרשיקט אין אַזעל־כע ערטער, וווּ קיין מענטש ווייסט נישט. פון אָט די גרויליקע גע־שיכטן איז מילים האַרץ שוואַך און קראַנק געוואָרן. אין איין ווינקל האָט מען זי געטראָפן זיצן און וויינען, אין אַ צווייטן — די יונגע פרוי באַשאַ קעניגסבערג, אַ נידעריקע, להיפּוך צו איר מאַן, וואָס איז אין וווקס אַ הויכער, אויסגעצויגן און דאַר מיט אַ בלייך פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן און מיט אויגן אַזעלכע צע־

שראָקענע ווי די אַרויפגעדרייטע בליצלאָמפּן. די אויגן זיינע זענען נאָך גרעסער געוואָרן, ווען מאַרינעט האָט אַ צעפּלאַטערטע זיך ווידער באַוויזן אין חורבה און לויט אירן אַ ווונק האָבן אַלע באַהאַלטענע איינציקווייז זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ רגע ביים פענצטערל, כדי צו זען זייער אומגליק, געקוקט, ווי די דייטשן אונטן טראָגן אַרויס גאַנצע קאַסטנס מיט זייער באַלעבאַטישקייט. פולע קאַמיאָנען, ברייט ווי באַנען, זענען שפּעטער פון הויף פאַרשוווּנדן און ביי די ברייט צעפּראַלטע פענצטער פון די אויסגעליידיקטע יידישע וווינונגען האָבן אומעטיק אַהערגעפּלאַטערט די איבערגעבליבענע שטיקלעך פאָרהאַנגען ווי נאָך אַ חורבן. דעמאָלט האָט די באַהאַלטענע גרופּע שוין מער נישט געקענט פאַרבלייבן וווינען אין דער חורבה.

די הויפקערערין האָט גענומען זיך שרעקן פאַר אַ מסירה. האָבן זיי אויף צו מאָרגנס, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, איינציקווייז זיך אַרויסגעגליטשט אין דרויסן. ווו אַהינצוגיין האָט קיינער נישט געוווסט. פאַריז האָט אין זייערע אויגן דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ פאַרשלאָפן דאָרף. אַלץ איז געלעגן אין נאַכטדרימל. זייערע פליצעס האָבן זיך געשאָטנט אויף די מויערן, אָנגעשפּיגלט אויף די טראָטואַרן, וואָס האָט זיי אַליין איבערגעשראָקן. איינציקווייז אָפּגעזונדערט האָבן זיי געוואַנדערט מיט באַגאָסענע פּנימער פון שווייס. אין דער פינצטערניש, ווען עמעצער גיט נאָר אַ בלישטש מיט אַן עלעקטריש טאַשנלעמפּל, שפּרינגען אַלע ווי איינער אויף פון די ערטער, פון טויט־אימה שעפּטשענדיק:

— מיר זענען פאַרלוירן!

ווען עס הערט זיך אין אַ ווינקל אַ געקוש פון מיידליש־יינגלישע ליפּן, כאַפּט זיך מאַדאַם וויטעלזאָן אויף ווי פון חלום. זי האָט דאָס שוין זייער לאַנג נישט געהערט. עס זעט ביי איר אויס ווי אַ פאַרבלייבעניש פונעם ווייטן אַמאָל. זי גייט געבן די ווענט. אַזוי גייט די גאַנצע גרופּע, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אַריינקנעטן אין די מויערן, ווייל די סכנה לויערט אומעטום. זיי קומען אָן אויפן בעלוויל, אויף אָט דער יידיש באַלעבאַטער געגנט. זיי קוקן זיך אַרום מיט הונדערטער אויגן. עס שטייען נאָך היינט ווי אַלע מאָל די ביידלעך פון די מאַרקטעג, ווו יידישע אַרבעטער־יונגט אין די שיינע ליבע זומערנעכט פלעגן דאָרטן ראָמאַנסירן, גאַנצע ריוואַלן־אינטריגעס זענען דאָרטן געוואָרן אויסגעפירט. די זעלבע שטערן אין הימל גענוי ווי היינט האָבן אויך דעמאָלט בשותפות מיט דער לבנה מיטגעשטיפט.

לעאָן קעניגסבערג איז דער וועגווייזער. ער גייט פאָרויס. אָט

האָט ער צוגעפירט צו אַ הויז, וווּ עס וווינט אַ באַקאַנטע טערקי־שע בירגערין מיטן נאָמען שרהלע בלום. זיי גייען אַריין אין אָפּע־נעם טויער. דער בנין איז אומבאַלויכטן און דאָך טרעפט דער יונגער קעניגסבערג אין דער פינצטער. אַלע שטובן זענען דאָ געווען באַוווינט פון יידן; שטייען זיי היינט אויסגעליידיקט. אַ ווינט שפּאַ־צירט איבער די צעעפנטע ליידיקע חדרים, האַנדלסזאַלן און רוי־מען. אַט האָבן זיך באַוויזן פנימער בלייכע, דערשראָקענע, באַליידיקטע ווי פון מענטשן, וואָס זענען פאַרמישפּט צום טויט. זייערע ציטערדיקע טריט דערהערט די איינציקע איבערגעבליבענע איינוווינערין אין גאַנצן הויז, די טערקישע בירגערין, וואָס די דייטשע געזעצן שוינען זי ביז אַ געוויסן טערמין. זי טוט אָן אירע ברילן, כדי בעסער צו זען און באַטראַכטן די מאָדנע נאַכטגעסט. ווער קענען דאָס זיין איצטער? זי דערזעט צום ערשטן לעבן זיך די אַלטע קעניגסבערג, די יונ־גע שנור מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. אַלע ברעכן אויס אין אַ געוויין, די זקנה שרהלע בלום כליפּעט העכער פון אַלע. זי קען זיך גאָרנישט באַהערשן. זי פאַרשטייט שוין, נאָך וואָס מען איז דאָ צו איר געקומען, און ביי די הענט נעמט זי אָן יעדן איינעם און פירט אַלע אין איר שטוב אַריין ווי אָנגעזעענע, ליבע געסט.

— שרעקט זיך נישט! איר וועט שוין דאָ האָבן ווו איבערצו־נעכטיקן! — רעדט זי מיט גוטסקייט און מיט פולע אויגן פון טרערן און ענדלאָזן רחמנות. — דאָס הויז איז אויסגעליידיקט פון יידן, קיינער איז נישטאָ, וועט איר שוין ווי עס איז דאָ איבערזיצן די נאַכט. מיר וועלן מאָרגן שוין זען וואָס צו טון. מיר וועלן שוין זען!

די גאַנצע גרופּע איז געווען גליקלעך פון דער באַבעשים ברוך הבא. זי איז לעבן זיי אַרומגעגאַנגען מיט פאַמעלעכע שטילע טריט־לעך. אירע גראָע האָר זענען ביי איר געווען ווי ביי אַ מיידל פאַרקעמט אין קליינע צעפּעלעך — אַזוי טוט זי פון אירע יונגע יאָרן אָן פאַרן לייגן זיך שלאָפן.

— אָט וואָס מיר האָבן דערלעבט — האָט די אַלטע גערעדט און בשעת מעשה צוגעגרייט אַ גלאָז הייסע טיי פאַר אירע הונגעריקע געסט, דאָס איינציקע, וואָס זי קען זיי געבן. אויך אַ שטיקל ברויט האָט זי צעשניטן — אָפּמעסטנדיק, אַז יעדער זאָל האָבן אַ ביסן, — איר וועט נישט פאַרהונגערן! איר וועט נישט פאַרהונגערן — שעפּטשעט זי מיט טרויער און צופרידנקייט צו זיך אַליין און דער טשייניק אויף דער קיך קאָכט און זידט מיט היימישער פריילעכ־קייט און זי נעמט שוין גרייטן פאַר אַלע אַ געלעגער, אַז זיי זאָלן האָבן ווו די צעבראָכענע ביינער אויסצורוען. זייער מאָלצייט איז גע־

װען קורץ. נאָך כמעט מיט די ביסנס אין די מײַלער האָבן זײ גע־
גומען אײַנשלאָפֿן אױפֿן געמײַנזאַמען געלעגער. בלױז דאָס קינד
האָט די אַלטע גאַסטפֿרײַנדלעכע אַרײַנגענומען צו זיך אין בעט.

דאָס מיאַטשען פֿון אַ קאַץ האָט אױפֿגעװעקט זײער באַגינען די
פֿרױ װיטעלזאָן פֿון איר האַסטיקן שלאָף. זי האָט איצט מקנא געװען
אָט די בריאה, װײַל זי קען גײן װוּ זי װיל און נישט װי די ייִדן,
װאָס ליגן דאָ באַהאַלטענע פֿאַר יעדן מענטשלעכן אױג. פֿרױ װיטעל־
זאָן האָט נישט װי אַנדערע אױף דער װעלט זיך הײַנט געפֿרײט מיטן
נײַ אָנגעקומענעם טאָג. אַ טריבע האָט זי זיך עפּעס אױפֿגעכאַפּט,
אַרומגעהילט איר צעבױגענעם, צעבראָכענעם גוף און מיט שטיי־
לע טריטעלעך אַרױס אױפֿן בנין, װוּ אַלע בית־הכּיסאות זענען
געשטאַנען צעעפֿנט, די װינונגען אױסגעלײדיקט, די טירן אָפּגע־
ריסן פֿון די ריגלען און מיט נאָכהענגענדיקע שלעסער, די שױבן פֿון
די פֿענצטער צעפּלאַצט, דאָס גלאָז צעשטיקלט איז געלעגן צע־
שפּרײט װי דיװאַנען איבער דעם קױטיקן, מיט קאַצנדרעק צעטרע־
טענעם דיל. דאָס הױז האָט איצט אױסגעזען װי אַ מלחמה־פּלאַץ.
פֿון די װענט האָבן אַרױסגעשטאַרט טשװעקעס, אױף װעלכע ס'זע־
נען פֿריער געװען באַפֿעסטיקט שפּיגלען, זײגערס, פּאָרטרעטן, שענק
און קרעדענצן. איצט האָט דאָ אַלץ מיטגעװיינט: די אױסגעלײ־
דיקטע װינקלען אין די שטובן, די אָפּגעשונדענע מױערן פֿון טאַ־
פּעטן, װעמענס פֿאַרשפּינװעבטע פֿאַפּירן האָבן פּאַסנװײַז נאָכגע־
האָנגען װי אַן אָפּגעפֿליקטע פֿעל פֿון אַ דערהרגעטער בהמה. ערגעץ
בײַ אַ קיך, װי אַן איבערבלײַבעניש פֿון אַ לעבן, װאָס האָט דאָ
עקזיסטירט, האָט געהאָנגען אױף אַ װאַנט אַ מעטאַלענע פּאַטעלניע,
אַ פֿענדל װי אַן אָפּגעראַטעװעטע שפּענדעלע האַלץ אין אַ ים פֿון אַ
גרױסן געװיטער. אַן אַלטער שפּיגל האָט אַראָפּגעקוקט פֿון אַ װאַנט
װי אַן עובר בטל, אין װעלכער עס האָבן זיך פֿריער געשפּיגלט ייִדי־
שע פּנימער פֿון יונגע מײדלעך, כּלות, חתנים אין זײער ערשטער
רײפֿקײט פֿון בליאונג. אָט די עדות, װאָס זענען פֿאַרבליבן פֿון ייִדי־
שע צעטרעטענע לעבנס און צוגערױבטע רײַכטימער און געשענד־
טע הײמען, האָבן איצט אַ גרױסן לװיה־יאָמער געװײנט. ערגעץ אין
אַ שטוב האָט זיך אַ הערצל־בילד געשאָטנט אױף אַ װאַנט,
דערנעבן מאַקסים גאָרקי, צוזאַמען אין אײן ראַם מיט ראָמען ראָ־
לאַן. באָרדאָ־רױט איז אַ מאָל געװען דער קאָליר פֿון די בילדער־ראַמ־
לעך און איצט — װער קען דען דערקענען זײערע געשטאַלטן און
פֿאַרבן? דאָס הערצל־בילד איז שװאַרץ װי אײן גרױסער שטיק צער.
דער ראַם דערפֿון איז נאָך שװאַרצער פֿונעם תּהום, אין װעלכן עס גײט
איצט זײַן פֿאָלק. אַ װאַלד־פֿינצטערניש קוקט אַרױס פֿון זײַנע קלו־

גע יידישע אויגן, אַ נאַכט־חשבות פון זיין מאַיעסטעטישער באָרד און ביידע בילדער: גאָרקי און ראָמען ראָלאַן — ווי איין גרוים געוויין פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט אין איר דערנידערונג און אונטערגאַנג אין דער ראַם פון זייערע פּאָרטרעטן ווי אַ שוואַרצע לענטע נאָך גאָענטע פאַרשטאָרבענע אין דער משפחה. אָן ווערטער, אָן שריפט לייענט זיך אַרויס פון ראָלאַנס בילד זיין געשריבענער פערז:

„איך וואָלט געוועזן גליקלעך זיך צו געפינען אין דער ריי פון די יידישע געפּייניקטע קדושים דורך די דייטשע הענט!“

אין מאַקסים גאָרקיס בילד שטייען בולט ווי אין אַ מאָנומענט זיינע הומאַנע געדאַנקען אויסגעקריצט. נאָר ווער וויל הייגט פון אַזוינס דען וויסן? ביי די פענצטער פון דאָזיקן הויז הענגען נאָך קלאַמבּרעס פון אַראָפּגעריסענע גאַרדינען. ווי אַ חלל פון טויטע שטיבער זעט דאָ אוים דער גאַנצער עלנטער בנין. ווען מאַדאַם מילי וויטעלזאָן שפּאַנט דאָ ווי אויף אַ בית־הקברות צווישן מצבות איבער די פּאַגראָמירטע עטאַזשן, דאַכט זיך איר טייל מאָל אוים, אַז שוואַרצע פייגל פליען דאָ אַרום איר קאָפּ און מאַכן אַ רונדן קרייז. — קראַ, קראַ, קראַ! — הערט זי זייערע שטימען.

עס איז דאָ שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות. עס הילכט בלויז אָפּ אַ געברום פון אַ פאַרבליבענעם, נאַקעטן, באַוואַקסענעם משוגענעם ייד, וועלכער זיצט אָנגעשפּאַרט ביי אַ וואַנט און יאָמערט:

— ווו איז איצט מיין פרוי און מיין שוועלבעלע?

נעבן אים ליגט אַ קינדערפּופּע, טוליעט ער דאָס גומענע געשפּענסט צו זיין באַהאָרט האַרץ, וויינט דערין אַריין גרויליקע ווערטער און די גומע וויינט מיט און גיט פון זיך אַרוים קולות:

— מיאַ! מיאַ! מיאַ!

דאָס דערמאָנט דעם אומגליקלעכן משוגע געוואָרענעם טאַטן, אַז אַזוי האָט זיין שוועלבעלע געוויינט, ווען זיין ליבע פרוי האָט עס געבּרענגט אויף דער וועלט. איצט האָבן רויבער זיי פאַרשלעפּט.

אין אַ פינצטער חדרל הענגט אויף דער וואַנט אַ יאָרצייט־לעמפּל. דער נאַפט דערפון איז נאָך נישט דורך דער צייט געוואָרן אויסגעברענט. בלישטשעט עס מיט אַ מאַט פלעמעלע ווי אַ נר תמיד אין אַ שול אָדער אַ ליכט צו אַ מזכיר־נשמות. אויף אַ טיש שטייען טעלער אויפגעגעבענע מיט עסן: רעבטם — אויסגעשטעלט דריי אין אַ ריי און לינקס דריי אין אַ ריי — פּאָרנט איבער זיי איין גרויסער געבלימלטער טעלער. לעפל און גאָפּל ליגן ביי דער זייט, אַ זאַלצמעסטל פון גלאָז אין מיטן טיש. אַלץ זאָגט עדות, אַז דאָ האָט

געלעבט אַ יידישע משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון טאַטע, מאַמע און פינף קינדער און דאָס איז געווען זייער לעצטע סעודה, ווען די דייטשע וועלף האָבן זיי פאַרצוקט. און איבער זייער בראַך יאָ־מערט איצט דער משוגע־באַוואַקסענער ייד, וועלכער זיצט דאָ אין אַ ווינקל פון שטוב. ער זעט צו מאָל נישט, ווי איבער זיין קאָפּ הענגט אַ פרישע צייטונג, ווי אויף להכעיס דעם גאַנצן שלעכטס אַ טרייסט:

„די דייטשע אַרמיי איז געוואָרן פון אַלע פיר זייטן אַרומגערינגלט ביי סטאַלינגראַד. נישט וועלנדיק אַוועקלייגן דאָס געווער, זענען זיי אַלע אומגעקומען ביזן לעצטן סאָלדאַט און איבער גאַנץ דייטשלאַנד איז געוואָרן פּראָקלאַמירט אַ לאַנג־טאָגיקער טרויער.“

*

דער ווינטער איז היי־יאָר גרויזאַם שווער. די קעלטן און ווינטן רייסן די שוואַכע טיר און פענצטער, די שינדלען פון דאַך. עס איז דאָ קאַלט אַפילו אויפן געלעגער ליגנדיק, צוגעדעקט אַ גאַנצן טאָג מיט שמאַטעס. דאָס אייוועלע, אויף וועלכן מ'קאָכט די וואַסערדיקע זופּן, איז אַן אַלטס און פאַרזשאַווערטס, עס רייכערט, עס איז צע־שעדיקט, אַז דערשטיקט צו ווערן, און ס'וואַרפט אָן אַ שרעק, אַז מען קען אַלץ דאָ נאָך דערכנסן. דאָס איינציקע גליק באַשטייט דאָ אין אַ גוטער ידיעה פון דרויסן וועגן זיג פון די סאָוויעטן.

אויך די אַלטע מאַמע פון דער פאַמיליע קעניגסבערג נעמט אָנ־טייל ביים פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט דורך דערציילן מעשיות, אַליין צוגעטראַכטע. אָט אַזוי פאַרשווינדן טעג, ווען די ליכטיקייט פאַרלעשט זיך, אָוונטצייט, ווערן דאַן דראַסטישער די שאָטן־באַ־וועגונגען אויף די ווענט און אין דער מענטשלעכער נשמה דרינגט אַריין דער אומעט, דער צער ווערט פאַרצענפאַכיקט.

די איינציקע פרייד איז ביי דער באַהאַלטענער גרופּע יידן די דיס־קוסיע וועגן די סטראַטעגישע גענג. זענען זיי געזעסן ווי גענעראַלן אָדער מאַרשאַלן איבער אַן אַלט צוגויפגעשטיקלטער וועלטמאַפּע, וואָס די אַלטע מאַדאַם בלום האָט פאַר זיי אַ מתנה געגעבן, און געשטודירט אין די לאַנגע טעג. דער הויפּט־סטראַטעג איז געווען קעניגסבערג. זיין אַלטע מאַמע און פרוי האָבן אים געקוקט אין די אויגן, בעת ער האָט געצייכנט מיט אַ שטיפט דעם צוקונפטיקן מאַרש פון דער רוי־טער אַרמיי איבער די קאַרפּאַטן־בערג, איבער טשעכיע, אונגאַרן, עסט־רייך פון איין זייט און פוילן, דייטשלאַנד פון דער צווייטער זייט. אָט דער חלום האָט זיך געוועבט ביז אין די טיפע בין־השמשות־שעהן.

קאַפּיטל פערציק

נאָך אַלע וויכּוחים מיט זיך אַליין איז לעצטנס מאַדאַם מילי ווי־מעלזאָן געקומען צום געוויסן באַשלוס, אַז איר אַפּוואַרטן אין באַהעלטעניש, ביז דער שונא וועט ענדלעך ווערן באַזיגט, קען צו גאָרנישט דערפירן אַ חוץ צו זעלבסטמאָרד, און געטראַכט:

— כ׳וויל אויך זיין ווי איינער פון וואַרשעווער געטאָ, אַז אויב כ׳מוז שטאַרבן אַזוי יונג קענען מיין ווילן, איז צוזאַמען מיטן שונא, מיטן געווער אין האַנט! נאָר איידער כ׳וועל אַריינטרעטן אין דער מאַקיזאַרן־באַוועגונג, מוז איך כאָטש איין בליק געהיימערהייט וואַרפן אויף מיינע קינדער.

אין לעצטן אָוונט האָט מילי גענומען אויף זיך דעם מאַנטל און געזאָגט „אָרעוואַר" צו די אַנדערע באַהאַלטענע מענטשן פון שטוב און פאַרזיכטיק זיך אַרויסגעשאַרט אין גאַס. ווי אַ שאָטן צווישן אַ קייט באַוועגלעכע קעפּ האָט זי צעשראָקן זיך מיטגעשלייכט אין פינצטערן דרויסן איבער די פּאַריזער גאַסן, ווי אַ פּאָדעם אין אַ טוך זיך אַריינגעוועבט אין דיקן חשכות, וו די וועלט איז געשטאַנען צוגעדעקט מיט אַ נעפּל, אַרומגעוואָגלט איגעם פינצטערן הלל, וו עס איז געשטאַנען דער באַלויכטענער וואָקזאַל. זי האָט פלינק און כיטרע אַריבערגעשפּרייזט דעם בילעטן־פאַרקויף ביי דער קאַסע און דעם קאָנטראָל און אויף די דריי קרומע טרעפּ פון צוג זיך געלאָזט אין פאַרטראַכטן גאַנג. נאָך אינעווייניק אין צוג האָט זי געפילט שוין זיצנדיק אין קופּע די גרויליקע אימה פון ליידיקע גאַסן, שטיבער און הייזער אָן מענטשן, וואָס זענען אַנטלאָפן אין די פעלדער און וועלדער. זי האָט געהערט אין איר האַרץ דאָס געוויין פון דער געשטאָרבענער וועלטשטאָט פּאַריז, וואָס זי האָט זי געקענט פריער מיט אַזוי פיל בלויע נעכט און צעזילבערטע שטערן, חלום, ליכט און פרייד.

מילי האָט זיך איצט געפונען אין אַ געזעלשאַפט פון סאַמע קלויסטער־שוועסטער, אַלע אַנגעטאָענע אין בלויע פעלערינעס, ווייסע הילן פאַר די פּנימער און גרויסע צלמים אויף די העלדזער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן שוואַרצע תּליות.

די באַנרעלסן האָבן געלויכטן אין דער נאַכטפינצטערניש, זיך געפּלאָנטערט און געשלענגלט אין די מרחקים, זיך אויסגעדרייט און צעקרימט איבער וועגן, איינגעשניטן אין די ווייטקייטן פון פאַר־

שלאָפּענע פעלדער און זשומענדיקע, האַלב וואַכנדיקע לאָנקעס. דער ביי נאַכט שרעקנדיקער דרויסן האָט אַריינגעקוקט צו מילין.

מיט באַגין פון ווייסן מאָרגן איז דער צוג ווייטער געלאָפן איבער פרישע, טוי־באַגאָסענע, גרין־נאַסע פעלדער.

דורכן קופּע־פענצטערל האָט געגומען אַריינבלאָזן אַ לייכט ווינטעלע, גלעטנדיק מילד מילים בלייכן פּנים, ווי אַ מאַמע פּיעשטשעט אַ קינד, און זי האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט אַן אויפגעמונטערט געמיט און זיך געפילט נישט מער אַזוי עלנט ווי ביז איצט.

זי איז געווען אַן אָפענע סתירה צו אַלע רייזנדיקע אין צוג, וואָס האָבן געקוקט אויפן ווייסן פאַרגאַלאָפּירטן פערד, אויף וועלכן עס איז אַריינגעריטן גאָטס מאָרגן מיט פויגל־געזאַנג, גרילן־געפייף און געמורמלט האָבן זיי דערפאַר צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אַ לויב און אַ תפילה. נאָר די איינציקע נישט דאַנקבאַרע מילי ווי אַ פאַראורטיילטע צו שטאַרבן, האָט געפילט אויף די ליפּן אַ בייזע גיפטיקע קללה צו דער שלעכטער רוצחישער וועלט.

פּלוצעם האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן די סטאַציע סען־סולפּיס, און מילי איז אַרויסגעגאַנגען און זיך פאַרקירעוועט אין טראַקט, וואָס פירט צום פעלד צו דער אַלטער פאַרמער־משפחה קאָנסטאַנטין, כדי געהיימערהייט צו וואַרפן אַ בליק אויף אירע קינדער.

— אַלץ האָט ווייזט אויס געגליקט — האָט מילי שפּרייזנדיק צו איר הויפּטציל ערנסט זיך פאַרטראַכט. עס זענען איר געפעלן די שיינע פעלדער־פּאַנאָראַמעס, וואָס האָבן זיך ווי אָנגעשפּיגלט אין ווייטן האָריזאָנט. דאָס פייכטע טויאיקע פעלד, דער לויטערער הימל, דער דערקוויקנדיקער בלוי — אַלץ האָט זי אויפגעמונטערט ווי קאַלטע טראָפּנס אויף אַ פאַרחלשט פּנים. מנוחהדיק האָבן דאָ גערוישט די שטילע גרעזער אויף די לאָנקעס. פון פלויטנשפּאַרעס האָבן אַרויסגעבלאַנקט קווייטן ווי יונגע כלות אין ווייסן געקליידט. אַ שפּעדיקער שטח. אונטער אַ בלאַסער באַטיסטענער רויזיקייט האָבן זיך באַוויגן זוניקע קעפּלעך פון קאָרן־זאַנגען.

פּלוצעם האָט מילי זיך פאַרקוקט אויף אַ פּויערים־משפּחה, אַ מאַן, אַ פרוי און צוויי קליינע יינגעלעך, וואָס האָבן שוין אין פריען באַגין געאַרבעט אויפן פעלד מיט ברייטע, ווייסע שטרויענע קאַפּעליושן, ווי פּאַראַסאָלן קעגן דער זון אָנגעטאָן אויף די קעפּ, צלמים אויף די יונגע הערצלעך. זיי האָבן פלינק און פלייסיק געהויבן זייערע הייגאָפּלען אַרויף און אַראָפּ.

און די צוויי יינגלעכס גילדענע קודלעס זענען געווי ווי ביי די גרויסע פּויערים שוואַרצע סאַמעטענע קלאַקעס געשפּרונגען אַרויף

און אַראָפּ איבער די שטערנס. זיי האָבן אַרבעטנדיק אויסגעזען פון דער ווייטנס אויסגעפּייכט ווי גלאַנציקע פינטעלעך איבער דער אויסגעצירטער, זוניקער, העלער וועלט. ערגעץ אויף אַ דעכל פון אַן עופות־קאַמער האָט זיך ראַפּטאַם אַוועקגעשטעלט אַ רויטער האָן און זיך צעקרייעט קו־קו־ריי־קו !, ווי מען בלאָזט פון אַ טרומייטער, און פון אַ כאַטע אַפער האָט אַ צווייטער קו־קו־רי־קו אָפּגעענטפערט. קולות פון גרילן האָבן זיך צעפייפט, ווי די גאַנצע נאַטור אַרום וואָלט איינגערוימט דער וועלט אַ סוד פון יידישע באַהאַלטענע קינדער, און מילי, ווי איינע פון יענע אומגליקלעכע מאַמעס, וואָס איז דאָ געקומען אויסזוכן אויך אירע צוויי זינדעלעך אין די פראַנצויזישע דערפער, ווו ס'האָבן געוויטלט גאָלדיק אויסגעסדרטע קופּעס תבואה־זאַנגען און כלערליי גרינקייטן פון דער ערד.

מילי האָט ברייט צעעפנט די גאָזלעכער, כדי פאַר אַלע יאָרן אין באַהעלטעניש איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַריינזאַפּן אין זיך די פרישע, דערקוויקנדיקע פעלד־ריחות. פּלוצים האָט זי אירע טיף איינשניידנדיקע אויגן־אַפּלען שאַרף אַ וואָרף געטאָן אויף די צוויי יונגע יינגלעך, וואָס זענען געווען אויף די פּנימלעך ווי מיט געדיכטע קלייען אָנגעשאָטן מיט אַ סך זומער־שפּרענקלעך, אויף וועמענס אָפּגעדעקטע ווייסע הערצלעך ס'זענען נאָכגעהאָנגען צוויי נייע גלאַנציקע צלמים. אָנגעטאָן אין אויסגעוואַקסענע, קורצע מלבושימלעך, וועמענס נעט ביז די אָרעמלעך זענען ווי גרייט געווען אויפצופּלאַצן, אויף אַלע ערטער פאַרלאַטעט. די הענטלעך האָבן זיך אַרויסגעשטופּט פון די אַרבעלעך, די פאַרב פון שטאָף אָפּגעמעקט, ווו בלויז ערטערווייז זענען פאַרבליבן געציילטע פירעקיקע קעסטעלעך אַריינגעוועבט, וועלכע האָבן געמאַכט אויפבליצן אין איר מוח אַ דערמאָנונג, אַז זי מיט אירע אייגענע הענט און קאַפּריזנעם גוסט האָט זי די מלבושימלעך אַ מאָל געהאַט אויסגעקליבן ביי אַ פאַריזער שניידער פון אַ רייכן קוואַרטאַל. איצט האָבן זיי פון די קינדער ווי אָפּגעחוזקט און געלאַכט :

— כאַ־כאַ־כאַ ! זעסט נאָר, ווי די לאַנגע יוסטע ווינטער־פאַלטענדלעך זענען גאָר געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַזעלכע שמאָלע קורצע אויסגעוואַקסענע וועסטלעך, וואָס זעען אויס, ווי מען וואָלט אַרויפגעצויגן אַ קינדעריש קליין העמדל אויף אַ גרויסן מאַנצבילישן גוף !

ווען מילי האָט אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דאָס אַלטע פאַרפאַלק קאָנסטאַנטין איז שוין טויט און דאָס זענען אירע קינדער, וואָס זענען מסתמא שפּעטער איבערגעגאַנגען צו זייערנס אַ קריב האָט זי

נישט מער זיך געקענט גובר זיין אוןביידע אַ כאַפּ געטאָן אין אירע אָרעמס און געכליפּעט שטיל:

— אָרעמע קינדער מיינע! לעבעדיקע יתומים נעבעך!

זיי אויך אַליין האָבן זיך צוגעטוליעט צו איר לייב און מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט און געוויינט און געלאַכט צוזאַמען.

פּלוצעם האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס און אַנט־לאָפן צוריק אויפן פעלד, געכאַפּט די הייגאָפּלען און די הענט־לעך און גענומען האַסטיק מיט זיי פּאַכען אין דער לופט, ווי ס'וואָלט ביי זיי פאַרגעקומען אַ ישוב־הדעת, און טרערן גרויסע, ווי די ווייסע קרעלן, זענען צעוואַקלטע געלאָפן פון זייערע אויגן איבער די פּנימלעך און ביידע צוזאַמען זענען זיי ווידער אַריינגעלאָפן אין אירע אָרעמס און דער מאַמעס ליפּן האָבן כסדר געמורמלט:

— אָרעמע קינדער מיינע! לעבעדיקע יתומים נעבעך!

אַ סברה, אַז אין דער קינדערישער פאַרגעסנקייט האָט עפּעס אַ דערמאַנונג אַ שפּראָץ געגעבן, ווי אויף אַ פּרוכטלאָזער ערד אַ זאַפטיקער געוויקס. פון פרייד האָט ביים קליינעם ייִנגעלע אין נע־זעלע אַ ראַצליכט אַ פלייץ געטאָן. זיין מאַמע האָט עס אַרומגע־ווישט מיט איר טאַשנטיכל מוטערלעך צאַרט און פּלוצעם גענו־מען לויפן. זי האָט געפילט, ווי עס קוקן איר נאָך בלויע פייערלעך ווי שטורקאַצן אויף איר פינצטערן וועג פון ביידע יונגע פויערים־לעך. איילנדיק אין שטאָדט איז די פרוי געבליבן שטיין פאַר אַן אָרעמער געבויגענער קירך, וווּ עס האָבן זיך האַסטיק אַריינגעשאָטן מענגעס יונגע פויערים מיט סאַמעט־שוואַרצע און העל־פלאַקסענע פאַרוואָרפענע טשופּרינעס אין שטערן.

— אָט אַזוי גייט זיך אַן דרך־ארץ דאָס היינטיקע יונגוואַרג אין גאָטס הויז — האָט זיך געכעסט אַ באַזילבערטער פויער מיט רוי־טע לאַמאָווקעלעך בלוט אין די אויגן.

— זיי קומען דען תפילה טאָן אַ חוץ צוהערן זייער וואַנדער־פּרעדיקער, וועמען עס רינגלען אַרום אומעטום, אין וועלכן דאַרף ער קומט אָן, אַ סווימע גלחים, פון וועלכע מען רעדט שוין לאַנג, אַז זיי גלייבן נישט צו מאָל אין דער גרויסער חשיבות פונעם הײ־ליקן פאָטער אין רוים. זיי זענען בכלל אָן אמונה.

מילי האָט איצט געוואָלט געניי ווי אַנדערע מתפּללים אַוועקקניען פאַרן איילקנייטל פון נר־תמיד און פרום זיך פאַרצלמען, כדי צו געפינען אַ טרייסט אין איר געבעט. נאָר ראַפּטאָם איז פאַרבליבן

העגגען איר בליק אין מרחק; זי האָט דערזען אויפן אַלטאַר פון דער קירך אַ מאַן אין גלחישע קליידער, מיט אַ בלינד אויג, שטיין אָנגעלענט אויף אַ קוליע. אויך דאָס קול פון פּרעדיקער איז איר פאַרגעקומען עפּעס אַזוי היימיש און נאָענט, אַז זי האָט נישט גע־גלייבט די אייגענע אויגן און פאַרלוירן דעם צוטרוי צום אייגענעם געהער. ער האָט גערעדט עפּעס אַזוי מאָדנע זיס:

— מענטש, גיי אין די פאַבריקן פון טויט, אין דער גרויליקער וועלט, ווו מען פאַרברענט קינדער, פרויען, אַלטע לייט לעבעדיקער־הייט. איר וועט דאָרט שפּירן דעם עיפּוש פון מענטשלעך גע־פּרעגלט פלייש און ביינער, איר וועט דאָרט דערזען הויכע קוימענס, וואָס שיטן טעג און נעכט, זמנים און יאָרן פייערפלאַמען. שוואַרצע שאַזשע שפּרייט זיך אויס איבערן טרויעריקן, פאַרכמאַרעטן הימל ווי שוואַרצע פלאַכטעס. מענטש, דו וועסט דאָרט דערזען בערג אַש פון פאַרברענטע, ערשט נעכטן לעבעדיקע גופים, בערג מיט ביינער, בערג מיט קליידער, אַראָפּגעריסענע פון די לייבער, וואָס האָבן נאָך געלעבט, בערג מיט שיך, בערג מיט ברילן, בערג מיט גאָלדענע ציין, אַרויסגעריסענע פון מיילער מיט שטיקער פאַרוואַקסן פלייש. אָט דער שרפה־עיפּוש וועט נעמען ווערגן אייער האַלדז און איר וועט פּלוצעם דערזען, ווי ס'שוועבן אַרום אין דער לופט מיליאָנען געשפּענסטער אויף אַ בית־עלמין, וואָס איז גרויס און ברייט ווי די וועלט. עס וועט זיך אייך אויסדאַכטן, ווי אַז אַ שיעור אָפענע אויגן וואָלטן אַרויסגעקוקט אויף אייך פון אַ גרויען רויכגעוועב, ווי ווייַ־סע פליגן אין נעפּל וואָלטן זיך אויפגעהויבן העכער פון הימל. אָ מענטש, דיין תפילה וועט גאָט נישט פריער פאַרנעמען, ווי לאַנג דו וועסט נישט דאָרט אַהינגיין. פון דעמלט אָן וועסטו מער נישט האָבן קיין רו. אָן מנוחה וועסטו עסן דיין ברויט, באַאַקערן דיין פעלד, שניידן דיין קאָרן.

פּלוצעם האָט דעם פּרעדיקערס קול זיך איבערגעריסן און עס האָבן איבער דער קירך אַ פלאַטער געטאָן אַ מענגע פעלדגרויע מאָנדורן. דאָס זענען געווען דייטשע סאָלדאַטן, וואָס זענען געגאַנגען מיט אַ געטופּ ווי אויף אַן אויסברוקירטן מאַרק. זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט געלאָדן געווער. אָבער דער פּרעדיקער איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געגעבן דעם ערשטן שאָס. אַ טייל פון די יונגע פויערים, מיט די פלאַקסענע און סאַמעט־שוואַרצע טשופּרינעס אין די שטערנס פאַרוואָרפן, האָבן געשאָפן אַ מויער אַרום דעם פּרעדיקער און איינגעהילט די קירך אין רויטן פלאַמפייער פון עקספּלאָזיעס. דער אַרויסלויפנדיקער מענטשנשטראָם פון די פאַרשידנפאַרביקע מתפּל־לים האָבן מילין מיטגעטראָגן אין דרויסן. זי איז געבליבן שטיין פאַר

אַ וואַנטפּלאַקאַט מיט צוויי פּאָרטרעטן: איינער מיט אַ בלינד אויג, דער צווייטער מיט אַ לאַנגער בלאָנדער צעוואַקסענער באָרד, וואָס האָט דערמאַנט אָן אַ וואַלד־גזלן, מיט אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ שפּיז אין דער האַנט, וועלכן ער האַלט אין אַריינשטעכן אין דער ברוסט פון אַ דייטשן זעלנער.

אונטערגעשריבן איז געווען דער דאָזיקער פּלאַקאַט:

„דער יעניקער וואָס וועט ברענגען טויט אָדער לעבעדיק אָט אָ די צוויי מאַקיזאַר־פירערס, באַקומט אויסגעצאָלט די סומע פון איין מיליאָן פראַנק.“

דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער דייטשער ווערמאַכט אין פראַנקרייך.

באַלד דערלעבן זענען געווען צעהאָנגען קליינע, קוים אָנזעוועוודיקע בלעטלעך מיטן אינהאַלט:

„צום טויט איז געוואָרן פאַרמישפּט דורך אַלע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון פאַרשידענע לענדער דער דייטשער שעף פון די יידן־קרעמאַטאָריעם — רודאָלף שולץ.“

מילי איז געפאַלן אַ פאַרחלשטע פאַרן פּלאַקאַט, אַרונטערגעקאָלערט זיך אויף דער ערד, און ס'האָט געקוקט אויף איר דער פּאָרטרעט פון איר מאַן מיט אַזאַ גוטסקייט. זי האָט אין איר אוממאַכט ווי פאַר אים אַוועקגעקניט און געלאָזט זיך שיצן ווי פון מלאכים־פליגלען פון די צוויי מאַקיזאַנערס געווער, לאַזאַר און מאַרסעל, וואָס זיי האָבן געהאַלטן קעגן אָקופּאַנט אין זייערע הענט.

אין מילים זכרון האָט אין יענעם מאָמענט זוי אויפגעבליצט דער נאָמען, וואָס לאַזאַר פלעגט אָפט דערמאַנען פאַר דער מלחמה צווישן די קינסטלער־נעמען פון מאָנפּאַרנאַס. ער פלעגט רעדן מיט האַס פון עפּעס אַ דייטשן פאַרשוין, וואָס וואַלגערט זיך אַרום צווישן די באָהעמע־לייט, ווי ער וואָלט אויך געווען איינער פון זיי. און מילים אויגן זענען איצט געוואָרן גרעסער צעשפּיצטער און צעשראָקענער, ווען זי האָט צו זיך אַליין געשעפּטשעט:

— היינט איז גאָר רודאָלף שולץ אַזאַ אכזר, וואָס די מאַקיזאַנער אין אַלע לענדער האָבן אים פאַרמישפּט צום טויט.

קאפיטל איין און פערציק

פאריז האט זיך פלוצעם אויפגעכאפט פון א שווערן קאשמאר־דרימל: די מענטשן זענען געלאפן איבער די גאסן מיט צעפאכעטע הענט, מיט ברייט צעעפנטע אויגן און גערעדט ווי צו זיך אליין אין פיבער:

— איז עס טאקע אמת?

— שערבורג איז אין די הענט פון די אליאירטע ארמייען?

— יא, יא!

ס'האט דאס באשטעטיקט דער ווילדער געלויף אויף אלע וועגן פון צעפענדזשעטע דייטשע מיליטער־אויטאס און קאמיאנען פול אנגע־פאקטע מיט סאלדאטן, נישט ראזירטע, מיט אויסגעגלאצטע אויגן פון שרעק. זיי האבן אויסגעזען צעטומלט און באזיגט. ס'רוב זענען געווען אנגעלענט אויף שטעקנס. די פנימער זייערע זענען געווען פארבאנ־דאזשירטע און געהאלטן האבן זיי אין זייערע הענט אנגעלאדן געווער גרייט צום שיסן. דאס זענען געווען די אנטלויפנדיקע, פון אלע ריכ־טונגען צעשטיקלטע טרופן פון די פארשפילטע שלאכטפעלדער. זיי האבן נאך געזוכט זיך אדורכצורייסן א וועג צו די הינטערשטע נייע פאזיציעס, ווו ס'האבן געלויערט מאקיזארן און פון צייט צו צייט האבן זיך געטראגן איבער פעלדער און וועלדער טעמ־פע קלעפ פון קוילנווארפערס, ביקסן און רעוואלווערן. איבער פאריז האט זיך באוויזן א פלוצלינגדיקער אגווארף פון זעקלעך זאמד, וואס די רעגירונג האט אין סאמע אנהייב מלחמה געהאט פארטיילט צווישן דער פאריזער באפעלקערונג צום באשיצן זייערע היימען. איצט זענען פון זיי געווארן אויסגעבויט זייער שנעל גאסן־באריקאדן.

— בירגער פון פאריז!

אונדזער פראנצויזישע ארמיי, צוזאמען מיט די ארמייען פון די אליאירטע, פון ענגלאנד און אמעריקע, און מיטן סימבאל פון די העלדישע זיגער אין סטאלינגראד, שטייען גרייט ביי דער פארט ד'ארלעאן צום פייערלעכן ארייננמארש אין פראנקרייכס הויפשטאט. הורא! וויוו' לא פראנס!

אזוי האט גערעדט פון דער טריבונע, וואס איז שנעל געווארן אויס־געבויט פון די זעקלעך זאמד איבער דער גאנצער לענג פון די באריקאדן, א מענטש, וואס איז געשטאנען אנגעלענט אויף א קוליע, מיט

אַ בליגד פאַרוואַקסן אויג, און ס'האָט זיך אויסגעדראַכט, ווי ס'וואָלטן איצט אויף אים געקוקט דער גאַנצער צעפּאָכעטער דרויסן מיט אַלע צעשראָקענע באַלקאָנען, פענצטער איבער די בולוואַרן, און געפרעגט פאַרחידושט: רעדט עס טאַקע אַזוי קלוג דער פּראָסטער הויפקע־רער, וועמען ס'קען געפינען יעדער פּאַריזער שטיין און ברוק? אָט דער לאָמער, אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע, האָט געקענט דערגיין אַזוי ווייט?

אין יענער רגע איז געוואָרן אַזוי שטיל, אָבער דאָס שטילקייט איז געוואָרן צעפּאַלמעסט דורך אַ שטימע ווי אַ גלאָק, וואָס האָט זיך צעהילכט איבערן דרויסן. דאָס איז געווען די שטימע פון אַ צווייטן פּאַרטיזאַנער־פירער, לאַזאַר וויטעלזאָן.

ס'האָבן זיך ראַפּטאָם צעפּראַלט איבער פּאַריז, ווי נאָר ערגעץ אַ שטיקל דרויסן, גאַנצע שערענגעס צעלויכטענע פענצטער, פון וואַ־נען ס'האָבן אַרויסגעהאָנגען צעקודלטע קעפּ פון דערפרייטע מענטשן, מיט גליקלעכע צעפינקלטע אויגן, צעפּאָכעטע הענט, מיט פענער און מיכער, בלומענקראַנצן און פּאָרטרעטן פון גענעראַלן און מלוכה־שעפן. מען האָט נישט מער דערקענט די מחיצה פון טאָג און נאַכט. ס'האָט זיך אויסגעדראַכט, אַז אויף שטענדיק שוין וועלן אין הימל לייכטן די שטערן...

אַ בלויער באַגינען איז אַריינגעריטן מיט אַ טוי־פרישקייט אין דער וועלט. פּאַריז האָט אין גאַנצן אויסגעזען בלוי. די וועלטשטאָט האָט דערמאָנט אַ שווימענדיקע שיף אויף אַ צעכוואַליעטן ים. אומעטום האָבן געפּאָכעט פאַרביקע סטענגעס. ווי נאָר ערגעץ אַ בולוואַר, אַ גאַס, אַ באַלקאָן, האָבן געשמייכלט מיידלעך און פרויען צו די זעלנער, נעגער אָדער ווייסע, וואָס האָבן אָנגעהערט צו די אַליאירטע אַרמייען. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון דאַנק. ווייל נאָך יעדן פאָרמאַרש נאָענט צו פּאַריז זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן גאַנצע מחנות ציווילע פון פאָלק, וואָס האָבן זיך ביז איצט אַרומגעוואַלגערט אָן אַ היים אין די וועלדער און די פעלדער.

צווישן דעם עולם האָבן זיך אויך געפונען מילי וויטעלזאָן מיט אירע צוויי זונדלעך. דער עלטערער איז שוין געווען אַזוי הויך ווי די מאַמע אַליין. זיין פּנים איז געווען קלוג און ענערגיש, אין גאַנצן ענלעך צו זיין טאַטן. דערפאַר איז דער יינגערער נאָך אַ קינד — ער האָט געקוקט כסדר מיט אומצוטרוי צו דער מאַמען, זיך פאַר־שעמט, ווען זי האָט ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זי אָנרופן מיטן נאָמען מאַמע. ער האָט זיך נישט געלאָזט בשום אופן אָוועקנעמען פונעם הערצל דאָס צלמל, וואָס די פרומע משפּחה האָט אים געהאָט מיטגעגעבן אויפן וועג. דער קאַמיאָן, וואָס האָט זיי, בלאָנדזשענדיק אין וועג, אויפגענומען, האָט זיי אָפּגעשטעלט ביי אַ פּאַרק, וווּ ס'האָבן

געלאַגערט פראַנצויזישע טרופּן. די זעלנער זענען געזעסן אויף די טאַנקן, ווי געמיטלעך מען זעצט זיך אַוועק ביי אַ שוועל פון אַ היים, און אַראָפּגעזונגען אַזוי זיס, ווי וויאָלינען אויף די דינסטע סטרונעס וואָלטן זיך צעשפּילט אין אַ חלום, צו וועלכן מיליאָנען מענטשן האָבן געבענקט און נישט דערלעבט צו זען זיין פאַרווירקלעכונג. מילי וויטעלזאָן האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּרייסן פון יענעם געזאַנג, וואָס האָט זי צוגעשמידט צום אָרט.

— אָט דאָס איז אייער פּאַפּאַ! — האָט פּלוצעם מילי אויסגעשריגן צו אירע צוויי יינגלעך, וועמענס אויגן זענען געבליבן הענגען אויף אַ פּלאַקאַט, וואָס מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצורייסן פון די מויערן אין אַלע שטעט פון פראַנקרייך.

— מיין פּאַפּאַ! — האָט דאָס עלטערע יינגל שטיל געשמייכלט צו זיך אַליין, איבערחזרנדיק זיין מאַמעס פריערדיקע רייד, און אַריינגעשטאָכן זיינע בליקן אין יענעם פּלאַקאַט מיט די צוויי מאַקיזאַרן־פּאָרטרעטן, פאַר וועלכע מילי איז מיט אַ צייט פריער אַ פאַרחלשטע אַוועקגעפאַלן פון גרויס איבערראַשונג און שרעק אין שטעטל סען־סולפּיס פאַר דער קירכע.

נאָך איצט האָט זיין שפּיז, דורך וועלכע מען האָט אים פאָר־געשטעלט ווי אַ וואַלד־גזלן, געגלאַנצט אין זיין האַנט ווי אַ זיגער־שווערד אונטער זונשטראַלן ביי אַ ריטער־מאָנומענט.

ס׳האָט די אָרעמע פרוי מילי טיף געפרייט פון גאַנצן האַרץ אירן, אַז לאַזאַר האָט זיך גענוי ווי אַנדערע זין פון לאַנד באַטייליקט אין באַפרייאונגס־קאַמף פון פראַנקרייך. ס׳האָט זיך מער נישט אויסגעדאַכט מילין, אַז מען זוכט אַרום זיין קאָפּ, פאַר וועלכן מען וויל באַלוינען מיט מיליאָנען פראַנקן, נאָר גאָר פאַרקערט: לאַזאַר וויטעלזאָן זוכט איצט אַרום, ווי אַ נקמה־נעמער פאַר דיליידן פון זיין יידיש פאָלק, דעם קאָפּ פון רודאָלף שולץ, דער פאַרהאַסטער קרעמאַטאָריע־שעף. אַזעלכעס כמעט דערציילן פאַר מילין די קליינע בלעטלעך, וואָס האָבן נאָך געקלעבט פון די טרויעריקע צייטן אויף די מויערן מיטן אויפרוף:

— פראַנצויזן! העלפט אונטער כאַפּן דעם צום טויט פאַרמישפּטן, דורך די מאַקיזאַרן־גרופּן פון אַלע לענדער אין אייראָפּע, דעם קרעמאַטאָריע־שעף רודאָלף שולץ!

דאָס פאַרפּייניקטע האַרץ פון דער אָרעמער מילי, וואָס איז געווען ביזן היינטיקן טאָג אָפּט מאָל פול מיט יאוש און שרעק, האָט זיך לעצטנס ווי אַ גוטע ערד פון זאַטער שפּע צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג מיט דערקוויקנדיקער, צעפינקלטער האָפענונג, אַז לאַזאַר איז נישט געפאַלן אין קאַמף: ער לעבט...

שפּעטער, מיט געציילטע טעג, איז מילי מיט אירע קינדער אָנ־געקומען אין דער שטאָט פון איר פריערדיקער שלום־היים — פּאַריז.

זי איז איצט ווידער געגאַנגען איבער די זעלבע צעקלינגטע, פריי־לעכע טראָטואַרן און פון זון צעגלאַנצטע שטיינער, נאָך וועלכע איר האַרץ האָט אַזוי לאַנג געבענקט צו קענען גיין אויף זיי און זען די שטאָט באַפרייט און גליקלעך.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

ס'האָט זיך נאָך כסדר געצויגן איבער פּאַריז דער יום־טוב־שטייגער פון פּאָלקס־פּאַראַדן, מוזיק־אָרקעסטערס, מיליטער־דעפילאַדעס און ס'האָט זיך נאָך לאַנג אויסגעדאַכט, אַז אייביק טראָגן זיך נאָך אין דער לופט די מעכטיקע גלאָקנקלאַנגען ביי דער נאָטר־דאַם־קירך, וועלכע האָבן זיך צעליאַרעמט אין יענעם פאַרחלמטן, גרוי־פאַרזאָרגטן פאַר־נאַכט מיט די פייערלעכע סיגנאַלן, אַז פּאַריז איז באַפרייט, דער שונא איז פאַרטריבן, און ס'זענען אַזוי זייט דעמאָלט כסדר אָנגעקומען קיין פּאַריז לאַסטוועגענער און אויטאָקאַרן מיט פראַנצויזן פון די דייטשע לאַגערן, צווישן געפלאַטער פון פענער און פּאָרטרעטן פון זיגער־גענעראַלן און מיניסטאָרן, ווו ס'האָבן זיך געטראָגן פריילעכע הוראַ־אויסרופן, עקסטאַז־געשרייען און ס'האָבן זיך צעפּאָכעט בלומען־בוקעטן, געוואָרפן פון משפחה, קרובים, נאָענטע, צווישן וועלכע איצט זענען מיטגעגאַנגען מילי מיט אירע צוויי ייִנגלעך דערלעבן. זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן נייגעריקן צוקוקנדיקן המון, ווו ס'האָט זיך פּלוצעם אויסגעטיילט אַ שאַנד־פּראָצעסיע, אין וועמענס שפּיץ ס'איז געוואָרן געפירט אַ פרוי, אַ רויטלעכע אויפן פּנים, אַ פולברוסטיקע,, און לעבן איר אַ מאַן, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי הויך, ווי די שרעק וואָלט אים אויסגעצויגן אין דער לענג. זיין האַלדז איז געווען שטייף, די אויגן פאַרגליווערט, אָן אַ פינקל אין די אַפּלען אפילו, זיינע קניען האָבן זיך נישט איינגע־בויגן ביים גיין, נאָר ווי שטאַרע קלעצער געשפּרייזט, געטראָטן. ער אין גאַנצן איז געווען איין שטיק פּחד, אָן אַ צייכן פון אַ לעבע־דיקן באַשעפעניש. ער פלעגט בלויז געבן אַ צאַפּל מיטן קאָפּ, ווען אַ כליוסק שפּייעכץ האָט פּלוצעם אַ וואַש געטאָן זיין פּנים. אין סאַמע פראָנט אויף זיין שאַרבן זענען געווען אויסגעצופּט שטיקער האָר, אויסראַזירטע פּאַסן, אַ צייכן פון בושה.

ביידע זענען געגאַנגען באָרוועס אָן שיך און איבער זייער ברוסט און פּלייצעס האָבן נאָכגעהאָנגען צוויי גערדיכט באַשריבענע טאָוולען:

„אָט די צוויי זענען מיטאַרבייטער מיטן פיינט און שונאים פון פראַנקרייך.“

*

ווען ס'האָט גענומען צופאַלן די נאַכט, איז מילי מיט אירע יינגלעך געגאַנגען זיך אויפזוכן אַ נאַכט־געלעגער און אָנגעקומען אויפן הויף, ווו זיי האָבן אַ מאָל געוווינט. מילי האָט געגעבן אַ צאַפּל אין יענער רגע, דערזעענדיק, אין אַ ווינקל פון הויז, ביים וואַסערקראַן, האָט זיך באַוויזן אין דער טונקלקייט עפּעס אַ מענטש און זיך גע־וואַשן, זיך געזייפט אַן אויסגעטועטער נאַקעט ביזן טאַליע, ווי נאָך אַ שווערן לאַנגן וועג עס טוען דאָס זעלנער אויפן פרייען פעלד.

— פּאַפּאַ! האָט אויסגעשריגן מיליס עלטסט יינגל מאָריס, וואָס האָט אים דערקענט לויטן פּאָרטרעט פון פּלאַקאַט, און ס'האָט באַלד זיין געשריי אונטערגעהאַלטן דער יינגערער דודל, וועמענס פּנים־ל איז געווען געדיכט באַשאָטן מיט געלע זומערשפּרענקלעך, און ער האָט זיך איינגעטוליעט אין זיינע קניען.

מילי, אַ דערשראָקענע, אַז אַלץ האָט אויף איר געציטערט, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און ווי אַ שטאַרער קלאָץ אַ פאַל געגעבן פאַר־גליווערט אויף איר מאַן אין חלשות.

באַלד האָט זיך צעצונדן די עלעקטרע אויפן הויף, ווייל ס'איז פון גאַס אָנגעקומען די קערערין.

די בריהשע פרוי מאַרינעט האָט פלינק גענומען מילין אויפמונטערן, קוועטשן איר די שלייפן ביים שטערן אַזוי לאַנג, ביז זי איז געקומען צו די כוחות, און שפּעטער מיט אַלע זיך צעקושט.

— באַרואיק זיך, טייבעלע מיינס! שטאַרק זיך, טייערע! — האָט לאַזאַר זיך ביי מילין געבעטן און אַליין נישט געוווסט, פון וואַ־נען ס'דערנעמען זיך צו אים אַזוינע צאַרטע רייד, און ער האָט גע־ציילט זיין פרוי אין בלייכן פּנים כסדר איין קוש האַסטיקער פון צווייטן קוש און ווי שווערע אויפברויזן פון כוואַליעס האָבן זיינע ליפּן געשטראָמט מיט צאַרטע אויסדרוקן פון ליבערייד.

שפּעטער, זענענדיק ווי צעשטראַלט און צעשמייכלט לאַזאַר קוקט אויף איר אַזוי פאַטערלעך, איז איר געוואָרן בעסער, זי האָט אויפ־געקנעפּלט לויז איר קלייד און אָפּגעדעקט אַ שטיקל האַלדז, אַז אַ ווינטל זאָל עס באַפרישן, און גערעדט זייער שנעל ווי אין פיבער, כסדר געקלאַפּט איין צאָן אָן אַ צווייטן.

— כ'האָב שוין נישט געגלייבט דיך, לאַזאַר, צו זען. אַ סך מאָל געפאַלן אין יאוש, צונויפגעבראָכן. אַ פרוי איז דאָך שוואַכער פון אַ מאַן, מען מוז עס אָנערקענען. אַך, ווי גליקלעך בין איך איצט,

לאַזאַר ! אָך, ווי רייך, אַז קיינער איז נישט מיינס גלייכן ! אָך, ווי כ'האָב דיך ליב!

זי האָט נאָך אַ מאָל אַ פאַל געגעבן אויף לאַזאַרן און אירע ליפּן אויף ס'גיי איינגעביסן אין זיין באַק, קאָנוואַלסיוו אים גערדריקט צו זיך און געצערטלט אַזוי ווייך און אָן אויפהער. אין די מאָמענטן פון גליק האָט זי נישט פאַרגעסן אויך אָן איר פריינדין מאַרינעט און שוועסטערלעך זי געאָרעמט, געהאַלדזט און געקושט, רעדנדיק מיט פאַרטראַכטקייט :

— אַך, לאַזאַר, ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי גוט זי איז צו מיר געווען, די איידעלע פרוי, די רחמנותדיקע מאַרינעט ! זי האָט צו מיר גערעדט אַזוי קלוג, ווען דו האָסט מיך געלאָזט מיט די קינדער אַ פאַרצווייפלטע אין דער היים. „נאַרעלע — האָט זי געזאָגט, לאַזאַר און מאַרסעל זענען איצט געגליכן צו צוויי קאָרטנשפּילערס : ווען ס'איז זיי געפאַלן אַ טאַסט אין האַנט, דעמאָלט איז נישט פאַראַן קיין כוח, וואָס קען אַוועקרייסן זיי פון שפּילן.“

— וואָס מאַכסטו, מאַמעלע ? — האָט פון געוווינקייט צו רעדן אויף דו, ביי איר לאַזאַר אַ פרעג געטאָן, מיט זאַפט אין מויל. זיכער וועט ראָבערט אין אַ טאָג געזונט אַהיימקומען און מאַרסעל דאָס גלייכן, — האָט ער געפּרוווט זי צו באַרואיקן. זיינע ווערטער האָבן געקלונגען מיט זיכערקייט.

אין איין אויגנבליק האָט אין מאַרינעטס נידעריק געבויגן שטיבעלע אויפגעלויכטן : אַ פרייד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שמאָלע פאַרלאָפענע פענצטערלעך ; זיי האָבן אויסגעזען איצט אויסגעצירט ווי יומטוב=פּאַלאַצן. דער באַלקן פון איינגעהויקערטן, פאַרשפּינוועבטן סופיט האָט זיך ווי שטאָלץ און הויך אַ ברייטן הייב געטאָן און זי האָט זיך אַרומגענומען מיט אַ ווייסן סערוויעט און געגרייט פלייסיק דאָס נאַכטמאָלצייט : אויסגעלייגט דאָס געשיר אויפן טיש, די היימישע געבלומטע טעלער, לעפל און גאָפל, מעסער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די שלום=יאָרן, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ פון פריער איז בלויז געווען אַ חלום.

די גוטע מאַרינעט האָט בכלל געשטראַלט פון הנאה, וואָס זי קען מכבד זיין אירע געסט מיט ברויט, אַזוי ווייס ווי שניי, און מיט אַמעריקאַנער קאָנסערוון, וואָס זענען לעצטנס געקומען אין פאַרקויף פאַרן אויסגעהונגערטן פאַריז.

לאַזאַר האָט זיין פרוי כסדר געקושט און ביידע זינדעלעך, דער יינגערער מיטן ראָץ אין נעזל, און דער עלטערער, דער הויך אויסגעוואַקסענער מיט די לאַנגע הענט און די קורצע אַרבל און שוואַרצע פלעקן ביי די וואָנסן=ווינקלען — ביידע האָבן צוגעקוקט זייטיק.

זיי האָט זיך נאָך שטענדיק אויסגעדאַכט, אַז לאַזאַר, וואָס ביי־דע רופן פּאַפּאַ, דאַרף אייביק זיין אַ פרעמדער פאַר זייער מאַ־מען, און ער קושט זי אַזוי תמיד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט מאַרינעט דערציילט אַלע פּרטים און איינצלהייטן פון איר מלחמה־נויט און די גליקלעכע איבערלעבונג, ווען פּאַריז איז געוואָרן באַפרייט. מילי האָט אויך געלאָזט רעדן אירע צוויי ייִנגלעך וועגן זייער לעבן אין דאָרף און זי אַליין איז אויך געווען רייך מיט פּאַסירונגען, וואָס זי האָט באריכות פאַר איר געזעלשאַפט איבערגעגעבן. לאַזארס האַנט איז געווען פאַר־באַנדאַזשירט ביזן אָרעם — בולטע סימנים פון זיין שווערן, האַרט־נאַקיגן קאַמף ביי דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך. נאָר וועגן זיך האָט ער גאָרנישט דערציילט אַ חוץ פון מאַרסעלס העלדישקייט וואָס וויל אויך זיין דער ערשטער פון יענע, וואָס גרייטן זיך אַריינ־צומאַרשירן קיין בערלין אין שפּיץ פון די אַליאירטע זיגער־אַרמייען. איצט איז ער ווייטער אָן הפסקה אַוועק אין קריג מיט גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און אויפגאַבן.

מאַרינעטס אויגן זענען געוואָרן אָנגעפילט מיט טרערן, ווייל מאַרסעל האָט זי פאַרשעמט, נישט אָפּגעטראָטן ביי איר אין פּאַריז אויף אַ טאָג, כדי צו הערן, וואָס זי מאַכט.

די מידע קינדער האָט מען אָנגעלעגט אויפן בעט און לאַזאַר האָט שטיל מיט אַ גערירטער שטימע דערציילט די גרויל־מעשים פון זיינעם אַ געוועזענעם מאָנפּאַרנאַס־דיספּוטאַנט, רודאָלף שולץ, אַ געקרוינטער דייטשער שעף פון יידן־קרעמאַטאָריעם.

באַגין, ווען די וועלט איז נאָך געשלאָפן, איז לאַזאַר אַרויס פון שטוב, זיך צעקושט מיט אַלע און געזעגנט: ער איז אַוועק אין ווייטערן שלאַכט.

— אַדיע! — האָט ער אויסגערופן; בלייבט אַלע געזונט! — און אַ צאַרטן לעצטן קוש געגעבן מילין און געזאָגט פאַרטראַכט:

— אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט וואָלט געווען ריכטיק צו גרינדן אַ יידישן באַטאַליאָן.

זיין ווייסער באַנדאַזש אויפן אָרעם האָט אַ פלאַטער געטאָן אין טונקעלן דרויסן ווי אַ ליכטשפּראָץ אויף טאָג. מילים באַטרעטע בליקן האָבן לאַזארן ווייט, ווייט נאָך באַגלייט און אויפגעהאַנגען אין דער לופט איר אָנגעשטרענגט אויער, ווי זי וואָלט פון דאָרטן געהערט דעם געשעפּטש פון לאַזארס ליפּן:

— כ׳יאָג זיך צו באַגעגענען אויג אויף אויג מיטן קרעמאַטאָריע־שעף רודאָלף שולץ.

קאַפּיטל דריי און פערציק

— אָ, זאָג, דו מענטש, ווער ביסטו פאַר איינער? אַך, יעזוס קריסטוס! — האָט זיך געטראָגן אַ דומפּיקער קול, באַגלייט פון אַן אַסטמע־הוסט אין ליידיקן חלל.

אויפן שאָסיי פאַר אַ געביידע איז איצט געשטאַנען גרוי, אַלט און בטול, דער בלינד געוואָרענער שמיד יאָהאַן מיט אַ געניד ערטן קאָפּ צו דער ערד. איבער זיין ברוסט איז געלעגן צעשפּרייט אַ קוימי־קע באָרד, באַפלעקט פון קוזניע־פייער און ליולקע־טאַבאַק, און גרויע האָר ווי פּאַסמעס פלאַקס זענען אים געהאַנגען ביז טיף אין האַלדז.

גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען דער דייטשער קרעמאַטאָריע־שעף רו־דאָלף שולץ, וואָס איז געקומען אויף דריי טעג אורלויב אין זיין שטעטל צו פאַראַוועון אַ טרויער־מאַלצייט צוזאַמען מיט זיין משפּחה נאָך זיין טאַטנס טויט, וועלכער איז געפאַלן מיט כבוד פאַר זיין פאָטערלאַנד אויף די שלאַכטפעלדער.

דער עכאָ האָט אים אָפּגעשטעלט און זיך פאַרקוקנדיק אויפן שמידס מיפּע קנייטשן אין שטערן האָט ער זיך דערמאָנט, ווי דער אַלטער פלעגט איינבייגן אייזן־שינעס מיט דער לייכטקייט פון אַ גיבור, בעת צעשפּריצטע פייערפונקען זענען געפלויגן איבער זיין קאָפּ און די שווערע האַמער־קלאַנגען האָבן פריילעך אָפּגעהילכט: גלין־גלין־גלין.

— ווי דערגייט איך, הער יאָהאַן? — האָט צופרידן אויסגערופן דער שעף, און באַקומען אַן ענטפער:

— מען איז אַלט, די ראיה איז שוואַך, די פיס טראָגן נישט מער. זאָג בעסער מיר, מיין ליבער, ווער ביסטו?

— פיליפּ איז געווען מיין טאַטע און מיין מאַמע רופט מען פּאָלדי.

— אַך, פּאָלדי די קאַנאַליע און פיליפּ שיכור, פאַרריכט דער בלינדער זיינע רייד. — אָ, אַ וואַזשנער יאָט ביסטו דאָס געווען, פּשששש! פלעגסט ממיתן אַלע קינדער אין שטעטל, ווי אַן אמתער רוצח, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ. זאָג, דו ווייסט כאָטש, אַז דאָס שטעטל האָט נישט קיין גרויס נחת פון דיין מאַמען, אַז זי צווינגט אירע מייד־לעך זיך צו פאַרקויפן צו די פראַנצויזישע געפאַנגענע סאָלדאַטן, אונדזערע דורות־לאַנגע שונאים, און אפילו צו נעגער?

אין דער רגע ווערט דעם אַלטן שמידס פּנים מיט פיל יאָרן יינגער און ווי זיין גרויע באָרד וואָלט זיך צעשמייכלט זאָגט ער:

— דיינע שוועסטער, מיין ליבער, זענען כאַטש שיין, איצט פריש אונטערגעוואַקסענע. דער חידוש איז בלויז אויף דיין מאַמען, אַ פרוי שוין אין די היפשע מיטעלע יאָרן. פון דעסט וועגן ציט זי נאָך בעלנים אויף זיך מיט מער ברען ווי די יונגע, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

דער אַלטער יאָהאַן איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע רייד, אַז ער הערט אפילו נישט די האַסטיק פאַרשווונדענע טריט פון קרע־מאַטאָריע־שעף.

אָנקומענדיק אויפן וואָקזאַל, האָט דער שעף נאָכגעפרעגט ביי באַ־אַמטע וועגן אַ צוג אין דער ריכטונג פון טרעמבלינקע, ווו עס וואַרט אויף אים די ראָלע אַלס עלטסטער פון קרעמאַטאָריע. נאָך דער בילעטן־פאַרקויפער האָט אַ בלייך צעשראָקענער אין איין אָטעם אי־בערגעגעבן: אַז היינט, מאָרגן וועט בערלין ווערן פאַרנומען דורך אַלע אַליאירטע אַרמייען, דערפאַר איז גלייכער זיך צו באַהאַלטן אין אַ קליין אָרט און נישט פאָרן ווייטער. נאָך דער שעף האָט נאָכ־געטראַכט, אַז ס'איז קראַנטער אין דער הויפטשטאָט בערלין, ווו עס איז מעגלעך צווישן אַ גרויסער באַפעלקערונג זיך צונויפצוקנעטן מיט דער מאַסע און פאַרשווינדן פון לויערנדיקע פינגער, וואָס קענען דערווערגן.

באַלד איז ער אַריין אין וואָקזאַל־ביוראָ און אַרויסגעקומען אַ ציוויל־געקליידטער אין אַ פיין אָנגעפּאַסטן אַנצוג, וואָס ער האָט געלאָזט פאַר זיך אויפנייען אין פּאַריז, ווען די דייטשע אַרמיי האָט פאַרנומען פראַנקרייך.

און היינט, זייט די רויטע אַרמיי האָט גענומען גיין פאָרויס אויף אַלע פראָנטן און ווען זי דערנעענטערט זיך שוין צו דער הויפּטשטאָט, האַלט דער שעף תמיד גרייט דעם אַנצוג אין זיין גרויסן לעדערנעם רענצל; ווו ער גייט נאָר, טראָגט ער עס מיט.

דער צוג קיין בערלין האָט שטיל זיך געשאַרט איבער די צע־פינקלטע רעלסן, ביז ס'האָט גענומען צופאַלן די נאַכט. די פענצטער־לעך זענען געווען פאַרהאָנגען, אַז זייער ליכטיקייט זאָלן נישט דערזען די פיינטלעכע עראָפּלאַנען און באַשיסן די אין טראַגעס צעממיתטע סאָלדאַטן, וועלכע מען פירט איבער טאָג איין, טאָג אויס אין די שפּיטעלער פון די באָלשעוויקישע פראָנטן. פול אָנגעפּאַקט זענען מיט זיי אַלע וועגן און בשעת ער פאַרטראַכט זיך, באַפאַלט אים אַ מחשבה, אַז די דאָזיקע אָן פיס, אָן הענט, אָן אויגן, אָן נעז, מיט צעבראָכע־נע יאַסלעס אין די מיילער, זענען ערשט נעכטן געווען באַערטע זיגער איבער בלעריי פעלקער און אומעטום אָנגעקומען אין דער געגוי אָנגעצייכנטער דאַטע דורכן פירער, מיט בלומענקרענץ אויף די קעפ און רויזן־דיוואַנען אונטער די פיס און מיט באַנקביכלעך

אין די קעשענעס איינצוקאַסירן אַן אייביקע פענסיע פון די באַזיגטע.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך גיפטיק צעלאַכט.

פּלוצעם האָט אַן אינוואַליד פאַרהאַקט דאָס מויל, דאָס פּנים צעקרימט, וואָס איז געווען געל ווי וואַקס, אין דער הייך פאַרוואָרפן אַ פּאָר פאַרגלאָצטע אויגן ווי צום הימל און די אַרומיקע האָבן זיך פרום פאַרצלמט לעבן זיין טראַגע און זיך צעגאָסן אין אַ שטילער, פרומער תפילה:

— גאָט, שטראָף די גאָטלאָזע!

נאָר יענער איז נאָך נישט געווען טויט און געפליסטערט כמעט דייטלעך:

— אַך, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען עמעצער וואָלט מיך דערשאָסן און באַפרייט פון מיינע יסורים.

דער שעף האָט פון גרויס פאַרצווייפלונג גענומען זיך פּייניקן מיט זיין אייביקער שאלה: וואָס האָט דען דייטשלאַנד, כדי צו געווינען די לעצטע וועלט־מלחמה, נאָך געהאַט צו טאָן און פאַרפעלט צו טאָן?

די באַן איז איצט געפאָרן לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, ווי זי וואָלט מיט כיטרעקייט געזוכט דעם וועג זיך אַדורכצושלייכן, און ווען דער שעף האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק איבער די דורכשפּרייזנדיקע שטרעקעס, אַוועקשאַרנדיק פון באַנפענצטערל דאָס שווערע פאָרהענגל, האָט ער געטענהט צו זיך אַליין:

— ס'איז אַ סברה, אַז די געשיכטע האָט זיך פאַרקירעוועט אין דער קרום, ווייל אייביקע צייטן אין אַלערליי מלחמות האָבן דייטשע אַרמייען פאַרכאַפּט פרעמדע לענדער און זיי פאַרוויסט, אָבער קיינער האָט נישט באַוויזן צו פאַרכאַפּן איין שפּאַן דייטשער ערד אָדער צעשטויבן אַ שטיין אין ברוק. הייינט קען מען זען, ליידער, ווי אונדזער לאַנד איז דורכן שונא חרוב געוואָרן. איבער שטעט און פעלדער ליגט פאַרוויסטע ערד, צעוואָרפענע געביידעס מיט פאַרבליבענע שטיקלעך ווענט, ווו עס לויפן אַרום אין געיעג משוגענע הינט און הונגעריקע קעץ. אפילו די הויפּטשטאָט בערלין מיט אירע הויכע, שיינע הייזער איז ערטערווייז אָפּגעמעקט, מען זעט בלויז אַ פּאַנאָראַמע פון בערג צעוואָרפענע ציגל און אָפּגעריסענע פּלויטן, הענגענדיקע פענצטער ביי איינגעפאַלענע הייזער, צעווייסלטע ברעטער פון רושטאָוואַניעס.

באַלד לויפט זיין געדאַנק אַריבער צו די טויטפאַבריקן, ווו ער איז דער הויפּטשעף. ער דערזעט די לאַנגע צוגן פון באַנען, צוגויפ־

געקייטלטע צוגן, וואָס דערמאָנען אָן ענדלאָזע שווימענדיקע אָקרעגטן מיט געפאַנגענע יידן.

בשעת דער שעף האָט די אַלע מחשבות אַדורכגעטראַכט, איז יענער גוסטדיקער אינוואַליד נאָך נישט געווען טויט און עס האָט זיך פּלוצעם דערהערט זיין לעצטער גסיסה=געלעכטער :

— כאַ=כאַ=כאַ=כאַ ! דער פירער וועט מוזן, נעבעך, זיך אַליין דערשיסן, ווייל קיין איינציקער דייטש אין גאַנצן לאַנד וועט אַזוינס נישט טאָן, אפילו אַזאַ אפיקורס ווי איך, וואָס גייט שטאַרבן אָן ווידוי ! און ער האָט פאַרגלאָצט די אויגן.

דער שעף האָט דערביי אַ טרייסל געטאָן מיט זיין גאַנצן גוף און אויסגעשריגן :

— דער איז אַ געפערלעכער מענטש !

און ער האָט גענומען דערזען דעם סאַמע אָנהייב פון אָט די געשעענישן, מיט וועלכע ער איז פאַרבונדן מיט לייב און לעבן. מיט אימפעט און האַסטיקייט האָט זיך געגעבן אַ ריס אָפּ, ווי אַ בלאַט פון אַ געשיכטע=קאַלענדאַר, די לעגטע פון זיין לעבנס=עקראַן.

ער האָט זיך דערמאַנט, ווי ער האָט דאָס לעצטע מאָל אַ זאָג געגעבן :

— מאַמע, דו וועסט שוין זען, וואָס פאַר אַ לייט ס'וועט פון מיר אַרויסקומען ! — בעת זי האָט אים באַגלייט צום וואָקזאַל אויף זיין רייזע קיין בערלין.

זיין טאַטע, פיליפּ דער שיכור, איז גראָד געלעגן אַ כראָפּענדיקער אויפן טראָטואַר צווישן קלויסטער און ראָטהויז.

אויף צו מאָרגנס האָט מען שוין רודאָלפן געזען שטיין ביי אַ קאַרוזעלע, וווּ ער האָט אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער, צוזאָגנדיק, אַז ער קען היפּנאָטיזירן מענטשן, טרעפן דעם גורל פון יעדנס צוקונפט, אויפפלאַנטערן ליבע=געשיכטעס, אפילו זיך צונויפרעדן מיט גייסטער פון יענער וועלט.

אָט אין דער פּאָזע האָט דאָס גאַסנמיידל לאָטי דערזען איין מאָל דעם יונגן היפּנאָטיקער און זיך גלייך אין אים פאַרליבט. געווען איז זי אַ בריהטע צו געפעלן מענטשן און אירע רייד האָבן רודאָלפן גלייך געכאַפּט אין איר נעץ און זייט דעמאָלט האָט מען אים שוין געזען גליקלעך, פריי אָן אַן עול שפּאַצירנדיק אויף די בערלינער שטראַסן אַליין אָדער צוזאַמען מיט לאָטי אונטערן אָרעם, אָוונטצייט, בשעת ער האָט זי אַוועקגעשטעלט אין דרויסן אויף אַ גאַסנראָג. דערפאַר האָט זי אים באַזאָרגט מיט אַלץ, אפילו אויסגעבונדן אַ נייעם קראַוואַט יעדעס מאָל און אַ פרישן אַנצוג, וואָס זי אַליין

האָט באַשטעלט ביי די בעסטע שניידערס פון בערלין. זי פלעגט זיך ממש אַנטציקן, דערזעענדיק אים פון דער ווייטנס מיטן קונציק צו־געבויגענעם קאַפּעליושל פאַרריקט אין די אויגן. פון די אַלע מענער וואָס לאָטי האָט ביז היינט באַגעגנט אין איר פילפאַרביקן לעבן, איז רודאָלף געווען דער איינציקער, צו וועמען זי האָט זיך באַצויגן אַזוי ערנסט. לעצטנס האָט זי גענומען קלייבן געלט, פעניג צו פעניג כדי צו קענען קויפן אַ נייע מתנה פאַר רודאָלפן. זי האָט אָנגעהויבן צו קאַרגן אפילו פאַר אַ קינאָ און אַ ציגאַרעט פאַר זיך, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

אַלץ האָט זי באַהאַלטן פאַר רודאָלפן, כאָטש ער האָט זי נישט בלויז געקושט, נאָר אויך אָפט זי געשלאָגן, צעפליקט אויף פּאַסן איר קליידל, וואָס זי האָט גראָד אויף זיך געטראָגן, שפּעטער געיאָמערט פון צער, וואָס זי וועט מער נישט האָבן אין וואָס אַרויסצוגיין אין דער גאַס צו פאַרדינען איר ברויט.

לאָטי איז געווען אַ שלאַנקע, אַ דינע מיט אַ גרויסן טשופּרין בלאָנדע האָר, וואָס האָט רודאָלפן אָפט דערמאָנט אָן זיין מאַמען. און מיט אַ ווייס געפּודערט פּנים, וואָס פלעגט נאָך בלאַסער ווערן, ווען ער האָט זי באַליידיקט און וואָס גרוליקער ער האָט איר וויי געטאָן, האָט לאָטין נאָך מער גערייצט און זי באַפליגלט מיטן גע־דאַנק, אַז גראָד אין רודאָלפס געבוירן־טאָג זאָל זי אים ברענגען איר אויסגעחלומטע מתנה.

טאָקע אין יענעם טאָג, ווען ער איז נאָך געשלאָפן, האָט זי פאַר־זיכטיק געגלעט זיין איינגענורעטן קאָפּ אין קישן, געקושט מיט דאָרשטיקייט זיין פּנים און אַריינגעשעפּטשעט אין זיינע אויערן:

— רודאָלף, זע נאָר, וואָס ס'וואַרט אויף דיר: מ'האָט דיר געלי־פערט פון געשעפט אַ מאָטאָציקל פון נייסטן, מאָדערנסטן סטיל — ער שטייט פאַרן פענצטער!

אין דרויסן איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע פייערלעכע צערעמאָניע: פון אַלע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט כלעריי גאַסנמיידלעך און מיטגעקוואָלן מיט לאָטיס דערגרייכטן גליק.

ווי נאָר ערגעץ אַ שויב, איז געווען אוועקגערוקט דאָס פאַרהענגל אָן אַ זייט און ס'האָט געשטעקט אַ שטיק נאַקעט פרויענלייב, אַ פּאָר נאַקעטע הענט, וואָס האָבן געפּאַטשט אין דער לופטן.

דער מאָטאָר האָט גערוישט מיט אָן אַ שיעור שרויפן און ספּרענ־זשינעס: טיק־טיק־טיק — און ער האָט אָנגעמאַכט אַ געפּילדער, ווי אַ גאַנצע פאַבריק מיט אָן אַ שיעור וואַלצן וואָלט געלאָפן אין האַסטיקן גייעג. אַ וואָלקן רויך איז אין אַ קנויל אויפגעגאַנגען,

וואָס האָט צעוואָזשלט דאָס גאַנצע אַלפאָנסן־געסל מיט טיק־טאַק, טיק־טאַק.

אָך, ווי פריילעך האָבן די קווײטשענדיקע קולות פון אָט די אַלע גאַסנמיידלעך דעמאָלט געלאַכט איבערן דרויסן און צווישן זיי די חנעוודיקע לאָטי — די גליקלעכסטע איז זי געווען.

געווען איז עס אַ מאָל אין אַן אָוונט, ווען די אַרבעטער זענען אַרויסגעגאַנגען פון די פאַבריקן, וואַרשטאַטן, ביוראָס, מאַגאַזינען, נאָך אַ שווערן טאָג מי, און רודאָלף האָט געאײלט ווי אין אַלע טעג אין דער זעלבער שעה זיין כלה אַוועקצושטעלן ערגעץ אין אַ ראָג גאַס. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ ווילדן הורא־אויסברוך: אין אַ פּראָצעסיע האָט זיך ראַפּטאָם איינגעשניטן אַן אויטאָמאָביל, אויף וועלכן עס האָט זיך שטייף און שטאָלץ פון אַ טריבונע אויסגעשײלט ווי אַ סטאַטוע אַ מאַן, וואָס האָט אים דערמאַנט אין יענע צייטן, ווען ער האָט געאַרבעט ביי די קאַרוזעלן אַלס מכשף פאַרן קאַרו־זעלע־הייזל. אויך זיין שוואַרצער טשופּרין איז געווען פאַרוואָרפן און זיינע בייזע ווילדע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט. ער איז ווייטער געפאָרן אַן אַרומגערינגלטער פון אַ מענגע טרייע וועג־באַגלייטער, הויכע, שטאַרקע, ברייט־פּלייציקע יונגען אין ברוינע העמדלעך און גלאַנציקע געפּוצטע שטיוול, וועלכע האָבן אָן אַן אויפהער אַלץ כסדר אונטערגעהאַלטן זיין געשריי און אין איין גרויסן כאָר געררופן:

— מיר וועלן זוכן לעבנסרוים! הורא! הורא! הורא!

טאַקע אין יענע שטורמישע טעג האָט רודאָלף זיך איינגעשריבן אין דער נאַצי־פּאַרטיי. נאָר לאָטי האָט זיך פאַרעקשנט, אַז ער זאָל צוריקגיין צום פריערדיקן שטייגער לעבן, אָבער ער האָט נישט געפאָלגט. עס האָט נישט געהאָלפן איר זים לאַשטשען זיך און איינ־טוליען איר קאָפּ אין זיין גוף, ווייל ער איז שוין געשטאַנען אין יע־נער באַוועגונג מיט זיין גאַנצן ערנסט, איבערנעמענדיק פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט.

אפילו לאָטיס חברטעס האָבן שוין גענומען אונטערזיפּצן און זאָגן: מיידעלע קרוין, פאַרגעס אָן אים, ווייל ער וועט נישט צומאָל מיט־גיין אויף דיין לוויה, ווען דו וועסט שטאַרבן, און נישט לייגן קיין בלומען אויף דיין קבר.

אַ טייל גאַסנמיידלעך זענען דערפון געווען צופרידן, טריאומ־פירט איבער לאָטי.

אַזוי האָט רודאָלף שוין אָפּגעלעבט אַ טייל פון זיין לעבן און אַן עדות געווען פון דייטשלאַנדס גליקלעכע יאָרן. רודאָלף האָט ווען דער פאַרגאַנגענהייט נאָך עפּעס געטראַכט. נאָר זיינע רעיונות זענען געוואָרן צעטומלט, הערנדיק דעם באַן־קאָנדוקטאָר אויסרופן:

— בערלין !

אין זיין מוח האָט געעגבערט אַ נישט־פאַרענדיקטער געדאַנק. כאַפנדיק זיין לעדער־טעקע אונטערן אָרעם אַרויסצוגיין פון צוג, האָט ער אים דערטראַכט ביזן סוף.

אין דרויסן האָט געגרויט. דער מאָרגן האָט זיך אַנטפּלעקט אין טונקעלן נעפּל. די ערשטע געביידע פון דער הויפּטשטאָט האָט זיך באַוויזן, פאַר וועלכער ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַן איינגעקאָרטשעטער. דאָס איז געווען אַ צייטונגס־קיאָסק, ווו אַן אַלטע זקנה אָן ציינער אין מויל איז ביים פאַרקויף געשטאַנען און זיך געבראָכן די הענט, געוויינט און געשריגן :

— דער פירער איז געפונען געוואָרן אַ פאַרסמטער.

מיט כעס האָט דער שעף גענומען ווייטער שפּאַנען איבער דער שטאָט. אויף טראָטואַרן זענען געלעגן אויסגעשפּרייט צעטראָטענע נאַצישע פענער מיט האַקנקרייצן, פאַרבלאָטיקטע, אַרונטערגעפליקטע פון מלוכה־געביידעס. פון ערגעץ ווייט האָט זיך אַריינגעריסן אַ קנאַל פון האַרמאַטן — דאָס איז געווען דער טריאומף־סיגנאַל פון די אַריינמאַרשירנדיקע אַליאירטע אַרמייען. ס'האָט זיך באַוויזן אַ במאַרע פון אַעראָפּלאַנען איבערן הימל און אָן אַ שיעור טאַנקען, וואָס האָבן פאָרנדיק איבערגעדרייט די שטיינער און די ערד. ס'האָבן אויפגעלויכטן אין הימל אויפרייס־פייערן. ס'האָבן מאַרשירט מחנה נאָך מחנה, מיט שטאָלענע גופים, מעטאַלענע דרייסטע פּנימער פון קריגער און שטרענגע בייזע אויגן, מיט גרייט געלאָדענע געווערן. עס האָבן זיי אַקעגנגעטאַנצט באַוואַקסענע ווילד־געוואָרענע יידן פון די לאַגערן, באָרוועסע נאַקעטע פרויען, וואָס האָבן באַוועגט מיט די אָרעמס, ווי זיי וואָלטן אין זיי געוויגט זייערע קינדער, פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס. און אַלע זענען זיי געגאַנגען אין שמאַטעס אָדער אין ווייס־שוואַרץ געשטרייפטע רעק ווי נאַכט־פּיזשאַמעס. ס'רוב זענען געגאַנגען אָנגעלענט אויף שטעקנס, כמעט אַלע זענען זיי געווען געשוואָלענע פון הונגער אָדער איינגעדאַרטע מיט בולטע סמנים פון טובערקולאָז. זיי האָבן עפּעס געזונגען און געוויינט צוזאַמען. געווען זענען זיי עם די לעצטע אַרויסגעראַטעוועטע פון די קרעמאַטאָריע־פייערן, די אַנטרונענע, האַלב נאַקעטע פון די גרויליקע סמאַליענדיקע פלאַמען אין די אויוונס. עס זענען שוין פאַרגאַנגען לאַנגע יאָרן, ווי די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט געוויינט. איצט האָבן זיי עס געטאָן פון גאַנצן האַרצן, געוויינט אויפן הויכן קול און געזונגען אויפן הויכן קול, פריי איין איינציק געזאַנג פון נצחון.

קאַפּיטל פיר און פערציק

אין יענע טעג האָבן איבער די מויערן פון פּאַריז געפּלאַטערט ניי־אויפגעקלעפּטע פּלאַקאַטן, איינגערעמטע אין שוואַרץ, ווו ס'זענען געוואָרן גערופן אויף אַ טרויער־אַקאַדעמיע די יידישע איינוווינער אָפּצוגעבן כבוד זייערע ברידער, וועלכע זענען אומגעקומען אין דער לעצטער גרויליקער מלחמה, ביי די מאַקיזאַרן־שלאַכטן, אין די קרעמאַטאָריע־פייערן, בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און אין אַנדערע געטאָס פון אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד קעגן שונא. אַלס הויפּטרעדנער איז געווען אָנגעגעבן דער מאַקיזאַרן־פירער לאַזאַר וויטעלזאָן, וואָס איז אָט נאָר אָנגעקומען קיין פּאַריז נאָכן דעראָבערן בערלין.

אין באַשטימטן אָוונט און צו דער באַשטימטער שעה איז דער אַקאַדעמיע־זאַל געווען שוין איבערגעפילט מיט מענטשן. אויף דער מזרח־זייט האָבן געברענט ליכט, אַרומגעהילט מיט שוואַרצע קרעפּ, אַ סימבאָל פון שוואַרצע ליכט פאַר די יונגע אומגעקומענע יידישע לעבנס. אַ חזן מיט אַ גרויליקן געוויין האָט זיך צעגאָסן אין אַן אל־מלא־רחמים, דערנאָך האָט זיך אויסגעפּאָרעמט אַ טריבונע, ווו ס'איז איצט געשטאַנען אַ דרייסטער מאַן פון שלאַנקן וווקס, מיט צוויי בלויע בלישטשענדיקע אויגן, וועמענס בליקן זענען געווען געגליכן צו אַ זונשטראַל. די האָר געקרויזלטע ווי אַ קאַרבירטע גראָז, באַפּייכט און צעגלאַנצט פון מאָרגנטוי. אין יעדער באַוועגונג זיינער איז געלעגן עלעגאַנץ און איידעלער מאַניער. ווען זיינע ווערטער וואָלטן נישט געווען אַזוי פיין פּאָלירט ווי דימענטן, וואָלט מען געמיינט, אַז דאָ שטייט אַ פּאַרצייטיקער נביא אין די גאַסן פון דער הייליקער שטאָט ירושלים און אַנטפּלעקט פאַרן פאָלק דאָס וואָרט פון גאָט. זיין חלום איז געווען ווייסער פון קווייטן, צאַרטער פון ליליען, שמעקנדיקער פון רויזן און שטראַליקער פון דער זון... געקלונגען האָבן זיינע רייד ווי אַ זיסער געזאַנג איינצושלעפערן הונגעריקע קינדער אין די וויגן.
ער האָט געזאָגט:

— מענטשן, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשהלע וועגן אַ שימחה, וואָס גרייט זיך צו קומען אויף דער וועלט, ווי אַ רייכע סעודה אויף וויים־געדעקטע טישן... דעמאָלט וועט דער דורות לאַנגער, אויסגעחלומטער אידעאַל — די מענטשלעכע דערלייזונג — קומען און דער דערהויבנסטער פון אַלע וועלט־באַשעפענישן, דער מענטש, וועט ענד־

לער פאַרשטייון ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן. גענוג מיט זייערע ברידער־שחיטות!

— זאָל לעבן לאַזאַר וויטעליזאָן! האָבן אָן אַ שיעור קולות כמעט אויפגעהויבן דעם הויזסופיט און די שענסטע טענער האָבן אין פאַר־שידענע קלאַנגען ווי כוואַליעס אין אַ צעוויגטן ים זיך אַ הייב געטאָן, וואָס אַ מאָל העכער. עס האָבן זיך נאָר געזען באַאָדערטע העלדזער פון שרייענדיקע אָנגעהאָנגענע מענטשן אַרום די ווענט ווי אויך אַרום די מויערן, גלייך ווי זיי וואָלטן מיטגעזונגען דאָס ליד פון פעלקער־ליבשאַפט, און גענוי ווי די טענער און די מענטשן וואָלטן מיט זיך אויסגעפילט ווו נאָר אַ שפּאַלט אין אַלע גאַלעריעס און ליידיקע רוימען. און אַ ווייסע צעפּאָכלטע זילבער־לבנה, האָט זיך אויסגע־דאַכט, קוקט פון דרויסן אַריין, ווי זי וואָלט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון הסכמה:

— אוודאי! פון איצט אָן וועט אָנקומען אַ צייט אַ נייע, אַ גוטע, אַ ליכטיקע!

דער פאַרלאַג „גרינגעמקין“ גרייט צו פון זעלבן מחבר
אַ צווייטן באַנד „אַ קייט פון דורות“.